STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06468

# IDISHER VELT-BANEM

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

# אידישער וועלט־באַנעם

ארויסגעגעבן פון
קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג
פון דער
אידיש־עטישער געזעלשאַפט

ניו יאָרק

1939

Copyright 1939
by
ABBA GORDIN
323 East 13th Street
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש


אריינפיר: חכמה פון ישראל — 7—23

א. די ביבל איז א מדרש .......... 9—10
ב. דער פחד פאר שכחה .......... 10—12
ג. די תורה א טייל פון קולטור־אוצר .......... 12—14
ד. צוויי תורות שבעל־פה .......... 14—16
ה. אַן עלטערע תורה .......... 16—19
ו. אַלטע חכמה־אוצרות .......... 19—21
ז. אידישער וועלט־באַנעם .......... 21—23

I. אידישער פאַציפיזם — 25—124

1. עזר כנגדו — 27—96

א. געשלעכטער־געראַנגל .......... 27—35
ב. שאָוויניזם .......... 35—39
ג. פויערים און ארבעטער .......... 39—43
ד. ווער אָרגאַניזירט דעם ארבעטער קלאַס .......... 43—47
ה. קלאַסן און מאַסן .......... 47—51
ו. מיעוט און רוב .......... 51—56
ז. היסטאָרישע פאַרבלענדעניש .......... 56—59
ח. מאַרקס און דאַרווין .......... 59—63
ט. קאָנקורענץ און קלאַסן־קאַמף .......... 63—66
י. סאָציאַלער קריג און פרידן .......... 66—70
י״א. די אוטאָפיסטן .......... 70—73
י״ב. יע און ניט .......... 73—76
י״ג. קלאַסן־קאַמף, ווערטיקאַל און האָריזאָנטאַל .......... 76—79
י״ד. איבערגאַנג און אונטערגאַנג .......... 80—84
ט״ו. ״קעגנגעזעצטע הילף״ .......... 84—88
ט״ז. אָרגאַנישע סאָלידאַריטעט .......... 88—92
י״ז. פרידן .......... 92—96

2. פאַציפיסטישע דערקענטעניש — 97—120

א. די אוניווערסאַליטעטן .......... 97—104
I. אוניווערסאַלע טעזיסן .......... 97—101
II. אָנהויבן פון סוף .......... 101—103
III. פון טאָטאַליטעט צום סעפּאַראַט .......... 103—104
ב. דער טייל און דאָס גאַנצע .......... 104—120
I. אורגאַנץ און אורטייל .......... 104—107
II. כלל פאַרן פרט .......... 107—109
III. ציבור פארן יחיד .......... 109—112
IV. פסיכאָלאָגישע סביבה .......... 112—114
V. זעיר אנפין — אריך־אנפין .......... 115—118
VI. שלום פאַר מחלוקת .......... 118—120

3. אינטערקלאַסיזם — 121—124

II. חיה־מענטש — אני־יהוה — 125—194

1. דאָמעסטיקאַציע — 127—156

א. פאַרשטוביקונג .......... 127—129
ב. חיות־פאַרגעטערונג .......... 129—134
ג. זאָאָגאַמי .......... 134—137
ד. משכב־בהמה .......... 137—143

ה. חיות אָפּשטאָם ........ 144—146
ו. סעקס־אָביעקט, בהמה, פּרוי ........ 146—147
ז. מאַגיק־טאַבו ........ 148—150
ח. שקלאַפן אלס אייגנטום ........ 150—152
ט. די שקלאַפין אלס אייגנטום ........ 152—154
י. שקלאַפעריי — פּיצוכט ........ 155—156

2. חיה, מענטש און רעליגיע — — — — — — 157—177
א. חיה און מענטש ........ 157—160
ב. קינדער מאָרד ........ 160—163
ג. עגא־ליבידא ........ 163—167
ד. עראָס אלס סימבאָל ........ 167—169
ה. אומוויסנהייט־געפיל ........ 170—171
ו. נייגיר ........ 171—173
ז. היים־בענקעניש ........ 173—175
ח. אירעליגיאָזיטעט פון דער חיה ........ 176—177

3. „איך" און „ער" באַהעפטונג — — — — — — 178—194
א. מעשה־עגל און טויט ........ 178—180
ב. איך־סימבאָליק ........ 180—185
ג. יהוה אלס מוסטער ........ 185—190
ד. סוביעקט־אָביעקט ........ 190—194

III. אידישקייט און אידנשאַפט — — — — — — 195—264

1. אידנשאַפט אַן אינטעראינדיווידועלע
פאַרמאַציע — — — — — — — — — — 197—221
א. פיזיס און טעזיס ........ 197—199
ב. אן אינווענטיווע פאַרמאַציע ........ 199—200
ג. געטשנדינסט און פּאָליטיק ........ 200—203
ד. ישראל'ס איך ........ 203—205
ה. פרייוויליקער פאַרבאַנד ........ 206—207
ו. די בונד־אידייע ........ 207—209
ז. ישראל און אדם הראשון ........ 210—213
ח. אייביקייט פון ישראל ........ 213—215
ט. ישראל און די מענטשהייט ........ 215—219
י. אָריענטאַציע אויף דער צוקונפט ........ 219—221

2. אידישקייט אלס פּסיכאָלאָגישער אידעאַל — — 222—246
א. דבקות ........ 222—227
ב. איש־האלהים ........ 227—229
ג. דער גרויסער אמת ........ 229—232
ד. עקזיסטענץ—אינסיסטענץ ........ 232—234
ה. דער סטאַדע־מענטש ........ 234—235
ו. דער איך־מענטש ........ 236—238
ז. אידישקייט איז אָפּטימיזם ........ 238—243
ח. זעלבסט־פּאָזיטיוו ........ 243—246

3. אידישקייט אלס פילאָזאָפיע פון עטיק — — — 247—264
א. פאַגאַניזאַציע פון אידישקייט ........ 247—250
ב. פּאָליטעאיזם און מאָנאָטעאיזם ........ 250—253
ג. שטאַם־פאַטער פון רעליגיעס ........ 253—256
ד. אידישקייט קעגן געטשנדינסט ........ 256—259
ה. אנכי־יהוה ........ 259—264
מראה־מקומות ........ 265—288

# אַנשטאָט אַ הקדמה

אַז דער חומש אנערקענט דעם ׳פּסיכאָלאָגישן פאַקטאָר׳ איז לייכט איינצוזען פון דעם, וואָס ער אָפּערירט אַזוי אָפט מיט קללות און ברכות, ד. ה. מיט סוגעסטיעס און אויטאָ-סוגעסטיעס.

די ערשטע פרשה פון דער תורה רופט אַ קאָסמאָס פון תהו־ובהו ארויס מיט דעם כוח פון וואָרט. דער ׳און ער האָט געמאַכט׳ איז אַ צוגאָב צו דעם ׳און ער האָט געזאָגט׳, ויאמר.

דער באַשאַף לויט דער אידישער אויפפאַסונג איז ניט קיין פאָרשטעלונג, קיין אידייע, און אוודאי ניט קיין ווילן, נייערט אַ סאָציאַלע אויטאָסוגעסטיע, אַ מאמר.

אין אַט-דעם דריי-בוכיקן ספר האָט מיך מער ווי אַלץ אינ־טריגירט די פאַנאַנדערשיפרירונג פון דעם שם-המפורש, ווייל אין אַט-דעם וואָרט ליגט די קווינטעסענץ פון דעם אידישן וועלט־באַנעם. אין אַט דעם וואָרט קען מען הערן דאָס דונערן פון אידישן געפיל און דאָס בליצן פון אידישן פאַרשטאַנד. און אַט-דער גרעסטער, הייליקסטער, פרוכטבאַרסטער וואָרט פון דער ישראל-קלוגשאַפט איז בעצם אַ שלום-דעקלאַראַציע, ער שטעלט פעסט אַן אָרגאַנישע סאָלידאַריטעט צווישן מענטש און וועלט, מענטש און געזעלשאַפט, מענטש און זיין מיטמענטש, מענטש און פאָרמענטש און נאָכמענטש. און אַט-דער פאַציפיסטישער בליק איז בייגעשטאַנען דעם אידישן ציבור און האָט אים געפירט דורך די קאָרידאָרן פון דער פּרעהיסטאָריע און פירט אים דורך דעם לאַבירינט פון היסטאָריע און וועט אים ברענגען בשלום צו דעם טעמפּל פון אייביקייט. אַט-דער דערהויבנסטער וואָרט פון אי־דיש-רעליגיעזן ווערטערבוך באַטייט שלום צווישן ׳איך׳ און ׳ניט־איך׳, צווישן ׳איך׳ און ׳ער׳, צווישן ׳זכר׳ און ׳נקבה׳, און מער ווי דאָס, פולע אידענטיפיקאַציע פון סוביעקט און אָביעקט.

לויט דער השגה פון אַט-דעם ספר „קריטיק פון ריינעם גלויבן" זיינען גאָר ניטאָ בנמצא ׳אומגלויביקע׳. אַלע מענטשנקינדער גלויבן, מוזן גלויבן. דער ׳מוז׳ איז אַ פּסיכאָלאָגישער און אַ לאָגישער, אַ דערקענטעניש-טעאָרעטישער. אויך דער ׳קולט׳ איז אוניווערסאַל, אַלמענטשלעך. אַלע האָבן אַ טייל אין אים און קיינער איז ניט בכוח אים אויסצומיידן. מענטשן האָפן, דערוואַרטן, פאַרלאַנגען,

ווינטשן און האַנדלען, ד. ה. זיי זיינען 'מתפּלל' און זיי 'דינען'. די 'עבודה־שבלב' איז אָבליגאַטאָריש, איז פאַרבינדלעך פאַר אלע די, וועלכע פאַרמאָגן אַ 'האַרץ', ד. ה. זיינען פּסיכאָלאָגישע וועזנס.

דאָס ווערק געברויכט ניט דעם טערמין 'גאָט' אין פאַרטייטשן דעם 'אלהים' און ניט דעם טערמין 'האַר' אין פאַרטייטש פון יהוה. דער טעם דערצו איז דער פאָלגנדיקער:

'גאָט' וואָלט דאַרפן אָנקומען צו א דערגאַנצונג מצד פון א 'געטין'. דער 'הימלישער פאָטער' וואָלט דאַרפן אָנקומען צו די חסדים פון א 'הימלישער מוטער'. אָן דעם ווערט אַ גאַנצע העלפט פון דער מענטשהייט פאַרטריבן פון רעליגיעזער לאָיאַליטעט. אין וואָרט 'גאָט' ליגן אָפּגעשטעמפּלט פּאַטריאַרכאַטישע עלעמענטן. מענערטום־הערשאַפט שרייט ארויס פון אָט־דעם טערמין.

'האַר', ווייטער, האָט שלעכטע אַסאָציאַציעס. ער ציינט, קלאָמפּערשט, אָן, אַז דער 'האַר', דער 'אדון הגדול' אין הימל איז אויף דער זייט פון די האַרן, פון די פּריצים, פון די שררות אויף דער ערד און אזוי ארום ווערט רעליגיע ארייגעשלעפּט אין די רעכטע געדיכטע פון געפעכט צווישן די הערשער און באַהערשטע אונטערדריקער און אונטערדריקטע. און דער ביבלישער יהוה איז פּונקט פאַרקערט ער געפינט זיך צווישן די באַדרענגטע, ער נעמט זיך אָן פאַר אלמנות און יתומים, ער איז גנאָדיק און באַרמ־האַרציק. מיט איין וואָרט, ער פאַרטראָגט ניט, ער דולדעט ניט קיין שלעכטס, אתה לא יגורך רע . . .

**
*

א גרויסן יישר־כוח קומט די מיטגלידער פון דער 'אידיש־עטישער געזעלשאַפט' וועלכע, זייענדיק ווייניק אין צאָל, און ווייט ניט קיין נגידים, האָבן באַוויזן ארויסצוגעבן אָט־די טרילאָגיע און זי פאַרשפּרייטן.

אַ דאַנק קומט אלע פריינט פון אידישער קולטור איבערן לאַנד, וועלכע האָבן געהאָלפן ברענגען אָט־דעם ספר צו זיינע לייענער אָדער צו זיינע פּאַטראָניזירער, ווען אפילו ניט קיין לייענער.

אַ דאַנק קומט פריינט י. באַבינסקי פאַר זיין פינאַנציעלן צו־טראָג צום דעקן א טייל פון די דרוק־קאָסטן פון אָט־דעם פאַר אונדז ליגנדיקן ווערק.

אַ דאַנק קומט פריינט יאַכטער פאַר העלפן מאַכן די קאָרעק־טור.

אבא גאָרדין

ניו־יאָרק, 10טן יוני, 1939

אַריינפיר

# חכמה פון ישראל

## א.

# די ביבל איז א מדרש

מ'דאַרף תופס־זיין, אַז די ביבל איז, אזוי צו זאָגן, אַ מדרש, אין א געוויסן פּרט און אין געוויסע טיילן אירע. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די „תורה שבכתב" איז געווען פאַר יאָרן און יאָרן א „תורה שבעל־פּה", א מינדלעכער פאָלקלאָר אָנגעזאַמלט אין סאַגעס, שפּרוכן, סענטענצן און דערציילונגען. אין אַט־די שאַפונגען איז געלעגן די קלוגשאַפט פון די גאָר־פאַרצייטיקע העברייער, נאָך איידער די לעצטע האָבן געקראָגן אדער געטראָגן דעם נאָמען „עברים". פון יענע מינדלעכע אוצרות זיינען ארויסגעטיילט געוואָרן די פראַגמענטן, מיט וועלכע מיר זיינען באַקאַנט, ווייל זיי געפינען זיך אין דער פאָרם פון דעם ביבלישן קאַנאָן. די פאַרשרייבונג איז פאָרגעקומען אונטער דעם דרוק פון פחד. זיי האָבן מורא געהאַט, אז די טראַדיציאָנעלע טייערקייטן וועלן פאַרגעסן ווערן און פאַרפאַלן גיין, און דעריבער האָט מען זיי פאַרפיקסירט מיט דעם תכלית זיי צו ראַטעווען פון פאַרגעסונג. די פאַרשרייבונג איז געטאָן געוואָרן אומגערן, ווי איבער־געוואלד. און בשעת'ן פאַרשרייבן האָט מען דעם מאַטעריאל קאָריגירט, איבערהויפּט, אָבער, געקירצט. און נאָך איידער ער איז אריבערגעגאנגען פון מויל צום „פּען" איז ער „מאָדערניזירט" געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון ווערן איבערגעליפערט פון דור צו דור. דעריבער האָבן זיך אָנגעקליבן אויף די זעלביקע מיטאָס־קאסטבארקייטן שיכטן אויף שיכטן, ווי, להבדיל, אין געאָלאָגיע. אויפפירעכצן, וועגן וועלכע עס האָט זיך גערעדט אין דער רעקאָרדירנדיקער טראַדיציע, אָבער וועלכע האָבן ניט געשטימט מיט די נייערע השגות מכוח דעם פּאַסיקן אויפפיר, האָט מען פאַרהוילן, איבערגעגעבן צו גניזה אין זיכרון. טיילן זיינען אינגאנצן אָפּגעמעקט געוואָרן, ד. ה. איבערגעהיפּט, אויסגעלאָזט געוואָרן בשעת דער רענדיציע אדער רעציטאציע, אָדער אויסגעדריקט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז עס איז נאָכדעם געווען גאנץ שווערלעך דעם הערער, און אַ פּשיטא שוין, פיל שפּעטער, דעם לייענער, זיך צו כאַפּן וועגן וואָס עס

רעדט זיך, וועגן וואָס עס דערציילט זיך. גאַנצע שטיקער, אבר מן החי, זיינען ארויסגעריסן געוואָרן.

אין דעם ביבלישן מיטאָס ווי אין יעדן אַנדערן פּאַרצייטיקן מיטאָס, ראַנגלען זיך תמיד צוויי טענדענצן, קאָנסערוואַטיזם און רעפאָרמיזם, אדער פונדאַמענטאַליזם און מאָדערניזם. פון איין זייט מאכט זיך עפעקטיוו דער פאַרלאַנג ניט צו צערייסן די קייט פון די אַנגעקליבע דערפאַרונגען און זייערע באַלויכטונגען, די זכרונות און חשבונות, מעמוארן און אינ־טערפּרעטאַציעס פון דעם סאַציאַ־עגאָ, בכדי פעסט און שטייף צו האַלטן דעם פּראָצעס פון אידענטיפיקאַציע. פון דער אנדער זייט האָט זיך גע־לאָזט שפּירן, מעשה־תקיף, אַ פאַרלאַנג צו רעאַדאַפּטירן, באַנייען דעם מיטאָס־שטאָף בכדי דער גאַנג פון עוואָלוציע זאָל ניט געשטערט ווערן. און די צוויי שטרייטנדיקע טענדענצן האָבן געמאכט א פשרה. דאָס איז שוין דער שטייגער פון דער וועלט, אלעמאָל און אומעטום ווערט אין אזעלכע פאלן, אין באַוואוסטזיין פון יחיד ווי אין באַוואוסטזיין פון דער גרופּע, אַנגעווענדט דער מעטאָד פון קאָמפּראָמיס. מ׳מישט דאָס אלטע מיט דאָס נייע. געברויכנדיק א קלאַסישן אויסדרוק, קען מען זאָגן, אז מ׳גיסט צו נייעם וויין צום אלטן. און דעם געמיש האלט מען אין געלאָ־טעטע לאָגלען...

## ב.

# דער פּחד פאַר שכחה

ווי אַזוי א תורה־שבעל־פּה ווערט, הגם בלויז אין אירע טיילן, אַ תורה שבכתב, וויסן מיר פון דעם באַריכט, וועלכער איז צו אונדז דער־גאַנגען אין שריפט. מיר האָבן געלייענט קלאָר באשריבן ווי די זאַך איז געטאָן געוואָרן בנוגע די משנות און, דערנאָך, אויך בנוגע דער גמרא. א טייל איז אריין, א טייל איז אויסן געבליבן. און פאר דאָס אריינגעמען דעם מינדלעכן אוצר און אים פאַרוואַנדלען אין א שריפטלעכן האָט מען געזוכט און געפונען א תירוץ, א דערלויבעניש.

אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ראַטעווען אַ גאַנצע קולטור־עפּאָכע פון פאַרדאַרבונג, האָבן זיי „אַראָפּגענומען די האַנט פון הארצן" און האָבן מתיר געווען א טואונג, וועלכע איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. זיי האָבן באַטראַכט פאַר אַ זינד צו נעמען דאָס געזאָגטע, גע׳דרשנ׳טע און עס איבערגיסן אין אַ קאָנסערווירנדיקער, אָפּגעגאָסענער איין מאָל

פאַר אַלע מאָל פאָרם פון אַ שריפט. א מינדלעכע תורה האָט אַ שאַנס זיך צו געפינען אין א פליסיקן צושטאַנד. אמת, אויך דאָס וואָרט, דאָס ארויסגעזאָגטע, געמאַריגירטע אין באַשטימטע זאַצן, איז ניט אַזוי פריי און ענדערלעך ווי דער אומגעשטערטער געדאַנק, וועלכער ווייס ניט פון קיינע באַשטימטע קאָנטורן, יעדנפאַלס אין מאָמענט פון אנשטריינגונג־אויפשיינונג. אָבער אויך די „זאָגעניש" האַלט נאָך פאָרט אָן איר גיין ווי א וואַסער, להבדיל, ווי א טייכל. זי ווערט באַגרעניצט בלויז פון דער אָפּגעפורעמטער פאָרמולע, דעפיניטיוון זאַץ און שפּרוך, ווי א ברעג און די טאָפּאָגראַפּיע באַצייכענען דעם מאַרשרוט פון טייך.

„איין פסוק זאָגט: „פאַרשרייב דיר די רייד, די דאָזיקע" (שמות ל"ד, כ"ז) און אַן אַנדער פסוק זאָגט: „וואָרים לויט די רייד, די דאָזיקע" (דאָרט), דאָס איז אַנצוזאָגן דיך: זאַכן וועלכע זיינען מינדלעך, ביסטו ניט דערלויבט צו זאָגן זיי שריפטלעך, און די וואָס זיינען שריפטלעך, טאָרסטו ניט זאָגן זיי מינדלעך... רבי ישמעאל האָט געזאָגט: „פאַרשרייב דיר די רייד, די דאָזיקע", „די דאָזיקע" פאַרשרייבסטו, אָבער דו פאַר־שרייבסט ניט קיינע דינים. רבי יוחנן און ריש לקיש האָבן אריינגעקוקט אין אַן אגדתא־ספר... און זיי האָבן עס אַזוי גע'דרש'נט: „עס איז צייט צו טאָן פאַר יהוה'ן, זיי האָבן פאַרשטערט דיין לערע" (תהלים קי"ט, קכ"ו), זיי האָבן געזאָגט, עס איז בעסער אַז א געזעץ זאָל „אויסגעריסן" ווערן, איידער די תורה זאָל פאַרגעסן ווערן פון די אידן" (א).

זיי האָבן פאַרענטפערט זייער געברויכן דעם ספר פון אגדתא, א קעגנשטאַנד וואָס לויטן געזעץ האָט מען ניט געטאָרט פאַרשרייבן, מיט דעם, אַז ווען עס קומען אָן שלעכטע צייטן און מ'דאַרף אָננעמען ספּעציעלע מאָסרעגעלן פאַר יהוה, מעג מען צוליב דעם אפילו פאַרשטערן די „תורה", פאַרבויגן אַ פאַרשריפט, פאַרנאַכלעסיקן אַ פאַרבאָט פון דער הייליקער תורה. עס איז א שעת־הדחק, א צייט ווען די סכנה פון פאַרגעסן־ווערן באַדראָט די אויפבאַוואָרונג פון דער תורה, מעג מען דעמאָלט אויסקלייבן פון צוויי שלעכטסן דאָס מינדערע, בעסער אָפּשאַפן איין באַפעל, איידער זען ווי די גאַנצע תורה, חס־ושלום, גייט צום גרונט צוליב דעם, וואָס די צוקינפטיקע דורות וועלן גאָרניט וויסן וועגן איר, ווייל זי וועט פאַרגעסן ווערן, פאַרלאָרן גיין. ביי אַזאַ שטימונג האָט מען ניט געקענט דער־וואַרטן, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געוואוסט זאָלן זיי פאַרפיקסירן לדורות. זיי האָבן זיך, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, באַגנוגנט מיט א מיעוט שבמעוט.

אָט־דעם דרש פון פסוק „עת לעשות ליהוה — הפרו תורתך", וואָס די חכמי התלמוד האָבן גענוצט אלס פאַרענטפער פאַר דעם אויפבּרוך, פאַר דעם נעמען איבערגיין פון „זאָגן", ריידן צום שרייבן, פון דרשנ'ען

אויסוועניק צום פיקסירטן טעקסט האָבן די, אזוי גערופענע, „חכמי הביבל״ אויך געברויכט א סך פריער. זיי האָבן זיך מתיר געווען דאָס פאַר־שרייבן פון דער תורה, וועלכע איז געווען בלויז אַ מדרש, א „זאָגעכץ״, א סומע אַנזאָגונגען, צוזאָגונגען, איבערזאָגונגען, פאַרזאָגונגען, פאַרציילונגען, אויף וועלכע מ׳האָט ארויפגעבויט פאַרטייטשונגען־אינטערפּרעטאַציעס, ווי וועגן אויף יסודות פון דער אייגענער האמאגענישער קולטור.

די חכמי־התלמוד, וויסנדיק פון דעם, אָבער זיך ניט־וויסנדיק מאַכן, האָבן בלויז אימיטירט אין דעם פּרט, ווי אין פילע אנדערע, די פאַר־דעמדיקע אידישע חכמים, וועלכע האָבן געטאָן דאָס אייגענע.

ג.

## די „תורה“ א טייל פון קולטור־אוצר

די אידישע פאַרצייטיקע טראַדיציע באַשטעטיקט די דאָזיקע טאַט־זאַך און זאָגט אונדז, אַז די „תורה״, ווי מיר האָבן זי, איז בלויז א טייל פון א פיל גרעסערן, מיט אינספּיראַציע־באַזעלטן, קולטור־קלוגשאפט־אוצר. דאָס פאַראַנגען־זיין פון נאָך ספרים אויסער די תורה־ווערק ווערט באהויפּט בפה מלא, הגם אין א היפשלעך פאַבלהאפטן שטייגער.

ערשטנס איז דאָך דער חומש פול אָנגעפּיקעוועט מיט ויאמר׳ס און וידבר׳ס, לדבר׳ס, מדבר׳ס, צוה׳ס ,וואָס מיינט, אַז דער חומש איז געווען א „ילקוט״, א צוזאַמענשטעל פון אַראַלע טראַדיציעס.

ניט נאָר דער ׳חומש׳ אלס א גאַנצער, נאָר יעדער טייל, יעדער פראַגמענט באַזונדער, איז אַ געזאַמל פון מינדלעכע ׳זאָגענישן׳.

„וידבר משה אליהם״ (ב׳).

ויצום את כל אשר דבר יהוה אתו (ג׳).

צווייטנס, דער חומש פאַרמאָגט זיין אייגנאַרטיקן „עת לעשות״, וועל־כער האָט שפּעטער צוגעדינט אַלס תירוץ פארן איבערגיין פון דאָס אָראַלע צו דאָס סקריפּטיווע אין משנה און גמרא.

„און עס וועט זיין, אז עס וועלן אים טרעפן פילע שלעכטסן און צרות, וועט דער דאָזיגער געזאנג עדות זאָגן פאַר אים אלס צייגעניש, וואָרים עס וועט ניט פארגעסן ווערן פון דעם מויל פון זיין זוימען״ (ד׳)

עס זאָל ניט פארגעסן ווערן, דער פּחד פאַר פארגעסן ווערן האָט געדינט אלס מאָטיוו פארן פארצייכענען עס. אָבער פאַרצייכנט האָט מען

בלויז ראשי פרקים, הויפּט־טעזיסן, פאַר מנעמישע צוועקן, און ניט די גאַנצע אויפגעזאַמלטע לערע.

„און איצט שרייבט אייך אָן דעם דאָזיקן געזאַנג און לערנט עס די קינדער פון ישראל, טוט עס אַריין אין זייער מויל, בכדי אַז־דער געזאַנג זאָל זיין צו מיר אַ צייגעניש פאַר די קינדער פון ישראל" (ה׳)

„און משה האָט פאַרשריבן דעם דאָזיקן געזאַנג" (ו׳).

מ׳האָט געוואָלט פאַרזיכערן די לערע קעגן דעם אומגליק פון פאַר־געסעניש, האָט מען זי פאַרשריבן אַזוי, אַז דאָס פאַרפיקסירטע זאָל דינען אַלס צייגעניש און דערמאָנעניש. אָבער די שריפטן האָבן קיינמאָל ניט אַנטהאַלטן דעם גאַנצן סך־הכל פון אידישער חכמה.

אין דעם גייסט ריידן אַלע מאָל די מדרשים, וועלכע זאָגן אונדז, אַז די תורה האָט עקזיסטירט איידער זי איז „געגעבן געוואָרן", איידער זי איז „פאַרעפנטלעכט געוואָרן", אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן. ד. ה. אַז זי האָט געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ פּרענאַטאַלע עקזיסטענץ.

„רבי אחא... אין נאָמען פון רבי נתן האָט געזאָגט: אפילו די הלכות וועגן הויף־עירובין האָט אברהם שוין געוואוסט... אפילו יענע הלכות האָט אברהם שוין געוואוסט" (ז׳).

דאָס מיינט, אַז די חומש־קולטור איז פיל עלטער ווי מ׳רעכנט, גע־ווינטלעך. די ביבל־חכמה האָט עקזיסטירט טויזנטער יאָרן פאַר איר דער־קלערטער אנגעמונג.

„וישמר משמרתי, מצוותי, חקותי ותורותי" (בראשית כ"ו, ה׳).

רבי נתן... האָט געזאָגט: „תורותי", מיינע תורות, צוויי תורות, ער (אברהם) האָט מקיים געווען אפילו יעדע לייכטע מצוה פון תורה שבעל־פה" (ח׳).

די גאַנצע צייט האָט עקזיסטירט אַ תורה שבעל־פה. נאַטירלעך, די תורה שבעל־פה איז פיל עלטער פון דער תורה שבכתב, וועלכע איז בלויז אין אירע טיילן געוואָרן אַ תורה שבכתב. דאָס הייסט, אַז די פאַר־צייטיקע העברייאישע קולטור איז ניט אינגאַנצן אריבערגעגאַנגען געוואָרן אין שריפט־געפעס. און ווען דאָס איז געטאָן געוואָרן, ווען דער אַקט פון איבערגיסונג פון געפעס צו געפעס איז פאָרגעקומען איז אַ גרויסער טייל פון תורה־אינהאַלט פאַרבליבן אין אַלטן, מינדלעכן רעזערוואואַר. מיט אַנדערע ווערטער, די תורה איז געקירצט געוואָרן, רעפאָרמירט גע־וואָרן. די סאַגעס, די מיטאַסן זיינען צוגעפּוצט געוואָרן לפי־רוח־הזמן, לויט דעם צייט־גייסט, דעם גוסט און געשמאַק פון דער עפּאָכע, און וועל־כער זיי זיינען מינדלעך עטלעכע מאָל און, דערנאָך, שריפטלעך איין־מאָל פאַר אַלעמאָל רעדאַקטירט געוואָרן.

מיטאסן גייען אדורך פארשיידענע גלגולים, טראַנסמוטאַציעס, ניט ווענינקער ווי אַנדערע אינסטיטוציעס, ווי דהיינו ימים טובים, וועלכע ווערן פאַרשיידן געטייטשט, פאַרשיידן געשליירט לויט די פאָדערונגען און באַדערפעניש פון דעם צייט־מאָמענט.

ד.

# צוויי תורות שבעל־פה

און עס האָט זיך געשאפן א מאָדנע סיטואציע אין אונדזער חכמה־קולטור, דער מוקדם און דער מאוחר האָבן זיך אויסגעמישט אזוי אז עס איז שווער צו וויסן „ווען״ איז „ווען״, וועלכע עלעמענטן זיינען פאר־דעמדיקע און וועלכע פיל שפעטערדיקע.

אונדזער תורה שבעל־פה באַשטייט פון צוויי עלעמענטן. איין עלע־מענט איז פיל עלטער און דעריבער אויטאַריטאטיווער, נענטער צום אמת׳ן מקור, ווי די תורה שבכתב. און מהאי טעמא איז אַט־דער טייל פון דער תורה שבעל־פה פיל וויכטיקער פון תורת־משה אין דער פאָרם, אין וועלכער זי איז קאנאניזירט געוואָרן. פון יענעם טייל פון דער „מינדלע־כער לערע״ רעדט ארויס די גאָר אלטע טראַדיציע, די גאָר אידיש־פאַר־צייטיקע אויפפאַסונגען און אויסטייטשונגען פון וועלט, מענטש, מענטש־הייט און אידנשאַפט; און זיי, די דאָזיקע אויפפאַסונגען, זיינען עיקר׳דיקער און קערנדיקער פון „תורת־משה״, וועלכע איז בלויז א פראַגמענט, א קיצור פון פאַלקלאָר און „שולחן־ערוך״, וועלכע עס האָבן צוזאַמענגע־שטעלט די טראַדיציאָנעלע לערע, וואָס האָט געלעבט און פולסירט אין די שטאַרקסטע זיכרונות פון די בעסטע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם ציבור־עגא.

דער צווייטער עלעמענט איז פיל אינגער, ווייל ער איז, באמת, געשאַפן געוואָרן בלויז אלס א קאָמענטאַר, אלס א פירוש און אויסטייטש, אויף דעם טעקסט פון דער תורה שבכתב און ער איז טאקע אַנטשטאַנען שפּעט, ערשט דעמאָלט, ווען די „תורה״ איז שוין געווען פארפיקסירט, האָט שוין געהאט א שריפטלעכע פעסטגעשטעלטע פאָרם.

„דאָס מינדלעכע לערנען״ אויף וויפל דאָס איז געווען מינדלעך האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אין די מיילער פון די זאָגער, פון די דרשנים, און זיי האָבן ניט מבחין געווען צווישן איין שיכט און דער צווייטער.

איין פלאָסט פון דער תורה שבעל־פה איז פארבליבן פון גאר פאר־צייטנס, פון יענעם קוואַל פון חכמה, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזן ארײַנלעגן אין „מיטת־סדום" פון דעם געשריבענעם וואָרט. און ער טראָגט טאקע אויף זיך דעם אמת׳ן זיגל פון ראַיעלן אַרכאַאיזם. און ער איז וואָרצלדיקער, תוכ׳יקער, סאָלידער איידער דער שפעטער אויפ־געקומענער „טעקסט". הגם ער איז אליין שפעטער־צו אויך געוואָרן אַ טעקסט, א „בכתב" פון א צווייטער דרגא, איז ער אבער, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אלס „שריפטלעכע לערע" איז ער פיל אינגער, אלס מינדלעכע פיל עלטער פון דער תורה שבכתב, אלס א „כתב".

דער צווייטער פלאָסט איז דער, וועלכער איז באמת געבוירן געוואָרן היפש־שפעטלעך און ער איז בלויז אן ארויסטראַטיפיצירונג אויף דער עלטערער שיכט פון „כתב". בקיצור, עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן פון תורה שבעל־פה׳ס. איינער קומט פאר דער „תורה שבכתב", ער לויפט איר פאָרויס, פון אים ווערט ערשט די תורה שבכתב ארויסגעשיילט. דער צווייטער קומט נאָכדעם אלס א המשך פון דער „תורה שבכתב", אלס א צוגאָב און פירוש.

„די וואָס בכתב איז פארשטענדלעך בלויז צוליב דער תורה שבעל־פה, און די תורה שבעל־פה איז ניט פארשטענדלעך נאָר בלויז פון דער תורה שבכתב" (ט׳). מיר פארמאָגן אין דער תורה שבעל־פה צוויי טראַדי־ציעס, א פרע־ביבלישע און א פאָסט־ביבלישע. און ביידע, אָן אונטער־שייד, טראָגן דעם זעלביקן נאָמען, ווייל ביידע זיינען באמת פארפיקסירט געוואָרן אין די אגדתות, אין די מדרשים בערך אין דער זעלביקער צייט. אָבער די שפעטערע פיקסירונג פאַר אַ טייל פון דער תורה שבעל־פה איז ניט קיין באשטעטיקונג פון זיין שפעטער אנטשטייאונג, ווייל די צוויי דאָטן פאַלן בשום אופן ניט צוזאַמען פאַר אַלע גלידער פון דעם דאָקטרין־קערפער. איין טייל איז פיקסירט געוואָרן אין כתב ניט לאַנג, לפי־ערך, נאָך זיין אנטשטייאונג, און דער צווייטער האָט זיך געלאָזט ווארטן אויף דער שריפטלעכער פיקסאציע פאר הונדערטער דורות.

און וואָס איז שייך נבואה דארף מען אויך וויסן, אז דער בכתב און בעל־פה פאַלן ווייט ניט צוזאמען אין זייער קוואַנטיטעט.

די מדרשים ריידן גאנץ אָפט וועגן די נביאים און דערביי גיבן זיי א היפש גרויסלעכן ציפער...

„מער ווי די ששים רבוא נביאים וואָס האָבן נביאות געזאָגט אין די טעג פון אליהו" (י׳).

„זעקס הונדערט טויזנט נביאים זיינען אויפגעשטאַנען אין ישראל אין די טעג פון אליהו. רבי יעקב אין נאָמען פון רבי יוחנן: א מיליאָן און

צוויי הונדערט טויזנט... און פאר וואָס איז זייער נבואה ניט פארעפנט־לעכט געוואָרן, ווייל עס איז ניט געווען קיין באַדערפעניש פאר די צו־קינפטיקע דורות. און איצט זאָג: יעדע נבואה וואָס איז געווען אין צייט און עס איז געווען אין איר אַ באַדערפעניש פאַר די דורות — איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן, אָבער יעדע נבואה וואָס איז געווען צייטלעך און עס איז ניט געווען אין איר א באַדערפעניש פאר די דורות — איז ניט פארעפענטלעכט געוואָרן... רבי ברכיה אין נאָמען פון רבי חלבו האָט געזאָגט: אזוי ווי אין ישראל זיינען אויפגעשטאַנען זעקס הונדערט טויזנט נביאים אזוי זיינען אויך אויפגעשטאַנען זעקס הונדערט טויזנט נביאה׳טעס״ (י״א).

די גמרא איז איינגעהאַלטענער בנוגע די ציפער.

„אַכט און פערציק נביאים און זעקס נביאה׳טעס האָבן פּראָפעצייט אין ישראל״ (י״ב).

וואו זיינען זייערע שריפטן? זיי זיינען ניט רעגיסטרירט געוואָרן, יעדנפאלס אויב זיי זיינען שוין יע פארשריבן געוואָרן, ניט קאַנאַניזירט, ניט אויפגעהיט געוואָרן.

די ציפער „ששים רבוא״ איז, פארשטייט זיך, גלאָט אזוי זיך אַן אָריענטאַלע גוזמא. אבער עס איז קיין צווייפעל ניט אז זיי האָבן געהאַט שולן פאַר די אזוי־גערופענע „בני־הנביאים״, וואו זיי האָבן שטודירט די „מיס־טעריעס״ אדער די חכמה פון די פארצייטיקע עברים, פארצייטיקע אידן.

## ה.

# אן עלטערע תורה

וועגן דער עקזיסטענץ פון א פאַרדעמדיקער תורה, וועלכע איז עלטער פון דער תורה שבכתב, זאָגן אויך עדות די פסוקים פון די עשרת־הדברות.

„היט אָפּ דעם טאָג פון שבת אים צו הייליקן, ווי עס האָט דיך באַפּעלן יהוה דיין אלהים״ (י״ג).

ווי עס איז צו זען האָט א פארדעמדיקע טראַדיציע נאָך פון לאנג אָן עקזיסטירט. די עשרת־הדברות אין טיילן זיינען בלויז א ווידערהאָלונג, א דערמאָנונג אָפּצוהיטן די געבאָטן וועלכע זיינען געווען שוין גענוג־לאַנג באַוואוסט. אייגנטלעך דער דאָזיקער געדאַנק, אז אן אַראַלע תורה איז פארויסגעגאנגען די תורה שבכתב, וועלכע איז אָפּגעשטאנען אין צייט פון דער ערשטער אויף טויזנטער יאָרן, איז אקסיאָמאַטיש. סיידן מ׳נעמט

אַן דעם אומגעלומפּערטן טעזיס, אַז אַ תורה, אַ גאַנצע קולטור פאַלט פּלוצלונג אַראָפּ, אָן צוגרייטונג, אָן וואוקס, אָן רייף ווערן, אַ פאַרטיקע, אַ גאַנצע, ווי פון הימל אַ שטיין.

„האָלט ערלעך דיין פאָטער און דיין מוטער ווי עס האָט דיך באַפעלן יהוה דיין אלהים" (י"ד).

רש"י מאַכט: „ווי ער האָט דיך באַפעלן קודם מתן תורה" (ט"ו).

„אויך אויף כבוד אב ואם זיינען זיי אָנגעזאָגט געוואָרן אין מרה" (ט"ז).

„'כאשר צוך יהוה אלהיך', האָט געזאָגט רבי יהודה, אַז רב האָט געזאָגט: 'ווי ער האָט דיך באַפוילן' — אין מרה" (י"ז).

„צען מצוות זיינען די אידן אָנגעזאָגט געוואָרן אין מרה . . . שבת און כבוד אב ואם" (י"ח).

„צען מצוות זיינען די אידן אָנגעזאָגט געוואָרן אין מרה, ווי עס שטייט געשריבן, 'און עס וועט זיין, אויב געהאָרכן וועסטו טאָן געהאָרכן צו דער שטים פון יהוה דיין אלהים' " (י"ט).

דער „מרה"-אויסטייטש איז גלאַט אַזוי זיך אַ פאַרענטפער. דאָס מיינט אָבער, אַז אַ תורה האָט עקזיסטירט פאַר דורות און דורות נאָך איידער „מתן-תורה", די דאָטע וועלכע דער מיטאָס גיט אָן פאַר דער „תורה"-פאָרמולגירונג, פאַר דער דערקלערונג פון די צען געבאָטן. די עשרת-הדברות האָבן אַנדערע צען געבאָטן, וועלכע האָבן זיי אַנטע-דאַטירט.

דער מדרש זאָגט אונדז, אַז די תורה האָט עקזיסטירט נאָך פאַר דער וועלט, נאָך פון פאַר מעשה-בראשית.

פון וואַנען וויסן מיר, אַז די תורה האָט עקזיסטירט נאָך פאַר דער וועלט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, „יהוה האָט מיך געמאַכט אין אָנהייב פון זיין וועג" (משלי ח', כ"א) (כ').

דער מדרש זאָגט אונדז אויף זיין מיטאָלאָגיש-נעבלהאַפטן שטייגער, אַז דער אידישער סאָציאַ-עגאָ, דער אידישער ציבור, אין דער פערזאָן פון זיינע בעסטע פאַרשטייער, אין וועלכע דער איך פון דעם אידישן פאַרצייטיקן אָגרעגאַט האָט זיך פאַרקערפּערט, האָט קולטיווירט די דאָזיקע אידישע קלוגשאַפט נאָך פון קדמונים אָן.

דער אייגענער רעיון ווערט אויסגעדריקט אין דעם צושרייבן פון „ספר-יצירה" צו אברהמען, און אַנדערע נאָך-עלטערע ספרים, וועלכע זיינען פאַרפאַלן געוואָרן, צו אויסשליסלעך מיטאָלאָגישע פיגורן. דאָס אַלץ וויל אונדז געבן צו פאַרשטיין, הגם אייגנאַרטיק סוגעסטירט, אַז די ביבל, די יהוה-קולטור איז מיט טויזנטער יאָרן עלטער פון די דאַטן פון די דאָקומענטן, וועלכע מיר פאַרמאָגן; און אַז אויך די דאָזיקע

דאָקומענטן אַנטהאַלטן זוימען, רודימענטן פון פאַרדעמדיקע צייגענישן אַראַלע און סקריפּטיוועז. עס האָבן עקזיסטירט גאַר־אַלטע טעסטימאָניעס, פאַרצייכנטע אין זכרונות אָדער שטיינער־זיילן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע וואָרצלען אין דעם אונטערבאָדן פון דער אידיש ראשיתדיקער קולטור. די דאָזיקע רייכטימער קען מען אויפדעקן דורך רעסטאַווראַציע־אַרבעט, אָדער דורך עקסקאַוואַציע. ווי קואוויע פלעגט אויפשטעלן אַ גאַנצן אָרגאַניזם פון איין ביין, אַזוי דאַרף מען אויפריכטן גאַנצע ביל־דער פון איין, צוויי שטריכן, פון איין, צוויי טענער דאַרף מען אויפ־בויען אַ גאַנצע סימפאָניע. פון איין לייכטן וואונק, פון אַ וואָרט, פון אַן אַנדייט, אַ טונקעלער אַנצוהערעניש, דאַרף מען קאָנסטרוקטירן אַ גאַנצע סיסטעם, אַ גאַנצן סוזשעט מיט פאַרבאַדינגונגען, פאַראויספאַסי־רונגען און פאַרבינדונג־קאָנסעקווענצן.

גאַנצע מגילות פון באַשרייבונגען פון פאַרצייטיקן לעבן, און גאַר פאַרצייטיקער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, געפינען זיך אין די האַלב־ניטדערזאָגטע, פאַרשלונגענע פראַזן, געשטאַמלטע סענטענצן. מ׳דאַרף זיי אָבער קענען לייענען. און דאָס איז ניט קיין גרינגע מלאכה.

די קורצע פראַזע, „דאָס איז דער בוך פון אָדמס געבורטן״ (כ״א) גיט דעם מדרש אַ געלעגנהייט צו באַהויפּטן, אַז טראַדיציאָנעלע באַריכטן האָבן עקזיסטירט, וועלכע האָבן זיך אויפבאַוואַרט אויף אַ וואונדער־לעכן שטייגער. און דער מדרש איז גערעכט אין זיין אינטערפּרעטאַ־ציע־אַמפּליפיקאַציע מעטאָד. דאָרטן וואו בלויז פראַגמענטן זייענען פאַראַן, דאַרף מען קענען אויסברייטערן די קיצורים, רעסטאַוורירן גאַנצע קער־פּערס פון איין צוויי איבערגעבליבענע ביינדלעך, „עצמות היבשות״. מיט דער הילף פון ריכטיקן באַלעבנדיקן גייסט נעמען אָט די „פאַרדאַרטע ביינער״ ארויפציען אויף זיך הויט און פלייש און ווערן שטיקער לעבנס, גאַנצע פּאַנאָראַמעס פון אויסגעבליאַקעוועטן אַלטערטום קריגן איבער אַנייס קאָליר און לעבנס־פּולסירונג.

„דער וואָס האָט געזאָגט און אַ וועלט איז אַנטשטאַנען, האָט באַ־וויזן אים (אדמען) יעדן דור און זיינע פאַרשטייער, יעדן דור און זיינע חכמים, יעדן דור און זיינע שריפטשטעלער, יעדן דור און זיינע פירער״ (כ״ב).

„ווען אָדם איז געווען אין גן־עדן האָט אים דער הייליקער געבענטשט איז ער אַראָפּגעשיקט א ספר דורך דעם מלאך רזיאל, דעם היי־ליקן מלאך, וועלכער איז ממונה אויף אַלע אויבערשטע הייליקע מיסטע־ריעס, און אין אים זיינען געווען אויסגעקריצט אויבערשטע קריצונגען און הייליקע חכמה״ (כ״ג).

רבי אבא האָט געזאָגט: זיכער איז אָדמען געגעבן געוואָרן אַ ספר, און דורך דעם ספר האָט ער געוואוסט די אויבערשטע חכמה . . . און אַז ער איז אַרויס פון גן־עדן איז דער ספר אָוועקגעפלויגן פון אים. האָט אָדם געבעטן און געוויינט פאַר זיין האַר, האָט ער אים צוריק־געגעבן דעם ספר. בכדי די קלוגשאַפט זאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון די מענטשן-קינדער . . . און אַזוי האָבן מיר געלערנט, אַז חנוך האָט געהאַט אַ ספר, און יענער ספר שטאַמט אָפּ פון דעם „ספר פון אָדמס געבורטן" (כ"ד).

„דאָס איז געשריבן אין 'ספר הישר' " (שמואל ב', א' י"ח). וואָס איז דאָס פאַר אַ „ספר הישר"? „רבי חייא האָט געזאָגט, אַז רבי יוחנן האָט געזאָגט: 'דאָס איז דער ספר פון אברהם, יצחק און יעקב' " (כ"ה).

ז.

# אַלטע חכמה־אוצרות

פאַרשיידענע ספרים האָבן עקזיסטירט אַחוץ דער תורה, תורת־משה. מיט אַנדערע ווערטער, עס האָבן עקזיסטירט מיטאָסן פון וועלכע די פאַרצייכנטע מיטאָסן, וועלכע האָבן צו אונדז דערגרייכט אין אַ פאַר־שריבענער פאָרם פון אַ תורה שבכתב, זיינען אַרויסגעוויקלט, אַרויסגע־נומען געוואָרן. און די מיטאָסן אין דער רעדאַקציע און ווערסיע, אין וועלכער זיי זיינען צו אונדז געקומען, זיינען דורכגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון מאָדערניזאַציע.

דער שטרענגער אָנזאָג „לא תוסיפו . . . ולא תגרעו" (כ"ו) זאָגט עדות, אַז מ'האָט יאָ צוגעלייגט און אָפּגענומען, אָניט וואָס פאַלט אים איין עס צו פאַרבאָטן. און אַזוי שטרענג, טאָפּלט, „לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו" (כ"ו 1).

מ'האָט געניצעוועט און געאַנדערשט די פאַרצייטיקע מיטאָסן, ווי אויך דאָס גאַנצע פאָלקלאָר איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַן אָפּעראַציע, דער פייניקונג פון אַדאַפּטאַציע צו נייע השגות און געשמאַקן.

דאָס צופיל „סקאַנדאַליעזע" איז ניט אויסגעשניטן געוואָרן אינגאַנצן, „ווייסער" זאָלן עס קאָמענטירן. פון אָט די בלויזן, וועלכע זיינען פאַרבליבן, האָט דער מדרש גאַנץ אָפט זיך באַמיט צו רעסטאַווירן גע־שעענישן אָדער ספּעקולאַטיווע מחשבותן. פון די מעקונגען און רעדאַק־ציאָנעלע פאַרריכטונגען איז אַרויפגעשוואומען דער אונטערשייד פון קרי

און כתיב. עס זיינען אויך דאָ לויזע סופן, שלוסן וועלכע לאָזן זיך ניט בינדן, פסוקים וועלכע האָבן ניט קיין פאַרבינדונג, ווייל זיי זיינען, נעבעך, אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער קאָנטעקסטועלער סביבה.

„און אַז דו וועסט פרעגן, מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט? מיט יענעם ספר פון אָדמען, און דעם ספר פון חנוכן . . . פון וואַנען האָט נח געוואוסט מקריב צו זיין אַ קרבן צו זיין האר? אלא וואָס דען, ער האָט אויסגעפונען די חכמה אויף וואָס די וועלט האַלט זיך" (כ"ז).

עס איז געווען אַמאָל אַ גאַנצע אויסגעהאַלטענע — אויף וויפיל בכלל אויסגעהאַלטנקייט איז מעגלעך צו דערגרייכן אין קולטורעלע שאַפונגען, וואָס האָבן אַריכות־ימים — אידישע קולטור און אַ אידיש אַריגינעלע פילאָסאָפיע, וועלכע איז פאַרטראָטן בלויז אויף אַ פראַגמענטאַרן אופן אין דער תורה, נביאים, כתובים, מדרשים, תלמוד. די דאָזיקע קלוגשאַפט־אוצרות האָבן זיך אַנגעקליבן אין אַ משך פון צענדליקער טויזנטער יאָרן. און זיי, די פּאַרצייטיקע חכמים אונדזערע, זיינען געוואויר געווען פון דער אומגעהויער אַנטיקוויטעט פון די ווערטן און קולטור־שאַפונגען, וועלכע זיינען געקומען צו זיי בירושה און צו וועלכע זיי האָבן צוגעגעבן זייער טייל, זייער ביישטייערונג. ווען זיי וואָלטן עס ניט געוואוסט, וואָלטן זיי ניט געהאַט דעם דרייסט אויסצושמידן אַזעלכע מיט לאַנגע צייט־דיסטאַנצן אָטעמענדיקע זאַצן, ווי „ער היט גנאַר צו טויזנטער דורות" (כ"ח), זיי וואָלטן זיך ניט געקאָנט פאַרגינען צו וואַרפן זיך מיט אַזאַ צייט-שפע. און ווען שמואל האָט געזאָגט, „די אידישע אייביקייט וועט ניט לייגן" (כ"ט), האָט ער גערעדט ניט נאָר פון אַ צוקונפט, פון דער אייביקייט וועלכע גייט אַרויפצו, נאָר אויך וועגן אַן אומגעהויער לאַנגן עבר אויף אַראָפּצו. ווען זיי וואָלטן ניט שפירן אין זיך דעם אומענדלעך לאַנגן עבר, וואָלטן זיי ניט פאַרמאָגט די וויזיאָנעלע עזות צו פאָראויסשילדערן דעם ענד פון די טעג. אין אידישן ציבור האָט געשפרודלט א קוואַל, וועלכער הויבט אָן זיין קוועלן כמעט מיטן אָנהייב פון צייט, און וועט אַזוי אָנגיין ביזן סאַמע סוף. דאָס איז געווען די אינספּירירטע איבערצייגונג פון די אידישע פאַרצייטיקע אידעאָלאָגן.

דער זעלביקער אָראַקלשער באַוואוסטזיין, וואָס האָט געזאָגט: נצח ישראל לא ישקר", האָט אויך געזאָגט, „ישראל איז הייליק צו יהוה, ער איז דער אָנהויב פון זיין תבואה" (ל').

דער איד איז דער אָנהויב און ער האַלט אַלע מאָל ערשט ביים סאַמע אָנהויב. דער איד איז אומענדלעך פאַרצייטיק, און דעריבער איז ער תמיד צייטיק און נאָכצייטיק, ד. ה., איבערצייטיק, אייביק (ל"א).

„ווי דער פרוכט־ערשטלינג אין פייגן, אַזוי זיינען די אידן, זיי זיי־נען פרימאַטן און די ערשט-געבוירענע צום קדוש־ברוך־הוא פון אַלע פעלקער אין דער וועלט" (ל"ב).

און די אידישע חכמה, יהוה־חכמה איז אַן אַנטיק פון דעם גרעסטן פאַרצייטנס.

אַט די אידישע פילאָסאָפיע, עגאָסאָפיע, יהוה חכמה האָבן די פאַר־צייטיקע אידן קולטיווירט אין זייערע לערנאַנשטאַלטן, וועלכע זיי האָבן מיטאָלאָגיש באַצייכנט מיטן נאָמען „מדרשו של שם ועבר" (ל"ג), שפּע־טער צו האָבן זיי עס גערופן די „בני־הנביאים" שולן, גאָר שפּעטלעך — די אנשי כנסת-הגדולה אַקאַדעמיע.

„משה האָט דערהאַלטן די לערע פון באַרג סיני און האָט זי איבער־געגעבן צו יהושוען" (ל"ד).

משה הויבט אָן, אַזוי צו זאָגן, די „היסטאָרישע טראַדיציע", סיני איז די פּרעהיסטאָרישע מסורה. און א רעכט ביסל פון דעם חכמה־אוצר האָט מען אויפבאַוואָרט אין דער שריפטלעכער תורה אָבער נאָך מער אין דער מינדלעכער. דערנאָך מחמת די גירושים און גלותן און שווערע פאַרפאָלגונגען, וואָס דער אידנשאַפט איז אויסגעקומען אויסצושטייך, איז איבערגעריסן געוואָרן דער פאָדים פון ווערבאַלער טראַדיציע, און פון דער אידישער יהוה־חכמה איז פאַרבליבן אַ מאָגערער מינימום, און דער געפינט זיך הויפּטזעכלעך אין דעם הלכה־תחום, אין פּראַקטישע דינים, פאַרשריפטן פון אויפפיר, נאָרמען פון הנהלה, פון ריטוס, פון מנהגים, שטייגערס.

„זיי וויסן אז די פילע קלוגשאַפטן, וועלכע זיינען געוועזן ביי אונ־זער פאָלק בנוגע דער אמת׳דיקייט פון אַט־די קעגנשטאַנדן, זיינען פאַר־לוירן געגאַנגען אין דער לענג פון צייט און צוליב דער הערשאַפט פון די נאַרישע פעלקער איבער אונז" (ל"ד 1).

מיט אַנדערע ווערטער, א גרויסער טייל פון דער ריינער אידישער פילאָזאָפיע איז פאַרפאַלן געוואָרן, פאַרגעסן געוואָרן.

ז.

# סיאיז דאָ אַ אידישער וועלט־באַנעם

בכדי צו געבן צו פאַרשטיין די טראַגישע לאַגע פון יודנטום אלס יהוה־חכמה, אַלס עגאָסאָפיע, וועלן מיר געברויכן אַן איינפאַכע אילוסטראַציע.

שטעלט זיך פאַר, אַז די מעדיצינישע וויסנשאַפט, ווי אויך די פיזיאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע קענטנישן, אויף וועלכע אַ קוריר־וויסנשאַפט קאָן זיך האַלטן, זיינען פאַרגעסן געוואָרן, געבליבן זיינען בלויז דאָ און דאָרטן רמזים פון דעם, רעשטעלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרוואַלגערט אויף די גליונות פון די גרודעס רעצעפּטן, וועלכע מ׳האָט אויפגעהיט צוליב זייער פּראַקטישן רפואהשן ווערט.

מיט דער אידישער עגאָסאָפיע האָט פּאַסירט כמעט דאָס אייגענע. דער קאָדעקס איז פאַרבליבן, די מצוות המעשיות זיינען אויפבאַוואַרט געוואָרן. די פילאָזאָפיע איז פאַרלוירן געגאַנגען. ווען מ׳האָט אָבער פאַרט געדאַרפט אונטערזוכן די גרונט־פּרינציפּן אויף וועלכע די מצוות האַלטן זיך, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז קיינע אַלגעמיינע גוט־באַגרינ־דעטע יסודות זיינען ניטאָ בנמצא. די באַדערפעניש אין ערשטע פּרינציפּן האָט זיך געלאָזט פילן זייער שטאַרק, בשעת שטרייט־פראַגן וועגן ריטואַל, וועגן קאָדעקס בכלל, זיינען אַרויפגעשוואומען צו דער אויבערפלאַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן און זיי האָבן געשטעלט אין סכנה דעם איינאַרטיקן אָפּהיט פון די פאַרשריפטן, אַ זאַך, וואָס וואָלט גורם־געווען אַ צעשפּאַלטונג אין דער אידנשאַפט. עס איז אויך געווען אַ זיכערקייט אַז אַזעלכע „עיקרים" זיינען ערגעץ דאָ, מוזן זיין, אַז אַ אי־דישער וועלט־, מענטש־, פאָלק־באַנעם, וועלכער האָט געדינט אַלס פונדאַמענט פאַרן גאַנצן בנין פון די גאַרמען, חוקים ומשפטים, מוז זיך געפינען אין די סאַמע שריפטן, וועלכע אַנטהאַלטן די פּראַקטישע פאַראָרדנונגען. אָבער דאָס האָט זיך ניט געלאָזט אַנטאַפּן אַזוי לייכט. די אידישע פילאָזאָפיע איז ניט געלעגן פון אויבנאויף אַזוי אַז יע־דערער, ווער עס האָט נאָר געהאַט טיפע אידישע קענטענישן און אַ גוטע שולונג, זאָל עס קענען נעמען און געברויכן. די נויטווענדיקייט אין אומפּאַסנדיקע פאַראַלגעמיינערונגען האָט געדריקט, און וויבאַלד עס איז געווען שווער זיי צו געפינען, אויסגראָבן זיי פון די אידישע חכמה טיפענישן, שעפּן זיי פון רייך־אידישע קוועלן, האָט מען זיך דערלויבט באַין ברירה, אַנטלייען פילאָזאָפישע גרונט־הנחות. אַזוי האָט געטאָן פילאָן, דערנאָך סעדיה גאון, דערנאָך דער רמב"ם, און אנדערע. האַלב העלעניזירטע, האַלב ראָמאַניזירטע, ווי אויך האַלב אַראַביזירטע און טיוטאָניזירטע אידישע דענקער האָבן זיך געפּלייסט אונטערצולייגן אַ ברייטן פונדאַמענט אונטער דער אידישער תורה.

וועגן אָט די שולן דריקט זיך גאַנץ בייסנדיק אויס רבי נחמן בראַצלאַווער. ער איז אַ היפּש ביסל צו פאַרניכטנדיק, צו שאַרף נעגאַטיוו, אָבער אין תוך גענומען איז ער גערעכט. דער רוב פון די

אידישע חוקרים זיינען געווען ווייטלעך פון דרך הישר פון דער יהוה־חכמה, וועלכע איז די אָריגינעלע אידישע פילאָזאָפיע.

„עס זיינען דאָ אַ רעכט ביסל דענקער, וואָס די וועלט האַלט פון זיי זייער פיל און איבערהויפּט דער רמב״ם, אָבער אין דער צוקונפט וועט מען וויסן, אַז ער איז געווען אַ כופר און אַן אפּיקורוס״ (ל״ה).

דאָס אייגענע, הגם פיל איינגעהאַלטענער און מיט מער דרך ארץ, האָט געזאָגט וועגן רמב״ם דער שד״ל.

פשוט, אידישע חכמה פאָדערט פאַר איר אויפטויכונג זייער פיל אַרבעט און פאַרטיפונג אין די אידישע מקורות, פון וועלכע מיר פאַרמאָגן בלויז אַ מינימאַלן איבערבלייב. און פון דעם רעשטל, וואָס איז אונדז פאַרבליבן, דאַרפן מיר אויפריכטן דאָס גאַנצע. עס איז אַ רעסטאַווראַציע אַרבעט, וועלכע וועט זיין זייער אַנגעלייגט און אָפּגעשאַצט, טאַקע צוליב דעם וואָס עס איז אַזוי שווער עס דורכצופירן. אידישע קאָסטבאַרקייטן דאַרפן געראַטעוועט ווערן, אַרויפגעהויבן ווערן פון דעם דעק פון שכחה־ים, און צווישן זיי דער רייכסטער פּערל אין דער וועלט־וויזהייט, די יהוה־חכמה, די אני־יהוה לערע, די עגאָלאָגיע, עגאָסאָפיע.

I

# אידישער פאַציפיזם

1. עזר כנגדו
2. פאַציפיסטישע דערקענטעניש
3. אינטער־קלאַסיזם

## .1

# „עזר כנגדו‟ (א)

## א.

## געשלעכטער־גראַנגל און קלאַסן־קאַמף

אלהים געבוירט דעם מענטשן, אַ זכר און אַ נקבה צוזאַמען, אין איין קערפּער, ווי דער פּסוק באַשרייבט עס גאַנץ דייטלעך, „זכר ונקבה ברא אותם‟ (ב).

„יהוה‟, — וועלכער רעפּרעזענטירט דעם סינטעטישן מאָניזם אויף אַ מער אויסגעשפּראָכענעם אופן איידער דער „אלהים‟, — שאַפט דעם מענטשן, דער ערדלינג, אָדמ׳ען. און פון אים בויט ער אויף, שניצט ער אויס עפּעס אַ „קעגנערין־העלפערין‟, אַ כנגד־הילף. מיט אַנדערע ווערטער ,יהוה, זייענדיק אַ סינטעזיס פּערסאָניפיצירט, באַשאַפט דעם קאָנטער־אַגענט פון דעם רעפּראָדוקטיוון פּראָצעס.

דאָס וואָרט „עזר‟ מיט זיין נעגאַציע „כנגד‟ צוזאַמענגענומען אין איין צוויי־וואָרט, „עזר כנגדו‟, אַנטהאַלטן אין זיך אַ דורכדרינגענדיקן פאַרשטיין מכוח די שייכות׳ן, וועלכע וועבן זיך צווישן די צוויי געשלעכטער, די צוויי קאָנטער־אַגענטן פון דער איינציקער רעפּראָדוקציע טעטיקייט. און אָט־די שייכותן זיינען דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע איבעריקע באַציאונגען און פאַרהעלטענישן, וועלכע רעאַליזירן זיך צווישן אַנדערע אַנאַלאָגע קאָנטער־אַגענטן פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס. מיר דאַרפן וויסן, אַז די געשלעכטער־צעטיילונג איז דער מוסטער פון דער קלאַסן־צעשפּאַלטונג. און מהאי טעמא, דאַרף די לערע מכוח די געשלעכטער און זייערע אינטער־רעלאַציעס דינען אַלס אַ פורעם פאַר דעם אָפּגוס פון דער קלאַסן־לערע.

„ביי אַלע סעקסועלע אַנימאַלן געפינען מיר אומעטום א דעפיניטיווע צעטיילונג פון דער ארבעט צווישן די געשלעכטער‟ (1).

„אין אַן אַלטן אומפאַרעפנטלעכטן כתב־יד, וועלכן מאַרקס און איך האָבן פאַרפאַסט, געפינט זיך דער נאָכפאָלגנדיקער פּאַסאַזש: ׳די ערשטע צעטיילונג פון אַרבעט איז די אַרבעט־צעטיילונג פון מאַן און פרוי אין קינדער־געבוירן׳. און היינט צו טאָג מעג איך צוגעבן:

דער ערשטער קלאַסן-אַנטאַגאַניזם וועלכער באַווייזט זיך אין דער געשיכטע פאַלט צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מאַן און ווייב אַנטאַגאַניזם . . . און די ערשטע קלאַסן־אונטערדריקונג איז די אונטערדריקונג פון דער נקבה דורך דעם זכר־געשלעכט" (1א).

„דער 'קלאַסן־קריג' איז, פאַרשטייט זיך, אַ באַגריף וואָס נעמט אַריין יעדן מעגלעכן קלאַס. און געשלעכט איז, פאַרשטייט זיך, אַ באמת וויכטיקער 'קלאַס'. און דער 'געשלעכטער קריג' איז אַ גאַר וויכטיקער קריג" (2).

אַט-די באַצייכענונג פון די דאָזיקע פאַרהעלטענישן אַלס אַן 'עזר כנגדו', אַ קעגנגעזעצטע קאָאָפּעראַציע, אַנטאַגאַניסטישע קאָלאַבאָראַציע איז אין העכסטן גראַד אינסטרוקטיוו. אַט־די דעפיניציע וואַרפט גאַנצע גאַרבנס ליכט אויף דעם טונקלסטן געביט פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, וואו סאָציאַל-עקאָנאָמישע צוזאַמענשטויסערייען ווערן פאַראויסגעזאָגן פון און באַגלייט מיט צוזאַמענאַרבעטונגען. אַט־די קאָמפּליצירטע טעטיקייט, — וועלכע איז סינטעטיש אין איר עצם־מהות, וועלכע באַשטייט פון אַ ווידערשפּרוך און פאַרשפּרוך באַהעפט אינאיינעם, — גייט אָן כסדר אין לעבן. צווישן די געשלעכטער לאָזט זיך דער טאָפּלטיקער פּראָצעס באַאָבאַכטן זינט דער פאַרגעשיכטע פון דער מענטשלעכער ראַסע, צווישן די קלאַסן זעט מען דעם אייגענעם פּראָצעס, לייכט וואַריאירט, זינט די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן צו שרייבן, זינט מ'האָט אָנגעהויבן צו רעקאָרדירן געשעענישן, באַריכטן וועגן פּאַסירונגען. בקיצור, די דאָזיקע אייגנאַרטיקע טעטיקייט, וועלכע באַשטייט אין מיטאַרבעטונג און קעגנאַרבעטונג הויבט זיך אָן מיט דער צעשפּאַלטונג פון די געשלעכטער און ווערט פאַרטגעזעצט מיט דער צעשפּאַלטונג פון די קלאַסן.

ווען מיר נעמען דעם „קלאַסן־קאַמף" האָריזאָנטאַל, ד. ה., אַלס אַ קאַמף, וועלכער קומט פאָר צווישן דעם אַרבעטנדיקן קלאַס און דעם „דירעקטירנדיקן טיפּ" און ניט אַלס אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי פראַקציעס אין דעם לייטנדיקן קלאַס אַליין, פראַקציעס וועלכע ראַנגלען זיך צווישן זיך פאַר דער מאָנאָפּאָליע פון לייטונג-אַקטיוויטעט — דעמאָלט קענען מיר אים תופס-זיין אַלס אַן אָפּלייט, אַ טראַנסמוטאַציע פון דעם פאַרגעשיכטלעכן געשלעכטער־קאַמף. און דער שיקזאַל און די ליניעס, לויט וועלכע דער געשלעכטער־קאַמף איז געפירט געוואָרן, קענען כמעט ווי דינען אַלס פאַראויסאָנדייטונג פון דער מערכה און רעזולטאַטן וועלכע ווען, און קענען, דעגרייכט ווערן דורך דעם קלאַסן-קאַמף.

די געשלעכטער אַנטאַגאַניזירן צווישן זיך. זיי פאַרהאַלטן זיך פיינטלעך איינער צום אַנדערן. עס קומט פאַר אַ קאַמף פאַר פּאָזיציע, פאַר הערשאַפט, פאַר העגעמאָניע, פאַר חשיבות אין ביאָלאָגיע און, פּשוט, אין סאָציאַלן לעבן, אין שטוב, אין גאַס. אין יעדן מאַנצביל ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ פּאָטענציעלער פאַרגוואַלטיקער. אָן דעם עלע־מענט פון 'פאַרגוואַלטיקונג', פון ווידערשטאַנד־בייקומען פאַרלירט זיך אַ גרויסער, דער גרעסטער טייל, פון פאַרקער־הנאה.

„וואָס שטרענגער זי האָט אַנטזאָגט, אַלץ מער אויפגערעגט איז ער געוואָרן מיט פערפעקטער פּאָטענץ" (3).

און די פּרוי איז דעם מאַנצבילס אַ „דם־שונא" פּאָטענציעל. די ליבע, די ליידנשאַפט דעקט עס בלויז צו, פאַרהוילט פון אויג דאָס, וואָס עס קומט פאַר אויפן דעק פון דער ווייבערישער נשמה. די געלוסטונג באַצווינגט די שנאה, איז גובר די פיינטשאַפט, אָבער עלי־מינירט עס ניט לחלוטין.

„ווען יהוה באַוויליגט די וועגן פון אַ מענטשן, ווערט אפילו זיין שונא מאַכן שלום מיט אים" (משלי ט"ז ז'). רבי יוחנן האָט גע־זאָגט: „זיין שונא" דאָס איז זיין ווייב" (ג).

די געשלעכטער זיינען אַנטאַגאַניסטיש געשטימט און סיטואירט. זיי זיינען אַנטקעגנגעזעצט. זיי געפינען זיך אין אַ שטענדיקן צו־שטאַנד פון כסדר'דיקן געראַנגל. דער געשלעכטער־קאַמף איז דער גאָר־ערשטער אָנהויב פון דעם האָריזאָנטאַלן קלאַסן־קאַמף, וועלכער טויכט אַרויף היפּש־שפּעטלעך, בשעת דער גענעראַציעס־געפעכט איז דער פּראָטאָטיפּ פון דעם אייגענעם קלאַסן־קאַמף אויפגעפאַסט ווער־טיקאַליש. דער געשלעכט פּירט אַדורך די ערשטע אַרבעט־צעטיילונג אויפן געביט פון "ביאָלאָגישער אינדוסטריע", פון "רעפּראָדוקטיווער עקאָנאָמיע", און, אַלס דעריוואַציע, אויך אויפן געביט פון סאָציאַלער פּראָדוקציע, פון דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אונטערנעמונג. דאָ אין דעם פעלד פון „טעכנישער" פּראַצע זעען מיר אַן אַרבעט־צעטיילונג לויט פאַכן, צום אָנהויב, און אין די פאַכן, נאָכדעם. די דאָזיקע צע־טיילונג שאַפט אַ צוריקצוזאַמענגעמונג, וועלכע, אין איר רייע, אַלס אַן אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענץ רופט אַרויס אַ סאָציאַלע אַרבעט־צעטיילונג, וועלכע איז ניט קיין צעטיילונג אין פּשוטן פּשט פון וואָרט, נייערט אַ גראַדירונג, אַ סטראַטיפיצירונג, אַ שיכטונג אויף העכער און נידעריקער, אַ שפּאַלטונג אויף אָנפירונג און אויספירונג, אויף דירעקטירונג און עקזעקוטיווירונג, אויף לייטונג און דורכזעצונג. און אַזוי אַרום ווערט דער סאָציאַלער „אָרגאַניזם" געשאַפן.

די געשלעכטער אַנטאַגאַניזירן. אָבער צו דער אייגענער צייט מוזן זיי ערנסט און געוויסנהאַפט קאָאָפּערירן אין דער רעפּראָדוקציע־טראַנסאַקציע, אַניט וואָלט די לעבנס־פּאַרטזעצונג, די פּאַרטפלאַנצונג פון דער מענטשלעכער ראַסע, ניט געקענט פּאַרקומען.

„די דיסטינקטיווע שטריכן פון דער מענטשלעכער גאַטונג זיינען . . . די פּראָלאָנגירטע אַסאָציאַציע פון דער נאָכקומענשאַפט אונטער דער מוטערלעכער פלעגונג . . . די פּריסטע מענטשלעכע געזאַמלען . . . זיינען ניט געווען קיין מאַניפעסטאַציעס פון די סעקסועלע אימפּולסן פון דעם זכר, נייערט פון די מאַטערנאַלע אינסטינקטן פון דער נקבה״ (3־א).

און דווקא דערפאַר, עפּעס ווי אויף צו להכעיס אַט-דעם פאַקט, וואָס די מוטער איז די באַשעפערין פון דער אינסטיטוציע, וועלכע הייסט געזעלשאַפט, הערשט אין דער געזעלשאַפט דער מאַנצבילטום און ניט דער פרויענטום. דאָס איז דער שווערסטער פאַרברעכן וועלכן די מענטשהייט, אין איר „ציוויליזירטן״ צושטאַנד, איז באַגאַנגען. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז ניט זייער פּאַסיק אַנצורופן אַ „פאַרברעכן״ דעם גאַנצן פּראָגרעס, דעם לאַנגן מאַרשרוט פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, וועלכע באַזירט זיך אויף אַ טאָפּלטער עקספּלואַטאַציע, אי פון דער ביאָלאָגישער אַרבעטאַרערין און אי פון דעם טעכנישן אַרבעטער, פון דער מוטערשאַפט און אַרבעטערשאַפט, מאַטריאַט און פּראָלעטאַריאַט.

די געשלעכטער אַנטאַגאַניזירן אויף אַ ביטערן אמת און אויך אויפצופלייסן, בכדי צו פאַרשטאַרקן דעם גענוס פון דער צוזאַמענקונפט. אָבער צו דער זעלביקער צייט מוזן זיי סאָלידאַריזירן אין דער אַקציע פון לעבנס־„פאַבריקאַציע״. אָן אַט־דער קאָלאַבאָראַציע וואָלט דער מענטשלעכער, און טיילוויז אויך דער אַנימאַלער, וועגעטאַציאָנעלער, רעפּראָדוקציע־פּראָצעס בשום אופן ניט געקענט קומען צו אַ פאַרווירקלעכונג. לכן, האָבן מיר דאָ צו טאָן ניט מיט אַ פּשוטער דערשיינונג, נאָר מיט אַ קאָמפּליצירטער. עס איז אי מלחמה אי פרידן, הן מחלוקת און הן איבערבעט, קעגנאַרבעטונג און מיטאַרבעטונג, אינטערעסן פאַנאַנדערפאַל און צוזאַמענפאַל.

דאָס אייגענע באַאָבאַכטן מיר אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, אין דער עקאָנאָמישער טעטיקייט. דאָרטן זיינען אויך פאַרטראָטן די צוויי עלעמענטן, אַזוי צו זאָגן, דאָס מענלעכע און ווייבלעכע: דער ריכטונג־געבנדיקער און דער אויספירנדיקער עלעמענט. דער באַפרוכפערנדיקער און געבוירנדיקער, דער אָרגאַניזירנדיקער און דער טו-

ענדיקער. און די שייכותן צווישן די צוויי אַגענטן, די צוויי כוחות זיינען אַ דופליקאַציע, אין אַ געוויסער מאָס, פון די געשלעכטער־שייכותן. עס איז אַ הילף און אַ שטער. עס איז מוטואַלע אַסיסטענץ און רעסיסטענץ. עס איז אַ פאַל פון סאָלידאַרן אַנטאַגאָניזם און אַנטאַגאָניסטישער סאָלידאַריטעט. די גאַנצעווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אונדזערע געפינט זיך אונטער דעם צייכן פון אַנטקעגנגעזעצטער הילף. עס איז קלאַסן־קאַמף און קלאַסן־פרידן, קלאַסן־צוזאַמענשטויסן און קלאַסן־קאָלאַבאָראַציעס אויף איין מאָל. און די אונטערשטרייכונג אָדער אַקצענטירונג פון איין עלעמענט, אַרויסלאָזנדיק פון אָנבאַטראַכט דעם צווייטן, שאַפט אַ פאַלשן באַגריף וועגן דעם ווירקלעכן פאַרהעלטנישן־בילד וועלכער ווערט דאָ געמאָלן. דער פראָדוצירער, אויף דעם געביט פון אינדוסטריעלער טעטיקייט, קען זיך ניט באַגיין אָן דעם אָרגאַניזירער, לייטער, דירעקטירער, פונקט ווי די רעפראָדוצירערין קען ניט אויסקומען און זיין פעולה׳דיק אָן דעם באַפרוכפערער, דעם מאַנצביל. דער פראָדוצירער־קלאַס מוז אָנקומען צום אָרגאַניזירער־קלאַס. ער קען אָן דעם לעצטן ניט פונקציאָנירן ווי געהעריק, סיידן אין גאָר אַ פרימיטיוון צושטאַנד פון עקאָנאָמישן הערמאַפראָדיטיזם אינדוסטריעלער אָפגעשטאַנענקייט. דער אָרגאַניזאַטאָרן־קלאַס, ווי ער זאָל זיך ניט שלייערן, ווי ער זאָל זיך ניט אָנרופן, וואָס פאַר אַ אידעאָלאָגיעס ער זאָל ניט פריידיקן, בלייבט כסדר און תמיד אונטער אַלע אומשטענדן, ווי אומגעשטאַלטעט זיי זאָלן ניט ווערן אין פאַרשיידענע היסטאָרישע עפּאָכן, דער אייגענער הערשנדיקער קלאַס. דער אָרגאַניזאַטאָרן־קלאַס, ניט דער אַרבעטער־קלאַס, מוז, לויט זיין עצם־מהות נאָך אַלס אַ „דירעקטירנדיקער טיפ״, שפילן די ערשטע פידל אין דעם עקאָנאָמישן אָרקעסטער, גענויער, זיין דער דיריגענט. און אַלע קליגונגען קעגן אָט־דעם שיקזאַלהאַפטן מצב וועלן זיין פון קליינעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן נוצן. דער צושטאַנד פון „עזר־כנגד״יקייט וועט אָנהאַלטן אַזוי לאַנג ביז אינדוסטריע אַלס אַזעלכע וועט בייגעקומען ווערן און, ממילא, וועט דער עקאָנאָמישער טעראַסן־בנין אַרונטערגעריסן ווערן אַלס אַן אַנשטאַלט, וועלכער איז געוואָרן איבעריק, אַריינגעפאַלן אין אַ פאַס פון אַנאַכראָניזם. אַלע פאַרזוכן צו עטאַבלירן אַ „מאַטריאַרכאַט״ אין פראָדוקציע, וועלכער טראָגט דעם טשיקאַוון נאָמען פון „דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט״ זיינען באמת אַ פאַרפירעניש, אַ פאַרבלענדעניש און זיינען פאַרדאַמט צו אַ דורכפאַל. „די דיקטאַטור פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון פראָלעטאַריאַט״ בלייבט ווי ביז אַהער אין קראַפט, בלויז די אָרגאַניזאַטאָרן אַלס קלאַס־פערזאָנעל בייטן זיך,

די מעטאָדן פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע ווערן אָנגעווענדט, ענדערן זיך. אָבער די עצם־אינסטיטוציע בלייבט שטיין און פונקציאָנירן אומגעשטערט אפילו כהוא־זה. דער מאַנצבילשער עלעמענט איז דער הערשנדיקער און בלייבט דער הערשנדיקער אומגעאַכט אַלע איבערקערעניש, וועלכע קומען פאָר, אָדער רעפאָרמען, וועלכע ווערן איינגעפירט. צוריק צו אַ „ווייבערישער מלוכה", צו אַ פּראָדוצירער אָדער פּראָדוצירערין־הערשאַפט וועט מען ניט גיין, וועט מען ניט קענען, ווען אפילו דער ווילן זאָל זיין, גיין. מ׳מוז גיין פאָראויס און ניט „השיבנו־נאַזאַד׳־צווען. פאָראויסגיין מיינט שאַפן אַ סינטעז, אַן אינטערקלאַסיזם, נאָך דעם מוסטער פון אָרגאַניזם, וועלכער איז אַלע מאָל, באמת, עפּעס אינטעראָרגאַנישעס, ד. ה., אַ פעדעראַציע, אַ קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע אָרגאַנען, וועלכע פאַראייניקן זיך אויף דעם יסוד פון סאָלידאַריטעט, וועלכער ווערט אָבער ניט תמיד אָפּגעהיט. און אויף וויפיל דער סאָלידאַריטעט געזעץ, דער „בונד" ווערט פאַרלעצט, אויף אַזויפיל איז דער אָרגאַניזם אין אַ סכנה פאַנאַנדערצופאַלן, קראַנק צו ווערן, און דערנאָך שטאַרבן, דעקאָמפּאָזירן.

די גרויע אַנטיקוויטעט איז געווען קאָנפראָנטירט מיט דעם געשלעכטער־פּראָבלעם, ווי די מאָדערניטעט מיט דעם קלאַסן־פּראָבלעם. און יהוה־חכמה אַלס אַן איך־ער־הייט־לערע, אַ סאָלידאַריטעט־דאָקטרינע האָט געגעבן איר אַנטגילטיקן ענטפער אויף אָט־דער וויכטיקסטער פראַגע פון אַלטערטום. אָט־דעם ענטפער קען מען געפינען אין די אידישע קלאַסיקער, אין זייער אויפפאַסונג און אויסטייטשונג פון די זכר־נקבה פאַרהעלטענישן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און דער ענטפער פון אונדזערע קלאַסיקער אין דעם גרויען אַמאָל פאַרמאָגט וואַלידיטעט פאַר דעם היינט־צו־טאָג.

„די פּרינציפּן פון דער אידישער עטיק, הגם אויסגעדריקט און פאָרמולירט אין פאַרהעלטניסמעסיק פּרימיטיוון אַלטערטום, זיינען גילטיק פאַר דער קאָמפּליצירטער קעגנוואַרט און צוקונפט.

„די פּרינציפּן פון דער אידישער עטיק האָבן געקראָגן זייער מעכטיקן אויסדרוק אין אידישע ווערק, וועלכע זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פאַרצייטנס, ווען דער אידישער און אָרומיקער לעבן איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק פשוט, מ׳קען אפילו זאָגן, באַרבאַריש, ווען די סאָציאַלע סביבה איז געווען, רעלאַטיוו קוקנדיק, איינפאַך, די אומשטענדן איינפאָלטיק, די שייכותן פון קאַסטע צו קאַסטע, שיכט צו שיכט, שבט צו שבט און פאָלק צו פאָלק זיינען געווען כמעט ווי ברוטאַל.

„אַט־די פּרינציפּן זיינען אָבער לויט אונדזער טיפסטער איבערצייגונג, פּאַסנדיק און אָנווענדבאַר, אין זייער פולער זאַפטיקייט און קרעפטיקייט, אַלס פורעמער פון אינדיווידועלן, אינטער־אינדיווידועלן און סאָציאַלן אויפפיר פון אונדזער צייט און זיי זיינען אימשטאַנד צו לייסטן גרויסע דינסטן אין דער צוגרייטונג פון דער צוקונפט, אין דער איינפירונג, מיט ווייניקער ווייטיק, שווערניש און געפּעכט, פון אַ מער ראַציאָנאַלער און מער עטישער אָרדנונג.

„דער ציבור־לעבן רוקט אַרויס קאָפּ־ברעכנדיקע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערן דרינגנדיק אַן ענטפער, ער שאַפט נייע סיטואַציעס, וועלכע מיט דעם גאַנג פון דער צייט ווערן אַלץ מער פאַרוויקלט און פאַרווירט, ער נייט אויס נייע יעראָגליפישע אוזאָרן אויף דעם געוועב פון די פאַרהעלטענישן וואָס קרייצן און איבערקרייצן זיך צווישן יחיד, גאַטונג און קאָסמאָס — מ׳דאַרף זיי קענען פאַנאַנדערשיפרירן. און פאַר דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט זיינען די יידיש-עטישע פּרינציפּן ווי אָנגעמאָסטן. זייער חשיבות אַלס סאָציאַל־פּאָליטישע ריכט־שנורן, ווענדונג־אָנצייגער, פּראָגרעס מיילשטיינער און פאַרשריפט דירעקטיוון איז, אין דעם משך פון די פאַרלאָפענע פאַר טויזנט יאָר, זינט זיי האָבן געפונען זייער עקספּרעסיע און פאָרמולירונג אין די יידישע אַלטערטום־קלאַסיקער, ניט געמינערט געוואָרן אפילו כהוא-זה" (ד׳).

ניט איין גרויס קדמונים־ציוויליזאציע, ניט איין פאַרצייטיק פאָלק איז אונטערגעגאנגען מחמת דעם געשלעכטער־קאַמף. און די זעלביקע סכנה פון פאַרדאַרבונג און פאַרשניידונג ליגט אין דעם היינטיקן צעבורשעוועטן קלאַסן־קריג. פעלקער, שבטים זיינען רואינירט געוואָרן צוליב דעם געשלעכטער־געשלעג, און נאַציאָנען וועלן אומקומען צוליב דעם פעלערהאפטן פאַרשטיין פון די קלאַסן־שייכות׳ן. זיי, די פאַרפירטע און פאַרווירטע פעלקער, לעשן פייער מיט פייער. פון קלאַסן־קאַמף לויפן זיי צום פעלקער־קריג. זיי זעען די וועלט, די מענטשהייט אלס אן ארענא פון שטענדיקע מלחמות, פון אייביקע הריגות, בשעת יהוה־חכמה האָט געזען אומעטום און אין אַלץ אן אייניקייט, א שלום־סיסטעם, א פרידלעך צוזאַמענלעבן. און אַט־דער פּאַציפיסטישער מאָניזם, די קווינטעסענץ פון יהוה־קלוגשאפט, איז בייגעשטאַנען דער אידנשאפט אין גאָר גרויען פאַרצייטנס. און די אידישע פאָרמאַציע, דער אידישער ציבור האָט זיך, אַ דאַנק אָ־דער סאָלידאַריטעט־אויפפאַסונג, אויפבאווארט און דורכגעמאַכט בשלום דעם סיום פון פּרעהיסטאָריע, און ניט אויסגעהויכט זיין נשמה אויף דעם שוועל פון דעם געשיכטע־פּאַלאַץ, ווי טויזנטער אנדערע

שבטים־קערפּערשאפטן האָבן געטאָן. דער סוף פון פרעהיסטאָריע איז א גרויסער ברייטער בית־עלמין. אַן אַ שיעור שטומע 'פּה-נטמן'ס געפינען זיך דאָרטן, א סך קברים אָן אויפשריפטן־געדעכענישן, אָן מעמאָריאַל־מאָנומענטן אָדער פּליטעס. דער אידישער פּאַרצייטיקער אָרגאַנגאַט האָט איבערגעלעבט דעם קריזיס, דעם שווערן מסוכנ'דיקן איבערגאַנג פון פּרע־היסטאָריע צו היסטאָריע, פון פּרימיטיוון שטייגער צו ציוויליזאַציע, א דאַנק דעם אידישן פרידלעכן מענטש־וועלט־געפיל, און, הויפּטזעכלעך, פשרה־מאכנדיקער פּרוי־מאַן פּארהעלטעניש, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אויף דעם זעלביקן יסוד פון העכערער הארמאָניע, פון טיפערער סאָלי־דאַריטעט וועלכע איז גובר דעם איבערפּלאַך־אַנטאַגאָניזם.

דער „עזר־כנגדו“ איז ניט גלאַט אזוי זיך אַ ווערטל, וועלכער האָט זיך צופעליקערהייט, ניט־ווילנדיק און ניט־טראַכטנדיק, ארויסגעכאַפּט פון מויל און פּען פון פּאַרצייטיקן אידישן אידעאָלאָג, מיטאָס־שאַפער, סאגע־דערציילער און איבערדערציילער. אָט די קורצע פּראָזע אַנטהאַלט אין זיך אַ גאַנצע סיסטעם פון וועלט און געזעלשאפט־באַנעם.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אַביסל מער באַריכות אויף דעם קעגנשטאנד. אָן דעם באַגריף ווי דאָס געשלעכטער־פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן אין גרויען אידישן אַלטערטום, קען מען ניט משיג־זיין דעם פּארנעם און פּאַרטיף פון יהוה־חכמה. אָט־די לייזונג שטעלט פאָר מיט זיך עפּעס פונדאַמענטאַלעס. ווי מ'קען ניט באַנעמען די היינטיקע צייט און וואָס דאָ קומט פאָר, אויב מ'איגנאָרירט דעם קלאַסן־צוזאַמענשטויס פענאָמען, אזוי קען מען ניט תופס־זיין די קדמונים־צייט אָן דעם געשלעכטער־געראַנגל, וועלכער האָט זיך אומבאַדינגט געמוזט אָפּשפּיגלען אין די אידעאָלאָגיעס פון יענע גרויע מרחקים'דיקע עפּאָכן. און דער אידישער מיטאָס געהערט צו די גאָר ראשית'דיקע ספּעקולאַטיווע שאַפונגען, און דאָס געשלעכטער־פּראָבלעם האָט אין אים געקראָגן זיין באַגרינדונג און לייזונג.

און אָט־דער ענטפער וועט אונדז דינען אלס שליסל אָפּצושליסן מיט אים דעם שווערן שלאָס פון קלאַסן־קאַמף, וועלכער העגנט אויף דער טיר פון אונדזער צייט.

מיר וועלן זיך אביסל טיפער אריינטראַכטן אין דער פּראַגע פון קלאַסן־צעשפּאַלטונג. הגם דאָס וועט אונדז, לכאורה, אָפּפירן אָן־אַ־זייט פון אונדזער הויפּט־מאַרשרוט. אָבער די דאָזיקע אָפּווייכונג פון דרך־המלך וועט אונדז שטאַרק צונוץ־קומען, ווען מיר וועלן זיך צוריק פּארקירעווען אויף דעם ברייטן שליאַך און נעמען באַהאַנדלען דעם

עיקר־יסוד פון יהוה־חכמה, וועלכער איז דער שלום־זייל, דער אוניווער־סאַלער „אינטעריזם״, דער „אלהים״, וועלכער האַלט דעם גאַנצן גראַנ־דיעזן בנין פון עגאָסאָפיע, פון אידישקייט.

ב.

## נאַציאָנען שאָוויניזם און קלאַסן־שאָוויניזם

„די צוקונפט־מאַכט וועט זיך געפינען אין די הענט פון אינגאַנצן א נייעם קלאַס, וועלכער וועט ניט זיין ענלעך צו דעם איצטער עקזיס־טירנדיקן. יענער קלאַס וועט זיין צוזאַמענגעשטעלט פון מיטגלידער וועלכע קומען ארויס, לויט זייערע קוואַליפיקאַציעס, פון אַלע שיכטן פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט״. 4)

ביי ראַדיקאַלן איז עס אַן אַקסיאָמע, אַז נאַציאָנאַליזם־שאָוויניזם איז ניט די אידעאָלאָגיע פון דער נאַציאָן אַלס אַ גאַנצער, נאָר עס איז אַ לערע און שטימונג וועלכע איז געשאַפן פון א הערשנדיקער קאַסטע. די לעצטע מיסברויכט די נאַציאָנאַלע דאָקטרין און פלייסט זיך צו־צודעקן מיט איר די מעשים תעתועים, די פּריווילעגיעס און רויבעריי פון אָט דער קליינער מינאָריטעט.

לויט אונזער פאַרשטיין נאָך איז ניט ווייניקער אמת, — הגם עס איז ניט אזוי באַקאַנט און כמעט ווי אינגאַנצן איגנאָרירט פון די ראַדיקאַלע אינטעלעקטועלן — אַז קלאַסן־ פּאַטריאָטיזם דינט אויך ניט מער ווי אלס אַ שלייער. מיט דעם קלאַסן־שאָוויניזם דעקט מען צו די מאַכינאַציעס פון אַ דאָמינירנדיקער גרופּע וועלכע מיסברויכט די קלאַסן־לערע. די דאָמינירנדיקע גרופּע געהערט קלאָמפערשט טיילוויז צו דעם זעלביקן קלאַס, אָבער ס׳רוב ווערט זי אפילו קאָמפּאָזירט פון אינדיווידן וועלכע האָבן קיינמאָל ניט באַלאַנגט צו דעם קלאַס וועלכן זיי שטעלן פאַר לפנים־וועגן.

„ווען מענטשן ווערן דאָס וואָס מ׳רופט אַן קלאַסן־באַוואוסטזיניק... פאַלן זיי אריין אין די טעות׳ן פון אַן איינגן פּאַטריאָטיזם. פונדאַמענטאַל גענומען, איז עס די קאָנסערוואַטיווע לערע מכוח דער וויכטיקייט פון דעם שמאַלן פּאַטריאָטיזם... א נאַציאָנאַליזם וואָס ווערט משוגע, און ווערט פאַרוואַנדלט אין א „הייליקן עגאָאיזם״, איז א געפאַר פאַר דער גע־זעלשאַפט... ענלעכערוויז... קען קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט זייער גרינג

דעגענערירט ווערן, און עס באַקומט זיך אַ צושטאַנד, ווען די שנאה צו די מיטגלידער פון אַנדערע קלאַסן וועגט אריבער די ליבשאַפט צו די מיטגלידער פון אייגענעם קלאַס״.5)

שנאה צו מיטגלידער פון אַנדערע קלאַסן, דאָס איז אַ קליינקייט אין פאַרגלייך מיט דער הויפּט צרה וועלכע באשטייט אין דעם, וואָס דער סאַמע קלאַסן־פּאַטריאָטיזם ווערט געשאַפן און פאַרשפּרייט פון פּראָספּעקטיווע קלאַסן־הערשער, פון מיטגלידער פון א שונא־קלאַס, פאַר וועמען קלאַסן־שאָוויניזם איז בלויז א פּרעלודיע פאַר קלאַסן־דאָמינאַציע, קלאַסן־פאַרשקלאַפונג. די קלאַסן־פּאַטריאָטן בשעת זייריידן אין נאָמען פון קלאַס האָבן זיי באמת אין זינען זייערע אייגענע גרופּען־אינטערעסן, וועלכע גייען צייטנווייז קעגן די אינטערעסן פון דעם קלאַס אַלס א גאַנצן.

מירן געבן דאָס וואָרט דעם פראַנצויזישן טעאָרעטיק פון ׳סינדי־קאַליזם׳:

„אַט די צוקינפטיקע שררות פון דער וועלט טראַגן זיך ארום מיט דעם געדאַנק, אַז זיי וועלן רעפּראָדוצירן די געשיכטע פון דעם מיטל־קלאַס פאַרס, און זיי אָרגאַניזירן זיך אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי זאָלן אימשטאַנד זיין צו ציען די גרעסטע פּראָפיטן פון דער רעוואָלוציע. אַ היבשע צאָל פון די דאָזיקע לייט וועלן געפינען פאַר זיך אַ פּלאַץ אין דער נייער יעראַרכיע.״ (6)

סארעל קומט גאַנץ נאָענט צו צום אמת. ער האָט אָבער קיין מוט ניט אים אריינצוקוקן אין פּנים אריין... ווייל צו זען דעם גאַנצן אמת, צו באגרייפן די פּאָטאַליטעט פון דער דאָזיקער דערשיינונג וואָלט מיינען תופס צו זיין אויף אַמאָל די נישטיקייט פון די מיטלען מיט וועלכע סארעל האָט זיך פאַרנומען צו קורירן די קראנקהייט...

סארעל רעדט וועגן א פאַרס. דאָס איז שוין גאָר קיין פאַרס ניט. דאָס איז גיכער א טראַגעדיע. סאָרעל, אין זיין געבענטשטער נאַאיוו־קייט, מיינט אז דאָס קען מען אויסמיידן, און אויב אזוי איז דאָ פאַראַן אַ שולדיקער, און ער זוכט אים אויס, אַט־דעם פּאַסקודנעם נפש און ער נאָגלט אים צו. און ער פּילט זיך באַפרידיקט. ער האָט דעם „פאַר־דאָרבענעם״ צוקונפט־שררה, וועלכער גאַרט צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין דער צוקינפטיקער יעראַרכיע, פאַרניכטעט, דערהרגעט אים מיטן שם־המפורש פון זיין שאַרפן וואָרט. סארעל וויל ניט אויפפּאַסן די סאָציאָלאָגישע וויכטיקייט פון אַט־דער דערשיינונג פון שררהשאַפט, און דעריבער באַהאַנדלט ער דאָס פּראָבלעם אויבערפלעכלעך, פּאָלעמיש, באַשולדיקט א פּראַקציע, אַ באַשטימטע ריכטונג. סארעל פאַרוואַרפט

דעם פּאַרלאַמענטאַרישן סאָציאַליזם. ער וויל איינפירן די אַנטי־פּאַר־לאַמענטאַרישע וואַריאַיטעט פון סאָציאַליזם. עפּעס ווי די לעצטע וואַלט געקענט געבן אַ גאַראַנטיע, אַז אַ היבשע צאָל פון אָט־די לייט וועט ניט געפינען קיין פּלאַץ אין דער נייער יעראַרכיע. אפנים יעראַרכיעס קענען זיך ניט באַגיין אָן פּאַרלאַמענטאַריזם! אַ פּאַרלאַמענט איז די איינציקע טיר דורך וועלכער א יעראַרכיע, אַן אַריסטאָקראַטיע טרעט אריין. דאָס איז אַביסל צופיל געזינדיקט קעגן דער גאַנצער געשיכטע. אידער מ׳האָט נאָך געחלומט וועגן פּאַרלאַמענטן זיינען שוין יעראַרכיעס געווען און פונקציאָנירט.

אַ סך טיפער פאַסט אויף די דערשיינונג הענרי דע מאַן. כאָטש אויך ער וויל ניט איינזען די גאַנצע חשיבות פון דעם, און ער איז אומווילק צו ציען שליסע פון זיינע אייגענע באַהויפּטונגען. דאָס באַווייזט אונז, אז ער זאָגט מער ווי ער האָט בכוונה געהאַט צו זאָגן.

„דאָס פּראָבלעם פון די פירער און די געפירטע איז, אין אָט־די קאָמפּליצירטע אָרגאַניזאַציעס, געוואָרן א סאָציאָלאָגישעס פּראָבלעם, היינט־צו־טאָג באַמערקן מיר א נייע סאָציאַלע סטראַטיפיקאַציע, די גע־בורט פון אַ נייעם סאָציאָלאָגישן קלאַס, דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער פּראָפעסיאָנעלער ספּעציאַליזאַציע פון פּאַרטיי־פירערשאַפט־פונקציעס... די סאָציאַלע דיפערענציאַציע צווישן די פירער און די מאַסן איז אַן אומפאַרמיידלעכער פועל־יוצא פון אָט־דער עוואָלוציע, און עס איז אומ־לאָגיש אויפצוואַרפן די פירער מיט דאָס וואָס זיי זיינען.“ (7)

אַ סאָציאָלאָגישעס פּראָבלעם פון דעם אויפטויכן פון אַ נייעם קלאַס פון הערשער קען מען ניט אָפּשפּרעכן, מ׳קען עס אויך ניט פאַררעדן. און פאַרשווייגן עס וואָלט אויך געקענט אויפטאָן זייער ווייניק.

נאָך מער, וואָס אָט־דער נייער טיפּ פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָר־גאַניזאַטאָרן זיינען עס די יעניקע, וועלכע שאַפן און באַאַרבעטן און פאַרשפּרייטן די קלאַסן־אידעאָלאָגיע צווישן די מאַסן, און מיט דעם גע־ווינען זיי טאַקע זייערע סימפּאַטיעס.

„די סאָציאַליסטישע לערן, פון מאַרקס און ענגעלס ניט אויסגע־שלאָסן, נעמען זיך פון אַנדערע קוואַלן ווי די קלאַסן־אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט... זיי פאַרשפּרייטן זיך פון אויבן אַרונטער, ניט פון אונטן אַרויף צו. צווישן די גרויסע דענקער און די פייערדיקע ענטוזיאַסטן, וועלכע זיינען געווען די פּיאָנערן אין דעם פעלד פון סאָציאַליסטישער טעאָריע, קען מען כמעט קיין איין פּראָלעטאַריער ניט אָנרופן. מ׳קען זיך וועגן דעם ניט האַמפּערן. סאָציאַליזם, כאָטש אין משך פון צייט איז ער געוואָרן דער אָביעקטיוו פון דער ארבעטער־באַוועגונג און ער

באַזאָרגט די באַוועגונג מיט א פּראָגראַם, — איז , היסטאָריש באַאָב־אַכטעט, ניט אזויפיל א דאָקטרין פון דעם פּראָלעטאַריאַט ווי א דאָקטרין פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט... מיר מוזן אויך נעמען אין אַנבאַטראַכט, ניט נאָר זיין אַלגעמיינעם הינטערגרונט, נאָר אויך זיין אינדיווידועל עקאָ־נאָמישע און סאָציאַלע פּאָזיציע וועלכע, למשל, איז בורזשואַז סיי אין מאַרקס פאַל, וועלכער איז געווען א אוניווערסיטעט־טרענירטער און איז געווען באַשטימט פאַר אַן אַקאַדעמישער קאַריערע, סיי אין אווען'ס פאַל, וועלכער איז געווען א אייגנטימער פון א פאַבריק ; סיי אין סען־סימאָנס פאַל וועלכער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט." (8)

גאַנץ נאַטירלעך וואָס די אָרגאַניזירנדיקע גרופּע צווישן דעם פּראָ־לעטאַרישן קלאַס זאָלן זיך פאַרנעמען אויך מיט אידעאָלאָגישער אָרגאַני־זאַציע. און וואָס מיינט שאַפן א לערע ? דאָס מיינט דאָך אָרגאַניזירן געוויסע באַלויכטונגען פון פאַקטן און אָרגאַניזירן די מוחות אזוי, אז זיי זאָלן אויפפאַסן סיי די פאַקטן און סיי די באַלויכטונגען אויף א באַ־שטימטן שטייגער.

„מ'זאָגט אונז, אז די בורזשואַזע און אַריסטאָקראַטישע פּיאָנערן צווישן די פאַרשפּרייטער פון די סאָציאַליסטישע אידעאַלן זיינען געווען בלויז די אויסנאַם פון דער רעגל, אז די סאָציאַליסטישע דאָקטרינע איז פון פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם — בשעת באמת ווייזן די פאַקטן קלאָר געננוג, אַז די דאָזיגע „בורזשואַזע אויסנאַמען" זיינען באמת די רעגל." (9)

עס איז ניטאָ וואָס זיך צו חדושן איבער דעם, וואָס דער סאָציאַליזם שטאַמט פון „אַריסטאָקראַטישן" יחוס. פּונקט פאַרקערט, ווען ער וואָלט געהאַט געשטאַמט פון אָרימע און אומוויסנדע אַרבעטער, דעמאָלט וואָלט עס געווען א רעטעניש פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד און פאַרן דענקער, וועלכער איז באַהאַוונט אין סאָציאָלאָגישע און אידעאָלאָגישע ענינים. ווי די זאַך איז — איז עס נאַטירלעך, און עס איז גאַנץ שווערלעך זיך פאַרצושטעלן ווי אזוי דאָס האָט געקענט זיין אַנדערש. סאָציאַליזם אלס אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע לערע האָט ניט געקענט ארויסוואַקסן אָרגאַניש פון דעם געמיט און צושטאַנד פון אַרבעטער־קלאַס. מחמת סאָציאַליזם אין זיינע פאָדערונגען פאַרניינט דאָך אפילו די קאַפּיטאַליסטישע פאָרמע פון פּראָדוקציע, און לייגט פאָר א פּלאַנירטע עקאָנאָמיק אויף א נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. שטעלט זיך פאָר, אז וויבאַלד אפילו קאַפּיטאַליזם האָט גע־שאַפן אַ ספּעציעלן קלאַס וועלכער פאַרנעמט זיך מיט דער פונקציע פון פאַרוואַלטן די אינדוסטריע, הייַנט א פשיטא שוין אזא קאָמפּליצירטע פאָרמע וועלכע ליגט אויף יענער זייט פון קאַפּיטאַליזם און פאָדערט א סך גרעסערע און בעסערע אָרגאַניזירנדיקע טאַלאַנטן, וועט דאָך אודאי

מוזן ארויסרופן א נייעם דיריגירנדיקן קלאַס, וועלכער וועט פאַרנעמען די אוואַנסצענע פון דער געשיכטע.

און ווי אַזוי האָט אַזאַ סכעמע פון אַ פּלאַנירטערווירטשאַפט גאָר געקענט ארויסוואַקסן אויפן מאָגערן באָדן פון ריינער פּראָלעטאַרישער פסיכאָלאָגיע. פּראָלעטאַרישע לעבנס־שטייגערס און ארבעט־קוואַליפי־קאַציעס האָבן ניט געקענט פאַרמאָגן אַזאַ וואַגזאַמען שוואונג.

סאָציאַליזם פאַרקערפּערט אין זיך די פּלאַם־פייערדיקע אמביציעס, און אין אַנדערע לענדער, אויך די היסטאָרישע מיסיע, פון א נייעם אויפּטויכענדיקן הערשער־קלאַס. און מיט דעם דערקלערט זיך די לכתחילה מאָדנע דערשיינונג, וואָס מיטגלידער פון די געוועזענע הער־שנדיקע שיכטן ווי אויך פון די איצטער אַנפירנדיקע גרופּן פאַרנעמען זיך, מיט אַזאַ חשק, מיט דער באַארבעטונג און פּראָפּאַגאַנדירונג פון די סאָציאַליסטישע אַנשויאונגען און לערן. איבערן אָפּגרונט פון דער קעגנוואַרט גיבן זיך אָפּ שלום־עליכם מיט א פריינדלעכן האַנט־דריקן די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט פון קלאַסן־הערשאַפט...

און דאָס מאַכט קלאָר דעם באַדייט פון קלאַסן־שאָוויניזם וועלכער איז מיט אַזאַ התמדה קולטיווירט געוואָרן פאַר די לעצטע פופציק יאָר.

ג.

# פויערים און ארבעטער — אַ היסטאָרישער פּאַראַלעל

די פּראָלעטאַריער פון אונזער צייט, א גרויסער טייל פון זיי, מאַכן דעם אייגענעם טעות, וועלכן די פויערים האָבן געמאַכט איין יאָרהונ־דערט, צוויי יאָרהונדערט צוריק. דער טעות באַשטייט אין דעם וואָס זיי קעמפן פאַר דעם איינפיר פון אַן אָרדנונג, וועלכע וועט זיי קיין גוטס ניט טאָן, נאָר גיכער שלעכטס. שטאַט־קאַפּיטאַליזם, אָדער לאָמיר עס אָנרופן מלוכה־סאָציאַליזם, די אָנרופעניש וועט קיין אונטערשייד ניט מאַכן אין עצם באַגריף און איינשטעל — וועט אָפּשוואַכן די אזוי אויך שוואַכע און צרהדיקע פּאָזיציע פון די ארבעטער־מאַסן. יע, זיי באַגייען אַ פאַטאַל־היסטאָרישן פעלער. אָבער עס איז נאַטירלעך, אז זיי זאָלן באַגיין אזעלכע פעלערן. וואָרים דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פון מאַסן־פסיכאָלאָגיע איז דאָס, וואָס די מאַסן זיינען כסדר גרייט און

וויליג זיך צו לאָזן פאַרפירן, זיך לאָזן אויסגענוצט ווערן. ווי זאָגט דער שפּרוך ? דער עולם האָט ליב אז מ׳זאָל אים אָפּנאַרן. דער המון־עם איז זיך, פשוט, מחייה ווען ער דערפילט אז „מ׳עקספּלואַטירט״ אים סאָ־ציאַלאָגיש, ווען ער קריגט א געלעגנהייט צו דינען און זיך קיינמאָל ניט אויסדינען...

„עס איז טשיקאַווע וואָס אין אלע דריי בורזשואַזע אויפשטאַנדן האָט דער פויערטום געליפערט די ארמיי, וועלכע האָט זיך באמת געשלאָגן. און דער פויערטום איז געווען דער יעניקער קלאַס, וועלכער איז רואי־נירט געוואָרן פון די עקאָנאָמישע קאָנסעקווענצן פון דעם אָפּגעהאַל־טענעם נצחון. א הונדערט יאָר נאָך קראָמוועלן, זיינען די פרייבאַזיצער פון ענגלאנד כמעט אינגאנצן פארשוואונדן געוואָרן. יעדנפאלס, ווען ניט די פרייבאַזיצער און דער פלעבייאישער עלעמענט אין די שטעט וואָלט דאָך די בורזשואַזיע אליין קיינמאָל ניט דערפירט דעם קאַמף צו א גמר״. (10)

יע, אזוי איז עס שוין. די געשיכטע ווידערהאָלט זיך. און צוליב די ווידערהאָלונגען הערט זי אויף צו זיין „טשיקאַווע״, זי פאַרלירט איר פּיקאַנטקייט, זי ווערט באַנאַל, וואָכעדיק, שטייגערדיק. די „קוריאָ־זיטעטן״ פון דער געשיכטע זיינען אזוי אַלט ווי די געשיכטע אליין, וועלכע האָט אַ לאַנגע גרויע באָרד.

„וואָס פאַר אַ פאַרנאַרטע שוטים זיינען עס געווען א גרויסער טייל פון דער מענטשהייט. זיי האָבן זיך געלאָזט הרגענען פאַר זאַכן, וועלכע זיי וואָלטן געהאַסט פון טיפסטן האַרצן, ווען זיי וואָלטן נאָר געוואָר גע־וואָרן, וואָס זיי זיינען באמת... עס איז אַ ביטערער שיקזאַל צו שטאַרבן דערפאַר, פאַר וואָס אַ מענטש דאַרף ניט קעמפן ; דאָך זיינען דאָ ווייניק קעמפער, וועלכע מ׳האָט אריינגעלייגט אין א ערן קבר אונטער בעסערע אומשטענדן״. (11)

דער ציטירטער אויטאָר רעדט וועגן איינצלנע מענטשן און זייערע פאַרהעלטנישן. בשעת מיר באַהאַנדלען די דאָזיקע דערשיינונג פון שטאַנדפונקט פון קלאַסן און זייערע פאַרווירטע באַציאונגען און פאַר־פלאָנטערטע שייכותן. איבערפראַזירנדיק אים וואָלטן מיר זאָגן : „דאָך זיינען דאָ גאַנץ ווינציק רעוואָלוציאָנערן, וועלכע מ׳האָט אריינגעלייגט אין אן ערן־קבר אונטער בעסערע אומשטענדן״, ווי דערהרגעט צו ווערן פאַר דאָס, וואָס איז קווידער זייערע פאַרשטעלונגען, וועלכע זיי האָבן זיך געשאַפן בשעת זיי האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס.

און עס איז גאַנץ „נאַטירלעך״ וואָס דער ארבעטער־קלאַס, וועלכער ווערט פאַרפירט פון פּראָפּאַגאַנדיסטן, קעמפט איצט פאַר דעם אויפקום

פון א נייעם הערשער, קעמפט פאר דער עטאבלירונג פון דער דאָמינאציע פון דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישן אָרגאַניזאַטאָרישן טיפּ. די ארבעטער, בשעת זיי באַקעמפן די בורזשואזיע, „שלאָגן די שונאים פון זייערע שונאים", מיר געברויכן מארקס זייער חריפישן אויסדרוק. די ארבעטער, אין אַנדערע לענדער, שלאָגן זיך ווי העלדן, אָבער ניט פאר זייערע אייגענע אינטערעסן... זיי פירן אַן אַ קאַמף קעגן דער בורזשואזיע, וועלכע איז אַ קלאַסן־שונא פון זייערע שונאים, פון די שונאים, וועלכע גילטן לעת־עתה פאַר זייערע גוטע פריינט; און דאָס זיינען די אויפ־קומענדיקע שררות, די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע זיינען טויט־פיינט פון דער בורזשואזיע דערפאַר, ווייל זיי פאַרגינען איר ניט דאָס רעכט און די פּריווילעגיעס, וועלכע זי ציט פון איר מעמד אַלס א הערשענדיקן עקספּלואַטירנדיקן קלאַס. זיי וואָלטן שטאַרק וועלן פאַרנעמען די פּאָזיציעס, וועלכע די בורזשואזיע האַלט אַן, הגם זיי וועלן עס דאַרפן טאָן אויף אַ נייעם שטייגער, אונטער א געאַנדערשטן מאָדוס פון פּראָדוקציע און דיסטריבוציע.

אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט לייענען מיר:

„אויף אַט דער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, קעמפן ניט די פּראָלע־טאַריער קעגן זייערע אייגענע שונאים, נאָר זיי באַקעמפן די שונאים פון זייערע שונאים, די רעשטלעך פון דער אבסאָלוטער מאָנאַרכיע, די גוטבאַזיצער, די ניט־אינדוסטריעלע בורזשואזיע, דעם קליין־בירגער־טום. אויף אַזאַ שטייגער ווערט דער גאַנצער היסטאָרישער גאַנג קאָנ־צענטרירט אין די הענט פון די בורזשואזיע, יעדער נצחון וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן איז א נצחון פאר דער בורזשואזיע." (12)

מאַרקס שרייבט:

„די ארבעטער ווייסן אז דער אָפּשאַף פון די בורזשואזע אייגנטום־פאַרהעלטענישן קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן דורך אַן אויפהאַלט פון די פעאָדאַלע באַדינגונגען. זיי ווייסן אז זייער אייגענער קאַמף קעגן דער בורזשואזיע קען ניט קומען צו א דערפאָלגרייכן סוף איידער די בורזשו־אַזיע וועט ניט ווערן זיגרייך... זיי דאַרפן און מוזן אקצעפּטירן די בור־זשואזיע רעוואָלוציע ווי איינע פון די וועזנטלעכע באַדינגונגען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע". (13)

צייט די דאָזיקע שורות זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, האָבן די פּראָ־לעטאַריער געמאַכט „גרויסן פּאָרטשריט"... זיי זיינען שוין מער ניט פאַר־נומען מיטן באַקעמפן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע פון די קעניגן, נייערט די רעלאַטיווע מאָנאַרכיע פון מאַממאָן. אָבער ווי פאַר דעם אזוי אויך איצט קעמפן די ארבעטער ניט פאר זייערע אינטערעסן... פאַר דעם האָבן

זיי געדאַרפט און געמוזט אקצעפטירן, לויט די עצה וואָס מארקס גיט זיי, די בורזשואזע רעוואָלוציע, און איצטער, ווען מען געברויכט די־זעלביקע לאָגיק, וועלן זיי זיין געצוואונגען — דורך די אומשטענדן און, איבערהויפט, צוליב זייער אומוויסנהייט און אומפאַרשטאַנד וועלכן זיי ווייזן ארויס פאר סאָציאלאָגישע דערשיינונגען און צווישן־קלאַסן־פאַר־העלטנישן — צו אַקצעפטירן די קאָמיסאַרן־רעוואָלוציע, וועלכע, צוליב א מיספארשטענדניש, ווערט אָנגערופן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אָדער די פראָלעטארישע רעוואָלוציע; זי איז אָבער באמת די רעוואָלוציע פון די פאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן.

און וואָס איז פיל טרויעריקער זיי אקצעפטירן אויך די פאַשיסטישע און נאַציסטישע איבערקערענישן־פאַרקערענישן.

אַט אַזוי ווערן די מאַסן געשליידערט אין כף־הקלע פון דער גע-שיכטע, זיי ווערן אַפגעשיקט פון פעריאָד צו פעריאָד, פון איבערקע־רעניש צו איבערקערעניש. „זיי מוזן און דארפן אַקצעפטירן די בור־זשואַזע רעוואָלוציע", די רעוואָלוציע פון זייערע עקאָנאָמישע אָרגאַני־זאַטאָרן אַלס איינע פון די וועזנטלעכע באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציע פון זייער פאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע הייסט אויף אָפּנאַר־לשון, אָדער תמימות־שפראַך, די פראָלעטארישע רעוואָלוציע.

און די אַרבעטנדיקע מאַסן וועלן קיינמאָל זיך ניט אויסקלייבן, ניט זיי וועלן צייט האָבן, ניט זיי וועלן א געלעגנהייט קריגן, איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל זיך א נעם טאָן, זיך א כוח אָנטאָן, און פרובירן פאַר־טיידיקן זייערע אייגענע אינטערעסן, פרובירן שמידן זייער אייגענעם שיקזאַל, דעם שיקזאַל פון זייער אייגענעם קלאַס. אפנים אז זיי קווען אָן פון זייער אייגענער זעלבסט־פאַרלייקענונג, זעלבסט־פאַרפרעמדונג. זיי וויכן פון קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט, ווען עס באַטייט געוואַר־ווערונג פון זייערע אייגענע קלאַסן־פאָזיציעס און קלאַסן־אינטערעסן אין קעגנזאַץ סיי צו די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע הייסן קאַפּיטאַליסטן, סיי צו די פאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע הייסן קאָמיסאַרן, אין רוסלאַנד, און וועלן מסתמא האָבן ענלעכע אָדער ניט ענלעכע נעמען אין אַנדערע לענדער. זיי האַלטן אין איין פאַרזאָרגן די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע, פאַר די אַפּוטרופּוסים פון וועלכער מ'האָט זיי קלאַמפערשט געמאַכט. באמת מיינט עס, אַז מ'האָט זיי ווי פארכישופט, פאַרהיפּנאָ־טיזירט און איינגעשמועסט, אז זיי זיינען מחוייב זיך אויפצואפערן פאַר דער גדולה און הערשאַפט פון דעם נייעם אויפטויכנדיקן קלאַס פון פּראָלעטאַרישע פּריצים, די אדונים־גדולים פון ארבעט, די שאַלטער און וואַלטער פון פּראַצע, די פאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע

שטעלן פאַר פאַר זיי די גאַנצע געזעלשאַפט, דעם סך־הכל פון דער פּראָ־גרעסיווער מענטשהייט, איר צוקונפט און גרויסקייט, איר אידעאַלע גע־שטאַלט.

מיר באַאָבאַכטן דאָ אַ היסטאָרישע פּאַרבלענדעניש וועלכע קומט פאָר אין דער געשיכטע ניט דאָס ערשטע מאָל, און, אפשר, אויך ניט דאָס לעצטע מאָל, און קלאָגן זיך אויף דער געשיכטע איז ניט קיין דאַנקבאַרע אָדער פרוכטבאַרע ארבעט.

די געזעלשאַפט נעמט זיך, פאַר אונזערע אויגן, אויף־דאָס־ניי שפּאַלטן אין די וועלכע פּראָצעווען און די וועלכע אָרגאַניזירן דעם פּראָצעס פון דער פּראָצע. די וואָס אַרבעטן אָרגאַניזירן ניט די אַרבעט, און די וואָס אָרגאַניזירן די אַרבעט אַרבעטן ניט, ד. ה. באַטייליקן זיך ניט דירעקט אין פּראָצעס פון אַרבעט, זיי טוען עס דורך אַ פאַרמיטלונג, דורך דער מעדיאַציע פון די וועלכע באַטייליקן זיך יע דירעקט אין פשוטן פּראָצעס פון ארבעט.

מיט איין וואָרט, אין סאָציאַלן איינשטעל נעמען זיך אויסשניידן טעראַסן, נעמען זיך ווייזן טרעפּלעך אויבערשטע און אונטערשטע. און עס איז ניטאָ אַזאַ געזעלשאַפטלעך רעוואָלוציאָנערער כח אויף דער וועלט, וועלכער זאָל זיין ביכולת אָפּצושאַפן אָט־די אומווינטשנסווערטע, פון א געוויסן שטאַנדפּונקט, אָבער פאַרט נאָרמאַלע סטראַטיפיקאַציע.

## ד.

# ווער אָרגאַניזירט דעם אַרבעטער־קלאַס?

אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט לייענען מיר:

„אויב זיי (די ארבעטער) פאַראייניקן זיך וואו עס איז און פאָרמירן קאָמפּאַקטע קערפּערשאַפטן, איז עס ניט אַ פּועל־יוצא פון זייער אַקטיווער אחדות, נאָר אַ קאָנסעקווענץ פון דער אייניקייט פון דער בורזשואזיע, אַ קלאַס וועלכער, אום צו דערגרייכן זיינע אייגענע פּאָליטישע צוועקן, איז געצוואונגען אויפצורודערן און באַוועגן דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט.״ (14)

די דאָזיקע אַנטוויקלונגס־סטאַדיע איז שוין אַ זאַך פון דער פאַר־גאַנגענהייט. איצטער, פאַר אונזערע אויגן, מאַכט דער פּראָלעטאַריאַט דורך א נייע פאַזע פון עוואָלוציע. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פאַר־נעמט זיך מער ניט מיט דער אָרגאַניזירונג פון ארבעטער־קלאַס. אָט־די אַרבעט ווערט געטאָן פון די פּראָספּעקטיווע הערשער, די ספּעציאַליסטן־אָרגאַניזאַטאָרן, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע עקספּערטן מומחים סיי אין הילכות

פּראָפּאַגאַנדע און סיי אין הלכות אָרגאַניזאַציע און זיי, אַט־די אויפקו־מענדיקע נאָנטע־צוקונפט־בעלי־בתים, קנעלן מיטן פּראָלעטאַריאַט גאַנץ געשמאַק, און לערנען אים זייער פּאָליטיש־עקאָנאָמישע תורה. זיי זיינען עס די יעניקע וועלכע אַרבעטן אויס די אַזוי־גערופענע אַרבעטער־קלאַס־פּראָגראַמען. זיי גרינדן און פירן און באַהערשן די אַרבעטער־פּאַרטייען.

בוכאַרין און פּרעאָבראַזשענסקי שרייבן:

„האָבנדיק באַשטימט צו מאַכן דעם פּראָלעטאַריאַט מוכשר־און־מסוגל אויסצופירן זיין היסטאָרישע מיסיע, פאַרנעמט זיך די אינטער־נאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט דער אָרגאַניזירונג (אונזער קור־סיוו) פון פּראָלעטאַריאַט און שאַפונג פון אַן אומאָפּהענגיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע געפינט זיך אין אָפּאָזיציע צו אַלע בורזשואזע פּאַרטייען. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פירט די אַרבעטער אין אַלע מאַניפעסטאַציעס פון קלאַסן־קאַמף; זי דעקט אויף פאַר די עקספּלואַטירטע דעם קאָנפליקט פון אינטערעסן צווישן זיי און זייערע עקספּלואַטאַטאָרן און מאַכט קלאָר פאַרן פּראָלעטאַריאַט די היסטאָרישע וויכטיקייט און די נויטווענדיקע באַדינגונגען פון דער בעפאָרשטייענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע". (15)

האָבנדיק באַשטימט — ווער האָט עס באַשטימט? דער פּראָלע־טאַריאַט טוט דאָך עס ניט, לויט די ציטירטע מחברים. טו ווער פאַרנעמט זיך עס מיטן באַאַרבעטן דעם פּראָלעטאַריאַט? און ווער שאַפט עס זיין אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע פּאַרטיי? און פון וועמען איז אַט די פּאַרטיי אומאָפּהענגיק?

יע, זי איז אומאָפּהענגיק פון די בורזשואזע פּאַרטייען, אומאָפּהענגיק פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, פון די עקאָנאָמישע אָרגאַניזירער פון פּראָלעטאַריאַט, די דאָזיקע אָרגאַניזירער וועלכע האַלטן פּאָליטיק און עקאָנאָמיק אין צוויי באַזונדערע תחומים און ווילן זיי ניט צוזאַמענגיסן; די דאָזיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אָבער אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם אויפּטויכענדיקן נייעם קלאַס אָרגאַניזירער, וועלכע אָרגאַניזירן דעם פּראָ־לעטאַריאַט פּאָליטיש־עקאָנאָמיש און ווילן דווקא אַט־די צוויי געביטן פון עקאָנאָמיק און פּאָליטיק צוזאַמענשמעלצן אַזוי אַז זייער קלאַסן־הערשאַפט זאָל ווערן סאָלידער, שטייפער, האַפטיקער און מער מאָנאָ־פּאָליזירט, בעסער קאָאָרדינירט, שטאַרקער קאָנצענטרירט.

די צוקינפטיקע הערשער לערנען דעם אַרבעטער־קלאַס די גרויסע חכמה פון נעשה־ונשמע, פון פאָלגן, נאָכפאָלגן בלינד און געהאָרכזאַם, מעשה זעלנער אָדער גאָר מעשה משרת. זיי מושטירן און טרענירן די אַרבעטער, און פירן זיי צום נצחון און צו דער מפּלה: נצחון פאַרן נייעם

טיפ פון פאליטא־עקאנאמישע ארגאניזאטארן, און מפלה — פאר די אר־בעטער.

אין קאמוניסטישן מאניפעסט שטייט געשריבן:

„די בורזשואזיע אליין, דעריבער, באזארגט דעם פראלעטאריאט מיט די עלעמענטן פון פאליטישער און אלגעמיינער עדוקאציע". (16)

יע, די בורזשואזיע פלעגט עס טאן. זי פלעגט עס אנפירן מיט אלע, סיי דערציערישע און סיי פאליטישע, אקציעס פון ארבעטער־קלאס. זי האט עס געטאן כל־זמן זי האט נעבעך געמוזט אנקומען צום פרא־לעטאריאט ער זאל איר באהילפיק זיין אין איר קאמף קעגן דעם אדעלשטאנד, וועלכן זי האט צע'הורג'ט אבער פארט ניט אינגאנצן גובר־געווען.

נאך דעם הויבט זיך אן א נייער קאפיטל געשיכטע. דער פאליטא־עקאנאמישער ארגאניזאטאר באוויזט זיך, און לאזט זיך גיין מיט א שטייפן און אנטשלאסענעם טריט צו דער ארענא פון דער געשיכטע. זיי זיינען עס די גרינדער פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, די שאפער פון די אזוי־אנגערופענע פראלעטארישע פארטייען, אויף א וואולגארן לשון האט מען זיי גערופן די „פראפעסיאנעלע אגיטאטארן". זיי זעצן עס פארט די ארבעט וועלכע די בורזשואזיע האט אנגעהויבן, האט אבער ניט געקענט ברענגען צו א פארענדיגונג. אט־דער אויפקומענדיקער טיפ פון הערשער פארנעמט זיך עס איצט מיט דער דערציאונג און אויסבילדונג פון די ארבעטער־מאסן. אט־ער איז עס דער וועלכער קלערט אויף די אומוויסנדיקע הארעפאשניקעס. ער שאפט פאר זיי א ליטעראטור פון פארוואסערטער סאציאלער וויסנשאפט, פון פסעוודא־קונסט. ער שאפט פאר זיי א פרעס, גיט ארויס פאר זיי צייטונגען, שטעלט צו רעדנער, לעקטארס, גאסן־שרייערס, די מאדערנע מגידים, מטיפים פון כל־המינים שהוא. מיט אווארט, ער באזארגט זיי מיט אן עקאנאמישער, פאליטישער און גייסטיקער (כמעט גייסטלעכער) פירערשאפט. און צוויי פון די געניאלסטע אידעאלאגן פון די פאליטא־עקאנאמישע ארגאניזאטארן פון פראלעטאריאט זיינען עס די מחברים פון דעם קאמוניסטישן מאניפעסט, וועלכן מיר ציטירן אזוי אפט און מיט אזא פארגעניגן, — קארל מארקס און פרידריך ענגעלס.

מיר ווילן אויף איין מינוט ניט פארלייקענען אז אט־דער חבור'ל, וועלכער איז נישטיק קוואנטיטאטיוו, איז אומגעהויער וויכטיק קוואלי־טאטיוו, ער איז באמת דער עוואנגעליום פון די פראלעטארישע ארגאני־זאטארן, ד. ה. פון די ארגאניזאטארן פון ארבעטער־קלאס. און אט דער קליין ספר'ל ווארפט גאנצע סנאפעס ליכט אויף די טונקלסטע זייטן פון

די פאַרהעלטענישן וועלכע נעמען זיך וועבן, אין אונזער עפּאָכע, צווישן די פּראָלעטאַריער און זייערע צוקינפטיקע פירער־הערשער, רביים־געוועל־טיקער, א נייע סאָציאָלאָגישע פאָרמאַציע, וועלכע פליסט זיך צו פאַר־שמעלצן אין איין טיפּ סיי דעם עקאָנאָמישן בעל־הבית, סיי דעם פּאָליטישן פירער און סיי דעם גייסטיקן מנהיג, דעם אינטעליגענט און נייעם גייסט־לעכן.

און עס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַרקסן און ענגעלסן: זיי זיינען גרעניצלאָז זעלבסט־איינגעגלויבט, אידייאיש־אייפערזיכטיק און פאַ־נאַטיש אויסשליסלעך. זיי זיינען זיכער אז זיי אליין גיבן די אמתע סאָציאַליסטישע תורה. און אַלע איבעריקע און אַנדערע סיסטעמען זיינען שוא־ושקר. זיי אליין זיינען די פירער — אַלע איבעריקע — פאַרפירער. צום סוף פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט גיבן זיי א גאַנצן צעטל פון אַלע סאָרטן „סאָציאַליזמען" וועלכע זיי „פאַרניכטן", מאַכן צו גאָרניט. עס איז דאָ בלויז איין סאָרט סאָציאַליזם, וועלכער איז דער אמת־פּראָלעטאַרישער און דאָס איז דער מין סאָציאַליזם, וועלכער ווערט אַנטוויקלט אין מאַניפעסט. זיי פּסל'ען אַלע סאָציאַליסטישע שיטות. די זיינען אַלע אסור־חזיר. בלויז איין סיסטעם איז כשר למהדרין מן המהדרין, — און דאָס איז די מאַרקסיסטישע.

„פעאָדאַלער סאָציאַליזם... בכדי ארויסצורופן סימפּאַטיע האָט די אַריסטאָקראַטיע געמוזט פאַרזען אירע אייגענע אינטערעסן און ארויס־קומען מיט אַ באַשולדיקונג קעגן דער בורזשואזיע פאַר די אינטערעסן פון דעם עקספּלואַטירטן אַרבעטער־קלאַס". (17)

„אזוי ווי דער גלח גייט אַלע מאָל האַנט אין האַנט מיטן גוט־באַזיצער, פונקט אזוי גייט דער קלעריקאַלער סאָציאַליזם מיטן פעאָדאַלן". (18)

„קליין־בירגערלעכער סאָציאַליזם... סיסמאָנדי איז געשטאַנען בראש פון דעם חדר, ניט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין ענגלאַנד". (19)

„מיט זייער ווייניק אויסנאַמען געהערן אַלע די אזוי־אָנגערופענע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּובליקאַציעס וועלכע צירקולירן איצ־טער אין דייטשלאַנד (1847) צו דער קאַטעגאָריע פון דער... ענטנערווירנ־דיקער ליטעראַטור". (20)

„קאָנסטרוקטיווער און בורזשואַזער סאָציאַליזם... אלס ביישפּיל קען מען אָנווייזן אויף פּרודאָנס „פילאָזאָפיע פון אָרימקייט". (21). קריטיש־אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם. (22)

„שטופנווייז זינקען זיי אראָפּ אין דער קאַטעגאָריע פון די רעאַק־ציאָנערע און קאָנסערוואַטיווע סאָציאַליסטן וועלכע מיר האָבן באַשריבן פאַר דעם". (23)

ווי מען זעט איז ניטאָ קיין איין וואַריאַיטעט פון סאָציאַליזם און קאָמוניזם וואָס זאָל זיין עפּעס רעכטס. עס איז כסדר געפעלשט, נאָכגעמאַכט, ניט פּראָלעטאַריש, היפּאָקריטיש, פאַרמאַסקירט.

און וואָס איז מכוח דעם מין סאָציאַליזם וועלכן מאַרקס און ענגעלס לייגן פאָר, ווי דאַרף אָט דער מין באַצייכנט ווערן? וועגן דעם שווייגט דער פּסוק אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט.

דער ענטפער ליגט אויבנאויף: דאָס איז די אידעאָלאָגיע פון פּאָליטאָקאָנאָמישן אָרגאַניזאַטאָר פון פּראָלעטאַריאַט, ניט פון פּראָלעטאַריאַט אליין.

ה.

# יחידים און רבים — קלאַסן און מאַסן

„פּראָגראַמען און צוועקן מוזן זיין גרופּן־פּראָגראַמען און צוועקן. דער יחיד בכדי זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן מוז זיך סובאָרדינירן, מוז זינקען אָדער שווימען מיט די איבעריקע. ער מוז מסכים־זיין צו פונקציאָנירן אַלס אַ טייל פון אַ גרעסערן גאַנצן און דערלאָזן אַז זיין ראָלע זאָל ווערן פאַר אים באַשטימט דורך די הצטרכות׳ן פון דער גרופּע״. (24)

דער אינדיווידוּד מוז מסכים־זיין צו פונקציאָנירן אַלס אַ טייל פון אַ גרעסערן גאַנצן — איז דאָך, דוכט זיך, כשר וישר, דער שכל־הישר איז עס מחייב, אַז דער יחיד זאָל אָפּטרעטן דעם וועג פאַרן כלל. איז אָבער די צרה וואָס „דאָס גאַנצע״, דער ציבור קען לחלוטין ניט פונקציאָנירן. ער מוז אַלע מאָל אומבאַדינקט אָנקומען צו דער פאַרמיטלונג פון אַ הייפעלע אינדיווידן וועלכע פונקציאָנירן פאַר אים. אַזוי אַרום זעט עס אויס אַז מיר געפינען זיך, אין דעם פּרט, אין אַ פאַרכשופטן קרייז. דער איינציקער, איזאָלירטער יחיד איז אַ פיקציע, אַן אָפּדוכט, אָדער אַן אַנאַליטישע אַבסטראַקציע. אָבער דער ציבור, פון דער צווייטער זייט, איז ניט בעסער, איז ניט ווייניקער פיקטיוו. דער קהל, אונטער די מאָדערנע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען, איז בלויז אַ סינטעטישע אַבסטראַקציע אָדער אַ פאַראַלגעמיינערונג, און פאַרמאָגט ניט קיין בפועל־ממשדיקע עקזיסטענץ. און ווען מיר קוקן זיך צו נענטער צו דער מאָדנער דערשיינונג, דערזעען מיר פאַר זיך אַ משונה סיטואַציע און דאָס איז וואָס דער אינדיווידוּד קען בלויז פונקציאָנירן אַלס זיין אייגענע פאַרניינונג, דאָס הייסט ער קען זיך באַהויפּטן בלויז אַלס שליח־ציבור

פון קהל. דער אינדיוויד ווערט ערשט דעמאָלט אַן אמתער יש, ווערט א שטיק רעאַליטעט פאַר דעם לעבן פון זיין גרופע, ווען ער איז אין זיין בחינה פון אַ סאָציאלעס וועזן.

אויף אַזאַ שטייגער מוז גלייך אַנטשטיין אַ גראַדאַציע. אַ לייטערל שטעלט זיך אַוועק, און אַ „עולים־ויורדים בו" באַוויזט זיך. סאָציאַלע, פאָליטיש־עקאָנאָמישע שטיגן ווערן אויפגעקלאַפט, עפּעס ווי פון זיך אליין.

לכן, עס איז דאָ א רבים וועלכער באַשטייט פון גלאַט אַזוי איינ־דיווידן, פון דורכשניט־מענטשן, יחידים פון אַ גאַנצן יאָר. די דאָזיקע מיטגלידער קענען גאָר ניט אויפטאָן סיידן זיי אידענטיפיצירן זיך מיט זייער גרופּע, דאָס הייסט טאַקע מיט זיך אליין, אָבער אויפגעפּאַסט, און קאָנסטיטואירט, אַלס אַ פּאָליטישע אדער סאָציאָלאָגישע קערפּערשאפט. אָבער דאָס קענען זיי באַין־אופן ניט באַוויזן אָן אַ פּרעלימינאַרער אָדער גלייכצייטיקער סעגרעגאַציע פון עטלעכע אינדיווידן, וועלכע היטן אָפּ און האַלטן אויף זייער אינדיווידואַליטעט אַ דאַנק דעם וואָס זיי רעפּרע־זענטירן זייער גרופּע און ווערן אויף אַזאַ שטייגער פּערזענלעכקייטן, פיגורן פון אַ ספּעציעלער גרויס און גבורה. די סאָרטן פּערזאָנען קען מען אָנרופן סאָציאַלע אינדיווידן, אָדער מענטשן געשיקט פון דער „השגחה עליונה" צו פאַרוואַלטן מיט די ענינים פון דער געזעלשאפט. אָט־די יחידים זיינען אַנדערש פון די פשוטע יחידים וועלכע זיינען מחויב צו פאַרלירן זייער אינדיווידועלע אידענטיטעט און זיך אויפלייזן אין קאָלעק־טיוו. זיי, פאַרקערט, בלייבן יחידים, און וואָס בולטער זייערע פּרצופים זיינען אלס קענטיקער, אַלס אָנגעזעענער, אַלס אָנגעלייגטער זיינען זיי ביי דעם כלל. און וואָס איז זייער פונקציע? זייער פונקציע באַשטייט אין דעם, וואָס זיי דאַרפן אויפפּאַסן אויף די איבעריקע יחידים און זען אז זיי זאָלן זיך פאַראייניקן — זיך זעלבסט־פאַרלייקענען, זיך פאַרטושירן — און זייערע פאַרהעלטענישן אייינער מיטן אַנדערן זאָלן ווערן רעגו־לירט לויט א באַשטימטן מוסטער.

אָט־די אינדיווידן־פּערזענלעכקייטן זיינען עס די יעניקע וועלכע שטעלן צוזאַמען די העכערע קלאַסן, די הערשנדיקע גרופּן. אזוי ארום זעט מען אז אינטעראינדיווידועלע, צווישנפּערזענלעכע באַציאונגען ווערן איבערגעפלאָכטן מיט אינטער־קלאַסן־פאַרקניפּונגען וועלכע וועבן זיך ארויף און אראָפּ. מחמת די סאַמע אַקציע פון אינטעראינדיווידואַליזאציע, פון אויפנעמען צוזאַמען גרויסע מענגעס פון אינדיווידן און זיי האַלטן אין אַ קאָמבינירטן פאַראייניקטן צושטאַנד, שיקט פאַראויס דאָס פאַראַנענ־זיין פון אַ ספּעציעלער וואַריאיטעט פון אינדיווידן וועלכע האָבן אין

עובדה און זי באַשטייט אין דערפילן די פליכטן פון די אינטעראינדיווי־דואַליזאַטאָרן און זיי זיינען עס די יעניקע וועלכע קאָנסטיטואירן אַ קלאַס וועלכער פאַרנעמט אַ באַזונדערע פּאָזיציע, בשעת די איבעריקע, די דורכ־שניטלעכע אינדיווידן ווערן אַרונטערגעזעצט, אַרונטערגעפּרעסט צו אַ צושטאַנד פון אַמאָרפישקייט, אָנ׳פנימדיקייט. מיט אַנדערע ווערטער זיי, דער רבים, שטעלן צוזאַמען דאָס וואָס ווערט געוויינטלעך באַצייכנט מיט דעם וואָרט „מאַסע״.

דער הערשנדיקער קלאַס, די בורזשואַזיע בשותפות מיט די מיליטאַ־ריסטישע קליקעס, רעשטלעך פון דעם פעאָדאַלן יונקערשטאַנד, פאַרנע־מען זיך מיט דעם פריידיקן פון אַ ווילדן, קאַניבאַליסטישן שאָוויניזם. צוליב וואָס טוען זיי עס? זיי האָבן דערביי אַ מיין. זיי ווילן שאַפן אַן אילוזיע פון אינטערעסן סאָלידאַריטעט דאָרטן וואו אַזאַ סאָלידאַריטעט איז באמת ניט בנמצא. בשעת די אַזוי אָנגערופענע נאַציאָנאַלע עקאָנאָ־מיע, פּאָליטיק און קולטור ווערט פאַרצערט און צעפּרעסן פון אַנטאַ־גאָניזמען און טיף־איינגעוואָרצלטע ווידערשפּרוכן, מאַכן זיי אַן אָנשטעל פון גאַנצקייט, פון איבערגעבנקייט, פון ליבשאַפט, און דאָס איז דער צוועק פון פאַלשן פּאַטריאָטיזם און מענטשפרעסערישן שאָוויניזם. מיט די פייגן־בלעטער ווילן זיי צודעקן די נאַקעטע רציחות פון קלאַסן־אונ־טערדריקונג און קלאַסן־צוזאַמענשטויסן.

די בורזשואַזיע האָט באַזירט איר פאַרפירערישע אידייע מכוח דער נאַציאָנאַלער מלוכה־איינהייט אויף אַ נעגאַטיווער טאַטזאַך, דהיינו, אויף דער עלימינאַציע פון די פּריווילעגירטע שטאַנדן.

יאָהאַן קאַספּאַר בלונטשלי שרייבט:

„דער דריטער שטאַנד האָט אָבסאָרבירט די איבעריקע... אַלס איין גאַנצעס, שטאַנדלאָזעס פאָלק... אָבער די רעגירונג איז נאָך אַלץ געווען אַ כאַאָס וואָס האָט געפיבערט מיט נייע שפּליטערונגען: דער פערטער שטאַנד האָט פאַרכאַפּט די מאַכט און האָט אַרויסגעשטעלט די פירער פון דער קאָנווענציע, וועמענס רויטע ממשלה האָט געמאַכט אויסזען בלייך די הערשאַפט פון דער זשיראָנדע און פון דעם דריטן שטאַנד . . . דער דריטער שטאַנד האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דעם פאָלק און האָט פאַזירט אַלס זיין פאַרשטייער. ער האָט אָבער אויסגעפונען אַז עס זיינען פאַראַן גרויסע מאַסן אויסער אים און וועלכע ווילן ניט זיך צוזאַמענגיסן מיט אים אין איין קערפּער, וועלכער זאָל זיך געפינען אונטער זיין הנהגה״. (25)

די בורזשואַזיע מיט אירע ביטערע ריידעלעך וויל איינשמועסן דעם עולם־גולם, אַז דער אָפּשאַף פון דער טיטולירטער אַריסטאָקראַטיע שאַפט

אַ גענוגנדיקן גרונט פאַר דער אויפריכטונג פון דער מאָנומענטאַלער פיקציע וועלכע זי רופט אָן „סאָלידאַריזירטער פאַלקסטום״.

דער אויפטויכנדיקער טיפּ פון די פּראַצע־פּריצים, אַנטיציפּירנדיק די גלאָררייכע ראָלע וועלכע זיי וועלן נעמען שפּילן גלייך נאָכדעם ווי זיי וועט זיך איינגעבן פּטור צו ווערן פון דער בורזשואזיע, זי פאַר־דרענגען און פאַרנעמען אירע פּאָזיציעס, זיינען זיך שטאַרק מתעסק מיט דער אויסאַרבעטונג און פאַרשפּרייטונג פון אַ קלאַסן־פּאַטריאָטיזם, אַ קלאַסן־שאָוויניזם מיט דער כוונה צו אויפריכטן, נאָך דעם אָפּגעהאַל־טענעם נצחון, אַ קלאַסן שטאַט־אייניקייט. זייער מיין אין קלאָר. זיי ווילן מיט דעם פאַלשן שאָוויניזם צודעקן די קאָנטראַסטן פון אינטערעסן און די קאָנפליקטן פון תכליתים, וועלכע וועלן באַלד ארויסהילכן אזוי שרייענ־דיק אז אפילו א האלב־טויבער וועט זיי מוזן דערהערן, וועלכע וועלן זיך באַלד ארויסווייזן אזוי בולט־סטאַרטשענדיק אַז אַפילו א האַלב־בלינדער וועט זיי מוזן דערזען.

די האַראָוואַניע־האַרן סטאַרען זיך מיט כל הכוחות צו פאַרשטעקן דעם אמת אין לעכער פון האַלב־געבאַקענע אידעאָלאָגיעס. זיי ווילן ניט אויס־זאָגן די מאַסן, אז אונזער צייט איז „אויף דער צייט״, איז שוואַנגער מיט אַ נייער פאָרמאַציע, אַז אַ נייער טיפּ פון אָרגאַניזאַטאָרן ווערט געבוירן, וואַקסט אויס און וועט איניכן פאַרנעמען דעם אויבנאָן פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן.

אָבער דער פּשוטער, גרינטלעכער אמת וועט מוזן פריער אדער שפּעטער אויפרייסן די אויגן אלעמען, די ניט באַהאַוונטע אין סאָציאלע ענינים אריינגערעכנט. פונדאַמענטאַלע פּאַקטן קען מען ניט איגנאָרירן. און האלב תּמימות׳דיקע, האַלב־כיטרעוואַטע, שטרויסן־פּאָליטיק העלפט ניט, קען ניט אָנהאַלטן אויף לאַנג. דער פּראָפּאַגאַנדע זאַמד קען פאַר־בלענדן די ראיה בלויז אויף א קורצע צייט.

איידער נאָך די בורזשואזיע נעמט אוועקגיין, זיך נענטערנדיק צום עולם־האמת גרעניץ, שטייגט שוין ארויף א נייער קלאַס וועלכער וועט פאַרנעמען איר חשוב׳ן אָרט אין דער יעראַרכיע פון ארבעט, אונטער־נעמונג און פאַרוואַלטונג.

ו.

# מיעוט און רוב

## 1.

אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט שטייט געשריבן אזוי צו זאָגן:

„אַלע פאַרדעמדיקע היסטאָרישע באַוועגונגען זיינען געווען באַוועגונגען פון מינאָריטעטן אָדער אין די אינטערעסן פון מינאָריטעטן. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז די זעלבסט־באַוואוסטזיניקע אומאָפּהענגיקע באַוועגונג פון דער גרויסער מאַיאָריטעט". (26)

דאָס איז אַ האַלבער אמת, און אַלס אַזעלכער איז ער ערגער פון אַ גאַנצן ליגן. די ערשטע הנחה, אַז אַלע באַוועגונגען זיינען געווען מינאָריטעטן־באַוועגונגען איז ריכטיק, אָבער זי איז ניט פּינקטלעך, אדער ניט אויסגעדריקט ווי געהעריק. און דעריבער הגם דער זאַץ איז א ריכטיקער איז ער פאַרט פאַרפירעריש. צוויי זאַכן פעלן דאָ, ערשטנס, פעלט דאָ היסטאָרישע פּערספּעקטיווע. צווייטענס, פעלט דאָ זעלבסט־אַנאַליז, זעלבסט־רעפלעקסיע, זעלבסט־אבסערווירונג און זעלבסט־קריטיק. די באַהויפּטונג פון מאַרקסן, לכן, פאָדערט א פאַרריכטונג און אויסגלייכונג.

„אַלע פאַרדעמדיקע היסטאָרישע באַוועגונגען זיינען געווען באַוועגונגען פון מינאָריטעטן אָדער אין די אינטערעסן פון מינאָריטעטן" — דאָס איז כמעט ווי אמת, ווען מ'קוקט אויף דעם ענין פון א געוויסן שטאַנדפּונקט. אָבער מ'דאַרף דאָך, ווען מע מאכט די באַהויפּטונג, תופס זיין, אז דאָס זאָגן מיר אזוי. זיי האָבן עס ניט געזאָגט. דאָס הייסט, מיר וועלכע באַהאַנדלען און באַטראַכטן און באַאורטיילן די באַוועגונגען פון די פאַרדעמדיקע דורות זאָגן, אַז יענע באַוועגונגען זיינען באמת געווען מינאָריטעטן־באַוועגונגען. מיר זאָגן עס, מיר וועלכע האָבן אין יענע באַוועגונגען קיין איינטייל ניט גענומען, נאָר וועלכע באַאַבאַכטן זיי פון דערווייטנס, גאַנץ אָביעקטיוו, לאחר־מעשה, שאַצן זיי אָפּ אַלס מינאָריטעטן־באַוועגונגען. זיי האָבן אזוי ניט געטראַכט. זיי וועלכע האָבן יענע באַוועגונגען געשאַפן, אינספּירירט, באַטייליקט זיך אין זיי, האָבן זיכער געמיינט און באַהויפּטעט, אז זיי זיינען געווען באַוועגונגען פון די מאַיאָריטעטן.

זיי אין זייער צייט און דור, ווען זיי האָבן זיך געק'קהל'ט און געקאָכט האָבן זיכער געגלויבט, אז זיי שטעלן פאָר און פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דער גרויסער מאַיאָריטעט. זיי האָבן גערעדט אין נאָמען פון כלל,

פון דער מערהייט, פון אלעמען, פון פּראָגרעס, פון דער מענטשהייט.

מיר זעען עס איצטער אין רעטראָספּעקט, אז זיי זיינען געווען בלויז מינדערהייטן. זיי האָבן עס ניט געזען, ניט געוואָלט און ניט געקענט זען. ווייל אַזאַ זעאונג וואָלט זיי שאָדן ברענגען, וואָלט זיי אָפּגיסן מיט אַ קאַלטן דוש, וואָלט זיי קילער־אָביעקטיווער מאַכן, און זיי האָבן געוואָלט ברענען פלאַם־פייער, זיין הייס און היציק. זיי זיינען בשום אופן ניט געווען באַוואוסטזיניק פון דעם, אז באמת, אין תוך גענומען, זיינען זיי מער ניט ווי פאַרטיידיקער פון אינטערעסן און קעמפער פאר דעם וואויל־שטאַנד פון בלויז א קליינעם מיעוט, און ניט פון דעם רוב פון געזעל־שאַפט. זיי בשעתם האָבן געשריען בקולי־קולות, אז זיי רעפּרעזענטירן דעם רוב בנין ומנין פון דער באַפעלקערונג.

און די באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישע באַוועגונג פון אונזער צייט? אויך דאָס אייגענע. זי איז ניט קיין אויסנאַם, זי איז ניט קיין יוצא מן הכלל. די לעניניסטיש־קאָמוניסטישע באַוועגונג איז פּונקט אזוי היסטאָריש בלינד, סוביעקטיוו, ווי אַלע יענע באַוועגונגען וועלכע זיינען געווען פאַר איר. די אידעאָלאָגן פון אַט דער באַוועגונג ווילן זיך און דעם עולם, גולם און ניט גולם, איינריידן, אַז אַט־די באַוועגונג איז אנדערש, איז ארויסגעשפּרונגען פון דער היסטאָרישער ארביט און לויפט ניט אין זעלביקן קרייז פון אַלע מינאָריטעטן באַוועגונגען.

און זייער פאַרלאַנג זיך און יענעם איינצושמועסן, אז זיי געהערן צו דער מערהייט, און ניט חס־ושלום צו דער מינדערהייט, איז אזוי נאַ־טירלעך, אזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז דאָס אליין ליגט אין קרייז פון רעגל. אַלע האָבן אזוי געטאָן פאר זיי, און זיי טוען עס, און די וואָס האָבן קיינמאָל קיין געשיכטע ניט געלערנט אָדער האָבן פון גע־שיכטע לערנען גאָרניט געלערנט — נעמען די באָלשעוויסטיש־קאָמוניס־טישע באַהויפּטונגען וועגן זייער פאַרזאָרגן דעם כלל — ערנסט, ווי אַלע נאַאיווע מענטשן האָבן גענומען די פאַרזיכערונג פון די אידעאָלאָגן פון די פאַרדעמדיקע באַוועגונגען אויך ערנסט און אויך רעליגיעז נאַאיוו.

האָבן די ליבעראַלן, אין זייער סעזאָן, ניט געשריען פון אַלע פּלאַטפאָרמעס אראָפּ, אַז זיי ראַטעווען דעם כלל, און מיינען ניט די פאַרפעסטיקונג פון די פּאָזיציעס פון דער מינדערהייט?! האָבן די ערשטע קריסטן ניט אפּעלירט צו דער מערהייט, צו אלעמען, צו אַלע אונטערדריקטע, באַליידיקטע, שווער־באַלעסטיקטע?! האָבן די אידעאָ־לאָגן פון דער מאָנאַרכיע ניט אפּעלירט צו דער מערהייט אין זייער קאַמף קעגן דעם ווילקיר פון די איינצלנע פעאָדאלן?! צווישן די דאָזיקע

„מאַנאַרכיסטן" זיינען געווען פיגורן ווי באַדין, דאַנטע און ענלעכע רייכע גייסטער.

אָט דער היסטאָרישער סוביעקטיוויזם איז קיין גייס ניט.

די סאָציאַלע געשיכטע האָט ניט קיין בן־יקיר. אדער אַלע אַזוי אָנגערופענע, אין זייער צייט „פּראָגרעסיווע" באַוועגונגען זיינען געווען באַוועגונגען פון דער מערהייט, אָדער זיי זיינען אַלע באַוועגונגען פון דער מינדערהייט. קיין „ספּעציעלע", „באַשטימטע" באַוועגונגען ווערן ניט געשאַפן.

די אַזוי גערופענע „פּראָלעטאַרישע באַוועגונג" איז באמת — אָביעקטיוו באַטראַכט, אָן די פּאַרטיי־שפּאַקולן — אַ „באַוועגונג" פון די וועלכע באַוועגן דעם פּראָלעטאַריאַט, עס איז אַ באַוועגונג פון די באַוועגער, פון דער מינאָריטעט וועלכע באַוועגט, אָרגאַניזירט די פּראָלעטאַרישע מאַסן. אַזוי זיינען אַלע באַוועגונגען ביז־אַהער געשאַפן געוואָרן און אַזוי איז אויך די דאָזיקע באַוועגונג געשאַפן.

און פּונקט אַזוי ווי אַלע באַוועגונגען האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר מערהייט־באַוועגונגען, פּונקט אַזוי די אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, זי פאַרשטעלט זיך און רעדט אין נאָמען פון דער מערהייט. עס איז מער אימפּאָנירדיק. מ׳געווינט אויף אַזאַ אופן פּרעסטיזש, עס איז גרינגער צו קריגן, אויף אַזאַ שטייגער, אַ נאָכפאָלגערשאַפט. און עס לאָזט זיך שפּילן אין „אמתע דעמאָקראַטיע".

## 2.

מיר לייענען ווייטער אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט:

„די קאָמוניסטן... פאַרבאַהאַלטן ניט זייערע אָנשויאונגען און צוועקן. זיי דערקלערן אָפן, אַז זייערע צוועקן קענען דערגרייכט ווערן בלויז דורך אַ געוואַלדיקער איבערקערעניש פון אַלע עקזיסטירנדיקע קאָנדיציעס". (27)

די פּראָבלעמען פון טאַקטיק פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ און זיי שליסן אויס אַלע אַנדערע פראַגן בנוגע דער צוקונפט־סטרוקטור פון דער פּערפּעקטער געזעלשאַפט. אַלע דיסקוסיעס מכוח דער צוקונפט־אַרכיטעקטור פון דער געזעלשאַפט זיינען לכתחילה גע׳פסול׳ט געוואָרן. מ׳האָט דערקלערט דעם ענין פאַר „טריף", עס אַ נאָמען געבנדיק „אוטאָפּיסטיש". און „אוטאָפּיע" איז געווען ווי אַ מין חרם ארויפגעלייגט. מ׳טאָר וועגן דעם ניט טראַכטן, ריידן, שרייבן. דאָס דאַרף מען איבערלאָזן פאַר דעם

וואָרילוּוינשענדיקן היסטאָרישן פּראָצעס וועלכער וועט עס אַלץ באַזאָרגן „על צד היותר טוב".

פאַרוואָס האָט מען עס געאַסר'ט צו חקירה'נען זיך מכוח דער צוקונפט? מחמת די צוקונפט דאַרף מען האַלטן פאַרבאַהאַלטן אין די שאָטנס פון פאַנטאַזיע, אילוזיע און איינבילדונג. און אויב מ'זאָל זיך יע פאַרטראַכטן וועגן איר, קען מען חס־וחלילה אריינפאַלן אין אפּיקורסות...

אנשטאָט זיך צו פאַרנעמען מיטן אַנאַליז פון די שטאַטיסטיש־קאָמוניסטישע צוועקן, זיי אויספאָרשן, זיי אונטערזוכן — האָט מען זיך אַלעמאָל פאַרנומען בעסער מיט פראַגן פון טאַקטיק, פון „היינט", און געמאַכט דערביי דעם אָנשטעל, אז דאָס טוט מען צוליב „גאָלער פּראַקטישקייט".

„די קאָמוניסטן דערקלערן אָפן, אַז זייערע צוועקן קען מען ניט דערגרייכן" סיידן דורך אַן איבערקערעניש... אָבער וואָס זיינען די צוועקן?

די פראַגע ווערט פאַררוקט אַן א זייט דורך דעם פּחד וועלכן עס וואַרפט אַן די „געפערלעך־רעוואָלוציאָנערע" טאַקטיק... „אַן איבערגעוואַלדיקע אומשטירצונג פון אַלע עקזיסטירנדיקע קאָנדיציעס"... שרעקלעכע ווערטער! אַלע עקזיסטירנדיקע קאָנדיציעס — קאָסמישע און טעכנישע אריינגערעכנט, מן הסתם!

די מיטלען זענען אויס פאַרן געוויינטלעכן מענטשן, דורכשניטלעכן ארבעטער, אזוי שרעקלעך און אַנלאַקנדיק, אַז בשעת מעשה פאַרגעסט ער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. עפּעס אזוי ווי „איבערקערעניש" אַן און פאַר זיך איז א גאַראַנטיע אַז גרויסע, אומפּרעצעדענטירטע געשעענישן וועלן דאָ באַלד פאַרקומען.

דער פאַקט וואָס די קאָמוניסטן ווילן דערגרייכן זייערע צוועקן דורך א גוואַלדאָוונער רעוואָלוציע גאַראַנטירט דאָך נאָך בשום אופן ניט, אז דער צוקינפטיקער רעזשים וועלכן זיי גייען איינפירן נאָך דער רעוואָלוציע וועט זיין גינסטיק צו ארבעט און ארבעטער. רעוואָלוציאָנערישקייט איז ניט דאָס אייגענע ווי ארבעט־אינטערעסן, ארבעט־פאַרטיידיקונג, עקספּלואַטאַציע־אָפּשאַפונג. די ממשלה פון איידלשטאַנד האָט מען אומגעשטירצט דורך געוואַלט, דורך א בלוטיקער רעוואָלוציע, און פאַרשטייט זיך, אז וואָס איז שייך די פּשוטע ארבעט פון אומשטירצונג איז עס געטאָן געוואָרן פון די בעלי־מלאכות אין די שטעט און די פּויערים אין די דערפער. איז דעריבער וואָס? איז פון דעם געדרונגען, אז זיי זיינען עס געווען די יעניקע וועלכע האָבן געוואונען פון דער איבערקערעניש מער פון אַלע? עס הויבט זיך ניט אָן, די קאַפּיטאַליסטן האָבן פון דעם געוואונען

מער פון אלעמען. די געווינסן פון די איבעריקע שיכטן זיינען צוייפּל־האפט. לויט ענגעלסן האָבן נאָך די פרייע פויערים פאַרלאָרן פון דעם.

„עקספּלואַטאַציע" הויבט זיך אָן מיט די סאַמע אקטואַליטעטן פון דער „באפרייענדיקער" רעוואָלוציע וועלכע קומט קלאמפּערשט באַקעמפן עקספּלואַטאַציע און די עקספּלואַטירער. מחמת אַט־די אַקציעס זיינען אלע סאַציאַלע און אלס אזעלכע ליידן זיי פון די אלע קראנקהייטן פון וועלכע דער גאנצער סאַציאַלער אָרגאַניזם ליידט. און עקספּלואַטירן דעם ארבעטער־קלאַס אָדער די פויערים מוז מען ניט דווקא אין פאבריק אָדער אין פעלד, מ׳קען זיי גאנץ גוט עקספּלואַטירן אין דער רעוואָלוציע. דאָס הייסט דאָ קומט פאַר דאָס אייגענע ווי בכלל אין דער עקאָנאָמיק. קעמפן קעמפט טאָקע, לאָמיר זאָגן, דער ארבעטער, אָבער דאָס גאַראַנטירט ניט אז ווען מ׳נעמט טיילן די געווינסן פון זיג מוז ער טאקע קריגן דאָס וואָס אים קומט. פונקט ווי מ׳גיט אים ניט אין פאבריק וואָס אים קומט, אזוי גיט מען אים ניט אויף דער באַריקאדע וואָס אים קומט. אין פאבריק ארבעטן ארבעטער אָבער פון די פּראָדוקטן קריגט ער א קלענערן חלק ווי אים קומט. אויף דער באַריקאַדע, אין ציווילן פראָנט קומט פאַר דאָס אייגענע, קעמפן קעמפט ער, אָבער ווען עס קומט צו טיילן די „פּראָדוקטן" פון נצחון, קריגט ער ניט דעם חלק וועלכן ער האָט פאַרדינט.

פאַרוואָס קומט עס פאַר אזוי? פאַרוואָס קריגט ער ניט וואָס ער האָט ׳פאַרדינט׳? ווייל, טיפער פאַרשטאַנען, האָט ער עס ניט ׳פאַרדינט׳. ער אָרגאַניזירט ניט דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס און ער אָרגאַניזירט ניט דעם רעוואָלוציע־פּראָצעס. אין ביידע פאַלן זיינען דאָ אָרגאַניזאַטאָרן וועלכע זיינען אקטיוו, און זיי שאַצן אָפּ די ׳פאַרדינסטן׳ און טיילן אויס די חלקים, און נעמען זיך דעם גרעסטן חלק.

„זאָלן די הערשנדיקע קלאַסן ציטערן פאר דער קאָמוניסטישער רע־וואָלוציע". (28)

די הערשנדיקע קלאַסן ציטערן טאָקע, דאָס איז אמת. זיי ציטערן אָבער ניט דערפאר וואָס די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע שאַפט אָפּ עקס־פּלואַטאַציע, נאָר דערפאר וואָס די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע נעמט צו ביי זיי דאָס רעכט פון עקספּלואַטאַציע און גיט איבער דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו א נייעם קלאַס פון פּראָצע־פּריצים, שאַלטער און וואַלטער פון ארבעטער־שיקזאַל.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע קומט פאַר ניט, ווי דער נאַאיווער מענטש מיינט, פאר דעם אָפּשאַף פון עקספּלואַטאַציע, נאָר פאַר דער

איבערשיכטונג פון דעם עקספּלואַטירנדיקן פּערסאָנעל, פאַר דאָס רעכט צו עקספּלואַטירן וועלכעס ווערט צוגענומען פון איין קלאַס און ווערט איבערגעגעבן צו א נייעם קלאַס.

ז.

# היסטאָרישע פאַרבלענדעניש

אין די פאַרן און פאַלבן פון א גרויסער קאָלעקטיווער קערפּער־שאַפט פאַרבאַהאַלט זיך, מיט גרינגקייט און באקוועמלעכקייט, א נומעראל קליינע פּאַרמאַציע, און דאָרטן זוכט זי, און געפינט טאקע, שוץ און שירמונג. דאָרטן געפינט זי, אזוי צו זאָגן, א רואיקן פּלאַץ וואו זי קען איבערוואַרטן, אומאַנטדעקט, ביז דער געוויטער גייט אריבער און דער סאָציאַלער „צער און צאָרן" ווערט אביסל איינגעשטילט. נאָך מער וואָס סאָציאַלע מימיקריע (נאָכאַמונג) ווערט פּראַקטיצירט פון די יעניקע וואָס וואָלטן וועלן ווערן הערשער. און אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן „פּורים־שפּיל" ליגט דער שליסל צום פאַרשטיין פון דער כיטרער טאַקטיק, די איבערגעשפּיצטע תכסיסי־מלחמה וועלכע ווערן אנגעווענדט פון די אויפקומענדיקע שררות־קלאַסן. כל־זמן זיי געפינען זיך אין זייער פאַר־מאַטיוון צושטאַנד האַלטן זיי זיך אלעמאָל אונטער א צודעק, אָן אָפּדאַך, אין סאָציאַלן זינען גענומען. קודם צו זייער פולן ניצחון ריידן זיי קיינ־מאָל ניט אין זייער אייגענעם נאָמען. זיי פּריידיקן און דרש'ענען, אַפּעלירן צו די מאַסן, אלע מאָל אין נאָמען פון דער איבערוועגנדיקער מאַיאָריטעט, פון די אלע באַ'עוולה'טע, פאַריאָגטע, פאַרטיילטע, שווער־באַלעסטיקטע.

אָבער וואָס איז אזוינס מימיקריע בכלל און סאָציאַלע מימיקריע בפרט?

„דאָס וואָרט מימיקריע ווערט געברויכט פון די נאַטור־פאָרשער צו באַצייכענען גינסטיקע ענלעכקייטן צווישן בעלי־חיים, און אין אנדערע פאַלן אויך צווישן פלאַנצונגען... די דאָזיקע ענלעכקייטן זיינען ניט אָפּהייניגיק פון קרובהשאַפט, דאָס מיינט, זיי עקזיסטירן צווישן גאַטונגען פון זייער א פאַרשיידענער דרגא פון פאַרוואַנדשאַפט, בכלל ווייטע אָבער אָמאָל אויך נאָנטע." (29)

דאַרווין שרייבט:

„דעם דאָזיקן פּרינציפּ (פון מימיקריע) האָט צום ערשטן מאָל קלאָר געמאַכט מר. בייטס אין א וואונדערבאַרער שריפט... ער האָט געוואָרפן

א סך ליכט אויף פילע טונקעלע פּראָבלעמען... מר. בייטס האָט ווייטער באַאָבאַכט, אז די אימיטירנדיקע גאַטונגען זיינען פּארגלייכנישמעסיק ווייניקע, בשעת די אימיטירטע געפינען זיך אין מענגעס, און אז די דאָזיקע צוויי קאָמפּלעקטן לעבן אויסגעמישט צוזאַמען... די שמעטערלינגס וועלכע אימיטירן די פּראָטעקטירטע גאַטונגען האָבן זיך דערוואָרבן זייער איצטיקן וואונדערבארן אָפּנאַרנדיקן אויסזען... בכדי מ'זאָל על־פּי־טעות, זיי אָננעמען פאַר די פּראָטעקטירטע סאָרטן." (30)

דאָס איז דער פּשט פון מימיקריע אויפן געביט פון ביאָלאָגיע. די זעלביקע פּראַקטיקע פון טעלעאָלאָגישער אימיטאַציע געפינען מיר אין סאָציאָלאָגיע. און ווי מ'דאַרף דערוואַרטן ווערט עס דאָ, אין תחום פון געזעלשאפטלעכע פאַרהעלטנישן, געטאָן אויף א סך קליגערן און געשיקטערן אופן. די צוועקמעסיקייט איז דאָ בולטער מאַניפעסטירט. הגם אפילו אויך דאָ, אין קרייז פון אינטער־קלאַסן שייכותן וועלכע ווערן איבערגעקרייציקט מיט אינטעראינדיווידועלע פאַרהעלטענישן, ווערט אָט־די דאָזיקע נאָכמאַכעניש אויסגעפירט כמעט אויף אן אינסטיקטיוון בלאָ־יודעים שטייגער. די אימיטאַטאָרן, ווען מיר באַאָבאַכטן זיי אלס אינדיווידן, זיינען כמעט אומבאַוואוסטזיניק אין זייער ארבעט פון מימיקריע. זיי ווייסן אליין ניט אז זיי „שפּילן", אז זיי אימיטירן, אז זיי „פאַרשטעלן זיך. זיי נעמען זיך אזוי ערנסט, כשר־פרום, אַז זיי קענען אפילו אויף זייער געדאַנק ניט ארויפלאָזן די „טריפהנע" מחשבה, אַז זייערע אַקציעס, זייערע טעטיקייטן, אין וועלכע זיי זיינען אזוי פאַרקאָכט, צו וואָס זיי זיינען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, זיינען באמת דיקטירט ניט פון ריינעם אידעאַליזם און אומאייגננוץ. און די נאַאיווע איינגלויבעניש זייערע, דאָס וואָס זיי מיינען אז זיי זיינען „גאָט די נשמה שולדיק", געפינט זיך אין קאָרעספּאָנדענץ מיט דער ווירקלעכקייט, ווען מ'באַטראַכט זיי פון יחידישן שטאַנדפּונקט, ניט פון שטאַנדפּונקט פון אינטער־קלאַסן באַציאונגען.

אין אנדערע ווערטער, זיי זיינען אידעאַליסטן אויף וויפיל זיי זיינען יחידים, פּערזאָנען, זיי זיינען אָבער גאָר קיין אידעאַליסטן ניט, נאָר אויסגעשפּראָכענע, הגם פאַרבאַהאַלטענע, אייגננוץ־זוכער אויף וויפיל זיי רעפּרעזענטירן זייערע קלאַסן־אינטערעסן.

אַ קלאַסן־סוביעקטיוויזם וועלכער ווערט צעהיצט, צעפלאַקערט פון פאַנאַטיזם, פון א סאָציאַל־רעליגיעזער דבקות און התלהבות, דינט אלס א רויד־שירמע הינטער וועלכער זיי אָפּערירן. און די דאָזיקע שירמע איז אזוי דיק, אזוי אומדורכזיכטבאר אז זי פארשטעלט זייערע אייגענע אינווייניקסטע קלאַסן־מאָטיוון ניט נאָר פון די ברייטע „אומשולדיקע"

מאַסן, נאָר אפילו פון זיי אליין, פון זייערע אייגענע פּערזענלעכע השגות. עס איז א מין בחינה פון „ליבא לפומיה לא גליא", דאָס אייגענע האַרץ זאָגט ניט אויס דעם אייגענעם מויל וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

„בכדי צו געווינען די אונטערשטיצונג פון אַנדערע עלעמענטן קאָמפּלאַזשירט יעדער קלאַס זיינע אייגננוצלעכע אינטערעסן ווען ער פירט אַן זיין קאַמף, ער שטעלט זיך קלאָמפּערשט איין פאַר הויך־שייך־קלינגענדיקע פּרינציפּן פון א ברייטן סאָציאַלן אינטערעס." (31)

„ער רעדט וועגן דער גערעכטיקייט פון זיינע פאָדערונגען, ער דע־מאַנסטרירט זייער אידענטיטעט מיט די ברייטע סאָציאַלע אינטערעסן, און בראַנדמאַרקירט זיינע געגנער אלס רויבער, רצחנים גזלנים". (32)

זשין מאַססאַרט און עמיל וואַנדערוועלדע שרייבן:

„מימיקריע איז אַן אומגעווײנלעך אלגעמיינע דערשיינונג אין דער סאָציאַלער וועלט. מיר געפינען דאָרטן אינדיווידן און גרופּן וועלכע מאַלפּענען נאָך אַנדערע אינדיווידן און גרופּן, און זיי טוען עס מיט דעם זעלביקן מיין מיט וועלכן פלאַנצן און בעלי־חיים אנטלייען די ליווריע פון אַנדערע גאַטונגען... אמאָל האָט די דאָזיקע מימיקריע א דירעקטע אגרעסיווע כוונה. דעמאָלט האָבן מיר צו טאָן מיט א פאַל פון אמת'ן פּאַראַזיטיזם, און מיט אקציעס וועלכע זיינען שעדלעך דער גאַנצער גע־מיינדע, איבערהויפּט ברענגט עס שאָדן די אינדיווידן וועלכע ווערן אימיטירט. דער מימעטישער פּאַראַזיט דאַרף ווערן באַטראַכט... אלס איינער וואָס זוכט צו עקספּלואַטירן די פּערזאָנען וועלכע ער מימי־צירט." (33)

די גרופּע, וועלכע גרייט זיך צו צו שררות, מאַכט נאָך דאָס פאָלק, דעם המון־עם, מיט דעם צוועק זיך אריינצו'גנב'ענען אין זייערע הערצער, געווינען זייערע סימפּאַטיעס און אויב מעגלעך, זיך פאַרשטעלן פאַר „אייגענע מענטשן". די צוקינפטיקע הערשער אימיטירן די אויסדרוק־שטייגערס פון די מאַסן, מאַכן נאָך דעם סטיל פון זייער קליידונג, פון זייערע הנהגות. די הערשער אָבער, נאָכדעם ווי זיי דערפילן אז זייערע דערהויבענע פּאָזיציעס זיינען גוט פאַרפעסטיקט און זיי דאַרפן מער ניט אָנקומען צו די חסדים פון די מאַסן — טוען פונקט דעם היפך. זיי שאַפן א געוויסע פאַרפערעמדקייט. זיי שטעלן אויף קינסטלעכע מחיצות. בויען אויף באַריערן בכדי זיך אָפּצוזונדערן. זיי מאַכן א מרחק וועלכער טיילט זיי אָפּ פון זייערע אונטערגעוואָרפענע. זיי שאַפן א דיווערגענץ דאָרטן וואו זי איז ניטאָ, בכדי „אַנצושרעקן" די מאַסן, ארויסרופן ביי זיי א יראת־הכבוד, א מורא און א דרך־ארץ וועלכע זיי וואָלטן ניט קריגן ווען זיי וואָלטן זיך ניט האַלטן פון דער ווייטנס און אַנגעצויגן. מיט איין

וואָרט, די שררות בייטן די טאַקטיק. אנשטאָט צו אימיטירן נעמען זיי דיוועגירן. אָבער דאָס איז אלץ נאָך דעם זיג און נאָך דער פּאָזיציע־פאַרפעסטיקונג. פאַרן זיג, בשעת'ן קאַמף, פאַרנעמען זיך די אויסזיכט־הערשער מיט סאָציאַלער מימיקריע.

און וואָס איז מכוח די ברייטע מאַסן, וועלן זיי זיך ניט כאַפּן אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט? וועלן זיי ניט אַנטדעקן די סימולאַנטן, די נאָכמאַכער, די קלאַסן־„פּורים־שפּילער", זיי אויסזוכן און זיי באַזייטיקן! די „סאָציאַלע אקטיאָרן" האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן. זיי קענען זיך אָנגיין מיט זייער מאלפעריי און נאָכמאַכעניש פון די ארבעטער־מאַסן מיט פולער זיכערקייט. זיי קענען זיך פאַרלאָזן אויף דעם צוטרוי און איינגלויבעניש פון פאָלקס־מענטשן, וועלכער איז א חכם, א פיקח עתיק, דייער קלוג און אויסגערעכנט, פול מיט חשדים, אָפּגעהיט פון שווינדלער, אָפּנאַרער, אָבער דאָס אלץ ווען עס האנדלט זיך וועגן קליינינקייטן, וועגן רוטין־ענינים פון זיין אלטעגלעכן לעבן. אָט־דער חכם איז א טיפּש גמור, האָט אבסאָלוט קיין שכל ניט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן גרויסע סאָציאלע ענינים, דעמאָלט איז ער נאַאיוו ווי א קינד און איינגלויבעריש, ווי א תמים, ווי א חסיד שוטה.

„אין דעם געגעזיס פון אָבערגלויבערייען דער פאַקטאָר וועלכן עס איז שווער אָפּצושאַצן ווי געהעריק איז דער אומפּרעגבאַרער גלויבן מיט וועלכן באַהויפּטונגען ווערן אויפגענומען." (34)

## ח.

# קאַמף על פּי נוסח מאַרקס און דאַרווין

ענגעלס שרייבט:

„היוצא אז די גאנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט (זינט דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער פרימיטיווער שבט־געזעלשאפט און דעם אויפגעב פון קהלשן לאַנד־באַזיץ) איז א געשיכטע פון קלאַסנקאַמף, שטרייטן געפירט צווישן די עקספּלואַטירנדיקע און עקספּלואַטירטע, הערשנדיקע און אונטערדריקטע קלאַסן". (35)

אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט שטייט געשריבן אזוי צו זאָגן:

„די געשיכטע פון דער ביז־אהער עקזיסטירנדיקער געזעלשאפט איז אַ געשיכטע פון קלאַסנקאמף". (36)

ענגעלס שרייבט:

„און דעמאָלט האָט מען דערזען, אז די גאַנצע פאַרגאַנגענע געשיכטע איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף, און אַז די דאָזיקע שטרייטנדיקע קלאַסן פון דער געזעלשאפט זיינען אלעמאָל דער פראָדוקט פון די פראָדוקציע און אויסטויש־מאָדוסן." (37)

וואָס איז דער ריכטיקער פשט פון אָט־דעם קלאַסנקאַמף טעזיס? איז עס ניט מער ווי א באשרייבונג פון א טאַטזאַך, אזא אופן פון האַלטן דעם שפיגל אַנגעשטעלט קעגן דער פילם פון געשעענישן וועלכע פאַר־לויפן זיך אין דער געשיכטע פון דער מענטשן־ראַסע בכדי ער זאָל זיי רעפלעקטירן, און דאָס אלץ? איז עס בלויז א מין פאַרטרעטירונג פון געזעלשאפטלעכן לעבן? וואָס האָט מארקס געוואָלט אונז לאָזן הערן מיט זיין בר־סמכאדיקער באַהויפּטונג מכוח דעם ענין? איז ער אויסן געווען מער ניט ווי צו באַשטעטיקן דעם אויבנאויפיקן, הגם אילומינירנדיקן פאַקט, אַז דער סובסטראַט פון די היסטאָרישע פּאַסירונגען איז ניט קיין זיידענער טלית׳ל וועלכער ווערט געוועבט פון הימל־רו תכלת, נאָר עס איז גיכער א פאַנציר וועלכער ווערט געשמידט אין קוזניע פון קאָנפליקטן, קאָנטראַסטן און אינטערעסן שטירדעס?

אין דעם דאָזיקן פאַל וואָלט מארקס גאָר ניט געהאט מחדש געווען, ער וואָלט געהאט איבערגע׳חזר׳ט א היסטאָריש־פילאָזאָפישע באַנאַליטעט וועלכע איז לעצטנס אזוי אָפט געברויכט געוואָרן, אז זי האָט זיך אויס־געריבן ווי אַן אַלטער פּייעס און וואָס באַשטייט אייגנטלעך אין דעם, אַז לעבן גראַמט זיך מיט שטרעבן, און שטרעבן מיינט אנשטריינג און אָנ־שטריינג באטייט שטרייט.

מאַרקס אליין חוזקט אָפּ פון אַזאַ מעלה־גרה׳דיקער אויפפאַסונג פון זיין קלאַסנקאַמף לערע.

„איר זעט, העד לאַנג האָט געמאַכט א גרויסע אנטדעקונג. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט ער ארונטערגעבראַכט אונ־טער איין גרויסן נאַטור־געזעץ. דער דאָזיקער נאַטור־געזעץ איז די פראַזע (אין אָט־דער אָנווענדונג ווערט פון דארווינס אויסדרוק גאָרניט חוץ א פראזע) „דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ" און דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער פראזע איז דער מאַלטוזיאַנישער געזעץ מכוח באַפעלקערונג. אזוי ארום, אנשטאָט צו אַנאַליזירן דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט היסטאָריש אין וואַריאירנדיקע און באַשטימטע פאַר־מען פון דער געזעלשאפט, אלץ וואָס מ׳דאַרף טאָן איז איבערזעצן יעדן קאָנקרעטן קאַמף אין דער פראזע „קאַמף פאַר עקזיסטענץ" און אָט־די פראַזע ווידער איבערזעצן אין דער מאַלטוזיאַנישער פאַנטאַזיע. מ׳מוז

צוגעבן, אז דאָס איז זייער אַן אימפּאָנירנדיקער מעטאָד — פאַר פּוסטע באַרימעריי, קלאָמפּערשט וויסנשאַפטלעכע באַמבאַסטישע עם־הארצות און אינטעלעקטועלע פּוילקייט". (38)

אַזאַ קאַסטרירטע אינטערפּרעטאַציע פון מאַרקסיסטישן געשיכטע־אויפפאַס, ווי נעמען די היסטאָריע פון דער מענטשהייט מיט איר גאַנצן האַק און פּאַק און איר ארונטערשטעלן אונטער דעם אלגעמיינעם דענאָ־מינאַטאָר פון „קאַמף פאַר עקזיסטענץ", ציגט ניט ארויס קיין באַזונדער טיפע אויפנעמונג פון גאַנצן ענין. אין דאַרווינס און ספּענסערס לערע און פאָרמולע קען מען בשום אופן ניט זען די ספּעציפישע עלעמענטן פון דאָס נאָרמאַטיווע און אימפּעראַטיווע וועלכע די מאַרקסיסטישע פאַר־מולירונג פון קלאַסנקאַמף אַנטהאַלט.

און מאַרקס איז באמת נאָך צו מילד, ווען ער באַצייכנט אזא פאַלשע באַהאַנדלונג פון געגנשטאַנד ווי אַן איבערזעצונג פון „יעדן קאָנקרעטן קאַמף אין דער פּראַזע „דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ" און אַן איבערזעצונג פון דער דאָזיקער פּראַזע אליין אין דער „מאַלטוזיאַנישער פאַנטאַזיע". אזא אומריכטיקע טראַקטירונג און פולע מיספאַרשטענדעניש פון דער מאַרקסיסטישער לערע מכוח קלאַסנקאַמף פאַרדינט שטאַרקערע ווערטער און א טיפערע פאַרדאַמונג.

דאָס הייסט אָבער בשום אופן ניט, אז מיר מוזן דוקא מבטל מאַכן „דעם מאַלטוזיאַנישן געזעץ מכוח באַפעלקערונג אָדער, ריכטיקער, איבער־באַפעלקערונג" און עס אָנרופן „פאַנטאַזיע". מאַלטוסעס געזעץ מעג זיך זיין „אמת־ויציב" אַן און פאַר זיך, אין זיין פּלאַץ און אָרט, אבער עס האָט קיין שייכות ניט צום קלאַסנקאַמף. עס איז עלעמענטאַר און פאַר־שטענדלעך אַן טיפע חקירות אז דער מאַלטוזיאַנישער געזעץ קען בלויז דינען אלס א דערקלערונג פאר דעם קאַמף וועלכן עס פירן אַן צווישן זיך אינדיווידן, נאַציאָנען, ראַסן אָדער גאַר געמיינדעס. דער דאָזיקער געזעץ פאַרמאָגט קיין ברעקל חשיבות ניט אלס אינטערפּרעטירער און באַלייכטער פון דעם קלאַסנקאַמף פּראָצעס ווי מאַרקס האָט אים אויפגעפאַסט. צו־נויפפאָרן מאַרקסן מיט דאַרווינען הייסט „מישן די יוצרות". און דאָס איז מער ווי פּשוטע אינטעלעקטועלע פּוילעריי, דאָס איז א רעזולטאַט פון א פאַרווירונג. דער וואָס דערלויבט זיך עס צו טאָן, מעג ער זיין גאַנץ פּראָמינענט אין זיין פאַך, ווייזט אז אים פעלט פּשוט אַנאַליטישער שכל. ער קען ניט מבחין זיין צווישן איין זאַך און אַן אַנדערער.

די מאַרקסיסטישע קאָנצעפּציע ווען זי ווערט אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן שטייגער פאַרלירט גלייך איר האָפּט און זאַפט.

ווערט אָן איר כוח גברא, ווערט פאַרוואַנדלט אין עפּעס בלייכעס און בלוטלאָזיקעס.

ביי דאַרווינען ווערט דער קאַמף באַגלייט פון נאַטירלעכער סעלעקציע... ביי דאַרווינען ווערט דער קאַמף בשום אופן ניט דערהויבן צו דער מאַיעסטעטישער פּאָזיציע פון א הויפּט־עיקר און אן „אני מאמין". דאַרווין שיינקט דעם עלעמענט פון קאַמף אפילו ניט דעם פעלדפעבעל־ראַנג פון א „מצות־עשה"—ער מאַכט פון אים ניט קיין אימפּעראַטיוו, וועלכן יעדערער איז מחויב, מאָראַליש פאַרפליכטעט, אָפּצוהיטן. דאַרווין באַגנוגנט זיך מיטן אָפּמאָלן דאָס בילד פון לעבן ווי עס זעט אים דאָס שאַרפע אויג פון געלערנטן נאַטור־פאָרשער. דאָס בילד באַקומט זיך א היפּש ביסל גרויליק. אָבער ער איז ניט איבעריקס רייצנדיק און אויך ניט אָפּשטויסנדיק. מ׳קען פון אים אויך ניט אריינפאַלן אין גרויסן ענטוזיאַזם, אָבער דערפאַר וואָרפט ער אויך ניט אריין אין שוואַרצן יאוש. בנוגע סאָציאַלע דערשיינונגען איז דאַרווין נוטה א רעכט ביסל צו פאַרבויגן די אומברח־מנותדיקייט פון זיין געזעץ, און אפילו וויפיל עס איז פאַרבייטן דעם גרויזאַמען „דין" אויף האַרציקע „רחמים" פון געגנזייטיקער הילף, א טעזיס וועלכער איז פונקט דער היפך פון דער אויסשליסלעכקייט פון קעמפעריי.

בקיצור, דאַרווין באַשרייבט דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ". ער רעקאָמענדירט אים אָבער ניט. ער שטייט ניט צו מיט דער באַהויפּטונג, אַז דאָס איז דער איינציקער מיטל פאַרן פאַרשנעלערן דעם פאָרטשריט פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן.

מיט אַנדערע ווערטער, דאַרווין איז הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט ביאָלאָגישע דערשיינונגען, בשעת מאַרקס האָט קאָנצענטרירט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף סאָציאַלע, בעיקר, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דערשיינונגען.

דאַרווין איז דעסקריפּטיוו, בשעת מאַרקס איז פּרעסקריפּטיוו. דאַרווין באַשרייבט דעם קאַמף, מאַרקס פאַרשרייבט דעם קלאַסנקאַמף ווי א רעצעפּט פאַר דעם חולה וועלכער הייסט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

ביי דאַרווינען איז דער קאַמף אַן אייביקע קאַטעגאָריע, ביי מאַרקסן איז עס א היסטאָרישע קאַטעגאָריע.

מיטן אָפּשאַף פון קאַפּיטאַליזם ווערט בטל דער קלאַסנקאַמף.

ט.

# קאָנקורענץ און קלאַסנקאַמף

דאַרווין שרייבט:

„די מיסטעלפלאַנץ איז אָפּהענגיק פון עפּלבוים און פון עטלעכע אַנדערע בוימער, אָבער וועגן איר קען מען זאָגן בלויז אין א ווייט־פאַרטראַכטן זינען, אז זי קעמפט קעגן די דאָזיקע בוימער, וואָרים אויב צופיל פון אָט־די פּאַראַזיטן וואַקסן אויף איין און דעמזעלביקן בוים, ווערט ער פאַרדאַרט און שטאַרבט אוועק. אָבער וועגן עטלעכע זאָמען־געוויקסן פון דער מיסטעלפלאַנצונג, וועלכע וואַקסן נאָענט איינס־לעבן־דאָס־אַנדערע אויף דעם זעלביקן צווייג, קען מען ריכטיקער זאָגן, אַז זיי פירן א קאַמף איינס קעגן דאָס אַנדערע. אזוי ווי די מיסטעלפלאַנץ ווערט פאַרשפּרייט פון פייגעלעך, דעריבער הענגט איר עקזיסטענץ אָפּ פון זיי און מעטאַפאָריש קען מען זאָגן, אז זי קעמפט קעגן אַנדערע פרוכט־טראַגנדיקע פלאַנצונגען אין דער הינזיכט פון אנלאָקן די פייגלען אזוי, אז זיי זאָלן איר עסן און אזוי ארום פאַרשפּרייטן איר זריעה. אין אָט־די פאַרשיידענע פשטים וועלכע גייען אריבער איינער אין דעם אנדערן, געברויך איך צוליב באַקוועמלעכקייט, דעם אלגעמיינעם טערמין פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ.״ (39)

ווען מיר זאָלן נעמען דעם מאַרקסיסטישן טעזיס וועגן „קלאַסנקאַמף״ און אים באַטראַכטן אין דעם ליכט פון דעם דאַרוויניסטישן „קאַמף פאַר עקזיסטענץ״, דעמאָלט וואָלטן מיר באַרעכטיקט זיין צו ציען פון אים בלויז „בורזשואזע״ שליסע. און דאָס וואָלט הייסן, אז דער גערנגל וועלכער קומט פאַר צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשאזיע איז אי נויטווענדיק און אי נוצלעך, מחמת ער פירט צו דעם געוואונשטן פּראָצעס פון דער נאַטירלעכער און קינסטלעכער סעלעקציע. דער געפעכט הויבט אויף די פעולה׳דיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרופע, אויך דערמו־טיקט ער די יעניקע עלעמענטן אין די פּראָלעטאַרישע שריינגעס וועלכע פלייסן זיך מיט כל־הכוחות ניט אונטערצוגיין אין דעם דאָזיקן „געשלעג״. א דאַנק דעם קאַמף אויף לעבן און טויט וועלן פאַרבלייבן בלויז די שטאַרקסטע און געזונטסטע עקזעמפּלארן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן לאַגער. די שוואַכערע וועלן פאַלן אין שלאַכט און די קאַפּיטאַליסטישע מחנה וועט פון זיי פּטור ווערן. אַן ענלעכן עפעקט וואָלט עס אויך געהאַט אויף דעם פּראָלעטאַריאַט. בערך אין דעם גייסט האָט גערעדט ספּענסער און זיינע נאָכפאָלגער וועגן די גרויסע מעלות און אויפטואונגען פון „קאַמף

פאַר עקזיסטענץ". אָבער דאָס האָט צו טאָן מיט קאָנקורענץ ניט מיטן קלאַסנקאַמף. און קאָנקורענץ איז דוקא די דערשיינונג וועלכע מארקס און זיינע אָנהייגער האָבן פאַרדאַמט.

„די פראַגע מכוח די מעלות און חסרונות פון דעם קאָנקורענץ־סיסטעם באַזירט זיך אויף דעם פרינציפּ פון עוואָלוציע. מיר טאָרן ניט פאַרנאַכלעסיקן דעם ארגומענט מכוח דעם קאמף פאר עקזיסטענץ, וועלכער איז פארבונדן מיט דער נאַטירלעכער סעלעקציע". (40)

ענגעלס שרייבט אין אַנטי־דיוהרינג:

„צווישן די איינצלנע קאַפּיטאַליסטן, ווי אויך צווישן גאַנצע אינ־דוסטריעס און לענדער, ווערט די פראגע פון לעבן און טויט באשלאָסן פון די גינציקע, נאַטירלעכע אָדער קינסטלעכע, פּראָדוקציע־קאָנדיציעס. די באַזיגטע ווערן אומ׳רחמנות׳דיק באַזייטיקט. דאָס איז דער דאַרווי־נישער קאַמף פאַר אינדיווידועלער עקזיסטענץ וועלכער ווערט טראַנס־פערירט פון נאַטור צו דער געזעלשאפט מיט אינטענסיפיצירטער פאַר־ביסנקייט. דער שטאַנדפּונקט פון דער חיה אין דער נאַטור דערשיינט אלס דער לעצטער וואָרט אין מענטשלעכער אנטוויקלונג". (41)

בלויז מלחמות קענען ווערן באַצייכנט אלס „דער שטאַנדפּונקט פון דער חיה אין דער נאַטור", זיכער, ניט קאָנקורענץ, וועלכע איז ניט מער ווי א פארווייכטע, פארוואסערטע מאָדיפיקאציע פון דעם בלוטיקן קאמף פאר עקזיסטענץ. אבער, אפּוואַרפנדיק די צו שטארקע דיבורים פון ענגעלסן, מוזן מיר צוגעבן, אז ער שטייט אויף א סאָלידן באָדן, ווען ער ווענדט אָן דעם דאַרוויניסטישן פרינציפּ פון קאמף פאר עקזיסטענץ אלס א באַלויכטונג פאר דעם עקאָנאָמישן פענאָמען וועלכער טראָגט דעם נאָמען קאָנקורענץ.

„דער ארבעטערפעלד ווערט א שלאַכטפעלד". (42)

ניט אַרבעט, נאָר אינדוסטריע. אַרבעט און קאַפּיטאַל קענען קעמפן אין דעם דאַרוויניסטישן פשט פון וואָרט אַ סך ווייניקער ווי די מיסטעלפלאַנץ קען פירן אַ קאַמף קעגן בוים פון וועלכן איר גאַנצע עקזיסטענץ הענגט אָפּ און דעריבער קען מען בלויז אין אַ ווייט־פאַרטראַכטן זינען זאָגן, אַז זי קעמפט „קעגן דיביימער, מחמת דעם וואָס אויב צופיל פּאַראַזיטן זאָלן וואַקסן אויף דעם זעלביקן בוים — וועט ער פאַרדאַרט ווערן און שטאַרבן". אַלץ וואָס אַרבעט און קאַפּיטאַל קענען באַווייזן צו טאָן איז „דינגען זיך" אויף אַן אינדיווי־דועלן אָדער קאָלעקטיוון שטייגער. קאַפּיטאַל קען קעמפן קעגן קאַפּי־טאַל, דאָס אייגענע קען טאָן אַרבעט קעגן אַרבעט, אין דעם דאַרווי־

ניסטישן אויסטייטש, אָבער בשום אופן נישט אַרבעט קעגן קאַפּיטאַל אָדער קאַפּיטאַל קעגן אַרבעט. „עטלעכע זאַמען־געוויקסן פון דער מיסטעל־פלאַנצונג וועלכע וואַקסן נאָענט איינס לעבן דאָס אַנדערע אויף איין צווייג קען מען ריכטיקער זאָגן, אז זיי פירן אַ קאַמף איינס קעגן דאָס אַנדערע״. ווען מיר קוקן אויפן קאַפּיטאַליסט אַלס אַ פּאַראַזיט דעמאָלט איז דער קאַמף פון דער מיסטעל־פלאַנץ דער פּראָטאָטיפּ פון דעם קאַמף וואָס די קאַפּיטאַליסטן פירן אָן צווישן זיך, עס איז אַ קאַמף פאַר קונדן, פאַר פּראָפיטן־געבער, פאַר מאַרקן. פונקט ווי די מיסטעל־פלאַנצונגען קעמפן קעגן אַנדערע פלאַנצונגען אין דעם פּרט פון צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פייגעלעך בכדי זיי זאָלן זיי אויפעסן און דערנאָך פאַרשפּרייטן זייערע זאַמען, אַזוי פירט מען דעם קאַמף פאַר דעם קונד . . . פאַר דעם קויפער פון דער פאַבריצירטער סחורה, פשוטע וואַרע, אָדער דער פאַבריצירנדיקער סחורה, אַרבעטסקראַפט, וועלכע ווערט ערשט מאַטעריאַליזירט ווערן אין פשוטע וואַרע. קאַפּיטאַל קען אָבער אויף אַזאַ שטייגער נישט קעמפן קעגן אַרבעט, מחמת זיין גאַנצע עקזיסטענץ הענגט דאָך אָפּ פון אַרבעט, פונקט ווי די מיסטעל־פלאַנץ הענגט אָפּ פון בוים וועלכן זי פּאַראַזיטירט.

מאַרקס שרייבט:

„אַזוי אַרום זעצט קאַפּיטאַל פאָראויס לוין־אַרבעט און לוין־אַרבעט זעצט פאָראויס קאַפּיטאַל; איינער איז אַ בויטוועגדיקער באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם צווייטן, קעגנזייטיק מאַכן זיי מעגלעך איינער פאַרן אַנדערן די עקזיסטענץ״. (43)

קאַפּיטאַל מוז אָנקומען צו אַרבעט אָן וועלכער ער קען נישט זיין דערפאָלגרייך. און אַרבעט, פיזיאָלאָגישע ענערגיע־אינוועסטירונג זוכט אַ קונד, אַ קויפער. דער אַרבעטער אַנטפּלעקט זיך אין דער געשטאַלט פון פאַרקויפער און דער קאַפּיטאַליסט באַווייזט זיך אין דער פאָרם פון דעם קויפער. זיי האַמפּערן זיך, דינגען זיך מכוח דעם מקח, אָבער זיי קעמפן נישט אין דעם דאַרוויניסטישן פשט פון וואָרט. אָן אויסטויש־טראַנסאַקציע ווערט דאָ דורכגעפירט. אַלץ וואָס אַרבעט איז בכוח צו טאָן איז בייטן איר באַלעבאָס, איר קויפער, אַנשטאָט פון אַ פּריוואַטן, רייך־עקאָנאָמישן אָרגאַניזאַטאָר קען זי אויסקלייבן אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישן אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער מעג טראָגן פאַרשיידענע נעמען, אָבער אינדוסטריעלע אַרבעט אַלס אַזעלכע קען זיך אָן אַ באַלעבאָס, אָן אַן אויבערהאַר, אָן אַן אָרגאַניזירער נישט באַגיין בשום אופן ועניין. און דעריבער קען מען נישט קוקן אויף די אַרבעט־און־

קאַפּיטאַל פאַרקניפּונג ווי אויף אַ קאַמף־פאַרהעלטעניש אין דעם דאַר־ וויניסטישן טייטש פון וואָרט „קאַמף".

י.

# סאָציאַלער קריג און פרידן

## 1

### קאַמף פון פערזאָנען — ניט פון קלאַסן.

ענריקא פעררי שרייבט:

„דאַרוויניזם האָט באַוויזן אז דער גאַנצער מעכאַניזם פון אַנימאַל־ עוואָלוציע קען ווערן רעדוצירט צו דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ צווישן אינדיווידן פון דעם זעלביקן מין, אויף איין זייט, און צווישן יעדן מין און דער גאַנצער וועלט פון לעבעדיקע באַשעפענישן, אויף דער אַנדערער זייט.

אויף דעם זעלביקן שטייגער האָט דער מאַרקסיסטישער סאָציאַ־ ליזם רעדוצירט די גאַנצע מאַשינעריע פון סאָציאַלער עוואָלוציע צו דעם געזעץ פון קלאַסן־קאַמף". (44)

איך האָף אז ער מיינט ניט צו זאָגן אז קלאַסן־קאַמף איז דאָס אייגענע ווי דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דער קלאַסן־קאַמף אין דער סאָציאַלער עוואָלוציע לויט מאַרקסן פאַרנעמט גאָר אַן אַנדער פּאָזי־ ציע ווי דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע, לויט דאַרווינען. ער איז אויסן אַנצודייטן אַז די מאַרקסיסטישע טע־ אָריע מכוח דעם קלאַסן־קאַמף באַזיצט די זעלביקע פּאַראַלגעמיינערונג־ פּאַטענץ. אויב ענריקאָ פעררי וויל זאָגן מער ווי דאָס, מאַכט ער אַ גרויסן טעות. מחמת דער קלאַסן־קאַמף איז ניט קיין רייסעריי, קריגע־ ריי וועלכע ווערט געפירט מיט ציין און נעגל. דאָס איז אַ פענאָמען וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דעם בעלי־חיים קעניגרייך.

דער איינצלנער אַרבעטער קען באַקעמפן דעם איינצלנעם קאַפּי- טאַליסט. דער איינצלנער קאַפּיטאַליסט באַקעמפט דעם איינצלנעם אַר־ בעטער. ער קען אים פאַרבייטן מיט אַן אַנדער אַרבעטער, מיט אַ מער געהאָרכזאַמן און אַ וועלוועלערן, אַדער אַ מער פייאיקן, אַ מער פלייסיקן. אָבער אַלס קלאַסן, אַלס אָרגאַניזירטע איינהייטן, אַלס קאָ־ אָרדינירטע גאַנצקייטן קענען זיי ניט קעמפן איינער קעגן אַנדערן.

אַלץ וואָס זיי, אַלס קלאַסן, קענען זיך דערלויבן איז זיך אונטערצו־דינגען. זיי קענען איינער דעם אַנדערן ניט באַקעמפן פשוט דערפאַר וואָס זיי קענען זיך איינער אָן אַנדערן ניט באַגיין. זיי מוזן איינער דעם אַנדערן האָבן. איינפאַכע פּראָדוקטיווע אַרבעט, אונטער היינט־צייטיקע באַדינגונגען פון גרויס־אינדוסטריע, קען ניט זיין אויפּטו־עריש אויף אַ פּראָדוקציון אופן סיידן זי האָט אַן עקאָנאָמישע „פּי־רערשאַפט", אַ באַלעבאָס, אַן אָרגאַניזירער.

„דער געזעץ וועלכער עקוויליברירט שטענדיק דעם רעלאַטיוון איבערפלוס פון באַפעלקערונג, אָדער די אינדוסטריעלע רעזערוון־אַר־מיי, צו דער דרגא און ענערגיע פון אַקומולאַציע, אַט־דער געזעץ שמידט צו דעם אַרבעטער צום קאַפּיטאַל נאָך שטייפער און פעסטער ווי וואולקאַן האָט צוגעשמידט פּראָמעטייען צום פעלזנשטיין". (45

די פיגור, וועלכע מאַרקס געברויכט, מעג זיך זיין אַביסל צו ווילקירלעך אויסגעקליבן. מחמת אין דער צוזאַמענקייטלונג איז שווערלעך צו זאָגן, מיט פולער גענויקייט, ווער איז דאָ דער פעלזנ־שטיין און ווער איז פּראָמעטיי. אָבער איין זאַך איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַרבעט און קאַפּיטאַל זיינען צוזאַמענגעשמידט, און מ'קען זיי ניט פאַנאַנדערדרייסן, מ'קען זיי ניט שיידן. אַרבעט קען ניט אָפּ'גט'ן קאַפּיטאַל, און קאַפּיטאַל קען ניט לעבן אָן אַרבעט. די אינדוסטריעלע אַרמיי בכדי צו זיין אַ בעל־פעולה מוז ווערן באַזאָרגט מיט קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע. און קאַפּיטאַל מוז האָבן די אַר־בעטער, געגומען אין זייער מענגע, אין זייער צווייפאַכער בחינה פון פּראָדוצענטן און קאָנסומענטן, אַלס פאַרקויפער פון אַרבעט־ענערגיע, וועלכע ווערט פאַרקערפּערט אין רוי־מאַטעריאַל, און אַלס קויפער פון די סחורות וועלכע די קאַפּיטאַליסטן ווילן אָפּשטאַטן. די אַרבעטער־שאַפט פאַרנעמט זייער אַ חשובן פּלאַץ אויף דעם אינעווייניקסטן מאַרק, און די עקאָנאָמיע פון לאַנד מוז זיך מיט זיי רעכענען, מחמת זיי זיינען ניט נאָר די אַרבעטערשאַפט, די פּראָדוצירער־געזינדל, נאָר אויך די געברויכערשאַפט, זיי שטעלן צוזאַמען דעם רוב־מנין־ורוב־בנין פון די קאָנסומענטן.

ענגעלס שרייבט:

„גרויסאינדוסטריע, וועלכע יאָגט זיך אַרום איבער דער גאָרער וועלט זוכנדיק נייע קאָנסומענטן, באַגרענעצט דעם געברויך פון די מאַסן אין דער היים און האַלט עס אויף דער שטופע פון הונגער־מינימום און אַזוי אַרום אונטערגראָבט זי איר אייגענעם אינעווי־ניקסטן מאַרק". (46

דאָס פלעגן טאָן און טוען עס אויך היינט, צו אַ געוויסער מאָס, די איינצלנע קאַפּיטאַליסטן וועלכע האָבן ניט געוואוסט און ווייסן עד־היום ניט וואָס זיי טוען. דאָס קען אָבער ניט טאָן, בשום־אופן ועניין, גרויס־אינדוסטריע אַלס עפּעס גאַנצעס. דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס אַלס אַן איינהייט קען זיך עס ניט פאַרגינען. די קלאַסן־באַוואוסטזיניקע קאַפּיטאַליסטן, די „פּראָגרעסיווע", די „ליבעראַלע" מיטגלידער פון דער אינדוסטריאַליסטן-געמיינשאַפט מוזן זיין פאַר אַן „אָנשטענדיקן" סטאַנדאַרט פון לעבן. זיי מוזן אַליין צוגעבן אַז די אַרבעטערשאַפט איז באַרעכטיקט צו בעסערע קאָנצעסיעס, העכערע שכירות און קירצערע שעה'ן און מער באַקוועמלעכקייטן. זיי מוזן עס טאָן ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען „ליבעראַל", גוט־האַרציק, מענטשנפריינטלעך, נאָר פשוט מחמת דעם וואָס זיי באַגרייפן דעם באַטייט פון דעם היים־מאַרק, וועלכער איז, נאָך אַלעמען, די אייגענע אַרבעטער־באַפעלקערונג באַטראַכט פון שטאַנדפונקט פון געברויך. זיי זוכן דאָך קונדן, — און דאָ האָבן זיי זיי אין די שווערע מיליאָנען. און דער אינסטינקטיווער, דער „נאַטירלעכער" קאָנסומציע־שטרייק וועלכער ווערט פּראַקטיצירט פון די האַרעפּאַשנע מאַסן ניט-ווייסנדיק און ניט־ווילנדיק, איינפאַך דערפאַר וואָס זיי פאַרמאָגן ניט קיין איינקויף־קראַפט, איז באמת, פון גרעסערערווירקזאַמקייט ווי דער פּראָדוקציע־שטרייק. און ער איז עס די טרייב־פעדער אין דעם מעכאַניזם פון אומשטענדן וועלכע צווינגען די קאַפּיטאַליסטן נאָכ־צוגעבן די אַרבעטער און העכערן זייער מאָגערן געהאַלט. די קאַפּי-טאַליסטן אפילו מיט זייער „קעציש מוח'ל" זיינען תופס, אַז זייערע קויפער מוזן קריגן געלט אין זייער בחינה אַלס פאַרקויפער בכדי צו זיין בכוח צו לאָזן זיך קאָסטן, אויסגעבן אַלס קויפער. און ווען זיי ווערן באַראַבעוועט אַלס פאַרקויפער הערן זיי אויף צו זיין קויפער און די גאָלד־צירקולאַציע אין עקאָנאָמישן אָרגאַניזם שטעלט זיך אָפּ, און אַ כראָנישער קריזיס הערשט.

## 2

### קעגן קאָנקורענץ און קעגן קאַמף

מיט דעם זעלביקן אָטעם מיט וועלכן מאַרקס פּריידיקט דעם קלאַסן־קאַמף, זאָגט ער זיך ארויס זייער שאַרף קעגן קאָנקורענץ. דאָס אַליין באַ־וויזט גאַנץ דייטלעך אַז „קלאַסן־קאַמף" איז ניט דאָס אייגענע ווי דער

„קאַמף פאַר עקזיסטענץ". סיי מאַרקס און סיי ענגעלס זיינען אויסגע־שפּראָכענע קעגנער, פאַרדאַמען, אַן קווענקלעניש, קאָנקורענץ וועלכע זיי באַטראַכטן אַלס אַ נעגאַטיוון פאַקטאָר וואָס שעדיקט די פּראָדוקטיווע כוחות.

„קאָנקורענץ איז דער פולסטער אויסדרוק פון דעם קריג פון אַלע־מען קעגן אַלעמען וועלכער הערשט אין דער היינטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אָט־דער קריג, ווי מלחמה אויף לעבן, פאַר עקזיסטענץ, פאַר אַלץ — אין פאַל פון נויט, לכן, אַ מלחמה אויף טויט — ווערט גע־פירט ניט נאָר צווישן פאַרשיידענע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויך צווישן די איינצלנע מיטגלידער פון אָט־די קלאַסן. יעדער איינער איז יעדן איינעם אין וועג. און, היוצא, אז יעדער איינער באַמיט זיך צו באַזייטיקן און פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די יעניקע וועלכע שטייען אים אין וועג". (47)

אָט דער זאַץ וועלכער געהערט צו דער פען פון ענגעלסן איז ניט אַזוי פּינקטלעך, און דעריבער אַביסל פאַרפירעריש. אין דעם איז שולדיק הויפּטזעכלעך די ניט ריכטיקע טערמינאָלאָגיע וועלכע ער געברויכט.

צווישן די קלאַסן, דעם וואָס לייטעט און דעם וואָס ווערט גע־לייטעט, פירט זיך אַ קאַמף וועלכער איז מער אַ דינגעריי ווי אַ קריגעריי, אָבער בשום אופן קומט דאָרטן ניט פאָר קיין קאָנקורענץ, וועלכע, לויט איר עצם מהות נאָך, קען געפינען פּלאַץ בלויז צווישן אומאָפּ־הענגיקע איינהייטן. צווישן הערשער, פירער און באַהערשטע, געפירטע קומט ניט פאָר קיין קאָנקורענץ. מ'קאָנקורירט מיט אַ גלייכן ניט מיט אַן אונטערגעוואָרפענעם.

מאַרקס איז פאַרן קלאַסן־קאַמף, ער דערקלערט עס צו זיין דער באַוועגונגס־כוח אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָבער אָט־די געשיכטע בלאַמירט מאַרקס און רופט איר אָן מיט דעם צונע־מעניש „פאָרגעשיכטע". מחמת באמת איז מאַרקס אויך קעגן קלאַסן־קאַמף וועלכן ער באַטראַכט ווי אַ נויטווענדיקע צייטווייליקע שלעכטס וואָס וועט באַזייטיקט ווערן אין דער צוקונפט. לויט מאַרקסן איז דער קלאַסן־קאַמף אַ נעגאַטיווע דערשיינונג וועלכע מ'דאַרף לעת־עתה, אונטער די קאַפּיטאַליסטישע אַנטאַגאָניסטישע באַדינגונגען פון צוזאַ־מענלעבן אויסנוצן, אוטיליזירן צום גונסטן פון פּראָלעטאַריאַט און איבערבוי פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלכע דאַרף באַזירט ווערן, אין דער נאָענטער צוקונפט אונטערן סאָציאַליזם, אויף ריינער סאָ־לידאַריטעט.

אַזאַ אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפט־סטרוקטור און פונקציעס איז דער סאַמע היפוך פון דאַרוויניזם. מאַרקס איז קעגן „קאַמף פאַר

עקזיסטענץ" וועלכער ווערט אויסגעדריקט אין קאָנקורענץ. און ער וויל מאַכן אַ סוף צו דעם, נעמענדיק צופלוכט צום קלאַסן־קאַמף אַלס אַ מיטל צו באַזייטיקן אַ גרעסערע רשעות. און צום סוף וועט אויך דער קלאַסן-קאַמף איינגעשטילט ווערן, מחמת קלאַסן אַלס אַזעלכע וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן. דאָס איז ווייט פון דאַרוויניזם ווי דער רעליגיעז־פּראָפעטישער מזרח איז ווייט פון וויסנשאַפטלעכן מערב...

## י"א

# די „אוטאָפּיסטן" און די קלאַסן־קאַמף טעאָריע

פּלעכאַנאָוו שרייבט:

„עס איז אַ מערקווירדיקער פאַקט אַז בלויז זינט קאַרל מאַרקסן האָט סאָציאַליזם זיך גענומען באַזירן אויפן קלאַסן־קריג. די אוטאָ־פּיסטישע סאָציאַליסטן האָבן ניט געהאַט קיין שום השגה — אפילו אַ ניט־פּינקטלעכע — מכוח דעם. און אין דעם פּרט זיינען זיי געווען אָפּגעשטאַנען הינטער זייערע קאָנטעמפּאָראַרע טעאָרעטיקער פון דער בורזשואַזיע וועלכע האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען די חשיבות, יעדנ־פאַלס, פון דעם קאַמף פון דעם דריטן שטאַנד קעגן דעם פּריצים־מעמד". (48)

„זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום השגה אפילו אַן אומפּינקטלעכע" מכוח דעם קלאַסן־קאַמף. טאַקע אַזוי!

זאָלן מיר אָקאָרשט הערן וואָס די „אוטאָפּיסטן" האָבן אַליין וואָס צו זאָגן מכוח דער אַנגעלעגנהייט.

פוריע שרייבט:

„אין דער ציוויליזאַציע זיינען דאָ 16 קלאַסן, ניט אַריינגערעכנט שקלאַפעריי. אַ קאָרפּאָראַטיווע שנאה הערשט צווישן אָט־די אַלע קלאַסן". (49)

לכן, האָט שוין פוריע יע געוואוסט מכוח קלאַסן־אַנטאַגאָניזם.

ווי האַלט עס מיט סען־סימאָנס לערע?

„אין זיינע 'זשענעווע בריוו' האָט שוין סען־סימאָן געוואוסט אַז דער טעראָר־רעזשים איז געווען די הערשאַפט פון די באַזיצלאָזע מאַסן... צו באַגרייפן אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז אַ קלאַסן־קאַמף צווישן דעם פּריצים־שטאַנד, די בורזשואַזיע און די באַזיצ־לאָזע מאַסן איז געווען, אין יאָר 1802, אַן אַנטדעקונג פון אַ גאון". (50)

אַט האָבן מיר די באַהויפּטונג פון ענגעלסן אַז דער אוטאָפּיסט סען־סימאָן האָט יע געוואוסט פון קלאַסן־קאַמף און אַז ער האָט עס אַנטדעקט נאָך אין 1802.

„מענטשן זיינען איינגעטיילט אין צוויי קלאַסן, די עקספּלואַ־טאַטאָרן און די עקספּלואַטירטע". (51)

די אַזוי אָנגערופענע אוטאָפּיסטן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט מכוח דעם קלאַסן־קאַמף. אלא וואָס דען? זיי זיינען געווען אויסגעשפּראָ־כענע קעגנער פון קלאַסן־קאַמף. לויט זייער אָפּשאַצונג פון די רע־וואָלוציע־געשעענישן גיט דער קלאַסן־קאַמף זייער ווייניק רעזולטאַטן פון אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער. און זיי האָבן עס געזאָגט בפה מלא. זיי זיינען געווען לחלוטין אַנטוישט סיי בנוגע די צוועקן און צילן און סיי בנוגע די מיטלען און מעטאָדן וועלכע די פראַנצויזישע רע־וואָלוציע האָט אָנגעווענדט.

מאַרקס איז געקומען אַ סך שפּעטער, לאַנג נאָכדעם ווי דער שאַרפער שפּיץ פון דער דיסאילוזיאָנירונג איז שוין אַ היפּש־ביסל פאַרטעמפּט געוואָרן, די מפּלות פאַרגעסן, די וואונדן פאַרהיילט, די ביילן אָפּגעגאַנגען. מאַרקס אין דער הינזיכט שטעלט פאַר מיט זיך אַ צוריקקער צו די גע'פּסל'טע אידייען און מאָסרעגלען פון דער פראַנצויזישער איבערקערעניש. די אוטאָפּיסטן האָבן מיט זיך פאַר־געשטעלט אַ רעאַקציע קעגן „ציווילן מיליטאַריזם", קעגן טעראָר און בירגער־קריג, וועגן וואָס זיי האָבן צופיל געוואוסט, ניט צו ווייניק, אָדער גאָרניט, ווי פּלעכאַנאָוו באַהויפּטעט.

„אונדזער איצטיקע סיסטעם וועט מסתמא אַזוי אָנגיין ביז די אַרבעטנדיקע קלאַסן, איינזעענדיק אַז זייער אַרבעט קען זיי ניט פאַר־זיכערן די עקזיסטענץ־מיטלען, וועלן אַריינפאַלן אין כעס און פאַר־צווייפלונג און וועלן פּלוצים איבערקערן אונדזערע נאָבעלע און נוצ־לעכע אַנשטאַלטן און מאַכן פון זיי אַ תל.

גלויבט מיר, האַר, דאָס איז דער לשון פון איינעם וועלכער פילט וואָרים־פאַראינטערעסירט אין דעם וואוילצושטאַנד פון זיין לאַנד און אַן ערנסטע צוגעבונדנקייט צו זיינע אומשעצבאַרע אינסטיטוציעס. פאַר אים קען קיין צרה זיך ניט פאַרגלייכן צו אַן אויפשטאַנד פון אַ צערייצטער און פאַרהונגערטער באַפעלקערונג". (52)

אַזוי שרייבט ראָבערט אָוען צו דייוויד ריקאַרדאָ. האָט ער שוין יע געוואוסט מכוח קלאַסן־קאַמף.

ווי האַלט עס מיט פוריען? איז ער אַ תם און שאינו יודע־לשאול אָדער אַ „רשע" גמור מכוח קלאַסן־קריגעריי און רעוואָלוציע־אויסברעכונג?

אָט וואָס פוריע שרייבט:

„יע, די ציוויליזירטע אָרדענונג ווערט אַלץ מער און מער אומ־זיכער. דער וואולקאַן וועלכן עס האָבן אויפגעעפנט די פילאָזאָפן אין 1789 האַלט איצט בלויז ביי זיין ערשטער ערופּציע, אַנדערע וועלן נאָכפאָלגן אין פּראָפּאָרציע ווי די אַגיטאַטאָרן ווערן צעבאַלעוועט פון די שוואַכע רעגירונגען. די מלחמה פון די אָרימע קעגן די רייכע איז אַזוי דערפאָלגרייך אַז די דעמאַגאָגן פון אַלע לענדער באַצוועקן עס צו באַנייען". (53)

„נעכטן האָט איר אויפגעוואָרפן רעליגיע מיט די הריגות פון באַרטאָלאָמיי. היינט וואָרפט זי אייך אויף מיט עשאַפאָטן פון דער רעוואָלוציע. נעכטן זיינען עס געווען די קרייצצוגן וועלכע האָבן אַנטפעלקערט אייראָפּע, היינט איז עס די לערע מכוח גלייכהייט וועלכע קאָשעט אָפּ דריי מיליאָן פון אונדזערע יונגע לייט; און מאָרגן וועט אַ נייער פאַנאַטיזם באַדן אונדזער ציוויליזירטע אימפּעריע אין בלוט".(54)

סיי פוריע, סיי אָוען און סיי סען־סימאָן האָבן געוואוסט גאַנץ גוט מכוח דעם קלאַסן־קאַמף. זיי האָבן זיך אָבער באַמיט מיט כל־הכוחות עס אָפּצושטעלן, ניט צו דערלאָזן אַז עס זאָל קומען צו אַ בירגער־קריג.

אין אַ בריוו בעטנדיק שטיצע שרייבט סען־סימאָן: „עס איז מיין אינטערעס אין געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין, מיין פאַרלאַנג צו אַנטדעקן אַ מיטל ווי אַזוי צו ענדיקן אויף אַן אידעלן אופן דעם מאוימ'דיקן קריזיס אין וועלכן די גאַנצע אייראָפּייאישע געזעלשאַפט געפינט זיך איצט" (55)

„די אוטאָפּיסטן זיינען געווען הייסע כנגדים פון קלאַסן־קאַמף און זיין קלימאַקס די „סאָציאַלע רעוואָלוציע". זיי האָבן געטראַטן אין די בלוטיקע שליאַדן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע פוריע האָט באַשולדיקט אין דעם, אַז זי האָט געשאַפן אַ טיראַניי, וועלכע האָט אַריבערגעשטיגן אין אכזריות די דעספּאָטיע פון נע־ראָנען". (56)

מאַרקס, צו געברויכן העגעליאַניש־מאַרקסיסטישע פראַזעאָלאָגיע, איז געווען די רעאַקציע קעגן דער רעאַקציע, די „נעגאַציע פון דער נעגאַציע" פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג מעטאָדן און סטראַטעגיק.

מאַרקס איז געווען אַ רעסטאַווּרירער, ניט פון טראָנען, נאָר פון די מיטלען און מעטאָדן ווי אַזוי אומצוּוואַרפן די טראָנען פון קעניג „מאַמאָן".

## י"ב

# קלאַסן־קאַמף — מאַרקס זאָגט „יע" און „ניט"

אין יאָר 1907 האָט מערינג פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל „נייע צייט" (XXV, 2, 164), אויסצוגן פון אַ בריוו געשריבן פון מאַרקסן צו ווײַדערמייער דאַטירט דעם 5טן מערץ 1852. אין אָט־דעם בריוו, צווישן אַנדערעס, געפינט זיך די פאָלגנדיקע מערקווירדיקע דיסערטאַציע:

„וואָס איז שייך צו מיר אַליין איז דער כבוד פאַר דער אַנטדעקונג ענטוועדער פון דער עקזיסטענץ פון קלאַסן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט אָדער פון דעם קאַמף צווישן די קלאַסן געהערט ניט צו מיר. בורזשואַזע היסטאָריקער אַ לאַנגע צייט פאַר מיר האָבן אַנגעצייגט אויף דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אָט־דעם קלאַסן־קריג און בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן האָבן אָנגעצייכנט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די קלאַסן. וואָס איך האָב יע געטאָן איז צו באַווייזן דאָס פאָלגנדיקע: אַז די עקזיסטענץ פון קלאַסן איז פאַרבונדן בלויז מיט געוויסע היסטאָרישע געפּעכטן וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע . . . דאָס איז . . . איז מער ניט ווי אַן איבערגאַנג צו דער פאַרניכטונג פון וועלכע־עס־איז קלאַסן און צו אַ געזעלשאַפט אָן קלאַסן". (58)

לענין שרייבט:

„מ'זאָגט גאַנץ אָפט, אַז דער עצם עיקר פון מאַרקסעס לערע איז דער קלאַסן־קריג, אָבער דאָס איז ניט ריכטיק... די טעאָריע מכוח דעם קלאַסן־קאַמף איז ניט געשאַפן געוואָרן פון מאַרקסן, נאָר פון דער בורזשואַזיע בעפאַר מאַרקסן און די טעאָריע איז, בכלל ריידנדיק, גאַנץ אָננעמבאַר פאַר דער בורזשואַזיע.

„דער יעניקער וועלכער אַנדערקענט בלויז דעם קלאַסן־קריג איז נאָך ניט קיין מאַרקסיסט; דער יעניקער, קען מען אויסגעפינען, האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון די קייטן פון בורזשואַזן אַרט־דענקען אין פּאָליטיק. צו פאַרשמעלערן די מאַרקסיסטישע דאָקטרינע אַזוי אַז זי

זאָל ווערן אַ לערע מכח קלאַסן־קריג מיינט פאַרקירצן דעם מאַרק־סיזם, צו׳מזיק׳ן אים, דערנידערן אים צו עפּעס אַזעלכעס וואָס קען זיין אָננעמבאַר פאַר דער בורזשואַזיע״. (59)

מאַרקס רעקאָמענדירט דעם קלאַסן־קאַמף מער ניט ווי אַלס אַ מיטל מיט וועלכן מ׳דאַרף עס מאַכן אַ סוף, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, צו קריגערייען, צו מחלוקת׳ן און איינפירן אַ סיסטעם וועלכע וועט זיין ראַציאָנאַל און איינהייטלעך, פריי פון רייבונגען, פון שטירדעס, פון סתירות פון צוזאַמענשטויסונגען וכדומה סאָציאַלע אָנשיקענישן, פורעניותן. מאַרקס, באמת גענומען, פאַרדאַמט און פאַרוואַרפט הן קאָנקורענץ און הן דעם קלאַסן־קאַמף. מיט דעם אונטערשייד אָבער: מאַרקס זעט אין קלאַסן־קאַמף אַ ריזיקע קאָלבע מיט וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט איז בכוח אַריבערצוהויבן די גאַנצע היינטיקע געזעל־שאַפט איבער דעם קעגנוואַרטיקן צושטאַנד פון דיסהאַרמאָניע און אַנטאַגאָניזם; בשעת קאָנקורענץ, לויט אים נאָך, פאַרמאַגט ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, זי האָט ניט קיין היסטאָרישע שליחות וועלכע זי דאַרף דורכפירן פאַר איר אונטערגיין און פאַרשווינדן, זי האָט בפועל ממש גאָרניט וואָס צו לייסטן. מאַרקס האַלט פון קלאַסן־קאַמף מער ניט ווי דערפאַר וואָס ער איז זיכער אַז אָט־דער קאַמף איז די איינציקע אינסטרומענטאַליטעט וועלכע איז פּאַסיק און ווירק־זאַם פאַר דעם אָפּשאַף פון קלאַסן, די עקזיסטענץ פון וועלכע ער אסר׳ט בתכלית האיסור, די עקזיסטענץ פון וועלכע ער האַלט פאַרן גרעסטן אומגליק און גרעסטע צרה, חלאת פון דעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם.

מאַקס איסטמאַן שרייבט:

„וואָס מאַרקסן האָט אינטערעסירט איז דער אָנשטרענג צו שאַפן אַן אמת מענטשלעכע געזעלשאַפט. דער אַלצבאַהערשנדיקער צוועק פון זיין לעבן איז געווען אויסצוגעפינען אַ מיטל ווי אַזוי צו שאַפן, אָדער העלפן שאַפן, פון די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע מאַטע־ריאַלן אַן אַסאָציאַציע וועלכע שליסט אויס קלאַסן און קלאַסן־אַנטאַ־גאָניזמען... און אין וועלכער עס וועט ניט זיין מער קיין פּאָליטישע מאַכט אין ריכטיקן מיין פון וואָרט. אויפן יסוד פון אָט־דער היס־טאָרישער באַאָבאַכטונג וועלכע ווערט געשטיצט פון עקאָנאָמיק און אַ טיף־אריינגעטראַכטן וויסן פון מענטשלעכער נאַטור איז מאַרקס געווען ביכולת צו באַהויפּטן, אַז דער איינציקער מעטאָד דורך וועלכן אונדזער געזעלשאַפט קען ווערן רעוואָלוציאָניזירט איז די אָרגאַניזי־רונג פון אַרבעטער קלאַסן־קאַמף״. (60)

ביי מאַרקסן איז דער קלאַסן־קאַמף אַ „מלחמת-מצווה“, אַ הייליקער קריג, מחמת אַט־דער קריג איז דאָס דער גואל-צדק, דער מלך־המשיח וועלכער וועט אויסלייזן די געזעלשאַפט פון מלחמות, רייסעריען, קאָנפליקטן און אינטערעסן־קעגנזאַץ. אַט דער קאַמף וועט עס פאַרזיכערן דער געזעלשאַפט, דער מענטשהייט אז זי זאָל קריגן אַ פולע מאָס סאָלידאַריטעט, בשלימותדיקן שלום־בית און אַבסאָלוטע קלאַסנלאָזיקייט.

אַט־דעם קלאַסן-קאַמף, וועלכער ווערט געריטמט ביז גאַר, ווערט אויפגעהויבן ביזן זיבעטן הימל און ווערט, בנשימה אחת, געשימפט און געטאַדלט, ווערט אַראָפּגעשליידערט ביזן שאול־תחתיה, איז עס באַשערט פון דער היסטאָרישער מערכה, לויט דער מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע, צו פירן די פּראָדוצענטן צו זייער אַנטגילטיקן זיג איבער זייערע שונאים, די פּאַראַזיטן־עקספּלואַטאַטאָרן. און אַט דער קאַמף וועט עס זיין דער יעניקער געבענטשטער און מזל־ברכהדיקער פּאַקטאָר וועלכער וועט, לסוף, לחלוטין אָפּשאַפן, אַרויסרייסן מיטן סאַמע וואָרצל, די קלאַסן-דיפערענציאַציעס, וועלכע עקזיסטירן אין אונדזער צייט און האָבן עקזיסטירט פון סאַמע קדמונים, און עטאַבלירן דאָס קעניגרייך פון פרייהייט און גלייכהייט אויף דער ערד, במהרה בימינו אמן.

דער קלאַסן־קאַמף, על־פּי מאַרקסן, איז דער „כל וכל“ פון היסטאָרישן פּראָצעס. ער איז אי אי אַקושער, אי אַם־זויגערין, אי מלאך־המות, אי קברן... ער פאַרבראַקירט אַלע פאַרעלטערטע מאָדוסן פון סאָציאַלן פאַרהעלטעניש־נעקסוס און רופט אַרויס צום לעבן און געדייען נייע פאַרבינדונגען און פאַרשלייפונגען. דער קלאַסן-קאַמף איבט אויס אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקע השפעה אויף דעם גאַנצן אָוועקשטעל פון סאָציאַלן לעבן און האַנדלען. ער פאַרשנעלערט דעם פּאַמעלעכן גאַנג פון די שקאָפּעס וועלכע שלעפּן די בויד פון פּראָגרעס.

בקיצור: דער טעזיס אַז „די געשיכטע פון דער ביז־אַהער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף“ איז אַ דעסקריפּציע, פּרעסקריפּציע און פּראָסקריפּציע, אַלע דריי אויף איין מאָל, אין איין קניפל. דער וואָרט ביז־אַהער אין דער ברייטלעך־געפּאַסטער פאַראַלגעמיינערונג איז אונטערשטראָכן מיט אַ גאַנץ דיקלעכער ליניע פון פאַראַכטונג און פאַרדאַמונג. מאַרקס, בנוגע דעם קלאַסן־קאַמף, פאַרנעמט אַ צווייזייטיקע פּאָזיציע: ער איז פאַרן קלאַסן־קאַמף מיט לייב און זעל און ער איז אַן אויסגעשפּראָכענער

קעגנער סיי פון קאַמף און סיי פון קלאַסן, וועלכע זיינען טריף ווי חזיר . . .

„דער קלאַסן־קאַמף איז אַ שלעכטע זאַך, אָבער עס איז אַ טאַט־זאַך... סאָציאַליזם גלאָריפיצירט עס ניט". (61)

מאַרקס נעמט אָן דעם קלאַסן־קאַמף אויף דערווײַלע, ווי אַ ביטערע רפואה וועלכע אַ חולה, אַ קראַנקע געזעלשאַפט, מוז איינעמען, אָבער ער שאָקלט זיך גלייך אָפּ פון דעם, ער שפייט עס אויס, שפּרעכט עס אָפּ, און זאָגט צו אויף זיין הן־צדק, אַז אין דער צוקונפט וועלן אַזעלכע נעגאַטיווע דערשיינונגען בשום־אופן ניט געדולדעט ווערן. אַזעלכע מרשעתן און רשעותן וועט ער ניט צולאָזן, אַז זיי זאָלן אַרומגיין פראַנק און פריי אויף דער סאָציאַלער וועלט.

דער קלאַסן־קאַמף מיט די קלאַסן וועלן אָפּגעמעקט ווערן פון פּנים פון דער ערד... דער קלאַסן־קאַמף געהערט צו יענע מצוות וועלכע ווערן בטל לעתיד לבוא...

י"ג

## קלאַסן־קאַמף — ווערטיקאַל און האָריזאָנטאַל

עס זיינען דאָ סאָציאַלע פאָרמאַציעס וועלכע זיינען, אַזוי צו זאָגן, אַנטיפּאַטיש סימביאָטיק, אַ מין „עזר־כנגדו", אי צוזאַמענגע־נומען און אי אַנטקעגנגעזעצט. היסטאָריש זיינען זיי סיטואירט אויף איין פלאַך, זיי לעבן מעשה שכנים, אין גאָרער נאָענטקייט, זיי געפינען זיך אין איין און דער זעלביקער עפּאָכע.

אין אַנטי־דיוהרינג לייענען מיר:

„עס איז גוט באַקאַנט, אַז פון דעם מאָמענט ווען, פּונקט ווי אַ שמעטערלינג פון דעם אינזעקטן־קאָקון, די בורזשואַזיע איז אַרויס־געקומען פון די בורגער פון דעם פעאָדאַלן פעריאָד, ווען אַט־דער שטאַנד פון דעם מיטלאַלטער האָט זיך אַרויסגעוויקלט און געוואָרן אַ קלאַס פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, — איז זי תמיד און אומ-פאַרמיידלעך באַגלייט פון איר אייגענעם שאָטן, דעם פּראָלעטאַריאַט". (62)

אָט די צוויי אַגרעגאַטן, די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט, מאַרשירן דורך דאָס סאָציאַלע לעבן דערמאָנענדיק שטאַרק אָן יענע פּאָר, וועלכע איז געוואָרן אַ בייוואָרט, זיי האָבן חתונה געהאַט כדת משה וישראל. זיי געפינען זיך כסדר אונטער איין דאַך, אין אַ

חדר מיוחד. זיי האַלטן כסדר אין איין אַרומקריגן זיך, אָבער וועגן שיידן זיך, זיך פאַנאַנדערגיין טראַכטן זיי ניט. אַ גט — מ׳טאָר עס ניט דערמאָנען. זיי זיינען אויסגעבונדן אין דער סאַמע אָקציע פון אומאויפהערלעכן צוזאַמענשטויס, זיי שלאָגן זיך, דראַפּען זיך, ממית׳ן זיך, אָבער בלייבן לעבן און אַרבעטן און האַנדלען צוזאַמען. זיי פונקציאָנירן בשותפות.

ענגעלס שרייבט:

„אַ נעענטערע אונטערזוכונג ווייזט אונדז אויך אַז די דאָזיקע צוויי פּאָלוסן פון דעם אַנטיטעזיס, ווי דער פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו, זיינען פונקט אזוי אומפאַנאַנדערשיידבאַר ווי זיי זיינען אַנטקעגן־געזעצט, און אויף־צו־להכעיס זייער אָפּאָזיציע דרינגען זיי קעגנזייטיק אַדורך איינער דעם צווייטן״.(63)

זיי באַנעמען גאַנץ גוט אַז זיי קענען ניט אויסקומען איינער אָן דעם אַנדערן. זיי זיינען ניט פייאיק אויסצופירן ביחידות זייערע פליכטן און אויפגאַבן. ווארים זיי זיינען צוויי העלפטן פון איין גאַנצער זאַך. זיי זיינען קאָנטער־אַגענטן פון איינעם און דעם זעלביקן פּראָצעס.

עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזעלכע סאָציאַלע קערפּערשאַפטן וועלכע באַטרעטן די געשיכטלעכע בינע אויף אַ שטייגער וועלכער איז ענלעך צו דעם נאָכפאָלג פון די דורות. דער אַוואַנגאַרד פון איינעם און אַריערגאַרד פון צווייטן באַגעגענען זיך, מיט פיינטשאַפט און האַס, אויף די גרענעץ־ליניעס פון אַ געגעבענער עפּאָכע. דאָס הייסט, זיי פאַרנעמען, פאַרכאַפּן איינער דעם צווייטנס אָרט.

איצט, נאָך דער קורצער איינלייטונג, לאָמיר פאַרשטיין די קלאַסן־קאַמף דערשיינונג. וואָס איז עס? איז עס אַ קריג וועלכער קומט פאָר צווישן די וועלכע געפינען זיך אין צייט, אָדער עס איז אַ מלחמה צווישן די דאָזיקע וועלכע געפינען זיך אין רוים, אין סוקסעסיע אָדער אין קאָ־עקזיסטענץ?

בקיצור, איז דער קלאַסן־קאַמף ענלעך צו דעם געשלעג פון די געשלעכטער אָדער צו דעם געפעכט פון די עלטערס, אַלט און יונג, עלטערן און קינדער?

דער ענטפער צו דער פראַגע איז אַז דער קלאַסן־קאַמף ווערט מאָדעלירט לויטביידע פאַסאָנען. ער קומט פאָר סיי אין סוקסעסיע און סיי אין קאָ־עקזיסטענץ. דער קלאַסן־קאַמף וויקלט זיך פאַנאַנדער אין צוויי ריכטונגען וועלכע האָקן זיך איבער. ער געפינט זיך הן אין דעם האָריזאָנטאַלן און הן אין דעם ווערטיקאַלן שטח.

די מעשה פון דעם ענין איז אַזוי:

בשעת די מאַסן קעמפן האָריזאָנטאַל, פירן די הערשער אָן דעם קריג ווערטיקאַל. פון היסטאָריש-פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט — סאָציאָלאָגיש באַטראַכט, ניט בלויז פּאָליטיש — איז דער קלאַסן־קאַמף אַלעמאָל און אומפּאַרמיידלעך אַ קאַמף צווישן הערשער, צווישן שררות וועלכע פּאָלגן נאָך איינער דעם אַנדערן. און דעריבער איז זייער קריג ניט מער ווי אַ צוזאַמענשטויס מכוח פאַרשיידענע גראַדאַציעס, סטילן, נוסחאות, מעטאָדן פון הערשאַפט. עס האַנדלט זיך בשום אופן ניט וועגן אָפּשאַפן הערשאַפט בכלל. מיט איין וואָרט, עס איז אַ רייסעריי צווישן אַנקומענדיקע הערשער, צוקונפט־שררות און אָוועקגעטריבענע הערשער, געוועזענע גדולים.

אסוואלד ספענגלער שרייבט:

„שפּעטער צו, מיטן אויפקום פון די שטעט, אָבער ייִנגער פון זיי, קומט אַרויף די בורזשואַזיע אין דער געשטאַלט פון דריטן שטאַנד. דער בורגער, אויך ער, קוקט איצט מיט ביטול אויפן ישוב, וועלכער איז פאַרשלאָפן, אומגעענדערט און געדולדיק, און אין קאָנטראַסט צו וועלכן ער פילט זיך וואַכזאַמער און פרייער, און דעריבער אויך ווייטער אָוועקגעשפּרייזט אויפן שליאַך פון קולטור. ער פאַראַכטעט אויך די ערשטע צוויי שטאַנדן, דעם פריץ און דעם גלח ווי עפּעס וואָס געפינט זיך אינטעלעקטועל נידעריקער פון אים און היסטאָריש הינטער אים". (64)

לכן, פון אַ מער אַריינדרינגענדיקן בליק, איז עס געוועזן אַ קאַמף פון דעם „אויבן" קעגן דעם „אונטן". די דאָזיקע צוויי ווערטער „אויבן" און „אונטן" דאַרף מען נעמען אין זייער קאָנאָטאַציע פון פּאָטענציעלע פּאָזיציעס אין דער ספערע פון עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן אונטערנעם און אויפטו. אַ העכערע שיכטע, הגם לעת־עתה איז זי ניט אָנערקענט, און דעריבער נאָך ניט געשאַנקען איר פּאַסיקן אָרט, דעם אויבנאָן אין סאָציאַלן צוזאַמענלעבן, באַקעמפט אַ שיכטע וועלכע איז, אין תוך גענומען, נידעריקער פון איר, כאָטש על־פּי אַ היסטאָרישן „פּאַרזען" געפינט זי זיך יורידיש, פּאָליטיש, אַ דאַנק טראַדיציע, אויף אַ העכערער מדרגה. אָבער זי דאַרף זיך דאָרטן ניט געפינען. און מ'וועט איר טאַקע פון דאָרט אַראָפּטרייבן.

דער קאַמף ווערט געפירט, און דערפירט ביז צו אַ דערפאָלגרייכן גמר, אויף אַ ווערטיקאַלן שטייגער, אָבער דאָס ווערט געטאָן מיט דער דירעקטער שטיצע און אומגעזשאַלעוועטער הילף פון די אונטערדריקטע מאַסן, וועלכע קעמפן אויף אַ האָריזאָנטאַלן אופן. מיט

דעם דערקלערט זיך עס, וואָס די לעצטע אַקערן און זייען דאָס סאָציאַלע פעלד, טרינקען עס אָן מיט זייער שוויס און בלוט, אָבער זיי שניידן עס קיינמאָל ניט. זיי נעמען קיינמאָל ניט אַריין די תבואה, די גערעטעניש אין זייערע שייערן. מיט דעם דערקלערט זיך עס, וואָס די אונטערדריקטע האַלטן כסדר אין איין פלאַנצן דעם בוים פון פרייהייט — עסן אָבער קיינמאָל ניט פון זיין פרוכט. מחמת דעם וואָס ווען עס קומט די צייט צו נעמען עסן געפינען זיך אַלע מאָל אַנדערע בעלנים, „בילכערע פרעסער", וועלכע פאַרמאָגן שאַרפערע ציין און האָבן מער וועלפישע אַפּעטיטן און זיי פאַרכאַפּן דעם בוים מיט זיין אויבס און לאָזן קיינעם ניט צו.

פרידריך ענגעלס שרייבט:

„אָבער זייט ביי זייט מיט דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דעם פעאָדאַלן אידלשטאַנד און דער בורזשואַזיע איז געווען דער אַלגעמיינער אַנטאַגאָניזם צווישן די עקספּלואַטירער און די עקספּלואַטירטע, די רייכע ליידיקגייער און די אָרימע האָרעפּאַשניקעס. און דאָס איז טאַקע פּונקט דער אומשטאַנד וועלכער האָט געמאכט מעגלעך פאַר די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע זיך ארויסצושטעלן אַלס פאָרשטייער ניט פון אַ ספּעציעלן קלאַס, נאָר פון אַ גאַנצער ליידנדיקער מענטשהייט". (65)

אין אַנדערע ווערטער, עס איז דאָ אַן אַנטאַגאָניזם וועלכער ווייזט זיך אַרויס אויף אַ ווערטיקאַלן שטייגער און אַן אַנטאַגאָניזם וועלכער ווירקט אויף אַ האָריזאָנטאַלן אופן. דער ווערטיקאַלער אַנטאַגאָניזם איז דער יעניקער וועלכער באַהויפּטעט זיך צווישן דער בורזשואַזיע און דעם אַדלשטאַנד, צווישן צוויי הערשנדיקע קלאַסן וועלכע זיינען סיטואירט אין סוקסעסיע. דער האָריזאָנטאַלער אַנטאַגאָניזם איז דער יעניקער וועלכער באַהויפּטעט זיך צווישן די עקספּלואַטירער און די עקסולפּאַטירטע, „און דאָס איז טאַקע פּונקט דער אומשטאַנד" וועלכער דערלויבט די אַנפירער פון דעם ווערטיקאַלן קאַמף צו אוטיליזירן, עקספּלואַטירן דעם האָריזאָנטאַלן קאַמף. דער ווערטיקאַלער אַנטאַגאָניזם נוצט אויס דעם האָריזאָנטאַלן אַנטאַגאָניזם. דאָס הייסט, די צוקינפטיקע הערשער נוצן אויס די קאָמפּסלוסטיקייט, די אָפּערוויליקייט פון די מאַסן.

י״ד

# קלאַסן־קאַמף — די דילעמע פון אונטערגאַנג און איבערגאַנג...

אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט לייענען מיר:

„די געשיכטע פון דער ביז-אַהער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף. בן־חורין און שקלאַף, פּאַטריצי און פּלעבעי, פּריץ און לייב־אייגענער, צעכמייסטער און אַרבעטס־יונג. מיט איין וואָרט, אונטערדריקער און אונטערדריקטע האָבן זיך געפונען אין שטענדיקער אָפּאָזיציע איינער צום אַנדערן, האָבן אָנגעפירט אומאונטערבראָכענערהייט אַ געפעכט, אַמאָל פאַרדעקט, אַמאָל אָפן, אַ געפעכט וועלכער האָט זיך יעדעס מאָל געענדיקט ענטוועדער מיט אַ רעוואָלוציאָנערן איבערבוי, פון דער געזעלשאַפט בכלל, אָדער מיט דער אַלגעמיינער רואינירונג פון די שטרייטנדיקע קלאַסן. (66)

ווי עס איז צו זען איז דער ענין ניט אזוי יום־טובדיק ווי מ׳וואָלט קענען מיינען פון די שאַלנדיקע שברים תרועה וועלכע עס בלאָזן אַרויס די פּראָפּעסיאָנעלע בעלי־תוקע׳ס פון קלאַסן־קאַמף. די מעגלעכקייט פון אַ מפּלה פאַרביידע שטרייטנדיקע קלאַסן איז ניט אויסגעשלאָסן פון מאַרקסן און ענגעלסן, נאָר דווקא אַריינגעקלאַמערט אין דעם „ענטוועדער־אָדער”. דאָס הייסט, אַז דער דערפאַלגרייכער אויסגאַנג פון קלאַסן־קאַמף ליגט אויף די משקולת פון דער געשיכטע, עס איז אַ פאַל פון אַמאָל יאָ און אַמאָל טאָקע ניט, „אַ תמות נפשי עם פלישתים” קען גאָר זיין דער רעזולטאַט פון גאַנצן טאַראַראַם. אי דער פּראָלעטאַריאַט און אי די בורזשואַזיע קענען געבראָכן ווערן לויטן מאַרקסיסטישן פאַרשטיין פון קלאַסן־קאַמף...

דער „שור שנגח” אין פּרשה „ואלה המשפטים” פון דער מענטש־הייט־געשיכטע האָט צוויי הערנער. די דילעמע פון קלאַסן־קאַמף איז ניט גאָר קיין פריילעכע לויט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. דער קלאַסן־קאַמף קען האָבן אַזאַ אומבאַשטימטן גמר: ער לאָזט זיך אויס „ענטוועדער מיט אַ רעוואָלוציאָנערן איבערבוי פון דער געזעל־שאַפט... אָדער מיט אַן אַלגעמיינער רואינירונג פון די שטרייטנדיקע קלאַסן”. אויף קיין אייזערנעם בריק גייט מען דאָ ניט... קיין זיכער־קייט איז דאָ ניטאָ... די וואָגשאָלן וואַקלען זיך...

נאָר מיר וועלן טאָן אַ טובה די „קלאַסן־קאַמפּניקעס” און זיך דערווייל ניט־וויסנדיק מאַכן פון דעם פּאַטאָלן האַרן פון אַט־דעם

„שור־המועד", דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכער דראָט אונדז מיט אַ פולן צונויפבראָך פון אונדזער גאַנצער ציוויליזאַציע. קיינער ווינטשט ניט אַזאַ קאַטאַסטראָפע, אַזאַ מיאוסן פסק וועלכן עס קענען כאַפּןביידע צדדים, אין דעם געגעבענעם פאַל, סיי די בורזשואַזיע און סיי דער פּראָלעטאַריאַט. ווער קען עס אַרויסקומען מיט א געציקלטן „אָז־ישיר" ווען די מאָדערנע מצריים און די היינטיקע בני־ישראל זאָלן זיך חס־ושלום דערטרינקען אין רויטן ים־סוף פון אַ בלוטיקן בירגער־קריג! וועגן אַזאַ דורכפאַל ווילן מיר גאָרניט ריידן, און אפילו ניט טראַכטן.

על־כן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם צווייטן פאַל פון דער אַלטערנאַטיוו, דאָס הייסט, מיר וועלן באַטראַכטן די מעגלעכקייט „פון רעוואָלוציאָנערן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט". מיר וועלן באַהאַנדלען בלויז די גרויסע האָפענונג און ליכטיקע, כמעט פאַרבלענדנדיקע, הבטחה וואָס ווערט געגעבן דער גאַנצער שמאַכטנדיקער מענטשהייט, „דער רעוואָלוציאָנערער איבערבוי פון דער געזעלשאַפט".

מיר וועלן זיך דערלויבן ווערן אַ קאַפּיטשקע נייגעריק בנוגע דער צוקונפט־מערכה. מיר וועלן זיך האַלטן אין אַלגעמיינע ראַמען, זיך פאַרנעמען מיט אַן אָפּריס פון קאָנטורן, מער ניט. מיר וועלן, גאָט זאָל אונדז שומר ומציל זיין, ניט חוטא־בעגל זיין, מיר וועלן זיך ניט אריינלאָזן אין דעטאַלן פון צוקינפטיקן צושטאַנד פון דער איבערגעבויטער געזעלשאַפט, אַן אונטערנעמונג וועלכע איז גע'אסר'ט געוואָרן בחרם ובנידוי פון „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם".

מיר וועלן בלויז פרעגן: נו, וואָס וועט נאָכדעם זיין, אָדער וואָס איז נאָכדעם געווען ווען דער גליקלעכער צוזאָג מכוח „דעם רעוואָלוציאָנערן איבערבוי פון דער געזעלשאפט" איז טאַקע מקויים געוואָרן? וואָס וועט דעמאָלט זיין, אָדער וואָס איז דעמאָלט געווען? וועלן טאַקע דעמאָלט אָנקומען די דערוואַרטע ימות־המשיח, אָדער אפשר נאָך גרעסערע נסים ונפלאות וועלן געשען און די גליקן, וועלכע מ'האָט פאַרבאַהאַלטן פאַר דער עראַ וואָס קומט נאָך תחית־המתים, וועלן אונדז טרעפן?

מיר זיינען ניט קיין נביאים, הגם גאַנץ היפשע נאַראָנים, און אַלץ וואָס מיר קענען טאָן, אויב מיר ווילן קריגן אַן ענטפער אויף אַ פראַגע בנוגע דער צוקונפט, איז גיין צו דער פאַרגאַנגענהייט, נעמען די געשיכטלעך רעקאָרדירטע „רעוואָלוציאָנערע איבערבוי"־פעריאָדן, און זיי באַאָבאַכטן און טאקע זען און הערן וואָס זיי ווייזן און וואָס זיי דערציילן.

און ווען מיר טוען עס און פוילן זיך ניט און מעסטן אַפּ בשעת־מעשה די דיסטאַנץ וועלכע ליגט צווישן דעם צוזאַג און דעם דורכפיר, די עקספּעקטאַציע און די רעאַליזאַציע אין די פאַרדעמדיקע רעוואָלוציאָנערע עפּאָכן, קענען מיר, בזה־האופן, זיך שאַפן אַ השגה וועגן דעם מהלך־רב וועלכער ליגט אין דער נאָענטער צוקונפט צווישן דער צוזאָגונג און דערפילונג פון אונדזער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. מיט אַנדערע ווערטער, אויב מ'איז אויסן צו פאַרשטיין די דאָזיקע דער־שיינונגען און אַריינבליקן אין די צוקונפטס־מעגלעכקייטן, דאַרף מען ניט מורא האָבן זיך איינצושאַפן אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. אָבער דאָס איז ניט אַזוי גרינג צו טאָן.

„העגל איז זיכער געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט אַז די איינציקע זאַך וואָס מיר לערנען פון געשיכטע איז דאָס וואָס ניט די הערשער און ניט די פעלקער האָבן עפּעס יאָ געלערנט פון געשיכ־טע". (67)

מיר געהערן ניט צו די הערשער און ניט צו די פעלקער, נאָר צו דער דריטער קאַטעגאָריע פון דענקער וואָס לערנען עפּעס יאָ פון געשיכטע, אפילו לויט העגעלס פּעסימיסטישן קוק אויף היסטאָריע־שטודיום, ווען מיר טאַקע אַריינקוקן אין די קליינע פּינטעלעך פון די כראָניקס און זען וואָס שטייט דאָרטן געשריבן שוואַרץ אויף ווייס. און דער ספר־הזכרונות, אַז מ'עפנט אים פאַנאַנדער, רעדט קלאָרע דיבורים מכוח דער אַנגעלעגנהייט וועלכע אינטריגירט אונדז אַזוי שטאַרק. ער דערציילט מיט פּשוטע ווערטער אַז דער געזעלשאַפט־מלבוש איז שוין עטלעכע מאָל צוריק געבראַכט געוואָרן צום סאָציאַלן־שניידער, וועלכער הייסט רעוואָלוציע, און ער האָט טאַקע דעם מלבוש צעטרענט אויף אַלע נעט און אים איבערגענייט אויף־דאָס־ניי. אָבער, מעשה־שטן, די פאַרהעלטענישן צווישן אונטערשלאַק און אויבער־שלאַק, צווישן די מאַסן און העכערע קלאַסן, האָבן זיך פון אַלע איבערנייעאונגען און איבערניצעוואונגען, זיך ניט געענדערט אין תוך. עס איז געבליבן אַז „אויבן" און אַז „אונטן"... דעם שניט, דעם פאַסאָן פון גאַרניטור האָט מען געביטן לויט דער צייט נאָך, לויט דער מאָדע, אָבער די עצם־זאַך, די שייכותן פון טוך און אונטערלייגעכץ, איז געבליבן ניט געאַכט אויף אַלע חידושים און שינויים, אומגערירט.

דער קלאַסן־קאַמף בילד איז ניט אַזוי ראַז ווי מ'וויל זיך איינשמועסן אין די גענעראַל־שטאַבן פון דער „קאַזיאָנע" קלאַסן־קאַמף־פירעריי. די אַלטערנאַטיוו איז ענטוועדער אונטערגאַנג אָדער איבער־גאַנג. דער האָריזאָנטאַלער קלאַסן־קאַמף איז „פאַררעטעריש". און

מיט אַ גוטער כוונה קען מען ניט רעקאָמענדירן אַט־דעם מעטאָד אַלס דעם איינציקן מיטל וועלכער דאַרף עס פירן דעם פּראָלעטאַריאַט, די אַרבעטנדיקע מאַסן, צו דער פולקאָמער באַפרייאונג.

דאָס בראַדזשען, אפילו ביזן סאַמע האַלדז, אין דער היסטאָרישער בלוטיקער בלאָטע, דאָס שלעפּן זיך איבער די רוטין וועגן פון קלאַסן־קאַמף, קענען קיינמאָל ניט פירן דעם אַרבעטער־קלאַס צו זיין פולער עמאַנסיפּאַציע. די האַרעפּאַשניקעס דאַרפן זיך היטן פאַר דער טאַק־טיק וועלכע האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעשטעלט צו זיין פאַטאַל און פאַרפירעריש. די צוועקן און אַספּיראַציעס פון די ברייטע מאַסן קענען דורך דעם האַריזאָנטאַלן קלאַסן־קאַמף בשום־אופן ניט פאַרווירקלעכט ווערן. מ'דאַרף זיין טעמפּ ווי האַלץ — און אפשר טאַקע אַ רעכט ביסל זשוליקעוואַטער דעמאַגאָג — צו רופן דעם אַר־בעטער־קלאַס נאָכצופאָלגן — מיט איינגעגלויבטקייט און דערפאָלג־זיכערקייט — אין די וואָגן־קאַלייען פון דעם היסטאָרישן „וואויל־מיינענדיקן" פּראָצעס, און זיי איינשמועסן אַז אַט־דער מאַרשרוט וועט עס זיי ברענגען צו זייער געגאַרטן ענדציל. און נאָך טעמפּער און עם־האַרצותדיקער — און אפשר טאַקע כיטרע ווי אַ שלאַנג — דאַרף מען זיין בכדי זיך צו דערלויבן ראַטן די אַרבעטער זיך צו פאַרלאָזן אויף די נאַטירלעכע טענדענצן וועלכע ליגן איינגעוואַקסן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט וועלכע וועלן כלומרשט ברענגען, אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער, צו דער דערלייזונג פון אַרבעטער־קלאַס און נאָך מער צום אָפּשאַף פון קלאַסן בכלל.

דער האַריזאָנטאַלער קלאַסן־קאַמף קען געבן איין רעזולטאַט און דאָס איז די פאַרבייטונג פון איין קלאַס מיט אַ צווייטן. וויל אַט־דער האַריזאָנטאַלער קלאַסן־קאַמף ווערט דאָך געלייטעט, ווערט אָנגעפירט לכתחילה, פון סאַמע אָנהויב, פון קינדער פון אַן אַנדער קלאַס, פון אַ העכערן קלאַס. דער קלאַסן־קאַמף בכבודו ובעצמו אַנט־האַלט די זריעה פון אַ קלאַסן־פלאַנצונג. די קעמפער, די קלאַסן־קעמפער ווי אַן אַרמיי איז איינגעטיילט אין פשוטע זעלנער און אין גענעראַלן פון קלאַסן־קאַמף. און אַט־די צעשפּאַלטונג וועט מיט דער צייט ווערן טיפער און ברייטער און אַ נייער הערשנדיקער קלאַס וועט זיך אויסקריסטאַליזירן. אַזוי האָט די געשיכטע געטאָן ביז אַהער און אַזוי וועט זי ווייטער טאָן, אויב מ'וועט זיך פאַרלאָזן אויף דעם „יושר" פון די נאַטירלעכע פּראָצעסן, די נאַטירלעכע טענדענצן פון דער געשיכטע. און דאָס איינגנטלעך איז דער אמתער וויסנשאַפטלעכער באַטייט פון „רעוואָלוציאָנערן איבערבוי", וועלכער מיינט אַלע מאָל

איין זאַך: דאָס איבערקערן פון לייטער, אָדער ריכטיקער, דאָס אָפּ־האַקן פון די עטלעכע קעפּ־שטאַפּלען, זייער אָרט ווערט פאַרנומען פון די נאָכפאָלגנדיקע שטאַפּלען.

דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער געשיכטע איז דער קלאַסן־בייט, ניט דער קלאַסן־אָפּשאַף.

ט״ו

## „קעגנגעזעצטע הילף"

איצט ווילן מיר אונטערפירן דעם סך־הכול:

דער הערשנדיקער, ד. ה., אָרגאַניזירנדיקער קלאַס אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער ווי אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור קען ניט באַזייטיקט ווערן. ער איז דער 'אלהים', דער מאָדוס פון די סאָציאַלע און אינטעראינדיווידועלע פאַרהעלטנישן ווי אויך דער מאָדעלירער פון די דאָזיקע פאַרהעלטנישן, דער געשטאַלטער פון די שייכות'ן וועלכע וועבן זיך צווישן די מיטגלידער פון דעם געגעבענעם אַגרעגאַט, און, אַלס אַזעלכער, טיילט ער זיך אויס אַלס אַ באַזונדער 'טיפּ'.

אין ציבור־עגאָ, אין אַני־יהוה זיינען דאָ פאַרשיידענע עלעמענטן. דער ציבור־עגאָ איז ניט אינגאַנצן מאָנאָליטיש, איינפאָלטיק. די זעלביקע עלעמענטן עקזיסטירן אויך אין יחיד־עגאָ. און דאָ, ווי דאָרטן, שטייט תמיד, בכל רגע ובכל שעה, אָפן די פראַגע מכוח הנהגה. עס פרעגט זיך, וועלכער עלעמענט דאַרף זיין דער אָנפירנדיקער. אָן אָנפירנדיקער עלעמענט מוז זיין, עס איז אַ חוק־ולא יעבור, מ'קען זיך אָן אים ניט באַגיין, ווייל ער איז דער אויפהאַלטער פון דעם אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ. אָבער די דאָזיקע אָנפירערשאַפט טאָר ניט נאָר ניט שעדיקן דעם אחד פון דער פערזענלעכקייט, סיי פון יחיד און סיי פון ציבור, נאָר זי דאַרף עס זיין דער יעניקער פאַקטאָר, וועלכער פאַרווירקלעכט, פלעגט אָט־די אחד'דיקייט.

די לייזונג פון דעם פּראָבלעם פון אינערלעכער הנהגה ליגט ניט אין דעם אָפּשאַף פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט, אין דעם אָפּוואַרף פון דער דיפערענציאַציע, ווי דער 'נאַאיוויסט' פון דעם סאָציאַליסטישן אָדער אַנאַרכיסטישן חדר שטעלט זיך פאָר, נאָר אין דער סינטעטיזירונג פון די אַנאַליטישע פּראָדוקטן, אין דער צונויפברענגונג פון די פאַנאַנדער־

געגאַנגענע, אין דער אינטעגרירונג פון די דיפערענציאַציעס. געברויכנ־דיק מאָדערנע טערמינאָלאָגיע, וואָלטן מיר זאָגן, אַז דער צוויווערט „עזר כנגדו" באַדייט די לערע מכוח „קעגנגעזעצטער הילף". די געזעל־שאַפט אַלס אַזעלכע, אַלע מענטשלעכע באַציאונגען ווי אויך די אינער־לעכע פאַרהעלטענישן אין דעם מענטשנס באַוואוסטזיין גופא, ווי אויך די שייכותן פון דעם איינצלנעם אינדיווידועלן אָרגאַניזם זיינען באַ־זירט אויף קעגנזייטיקער הילף, וועלכע ווערט גאַנץ אָפט קאָרעגירט דורך קעגנזייטיקער שטערעניש. קיין פולע האַרמאָניע געפינען מיר דערוויל ניט. קעגנזייטיקע הילף ווען זי ווערט אָלטערנאַטירט מיט קעגנזייטיקער שטערונג פאַרוואַנדלט זיך אין א קעגנגעזעצטער הילף. די לעצטע זעט מען גאַנץ בולט אַרויס אין די געשלעכטער־פאַרהעלטע־נישן, ווי אויך אין די קלאַסן־שייכותן, אייגנטלעך, אומעטום וואו מיר האָבן צו טאָן מיט א צווייאיקייט, וועלכע איז אי צעשפּאָלטן און אי ווידער פאַראייניט. אין 'עזר כנגדו' טעאָריע ליגט עמבריאָנעל די לערע מכוח דעם אינטעראינדיווידואל פון אינעווייניק, אין דער נשמה פון מענטשן, ווי אויך אויסערלעך אין דער געזעלשאַפט, וועלכע איז, יעדנ־פאַלס דאַרף זיין, אַן עקסטערנאַלער אינטער־אינדיווידואַל. מיט איין וואָרט, עס איז אַ לערע וועגן אַ סאָלידאַריטעט, וועלכע איז אַרויפגע־בויט אויף אַ קעגנזאַץ.

די עזר־כנגדו פאָרמולע פליסט אַרויס פון עצם־מהות פון יהוה־חכמה, און זי באַדייט, — ווען ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און אַלע קאָנסעקווענצן געצויגן פון איר — אינטערסעקסואַליזם.

דער מדרש רבה זאָגט:

„עס איז ניט גוט דאָס זיין פון מענטשן אַליין, איך וועל אים מאַכן אַ 'הילף־קעגן־אים'. האָט רבי יעקב געלערנט: ווער עס האָט ניט קיין פרוי, וואוינט אָן גוטס, אָן הילף, אָן פרייד, אָן ברכה, אָן פאַרגעבונג. אָן גוטס — 'עס איז ניט גוט דאָס זיין פון מענטשן אַליין'. אָן הילף — 'איך וועל אים מאַכן אַ הילף קעגן אים'. אָן פרייד — ווי עס איז געזאָגט געוואָרן (דברים י"ד, כ"ו): 'און דו וועסט זיך פרייען, דו און דיין הויז'. אָן זינד־פאַרגעבונג — 'און ער וועט פאַרגעבן פאַר זיך און פאַר זיין הויז' (ויקרא ט"ז ו'). אָן בענטשונג — 'אַריינצוטאָן אַ בענטשונג אין דיין הויז' (יחזקאל, מ"ד, ל'). רבי סימון . . . האָט געזאָגט: אפילו אָן פרידן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, 'דו ביסט פרידן און דיין הויז איז פרידן' (שמואל א' כ"ה, ו'). רבי יהושע בן סכנין אין נאָמען פון רבי לוי האָט געזאָגט, אפילו אָן לעבן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: 'זע

לעבן מיט דער פרוי וואָס דו האָסט ליב׳ (קהלת ט׳ ט׳) רבי חייא דער זון פון גמדא האָט געזאָגט: ׳ער איז אפילו ניט קיין גאַנצער מענטש, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ׳און אלהים האָט זיי געבענטשט און האָט גערופן זייער נאָמען מענטש׳, ביידע ווי איינער ווערן אָנגע־רופן ׳מענטש׳ ״. (ה).

דער זהר שרייבט:

„מחמת די בענטשונגען געפינען זיך אין־ערגעץ־ניט, נאָר בלויז אין דעם פלאַץ, וואו דער זכר און די נקבה זיינען גליידך״ (ו)

„דער מענטשנקינד וועט קומען זיך צו היילִיקן מיט זיין פרוי, ווי איינער. פון וועמען קומט דער פלוס־פאַרבעסער אין יענער היילי־קייט? זאָג: פון דער פרוי״. (ז)

דער ליבע־טעמפל איז די באַהעפטונג פון זכר און נקבה״. (ח)

„׳יום הששי׳, וואָס איז דער מער וואָס ביי אַלע טעג שטייט ניט קיין ה׳, נאָר בלויז דאָ? (פאַרוואָס שטייט ניט יום ששי, ווי עס שטייט יום שני, יום שלישי, יום רביעי, יום חמישי, פאַרוואָס שטייט דאָ ויהי ערב ויהי בקר יום הששי, מיט א ה׳?) ווען די וועלט איז פערפעקטירט געוואָרן האָט זיך די נקבה באַהעפט מיטן זכר אין איין פאַראייניקונג, דער ה׳ אין ששי, בכדי זיי זאָלן זיין אַלע איינס״.(ט) (ה׳ איז דער צייכן פון דאָס ווייבלעכע).

די פאַראייניקונג פון ביידע קעגנזאַצן, דער סינטעז פון די הי־פוכים, די פאַרפרידעגונג פון די ניגודים שאַפט די ברכה, ברענגט דעם עודף, רעאַליזירט דעם צוואוואוקס. די אידישע לערע, די יהוה־קלוג־שאַפט איז באַזירט אויף דעם אחדות־פרינציפ און זי איז אויסגע־שפראָכן קעגן קאַמף־עלעמענט אַלס פאָזיטיווער פאַקטאָר אין לעבן, אין געזעלשאַפט, אין פאַמיליע, שטאַט, עקאָנאָמיע אָדער אין איך־קאָנסטרוקציע פון דעם איינצלנעם.

„אירע וועגן זיינען אָנגענעמלעכקייט־וועגן, און אַלע אירע שטעגן זיינען פרידן״. (י)

און מהאי טעמא אָנדערקענט ניט אידישקייט דעם קאַמף־מעטאָד אַלס קאָנדוקטיוו צו פאָזיטיווער פעולה אפילו דעמאָלט, ווען דער קאַמף ווערט געפירט אין דער אייגענער נשמה און עס איז אַ מלחמת־היצר דערבראַכט צו פאַרביטערונג. אידנטום האָט קיינמאָל ניט באַ־קעמפט, מיט דער כוונה אויסצוראָטן, איינגאַנצן אונטערדריקן, די געשלעכטס־תאווה. אידישע עטיק איז קיינמאָל ניט דערגאַנגען צום פולן אַסקעטיזם. זי האָט ניט דערקלערט קיין מלחמת־מצווה דעם זינדיקן לייב. זי האָט ניט געפריידיקט קיין מאַרטיפיקאַציע. אידיש־

קייט האָט זיך ארייגעלייגט אין אַ שלום. זי איז געווען פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע כוחות, פון אַלע באַגערן און גלוסטונגען, וועל־כע לאָזן זיך נאָר הערן אין הארצן פון מענטשן. אידישקייט האָט זיך געפלייסט צו שאַפן אַ מאָדוס אפעראנדי צווישן לייב און זעל. זי האָט ניט אָנגעהאַלטן אַ קריגסצושטאַנד צווישן גוף און נשמה.

דער תלמוד האָט געקוקט אויף דעם עקסטרעמען אַסקעטיזם ווי אויף אַ זינד. פאַר די פּרושים איז אַזאַ פיר געווען צו קריגעריש, צו מיליטאַנטיש, און זיי האָבן אים פאַרדאַמט און פאַרוואָרפן.

„'און ער וועט פאַרגעבן אויף זיך פאַרוואָס ער האָט געזינדיקט' (ויקרא ו', י״א). רבי אלעזר זאָגט: פאַרוואָס ער האָט געזינדיקט מיט זיין זעל, דערפאַר וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון וויין. און די זאַכן זיינען דאָך אַ קל־וחומר. מה־דאָך דער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון וויין דאַרף האָבן אַ פאַרגעבונג, אפשיטא־שוין דער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון יעדער זאַך״ (י״א).

„זיי האָבן געבעטן, אז מ'זאָל איבערגעבן דעם יצר הרע אין זייערע הענט. האָבן זיי אים געהאַלטן געבונדן דריי טעג נאָכאַנאַנד. האָבן זיי געזוכט אַן איי, וואָס איז אַלט אַ טאָג, פאַר אַ קראַנקן — און זיי האָבן ניט געפונען״. (י״ב)

אברהם אָבינו האָט געמאַכט דעם יצר הרע פאַרן יצר טוב, ווי עס שטייט געשריבן: 'און דו האָסט געפונען זיין האַרצן (לבבו — ביידע הערצער) געטריי פאַר דיר' (נחמיה ט' ח'), און ער האָט גע־מאַכט אַ פּשרה מיט אים, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן 'און ער האָט געשלאָסן מיט אים אַ בונד' ״. (י״ג)

אברהם אבינו האָט געשלאָסן א בונד, געמאכט שלום מיטן יצר־הרע, אפילו מיט אַ־דעם מנוול איז בעסער שלום־מאַכן איידער זיך ארומ־רייסן.

„'און אָט עס איז גוט' — דאָס איז דער יצר טוב. 'און אָט עס איז זייער גוט' — דאָס איז דער יצר־הרע. צי איז דען דער יצר־הרע זייער גוט? איך וואונדער זיך! אלא, וואָס דען, ווען ניט דער יצר־הרע, וואָלט אַ מענטש ניט געבויט קיין הויז, וואָלט ניט גע־נומען קיין ווייב, וואָלט ניט געהאַט קיין קינדער, און ער וואָלט ניט געטאָן קיין געשעפט. און אַזוי האָט שלמה המלך געזאָגט, 'זי איז די ריוואַליטעט פון איין מענטשן מיטן צווייטן' (קהלת ד', ד')." (י״ד)

אידישקייט אָנדערקענט שלום פון דרויסן און פון אינעווייניק, שלום צו דעם ווייטן, דעם שכן, און שלום צו דעם נאָענטן, צו די איי־גענע זעלנצושטאַנדן.

אידישקייט רעקאָמענדירט די מעטאָדאָלאָגיע פון ׳אינטעריזם׳, פון דער סינטעטישער פאַראייניקונג. בנוגע די געשלעכטער איז עס אינטערסעקסואַליזם, אַלס איינלייטער פון אינטערנאַציאָנאַליזם און אינטערקלאַסיזם, אינטעראינדיווידואַליזם. מיט איין וואָרט, אידישקייט ווענדט אָן דעם מעטאָד פון סתירות־פאַר׳שלום׳ונג, קעגנזאצן־פאַרגיטי־קונג, אָבער ניט זייער פולע פאַרניינונג אָדער באַזייטיקונג.

### ט״ז

# אָרגאַנישע סאָלידאַריטעט

אַזוי ווי מיר קענען ניט שאַפן, אין דער ראַם פון געשיכטלעכער פערספעקטיוו, קיין געשלעכטלאָזע פאַמיליע אין ביאָלאָגיע, אַזוי קענען מיר ניט שאַפן, אין די גרענעצן פון היינטיקער סאָציאָלאָגישער, אָדער אינטעראינדיווידאָלאָגישער סטרוקטור, קיין קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט. עס האָט אַזויפיל זין ווי זאָגן אַז מיר גייען קאָנסטיטואירן אַן אָרגאַנעב־לאָזן אָרגאַניזם אָדער אַ צעלנלאָזן אָרגאַן. אַלץ וואָס מיר קענען איז האַנדלען אויף דעם סמך פון ׳עזר כנגדו׳, פון אַן אַנטאַגאַניזם, וועלכער ווערט איבערוואוּנדן און פאַרוואַנדלט זיך אין סאָלידאַריזם. מחמת די געזעלשאַפט איז, נאָך אַלעמען, אַן אָרגאַניזם. און ווילנדיק ניט־ווילנדיק מוז זיך באַהויפּטן אין דער געזעלשאַפט דער אָרגאַנישער פּרינציפּ פון סאָלידאַריטעט. די גאַנצע מענטשן־ראַסע זיינען איין מענטש, איין קערפּער. די פעלקער זיינען בלויז גלידער פון איין גוף. צום באַדויערן זיינען זיי לעת־עתה אברים מדולדלים . . .

אין זהר לייענען מיר:

„מיר זיינען נעענטער צום אויבערשטן קיניג פון אַלע איבעריקע פעלקער, דאָס איז זיכער. מחמת דער קדוש־ברוך־הוא האָט געמאַכט די אידן פאַר דאָס האַרץ פון דער וועלט. און אַזוי זיינען די אידן צווישן די איבעריקע אומות ווי אַ האַרץ צווישן די גלידער. אַזוי ווי די גלידער וואָלטן ניט געקענט עקזיסטירן אין דער וועלט אפילו איין רגע אָן אַ האַרץ, פּונקט אַזוי אַלע פעלקער זיי קענען ניט עק־זיסטירן אין דער וועלט אָן די אידן . . . ווי אַ האַרץ אין־מיטן די גלידער, אַזוי פונקציאָנירן די אידן אין־מיטן פון אַלע פעלקער . . . דאָס האַרץ איז ווייך און שוואַך, אָבער דאָס איז דער אויפהאַלט פון אַלע גלידער. זיי וויסן גאָר ניט פון קיין צער, צרות און טרויער, בלויז

דאָס האַרץ. אין אים איז דער אויפהאַלט אין אים דער פאַרשטאַנד... אין די איבעריקע גלידער איז ניטאָ קיין אויפהאַלט און זיי ווייסן גאָרניט. אַלע איבעריקע גלידער זיינען ניט נאָענט צום קיניג, וועלכער איז די חכמה און פאַרשטענדעניש וואָס געפינט זיך אין מוח, בלויז דאָס האַרץ. און אַלע איבעריקע גלידער זיינען ווייט פון אים און זיי ווייסן גאָרניט פון אים. אזוי זיינען די אידן נאָענט צום הייליקן קיניג, און די איבעריקע פעלקער זיינען ווייט פון אים" (ט"ו)

„די אידן זיינען דער שכל פון דער וועלט, ווייל זיי האָבן אַנטדעקט דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין און זעלבסט־באַוואוסטזיין, ד. ה., דעם איך, דעם איך־ערטום, וואָס מיינט, אין אַנדערע ווערטער, דעם פאַרשטאַנד און געוויסן. לויט די פאַרצייטיקע השגות איז דאָס האַרץ געווען דער זיך־פּלאַץ פון פאַרשטענדעניש, פון 'בינה'. (ט"ז)

די אידן צווישן די פעלקער זיינען ווי דאָס האַרץ צווישן די גלידער, עס האָט מער וויטאָק פון זיי אַלע און מער געזונטקייט פון זיי אַלע". (י"ז)

אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג געפינען זיך צוויי הנחות, אַ גרעסערע און אַ קלענערע. די ערשטע הנחה איז אַז עס איז דאָ אַן אָרגאַניזם, אַז די גאַנצע מענטשהייט שטעלט צוזאַמען איין גוף. די צווייטע הנחה איז אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַ חשובער גליד פון אָט־דעם קערפּער, אַז די אידנשאַפט פאַרנעמט אַן אויסשליסלעך וויכטיקן פּלאַץ אין אָט־דעם קערפּער.

דער טעזיס, אַז די אידן זיינען דער שכל, דער מוח, דאָס האַרץ, דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט, זאָגט דאָך בפה מלא, אַז די מענטשהייט איז אַן אָרגאַניזם, אַ גאַנצער גוף וועלכער פונקציאָנירט, לעבט. די אידנשאַפט טיילט זיך ניט אָפּ פון דער מענטשהייט, נאָר דערפילט אַ באַשטימטע פונקציע אין דעם דאָזיקן קערפּער. די פונקציע פון דעם אידישן פאָלק קען דאָך ניט דערפילט ווערן, סיידן די מענטשהייט, די מענטשלעכע ראַסע ווערט אויפגעפאַסט אַלס עפּעס אָרגאַניש־גאַנצעס. און דער סאָלידאַריטעט־פּרינציפּ, אויף וועלכן יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם איז געבויט און האַלט זיך, מוז זיך אויך דאָ, אין דער מענטשהייט, באַהויפּטן מיט זיין גאַנצער קראַפט און תקיפות.

אָט דער געדאַנק, אַז די מענטשהייט שטעלט פאָר מיט זיך איין אָרגאַניזם, וועלכער באַשטייט פון פאַרשיידענע איברים, ווערט קלאָר אויסגעדריקט אויך אין דעם ערשטן בריוו פון דעם אַפּאָסטאָל פּוילוס צו די קאָרינטער.

„ווארים אַזוי ווי דער לייב איז איינס און האָט פילע גלידער, אָבער אַלע גלידער פון דעם איין לייב, הגם זיי זיינען פילע, זיינען זיי דאָך איין לייב, אַזוי איז אויך דער משיח. ווארים דורך איין גייסט זיינען מיר אויך גע'טובל'ט צו איין לייב סיי מיר זיינען יידן אָדער גרעקן, סיי קנעכט אָדער פריי... אָבער גאָט האָט דעם לייב צוזאַמענ־געהעפט . . . כדי עס זאָל ניט זיין קיין מחלוקת אין לייב, נייערט די גלידער זאָלן זאָרגן איינער פאַר דעם אַנדערן. און ווען איין גליד לײדט, אַזוי ליידן אַלע גלידער מיט אים; ווען אַ גליד איז געערט, אַזוי פרייען זיך אַלע גלידער צוזאַמען און איר זייט דער לייב פון משיח, און גלידער יעדער נאָך זיין טייל" (י״ז)

און יהוה־חכמה גייט נאָך אַ טריט ווייטער. זי באַהויפּטעט, אַז די וועלט אַלס אַ גאַנצע, אַז דער באַשטאַנד און באַשאַף, גענומען אין זיין טאָטאַליטעט פון אַ סומע וועלטן, אַן אומגעהויער גרויסע צאָל פון זונענסיסטעמען, איז, באמת, בלויז איין אָרגאַניזם, און אַלע פאַרשיידענע קיניגרייכן אין דער וועלט זיינען בלויז צעלן אין דעם אָרגאַן, וועלכער הייסט וועלט. און אַלע וועלטן זיינען גלידער, באַזונדערע איברים, וועלכע שטעלן צוזאַמען איין קערפּער און דער קערפּער איז דער באַשטאַנד, דער גאַנצער קיום, פון וועלכן יהוה איז די נשמה, דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין און זעלבסט־באַוואוסטזיין. און דאָס איז דער טיפער יסוד און פעסטער סוד פון יחוד.

דער זהר שרייבט:

„'שמע ישראל, יהוה אלהינו, יהוה אחד' — דאָס איז אַן אָנזאָג צו פאַראייניקן דעם נאָמען פון הייליקן־געבענטשט־איז־ער יעדן טאָג. ווארים פונקט ווי מ'פאַראייניקט דעם נאָמען פון הייליקן־געבענטשט־איז־ער אונטן, אַזוי ווערט פאַראייניקט זיין נאָמען אויבן, און זיין נאָמען ווערט אייניק סיי אויבן און סיי אונטן. ווער עס פאַראייניקט דעם נאָמען פון הייליקן געבענטשט־איז־ער זאָל אַריינטאָן זיין האַרץ (פאַרשטאַנד) און געדאַנק אין דער דאָזיקער פאַראייניקונג, ווי מיר האָבן געזאָגט. און ער זאָל פאַראייניקן אַלע גלידער אין דעם יעניקן יחוד, אין דעם ווילן, אַז זיי זאָלן ווערן איינס. און אַזוי ווי ער טוט אַריין אַלע זיינע גלידער אין איין מיסטעריע, פונקט אַזוי אויבן פאַר־אייניקט ער אַלע אויבערשטע גלידער אין דעם יעניקן יחוד, זיי זאָלן אַלע ווערן איינס. צוויי הונדערט און אַכט און פערציק וועלטן, און זיי אַלע הייסן די איברים פון גוף . . . ווארטן אויף דעם יעניקן יחוד . . . און זיי קלייבן זיך אַלע צונויף אין יעניקן יחוד און זיי ווערן אַלע איין גוף אין איין מיסטעריע. און יענער יחוד שטייגט אַרויף

און ער פאַראייניציקט אַלעמען אין צוויי צדדים אין איין פאַראייניציקונג. אין יענער שעה נעמען זיך צונויף אַלע גלידער און זיי פאַראייניקן זיך אין איין פאַראייניקונג צו ווערן אַלע איין מיסטעריע אויבן און אונטן אין דער מיסטעריע פון ׳יהוה איז איינס און זיין נאָמען איז איינס׳ ״.(י״ח)

אַלע וועלטן, אַלע זונענסיסטעמען זיינען איין אָרגאַניזם, ווערן איין אָרגאַניזם דורך דער מיסטעריע פון יחוד. אַט־די מיסטעריע מיינט אַ פאַראייניקונג, קודם כל, פון אַלע גלידער פון דעם מענטשן אַזוי, אַז זיין ווילן און אַלע זיינע פאַרלאַנגען און אַלע איינצלנע באַוואוסטזיינס פון אַלע זיינע באַזונדערע איברים זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין זיין ברענפּונקט פון יחוד. און אַט די קאָנצענטרירונג ווערט דופּליצירט, און אַלע וועלטן, פּונקט ווי זיינע גלידער, זיינע רמ״ח איברים, נעמען זיך צונויף און קאָנסטיטואירן איין קערפּער. און אַט־דער קערפּער איז דער גאַנצער באַשאַף. און אַט־דעם באַשאַף שאַפט דער מענטש אויף אַן אַקטיוון שטייגער דורך דעם, וואָס ער פאַראייניקט און פאַראייניציקט, צום אַלעם ערשטן, זיך אַליין, און דורך דער אַקציע פון זעלבסט־פאַראייניציקונג רעאַליזירט ער די זעלבסט־פאַראייניציקונג און זעלבסט־אָרגאַניזירונג פון דער וועלט און פון אַלע וועלטן. און ער, דער מייחד, דורך דעם וואָס ער פירט אַדורך און פאַרווירקלעכט די דאָזיקע מיסטעריע פון שאַפן זיך, פון זיך אַן אָרגאַניזם, פון צוזאַמענשטעלן פון זיך איין נשמה, איין פּסיכישע איינהייטאיכהייט, שאַפט אַן איכהייט־איינהייט, פאַסט אויף די איכהייט־איינהייט פון אַלע וועלטן.

אַלץ איז איין איכהייט. אָבער אין דער איכהייט אַליין קומען פאָר צוזאַמענשטויסונגען, וועלכע זיינען אַ פּועל־יוצא פון דיסהאַרמאָניע, וועלכע דאַרף און קען באַזייטיקט ווערן דורך דער מיסטעריע פון יחוד, דורך דער אחד־לערע, אחד־שפּירונג.

אידישקייט דאַרף ווערן דעפינירט אַלס אַ פּאַציפיזם און מאָניזם, מאָנאָ־עגאָאיזם. וויבאַלד עס איז פאַראַן בלויז איין אָרגאַניזם, וועלכער ווערט באַזעלט פון איין נשמה און ווערט באַלויכטן פון איין באַוואוסטזיין — מוז דאָך הערשן אין דעם גאַנצן באַשאַף־סיסטעם איביקער שלום, ד. ה., וויבאַלד עס איז דאָ בנמצא בלויז איין אָרגאַניזם, מוז דאָך דאָרטן הערשן אַ צוזאַמענגעבונדנקייט, אַ צוזאַמענגענומענקייט, אַן אויסגעהאַלטנקייט, אַ גאַנצקייט־פּרינציפּ, אַן אחדות־עיקר. מחמת די פאַרניינונג פון שלום וואָלט דאָך צעבראָכן, חרוב מאַכן דעם אָרגאַניזם, שעדיקן זיינע אָרגאַנען און שטערן זיין פונקציאָנירונג. אָבער,

פון דער אַנדער זייט, ווערן די אָרגאַנען אַנדערקענט אַלס אַזעלכע, און אויך זייערע פונקציעס ווערן געאַכטעט אַלס אַזעלכע. זיי, די אָר־גאַנען, זיינען אָבער בשום אופן ניט דער אַלץ־און־גאַר און אויך ניט דער 'ראשית'. איבער זיי און פריער פון זיי קומט דער אָרגאַניזם, וועלכער ווערט אויפגעפאַסט אַלס עפּעס גאַנצעס און די גלידער זיינען בלויז אָפּטיילונגען, חלקים, וועלכע דאַרפן זיך צוריק פאַראייניקן, מוזן זיך האַלטן צוזאַמען, אַניט וועלן זיי קיין קיום ניט קענען האָבן. 'אחד' איז אַלע מאָל עפּעס סינטעטישעס, וואָס שטעלט זיך צוזאַמען פון פאַרשיידענע עלעמענטן. און די דאָזיקע עלעמענטן דאַרפן דער־גאַנצן איינער דעם צווייטן. אָבער לכתחילה הויבן זיי אָן זייער קאַר־יערע מיט אַן אָפּזונדערונג, מיט אַן אַנאַליז, ד. ה., מיט ווייסערייען, וועלכע זיינען אַ פועל־יוצא פון שפּאַלטונגען. ערשט דערנאָך, צום לעצט, נעמען זיי פּעדערירן, זיך צוזאַמענקלייבן, זיך סינטעטיזירן. אָבער דאָס ווערט ניט געטאָן אָן דער אַקטיווער באַטייליקונג אין דער קיבוץ־צוזאַמענקלייבעניש־אַקציע פון דעם מענטשן, פון דעם 'מייחד', וועלכער מוז, אַפריער, אויסבילדן פון זיך איין איניקייט, איין אחד, איין איינהייט, איין 'אלהים' אינעווייניק אריינגעבויט אין מענטשן.

י"ן

# „די וועגן פון פרידן"

אידישקייט אַזוי אויפגעפאַסט איז דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט דעם דאַרווין־ספּענסער אויפפאַס פון לעבן, פון עקזיסטענץ אַלס קאַמף, אַלס אַ מלחמה, און מאַרקסעס אויסטייטש פון געשיכטע אַלס אַ קלאַסן־קאַמף, וועלכער שאַפט, כלומרשט, די געשיכטע און פורעמט און געשטאַלטעט זי אויף אַ פּאָזיטיוון שטייגער.

'דער קאַמף פאַר דאָס זיין', 'דאָס געפעכט פאַר עקזיסטענץ', 'דער איבערלעב פון די פּיאַיקסטע'.

וואָס פאַר אַ טשיקאַווע געדאַנקען! לעבן איז דאָך, קודם כל, אַן אָרגאַניזאַטאָרישער אויפטו. אָרגאַניזאַציע איז צום אַלערערשטן אַ פאַראייניקונג, אַ שלום־מאַכנדיקער פּראָצעס, אַ פּאַציפירנדיקע אונ־טערנעמונג, אַ קאָאָפּעראַטיווער 'געשעפט'. דאָס לעבן איז אַן איני־קייט. דער מקור פון לעבן איז זעלבסטהייט, די אוניפיקאַציע, די קאָמ־בינאַציע פון פאַרשיידענע כוחות און ענערגיעס. דאָס אמת'ע לעבן,

דאָס אייביקע לעבן הויבט זיך אָן מיטן עגאָ, מיטן אָנכי־יהוה מיט דער פולער פאַרשטענדעניש און רעאַליזירונג פון אָט־דעם באַגריף. אָבער יעדע ברעקעלע און פּיצעלע פון עקזיסטענץ איז צעמענטירט מיט צוזאַמענגעהעריקייט, מיט שלום און אחדות. מחמת דאָס לעבן איז דאָך אַרויסגערופן פון גאָרניט אַרויס, פון אפס־המוחלט, וועלכער איז א פאַרגיינונג פון יעטוועדער פאָרמע פון אוניפיקאַציע, וועלכער איז א זעלבסט־דעקאָמפּאָזיציע, א זעלבסט־צעשפּליטערונג, אַ זעלבסט־פאַר־צערונג. לעבן איז אייניקייט. טויט איז שלאַכט און קריג. און די צווי ענטיטעטן האַלטן, ווי אַ פּנים, אין איין כסדר'דיקן קעגנזייטיקן שטירדעס־אַנטו. און אין דאַרוויניש טייטש, אין ספּענסערישן פּשט, קומט גאָר אויס, אַז וואָס איז גורם צום לעבן, צו דער פאַרלייגערונג און פערפעקטירונג פון די לעבנספאָרמען און לעבנספאַרקערפּערונג איז גאָר דער טויט, מחלוקת, קאַמף. און דאָס וואָס פאַראורזאַכט טויט איז גאָר דער אויפהאַלט דער אָנלען און אָנשפּאַר פון לעבן אליין.

עס איז עפּעס ווי מקויים געוואָרן דעם נביאס וואָרט: „ווײ צו די וואָס זאָגן צו שלעכטס גוט און צו גוטס שלעכט, וואָס מאַכן פינצ־טערניש פאַר ליכט און ליכט פאַר פינצטערניש, וואָס מאַכן ביטער זיס און זיס ביטער". (י"ט)

אונדזער צוועק איז דאָס שטרעבן צו דאָס גאַנצע, צו שלימות, דאָס גאַרן נאָך שלום, נאָך פרידן.

„רבי יוחנן האָט געזאָגט פון רבי יוסי: 'גרויס איז שלום, ווײלע דער נאָמען פון דעם הייליקן־געבענטשט־איז־ער הייסט שלום, ווי עס שטייט געשריבן: 'און ער האָט אים גערופן יהוה-שלום' (שופטים ו', כ"ד)'...

רבי ישמעאל האָט געלערנט: 'גרויס איז דער שלום, אַז דער גרויסער שם וואָס ווערט געשריבן אין הייליקייט האָט דער הייליקער געבענטשט־איז־ער אָנגעזאָגט אַז מ'זאָל אים אָפּמעקן אין וואַסער בכדי צו מאַכן שלום צווישן מאַן און ווײב... גרויס איז דער שלום, אַז אַלע ברכות טובות און נחמות וואָס דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער ברענגט אויף אידן ענדיקן זיך מיט שלום'... 'וישם לך שלום' (במדבר ו', כ"ו)... די רבנן זאָגן, גרויס איז שלום, ווײל ווען דער מלך-המשיח קומט הויבט ער אָן מיט שלום, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, 'ווי שיין זיינען אויף די בערג די פיס פון אָנזאָגער, דער וואָס מאַכט הערן שלום' (ישעיה נ"ב, ז')". (כ')

דער פּרינציפּ פון יהוה איז דער פּרינציפּ פון שלום, פון איינהייט, איכהייט. אַלץ האַלט זיך אויף שלום, די פאַרהעלטענישן פון די גע־

שלעכטער, פון ׳מאַן און ווייב׳, די פאַרהעלטענישן צווישן קערפּער און זעל.

„האָט געזאָגט רבי שמעון דער זון פון חלפתא: גרויס איז שלום, אז דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט באַשאַפן זיין וועלט, האָט ער געמאַכט שלום צווישן די אויבערשטע און אונטערשטע... ׳און יהוה־אלהים האָט באַשאַפן דעם מענטשן זאַמד פון דער ערד, פון די אונטערשטע; ׳און ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן, — פון די אויבערשטע״ (כ״א) און דאָס אויבערשטע נשמה׳דיקע וואָס אין מענטשן און דאָס אונטערשטע, דאָס קערפּער־לעכע לעבן בשלום און שטעלן צוזאַמען איין גאַנצעס, איין איכהייט.

„די גאַנצע תורה איז געגעבן געוואָרן בלויז צוליב די וועגן פון פרידן״. (כ״ב)

אַלע שטראַלן פאָקוסן אין איין זון. אַלע ליכט פויגל נעסטן אויף דעם בוים פון לעבן, וועלכער איז דער בוים פון שלום, פון גאַנצקייט. ׳שלום׳ פרידן און ׳שלם׳ איז גאַנץ, שלימות איז פּער־פעקציע, ווייל אין פרידן ליגט גאַנצקייט און פּערפעקטקייט. אַלע גע־דאַנקען זיינען טיף פאַרוואָרצלט אין איין זעל, אין דער נשמה פון אַלע נשמות. די בלינדע, וועלכע זיינען געוואָרן פירער פון די בלינדע לערנען אונדז דעם סאַמע היפוך. אָבער בלויז בלינדקייט קען אַזוי ריידן וועגן דעם מהות און שיין פון לעבן און עקזיסטענץ. עס איז ניט דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וועלכער האַלט אויף אַלדאָס עקזיס־טירנדיקע. עס איז פאַראַן אַ קרעאַטיווער אַנשטרענג, אַ זעלבסט־באַשטענדיקונג, אַ זעלבסט־באַשאַפונג וועלכע האַלט זיך אויף אַ דאַנק דעם פּרינציפּ פון איכהייט־איינהייט, זעלבסט־אויפטויכונג און זעלבסט־אָרגאַניזירונג.

„איך האָב, נאָך אַלעמען, אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון פאַרשטאַנד ניט געפונען אַלס אורזאַך ׳דעם קאַמף פאַר דאָס לעבן׳, און איך גלויב ניט, אַז די אַנטוויקלונג פון אַ קערפּערלעכן אָרגאַניזם קען ווערן דערקלערט מיט אַזאַ נעגאַטיוון פּרינציפּ״. (68)

ווייל דער הייליקער שם הייסט פרידן (כ״ג). און די וועלט האַלט זיך בלויז אויף פרידן... דער קדוש־ברוך־הוא הייסט פרידן, ער איז פרידן און זיין נאָמען איז פרידן און אַלץ בינדט זיך צונויף דורך פרידן״. (כ״ד)

„מ׳דאַרף באַגרייפן, אַז אלהים יהוה איז אינגאַנצן איינס אָן קיין צעשיידונג... דער פאַרשטאַנד איז ליכט, דער אַנדער צד (סטרא אחרא) איז טויט. ׳ליכט׳ איז אין דער פאַראייניקונג... טויט איז אין צע־

שיידונג. און ווען דאָס ליכט טוט זיך אָפּ פון דאָרטן, שטייט צו דער טויט דורך די צעשיידונג־בוכשטאַבן" (כ"ה)

ליכטיקייט, פאַרשטענדעניש איז געבויט אויף אחדות, אויף פאַר־אייניקונג. אַן אַ פאַראייניקונג פון עטלעכע קעגנשאַפטן, עטלעכע אידייען צוזאַמען קען די אַקציע פון פאַרשטענדעניש ניט רעאַליזירט ווערן. אין פירוד, אין אַנטאַגאַניזם ליגט דער טויט. און אויב דער 'קאַמף', דוכט אויס, גיט רעזולטאַטן איז עס, באמת, די פאַראייניקונג, וועלכע גייט פאַראויס דעם מאָמענט פון געשלעג, און זי איז די וואָס ברענגט די פאָזיטיווע פעולה.

דער מהות פון עקזיסטענץ איז ניט דער נעגאַטיווער עלעמענט פון געראַנגל, פון מלחמה, נייערט דער פּאָזיטיווער עלעמענט פון באַשאַף וואָס קומט אַרויס אַלס אַ 'יש מאין', אַן עפּעס, אַן אַלץ־און־גאָר געבוירן פון טראַכט און שויס פון גאָרניט. בכדי צו עקזיסטירן, געדייען דאַרף מען קיינעם ניט פאַרטרייבן, קיינעם ניט פאַריאָגן. דער צוגעגרייטער טיש, דער געדעקטער טיש פון דער נאַטור איז גענוג ברייט און גע־נוג גרויס און גענוג רייך, פאַרמאָגט שפּייז, נערונג און גליק די־והותר, עס קען קלעקן פאַר אַלעמען. אפילו דאָס וואָס זעט אויס ווי אַ קעגנזאַץ, ווי אַ ניגוד איז באמת, טיפער פאַרשטאַנען, אַ הילף, אַן אַרויסהעלף. אפילו די רעסיסטענץ איז, טיפער געמומען, אַן אַסיס־טענץ. אוניפיקאַציע, אינטעגראַציע איז די טרייבפעדער אין גאַנצן מעכאַניזם פון באַשטאַנד, פון לעבן. און בלויז אַט־דער יסוד פון איכ־הייט־איינהייט קען דינען אַלס אַ געזונטער באַזיס פאַר אַ געזונטער ציוויליזאַציע. אנכי־יהוה, אַלס אַ שלום־לערע, אַלס מאַנאַעגאַטיק איז דער מקור פון אַלדאָס לעבן און שטרעבן, איז דער מאָטאָר, וואָס טרייבט די שיף פון לעבן אין ים פון אַלדאָס מעגלעכע. און ווען מיר קעמפן, רייסן זיך אַרום צווישן זיך, שעפּן מיר אויס די לעבנס־קוואַלן, פאַראָרימען מיר די עקזיסטענץ־שפּייכלערס, פאַרשמעלערן מיר די גליו־נות פון דעם ספר־החיים, פאַרפלאָנטשיקן מיר און פאַרמוטנעווען דעם שטראָם פון לעבן.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן מכוח דעם קאַמף פון די קלאַסן. קלאַסנקאַמף אין דעם סאָציאַליסטישן אויסטייטש פון וואָרט איז, אין בעסטן פאַל, קורצזיכטיקייט. דער קאַמף שטעלט ניט פאָר מיט זיך עפּעס קרעאַטיווס, ער איז ניט קיין שעפערישער כוח. ער איז אַ דעסטרוקטיווער פאַקטאָר. דער שעפערישער עלעמענט אין דעם כאַאָס פון געשלעג, דער 'בראשית ברא' אין דעם תהו־ובהו פון אינטערקלאַס־

געפּעכט איז די קאָנסטרוקטירונג, די פאָרמירונג פון קלאַס. ניט דער ׳קאַמף׳, נאָר דער אָרגאַניזירונגס־פּראָצעס, וואָס קומט פאַר אַלס צו־גרייט צום קאַמף, איז דער פּאָזיטיווער פאַקטאָר. די אַקציע פון ברענגען צוזאַמען, צונויפנעמען די אַרבעטער און אויסקנעטן, צעמענ־טירן פון זיי אַ קלאַס, דאָס איז אַ פּאָזיטיווער אויפטו. דער קאַמף גע־נומען פאַר זיך איז אַ נעגאַטיווע דערשיינונג, איז אַ מינוס. נאָר דער פּלוס וועגט אים אַריבער. דער כוח וועלכער ווערט געשאַפן, הגם מיט דער שלעכטער און שעדלעכער כוונה פון צעשטערונג, ווערט ביט־ווילנדיק, ווי פון זיך אַליין, געטריבן פון די אינערלעכע אימאַנענטע כוחות, פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנסטרוקטיוון אַגענט, און ליפערט אַ חשוב׳ן בייטראָג צו דער מינצונג פון נייע ווערטן פון אַן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן און קולטורעלן כאַראַקטער.

די אָרגאַניזאַטאָרישע כוחות וועלן זיך פאַרגרעסערן און פאַר־מערן און ביסלעכווייז, אויף אַ גראַדועלן שטייגער, וועלן זיי פאַר־וואַנדלט ווערן אין זעלבסט־אָרגאַניזאַטאָרישע קרעפטן, און אַזוי אַרום וועט אָרגאַניזאַציע אַריבערגיין צו אויטאָ־אָרגאַניזאַציע, זיך דערנענ־טערן צו מאַנאָעגאָאיזאַציע, צו דער דרגא פון אנכי־יהוה. מאַנאָעגאָ־איזאַציע, אויטאָאָרגאַניזאַציע איז מער פון הוילער אינטעגראַציע, אַגרע־גאַציע, עס איז אַן אויגמענטאַציע אין מאַסע, אין היקף, אין פאַרנעם, וועלכע ווערט אומבאַדינגטערהייט באַגלייט פון קאָמפּליקאַציע אין סטרוקטור. אוניפיקאַציע, פאַר׳אחד׳ונג איז מאַנאָעגאָאיזאַציע, איז אנכי־יהוה׳איזאַציע. יהוה׳איזאַציע איז קרעאַציע אָן אַ גרעניץ, אָן אָן אָפּשטעל, אָן אַ טאָרמאַז, עס איז אַן אבסאָלוטיזאַציע פון דעם שעפע־רישן אינערלעכן בכוח, פון דער אַלמאַכט, אַלמעגונג און אַלקענונג, וועלכע ווערט אויסגעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען און איבער אַלע פעלדער פון זיין, האַנדלען און פערסאָניפיצירן.

# 2

# פּאַציפיסטישע דערקענטעניש

## א.

## עגאָסאָפיע און די אוניווערסאַליטעטן

### I.

### אוניווערסאַלע טעזיסן

אוניווערסאַלע אורטיילן און ווייט אַלגעמיינע קאָנצעפּטן זיינען ניט ריכטיק אָבער אויך ניט פאַלש. מיט אַנדערע ווערטער, מיר זיינען ניט ביכולת צו באַווייזן זייער גילטיקייט, אָבער מיר זיינען אויך ניט אימשטאַנד אָפּצושלאָגן זייער וואַלידיטעט. זיי זיינען, לויט זייער כאַראַקטער און דעפיניציע, צו אַלגעמיין, צו ברייט, אַז מיר זאָלן קענען מיט זיי עפּעס טאָן. זיי געפינען זיך מחוץ פון דעם תחום פון אונדזער דענקען־יוריסדיקציע. זייערע פּאָזיציעס ליגן אויף יענער זייט פון אונדזערע אינפערענץ־פייאיקייטן.

אין דער אַקציע פון אורטייל־פאַסונג ווענדן מיר אָן איינעם פון אָט־די דריי מעטאָדן: אַנאַלאָגיע, אינדוקציע אָדער דעדוקציע. די אַנאַלאָגישע פּראָצעדור איז אַ פאַל פון זוכן און געפינען פּרעצעדענטן. זי האַלט זיך אויף אַ פאַרגלייכונג־פּראַקטיק, מיר באַאָבאַכטן דאָס סי־מילאַרע. מיר פלייסן זיך צו אַנטדעקן די ענלעכקייט פון איין קעגנ־שטאַנד צום צווייטן.

אינדוקציע איז דאָס פורעמען פון כללים אויפן סמך פון פּרטים, וואָס מיינט דערטאַפּן דאָס סימילאַרע וואָס געפינט זיך צווישן די דיס־סימילאַרע איינצלהייטן, און די דאָזיקע סימילאַריטעט אויסטיילן באַזונ־דער און זי פעסטשטעלן.

דעדוקציע איז די אייגענע שטיקל אַרבעט, נאָר דורכגעזעצט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אין דעדוקציע באַוועגט מען זיך פון דאָס אַלגעמיינע צו דאָס איינצלנע. דער פּרט ווערט באַטראַכט אין ליכט פון אַ פאַראַלגעמיינערונג, וועלכע איז פאָרמולירט געוואָרן אויפן יסוד פון נאָך אַן אַלגעמיינערער גענעראַליזאַציע, דאָס וואָלט זיין אַ

דעדוקטיווע דעדוקציע. אַן אינדוקטיווע דעדוקציע וואָלט זיין אַ פּאַר־אַלגעמיינערונג, וועלכע איז אַליין געשאַפן געוואָרן אויפן יסוד פון פּרטים־אונטערזוכונג, אָבער אַט־די פּאַראַלגעמיינערונג ווערט איצט אָנגעווענדט צו באַלייכטן אַ נייע קאַטעגאָריע פון פּרטים, וועלכע האָבן מיט די איינצלהייטן פון וועלכע די גענעראַליזאַציע איז געשאַפן געוואָרן אַ קנאַפּע שייכות.

אָבער ווען מיר פּאַסן אַן אורטייל, וועלכער נעמט אַרום דעם 'אַלץ־און־גאַר', דעם 'אין־עוד', אַן אורטייל וועלכער זאָגט זיך אַרויס וועגן אַלצדינג און יעדן איינעם, דעמאָלט פאַרבאַריקאַדירן מיר דעם געדאַנקען־גאַנג פוןביידע עקן. און ער, דער געדאַנק, קען זיך מער ניט רירן פון אָרט, ער קען ניט גיין פאָראויס, און ער קען ניט אָפּטרעטן צוריק. מיר קענען בשום אופן ניט פאַרטזעצן אונדזער מחשבה־אַרבעט, מחמת דעם וואָס איר סאַמע אָנהויב אַנטהאַלט שוין איר סוף און גמר. דער ערשטער רעיונות־טריט האָט שוין אַנטיציפּירט דעם לעצטן פוסשטעל. מיט איין וואָרט, מיר לאָזן אויס נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן, אָדער גלייך ביי'ן גאָר־ערשטן אָנהויב, און מיר זיינען געצוואונגען זיך אָפּצושטעלן, אויפגעבן אונדזער ספּעקולאַטיווע אַקטיוויטעט. מער איז דאָ ניטאָ וואָס צו טאָן, און ווייניקער אַוודאי ניט. מיר קענען ניט צוגעבן און מיר קענען ניט אָפּנעמען. אונדזער ברירה באַשטייט בלויז אין אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן, אָבער ניט דורכטראַכטן דעם געגעבענעם אורטייל.

אַן אוניווערסאַלער טעזיס קען ניט ווערן באַשטעטיקט, פעסטגעשטעלט על־פּי־שכל, מ'קען אים אָבער אויך ניט, צוליב דעם אייגענעם טעם, אָפּשלאָגן מיט דער הילף פון פאַרשטאַנד. מחמת דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן ניט, סיי אין דעם פּאָזיטיוון און סיי אין דעם נעגאַטיוון פאַל, קיין מאַטעריאַל און ניט קיין געוועקצייג, אין דעם מענטאַלן זינען, מיט וועלכע מיר וואָלטן געקענט באַיאָען אָדער באַניינען די אוניווערסאַלע באַהויפּטונג.

מיר זיינען באַרעכטיקט, שטרענג לאָגיש באַטראַכט, אָנצוואווענדן אורטיילן בלויז אין אַן אָפּגעגרענעצטן שטח. ווי נאָר מיר פּרובירן דורכרייסן די בלאָקאַדע פון די ענגע־גדרים און גבולים, און מיר לאָזן זיך אַוועקשווימען מיטן ברייטן שטראָם, ווי נאָר מיר טוען עס, אַזוי גלייך מאַכן מיר צונישט אונדזערע אינפערענצן. ווייל די מסקנות צו וועלכע מיר קומען מיט דער הילף פון אַט־דער באַפרייטער אַרגומענטאַציע האָבן ניט קיין האָפט און ניט קיין זאַפט. אין געדאַנקען־

רחבות ווערן אונדזערע טעזיסן בטל־ומבוטל, אין פולער פרייהייט קע־נען זיי ניט עקזיסטירן.

אונדזערע באַהויפּטונגען, אורטיילן, שלוסן זיינען לעגיטים בלויז דעמאָלט, ווען זיי זיינען באַגרעניצט, באַשטימט, דאָס הייסט דעפינירט, מיט אַנדערע ווערטער, פון אַ ווידערשפּרעכנדיקן כאַראַקטער. אין דעם מאָמענט, ווען מיר באַמיען זיך זיי צו עמאַנציפּירן, ליבעראַליזירן, זיי אויסשפּרייטן און מאַכן כשר־קאָנסעקווענט אפילו למהדרין מן המהדרין, אין דער אייגענער רגע פאַרגוואַלטיקן מיר זייער נאַטור און מיר צעשעדיקן זיי. און זיי צעפאַלן אין רויך און שטויב פון אומלאָגישקייטן.

וואָס איז דער מער מיט אונדזערע אורטיילן, איז אָט־די מאָדנע אייגנשאַפט אַן אָנצייג פון דער מפּלה אָדער טריאומף פון מענטש־לעכער אורטיילקראַפט און געדאַנק בכלל?

אונדזערע קאָנצעפּטן באַמיען זיך מיט כל־הכוחות אַריינצודרינגען אין יענעם רשות, וועלכער ליגט ווייט אויף יענער זייט פון דעם ענגן תחום וועלכן מ'טיילט זיי צו, זיי חלש'ן זיך אַריבערצוכאַפּן איבער דער גרעניץ, זיך אַריינרייסן אין אין־סוף אַריין — און דאָרטן אויסהויכן זייער לאָגישע 'זעל', פאַרלירן זייער סובסטאַנציעלן תוך. דאָס איז זייער מערכה, זייער אומפאַרמיידלעכער לעבנס־קורס. און נאָכדעם ווי זיי האָבן דערגרייכט אָט־דעם צושטאַנד פון רייפקייט, אָדער שלי־מות גיבן זיי אויף, אפנים גערן, זייערע לאָגיש־געזונטע דאַטן. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, זיינען מיר גענייגט זיי צו שענקען אַ באַזונדער האַרציקע אויפמערקזאַמקייט ערשט דעמאָלט, ווען, באמת לויט די דיקטאַטן פון שטרענגן שכל, דאַרף מען זיי פאַררעכענען צווישן די שוכני־עפר גיכער, ווי צווישן די לעבעדיקע געדאַנקען־וועזנס.

דער באַשטאַנד איז גאָט, וועלכער איז דער אָנהייב, דער סוף און דער מיטן פון אַלע דערשיינונגען און פּראָצעסן. קען מען באַ־ווייזן אָדער באַגרינדן דעם דאָזיקן טעזיס? בשום אופן ניט. ווייל פון וואַנען וואָלטן מיר קענען נעמען דעם באַווייז. ער איז דאָך למפרע איינגעשלאָסן אין דער פּאָראויסזעצונג און צו באַווייזן מיינט דאָך, געוויינטלעך, איינלאַדן קאָלאַבאָראַציע, צורופן אַ באַשטעטיקונג פון דרויסן, פון אַן אַנדער ספערע, וועלכע געפינט זיך אויסערהאַלב דעם רשות פון דער ערשטער הנחה.

לאָמיר געברויכן דעם פּאָפּולערן סאָפיזם אַלס אַן אילוסטראַציע: איך באַהויפּט, אַז איך בין אַ ליגנער. ווער בין איך? מ'מוז אָפּ־האַקן דעם לעצטן זאַג מיינעם, אַ ניט וועט מען בשום אופן ניט קענען

אַנטשיידן ווער איך בין באמת. דאָס איז בלויז איין ביישפּיל פון פילע אַנדערע. און אַ־דער ביישפּיל ווארפט פיל ליכט אויף אונדזער אורטייל־אַפּאַראַט. מ׳מוז אָנקומען צו אַ לימיטאַציע־אַקציע, מע מוז אויסשליסן דאָס לעצטע וואָרט פון דעם זעלבסט־פּאָרטרעט, אָפּמעקן דעם סאַמע וויכטיקסטן שטריך פון דער זעלבסט־כאַראַקטעריזירונג, די אָפּשאַצונג און דעפינירונג פון זיך אַליין, און ערשט דעמאָלט וועט מען קענען אורטיילן פון מיר, אויפנעמען אָדער אָפּוואַרפן מיין אייגענע באַצייכענונג פון זיך אַליין. אָט־דער באַקאַנטער ׳ליגנער׳־סאָפיזם אַנט־האַלט, ווי ס׳רוב אַנדערע מיינונג־אַרויסזאָגונגען אַן אינעווייניקסטן ווידערשפּרוך.

גאָט איז אַלץ. פרעגט זיך גלייך, וואָס איז מכוח דער באַהויפּ־טונג, דער פאַרטרעטירונג פון גאָט אַלס אַלץ, געפינט זי זיך בכלל גאָט אָדער זי איז סיטואירט מחוץ פון אים? אויסער דעם מוז דאָך גאָט בכדי צו זיין אַ גאָט, בכדי צו קענען געבן די השגה, פאַרמאָגן עפּעס אַזוינס וואָס איז ניט גאָט. ווען גאָט ווערט אַלץ, ווערט ער בשעת מעשה גאָרניט.

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע אַזאַ פאַראַלגעמיינערונג ווי ׳נאַ־טור׳. אויב אַלץ איז ׳נאַטור׳, דען איז ׳נאַטור׳ גאָרניט...

די אידישע טעאָלאָגן האָבן אונדז געלערנט, אַז דער אויבער־שטער, אום צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער וועלט, האָט זיך געמוזט באַ־שרענקען, מצמצם־זיין, און אַזוי אַרום דורך דעם סוד־הצמצום האָט ער באַשאַפן דעם קאָסמאָס. אָט־דעם געדאַנק דאַרף מען אָנווענדן צו יעדן אורטייל. ער ווערט געשאַפן פון אַ צמצום, און ער לעבט און עקזיסטירט אַזוי לאַנג ווי ער האַלט זיך אין צמצום, אין ענגשאַפט, אין באַשרענקונג. ווי נאָר מיר ציען אים אויס צו אַלע זיינע לאָגישע קאָנסעקווענצן, צו זיינע ספּעקולאַטיווע גרענעצן, אַזוי גיך פאַרניכטן מיר אים. יעדער געדאַנק, ווי נאָר ער פאַרלאָזט זיינע ד׳ אמות פון דעפיניציע, אַזוי נעמט ער גוסס׳ן, עס פאַרפעלט אים אָטעם. די פרייהייט־לופט איז צו שיטער פאַר זיינע שוואַכע לונגען, און ער פאַלט אין אָנמאַכט אין די אָרעמס פון דאָס אַלץ־אַרומפאַסנדיקע, וואו ׳יע׳ און ׳ניט׳, ׳גאָר׳ און ׳גאָרניט׳ זיינען בלויז סינאָנימען, וועלכע באַ־צייכענען די זעלביקע השגה.

## II.

# דאָס אָנהויבן פון סוף

מיט דאָס געזאָגטע בין איך לחלוטין ניט אויסן צו באַהויפּטן, אַז מיר האָבן ניט קיין רעכט זיך איינצושאַפן אוניווערסאַלע באַגריפן. ניט נאָר זיינען מיר באַרעכטיקט עס צו טאָן, נאָר, ממש פאַרקערט, מיר זיינען געצוואונגען, מיר קענען זיך ניט העלפן, זיך אָנצואייגענען אַזעלכע קאָנצעפּטן.

גאָר אַמאָל האָט דער מענטש זיך געשאַפן אויסשליסלעך אוני־ווערסאַלע השגות. אמת, זייער אוניווערסאַליטעט איז געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז זי האָט עדות־געזאָגט מכוח אונטער־אַנטוויקלונג גיכער ווי איבער־אַנטוויקלונג. לכתחילה געפינט זיך יעדער געדאַנק אין אַ מצב פון טשטוש. ער איז אַזוי טונקל, אַז ער קען גילטן פאַר אַלץ אין דער וועלט. די ערשטע פונדאַמענטאַלע טעזיסן זיינען ניט באַ־ווייזבאַר, ניט אורטיילבאַר, ניט אַרגומענטאַטיוו. זיי געהערן אין דער ספּערע פון ריינעם גלויבן און איינגעגלויבטקייט. אונדזער ער־שטער הויפּט־באַגריף איז אַן אַרטיקל פון אמונה. גלויבן ווי זיכער־קייט, זיך־עכטקייט, איך־עכטקייט גייט פאַראויס פאַרן צווייפל, פאַרן וואַקלען זיך, קווייקלען, פונקט ווי שאַפונג אָדער עקזיסטענץ מוז קומען פאַר פאַרניכטונג.

ערפעס מוז דאָך, קודם כל, האָבן אַ קיום בכדי מ׳זאָל עס קענען אויסזעצן דער געפאַר פון צעשטערונג. אַזוי מוז זיין אַ געוויסע סומע פון גלויבעניש, פון אָנגענומענע באַגריפן, אָנדערקענטע פאָרשטע־לונגען, דעקלאַרירטע אני־מאמינ׳ס, בכדי מ׳זאָל קענען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס־פאַרגעניגן פון ספק׳ענען. מ׳מוז דאָך פאַרמאָגן פעסט־געשטעלטע דאָטן, אום זיי צו קענען אונטערזוכן, דעסטרוקטיוו עקזאַ־מינירן.

פריער פון אַלץ קומט דער גלויבן אָן קיינע חכמות, אָן קיינע פאַרטיפונגען, און אַ סך שפּעטער־צו באַווייזט זיך די קריטישע אונ־טערזוכונג, די אויסגעפינונג פון דער שטאַנדהאַפטיקייט פון די יסו־דות אויף וועלכע אָט־דער גלויבן האַלט זיך.

אַן אמת־אוניווערסאַלע באַהויפּטונג איז אַן ענין פון אמונה. זי איז אַ פּאָסטולאַט, אַ גלויבן־פאַראויסשיקונג.

דער מענטש הויבט אָן זיין דענקען־קאַריערע מיט אַן אוניווער־סאַלן באַגריף, מחמת דעם וואָס ער אַליין, אַלס אַזעלכער, איז אַ טייל

פון דעם אוניווערס און אויך צוליב דעם, וואָס צו שאַפן אַן איינצל־נע באַהויפּטונג, אויסצואַרבעטן אָדער אָפּגיסן אַן איינצלנע השגה, אַ באַשרענקטן אורטייל, צו באַגרייפן אַ דעפיניטיווע מסקנא, וועלכע מ׳דאַרף בודק־זיין ביי דעם ליכט פון שכל און לייטערן אין טיגל פון לאָגיק, — איז אַסך שווערער ווי צו פאָרמירן די עכסט־אַלגעמיינע, די אַלץ־אַרומנעמענדיקע און אַלץ־אַריינגעמענדיקע קאָנצעפּציע.

די וועלט איז קודם כל עפּעס קאָמפּאַקטעס, עפּעס מאַסיווּעס גאַנצעס. די פּרטים, די סעפּאַראַטע טאַטזאַכן, די איינצעלנע דערשיי־נונגען, זיינען פּראָדוקטן פון אַנאַליטישער טעטיקייט.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן מכוח דער מענטאַלער וועלט. איינצעלנע מחשבות, אָפּערצעפּציעס, קאָנצעפּציעס, סענסאַציעס קומען ניט פאַר דער גאַנצקייט פון דער מענטאַליטעט, נייערט פאָלגן איר נאָך. צום אָנפאַנג ווערט באַשאַפן אַ גאַנצער באַשטאַנד פון מחשבה, אַ גאַנצער אוניווערס פון גייסט, און ערשט פון דאָס גאַנצע טיילן זיך אַרויס פראַגמענטן. דאָס באַוואוסטזיין אָפּערירט ווי דאָס זיין, די פאָרשטעלונג פירט זיך אויף ווי די ווירקלעכקייט, געדאַנק האַנדלט ווי די טאַט. אַנאַליז איז דער בעסטער געשאַנק פון מענטש־לעכן שכל, פון מענטשלעכן אינטעלעקט. צו אַנאַליזירן מיינט צו פאַ־נאַנדערנעמען, דעקאָמפּאָזירן, צעגלידערן עפּעס אויף זיינע איינצלנע איברים. יעדע וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט איז אין א געוויסן פּרט אַ דעסטרוקטיווע אַרבעט. יעדע פילאָזאָפישע סיסטעם טראָגט אין זיך אַ פאַרלאַנג צו צעשטערן דאָס פּשוט׳ע לעבן; עס איז אָבער אַ דעקאָמפּאָזיציע וועלכע ווערט דורכגעפירט מיט דער פאַרבאַהאַלטענער כוונה צו שאַפן אַ נייע רעקאָמפּאָזיציע.

אונדזער דענקען־אַקטיוויטעט הויבט אָן, מעג עס קלינגען מאָדנע, מיטן סאַמע סוף, מיט דעם סיום. און אויף אַזאַ משונה׳ם אופן קומט די דערגרייכונג פון דעסטינאַציע־פּונקט פאַרן וועג, וועלכער דאַרף ערשט פירן אַהין־צו. מיר פאַנגען אָן מיט אַ גאַנצן זונען־סיסטעם פון ספּע־קולאַטיווער אינטעלעקטואַליטעט. די ערשטע טריט אונדזערע זיינען די וויטסטע און העכסטע אָוועקגייאונגען. אונדזער טראַכטן־פּראָצעס צייכנט, אָפּנים, אַ דעקאַדענץ־ליניע. דער געדאַנק ווערט מיניאַטור־ריזירט, דעגראַדירט. אַזוי זעט עס אויס, ווען מיר זיינען מסיח־דעת פון דעם, אַז די דעטאַלן, וועלכע מיר אַנטדעקן, זיינען בלויז ציגל פאַר דער גראַנדיעזער געביידע וואָס טראָגט דעם נאָמען מחשבה־וועלט. ווען מיר זיינען פאַרטאָן אין אויסטיילן איינצלהייטן, אויס־שניידן פּאַרטיקולאַריטעטן, זיינען מיר נוטה צו פאַרגעסן, אַז זיי פאַר־

מאָגן חשיבות בלויז אויף־אַזויפיל, אויף־וויפיל זיי דינען אַלס אויספי־לער און דערגאַנצער פון אונדזער וויסן מכוח דאָס גאַנצע, און מער ניט. צוליב די ביימער זיינען מיר געניגט ניט צו דערזען דעם וואַלד. דאָס איז די סכנה, וואָס לויערט פון־הינטער יעדער סינגולאַרער טאַט־זאַך. זי מאַכט דעם אַנשטעל, אַז זי האָט אַ קיום פאַר זיך. און דאָס איז פאַלש ווי עבודה זרה. איר פּאַרטיקולאַרער האַפט געפינט זיך אין דאָס גענעראַלע, און מחוץ פון דעם לעצטן איז זי בטל־במציאות.

## III.

## פון טאָטאַליטעט צום סעפּאַראַט

יעדער אוניווערסאַלער טעזיס קען ניט ווערן אויסגעפּרובירט. דעם אמת זאָגנדיק, פאָדערט ער ניט קיין טעסטאַציע און ניט קיין אַטעסטאַציע. דאָס אוניווערסאַלע איז דער אָנהויב פון דענקען־פּראָצעס און דאָס איז דער סאַמע אולטימאַטיווער סוף פון אונדזער ספּעקולאַטיוון אָנשטרענג. דאָס עכט אוניווערסאַלע טראָגט זיך אין די הימלען פון ריינער אמונה העכער איבער די אָדלערס פון ראַציאָנאַליזאַציע, און קיין אַרגומענטאַציע אין דער וועלט קען עס ניט אַריבערפליגלען, אַריבערהויערן.

פון דער געזעלשאַפט גייען מיר צו דעם אינדיוויד, אָבער דאָס ווערט ניט געטאָן מיט דער בייזער כוונה צו צעברעכן, צעקרושלען די געמיינזאַמקייט, נאָר מיט דעם נאָך־געדאַנק, במחשבה־תחילה איבער־צוגעשטאַלטן דעם סאָציאַלן אַגרעגאַט און אויספורעמען אַ בעסערע געזעלשאַפטלעכע איינהייט, אַ מער קאָמפּליצירטע גאַנצקייט, אַ ציבור מיט אַ רייכערן אינהאַלט.

פון דעם טאָטאַלן באַוואוסטזיין גייען מיר איבער צו דעם איינצעל־נעם געדאַנק, אָדער יחידישן זעלבשטאַנד, צו דעם באַזונדערן באַ־גריף. דער איבערגאַנג ווערט אָבער רעאַליזירט ניט מיט דער אָב־זיכט צו צעשטערן, דיסאינטעגרירן דאָס באַוואוסטזיין, צו זייען דאָרטן זוימען פון פירוד, פון דענקען־נעגאַציע, נייערט מיט דעם שטייפן מיין איבעראַנייס צו פאַראייניקן די איינצלנע מחשבות, די איינצלנע זעלבשטאַנדן אזוי אז דאָס גאַנצע זאָל ווערן באַרייכערט מיט אַ פּילפּאַלטונג, מיט אַ סך־אַספּעקטישקייט. מיר פלייסן זיך צו שאַפן אַ בעסערע דורכגעטראַכטע פאַרשטענדעניש און צוזאַמענבאַהעפטונג צווישן אַלע טיילן, פאַרמירן אַ סאָלידע אינטעגראַציע אין דער גע־

דאַנקען-וועלט און, ממילא, אויך אין קאָסמאָס, אויף וויפיל ער ווערט באַנומען פון מענטשלעכן געדאַנק. אונדזער באַשטרעבונג איז ניט די צע־שיידונג, נייערט די אַסאָציאירונג, קאָאָרדינירונג און קאָאָפּערירונג. מיר זיינען אויסן צונויפצוזאַמלען אַלע לעבעדיקע כוחות, אַגענטן, פאַקטאָרן, אַקטיווּיטעטן פון מענטש און וועלט אין איין גענעראַלי־זאַציע־ברענפונקט.

די אוניווערסאַליטעטן זיינען די פעלזנשטיינער אויף וועלכע די מענטשהייט ריכט אויף אירע קאָלאָסאַלע מענטאַליטעט־פּאַלאַצן. זיי זיינען די פונדאַמענטן, אויף וועלכע די מחשבה־בנינים ווערן אַרויפ־געבויט. און דער הויפּט אוניווערסאַל פון אַלע אוניווערסאַליטעטן איז דער פּאָסטולאַט פון 'זעלבסט' און 'זעלבסט־באַגלויבטזיין', אַ פּאָס־טולאַט, וועלכער וואָרצלט אין ריינער אמונה און איז קודם צו יעדער פאַרשטענדעניש, איז קודם צו דער פאַרשטאַנד־טעטיקייט און אפילו חושים־פונקציאָנירונג.

ב

# דער טייל און דאָס גאַנצע

## I.

## אורגאַנץ און אורטייל

יעדער איינצלנער געזעץ מוז געבראַכט ווערן אין איינקלאַנג, אין שטרענגער קאָנפאָרמיטעט מיט דער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז אָנגענומען אין דער געגעבענער געמיינשאַפט. אָבער דער פונדאַמענ־טאַלער געזעץ אַליין באַדאַרף ניט אָנקומען צו אַט־דער צופּאַסונג. ער מוז ניט געבראַכט ווערן אין קאָרעספּאָנדענץ מיט די געזעצן, פאַר־שריפטן און אַנזאָגונגען, וועלכע זיינען גאַנגבאַר ביי דעם דעפיניטיוון ציבור, פאַר וועלכן ער ווערט פאַרפאַסט. דער קאָנסטיטוציאָנעלער הויפּט־געזעץ איז פאַר זיך אַליין דער סטאַנדאַרט פון לעגאַליטעט, פון רעכטפולקייט. ער איז דער מעשה־בראשית פון דער יוריסדיקציע, וועלכע איז גילטיק אין דעם געגעבענעם לאַנד, אין דער געגעבענער צייט. דער אויפפיר פון דעם איינצלנעם מענטשן, די הנהגה פון דעם דורכשניטלעכן מיטגליד פון דער קאָמונאַליטעט קען זיין געזעצלעך,

ד. ה., קען זיך געפינען אין הסכם מיט דער אַנגענומענער יוריספּרודענץ, מיט דעם גאַנצן רעכט־סיסטעם. אָבער דער פיר און די האַנדלונג פון דעם יחיד קען אויך זיין אומגעזעצלעך, וואָס מיינט זיך געפינען אין קעגנערשאַפט צו דעם פּראַקטיצירטן יורידישן איינשטעל, אָדער אין התנגדות צו בלויז איין-איינציקן פאַרבאָט. דער פיר אָבער פון דעם גאַנצן קהל אַלס אַזעלכן, די הנהגה פון דעם העכסטן געזעצגע־בער איז אַלע מאָל רעכט אומגעאַכטעט אויף וועלכן אופן דער געגע־בענער ציבור איז אָרגאַניזירט, ווערט רעפּרעזענטירט, ווערט זעלבסט־דעטערמינירט. אונטער אַלע אומשטענדן איז זיין אויפפיר, זיין סומע אַקציעס, זיין סך־הכל פון מעשים אַלע מאָל פול־געזעצלעך, פון דעם יוריספּרודענץ-שטאַנדפּונקט. די טואונגען און אויפפירונגען פון דעם קאָלעקטיוו אַלס אַ גאַנצן זיינען אַלע מאָל כשר וישר, פון דעם סאָצי־אַלן בליק אויף זאַכן.

פון אָט־דער באַהויפּטונג, וועלכע מיר מאַכן דאָ און געברויכן בלויז אַלס עפּעס וואָס דאַרף דינען אַלס אַפּלערן־מאַטעריאַל, לאָזט זיך ציען די פאָלגנדיקע לאָגיש־קאָנסעקווענטע מסקנא.

דער איינצלנער אורטייל, דער פּאַרטיקולאַרער שלוס־צוג, דער סעפּאַראַטער געדאַנק קען ווערן באַוויזן, מוז ווערן באַגרינדעט דאַרף אויסהאַלטן אַ מין דערקענטעניש עקזאַמען, טראָגן אויף זיך אַ לאָגישע פּלאָמבע. ווען ער ווערט ניט באַגרינדעט ווי געהעריק, פאַלט ער אַדורך. ער ווערט אָפּגעשטעמפּלט אַלס אומגעזעצלעך, אומגערעכט, ניט-אמת׳־דיק. דאָס איז אַלץ גערעדט וועגן דעם איינצלנעם ווערדיקט. דער אוניווערסאַלער אורטייל, אָבער, וועלכער איז ניט קיין אורטייל אין דעם אָנגענומענעם פּשט פון וואָרט, ווייל ער איז ניט קיין ׳טייל׳ און פאַר אים שיקט זיך גיכער די אָנרופעניש ׳אורגאַנץ׳ ווי ׳אורטייל׳, איז אַלע מאָל, אונטער אַלע באַדינגונגען, אמת ויציב. אָט־דער ׳אורגאַנץ׳־אורטייל באַצייכנט ניט קיין פּאַרטיקולאַרע השגה, אַן איינצלנעם באַ־גריף, נאָר אַ גאַנצן גלויבן, אַ פולן געזעמל פון געדאַנקען און לערן, אַ גאַנצע אויפפאַסונג־פאַרשטענדעניש פון דעם אוניווערס און אַלס אַזעלכער פאַרלאַנגט ער ניט קיינע באַשטעטיקונגען. און דאָס איז מחמת דעם, וואָס לויט זיין עצם פּאָזיציע נאָך, וועלכע איז באַדינגט פון זיין עצם־מהות, איז ער סיטואירט אַזוי, אַז ער ווערט ווי פון זיך אַליין עפּעס ווי אַריבערגעהויבן איבער די שפּל׳דיקע תחומים פון דאָס פרעגבאַרע, אָפּפרעגבראַרע, דעבאַטירבאַרע, איבער די קעפּ פון די אַרגומענטן און דאָס אַרגומענטירבאַרע. ער געפינט זיך צוגלייך אי העכער און אי נידעריקער פון דעם געביט וואו עס ליגט דאָס

שטרייטבאַרע. ער איז, אַזוי צו זאָגן, אי די פּיאַטע אי דער שפּיץ־קאָפּ פון דעם מענטאַליטעט־קערפּער.

דאָרטן אין די גאָר הויכע ספערן איז ניטאָ בנמצא גאָר אַזאַ זאַך ווי אומריכטיקייט. אין דעם זיבעטן הימל איבער די וואָלקנס, אין דער סטראַטאָספערע איז אַלע מאָל לויטער, קלאָר, שטיל־רואיק, דאָר־טן הערשט דער זוניקער 'אור־הגנוז' א גאַנצן טאָג.

ווען מ'זאָגט אַז אַ זאַץ, אַ געדאַנק איז ריכטיק, זאָגט מען, באמת, אויף שטום לשון, מער ווי דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרן, נעמלעך, אַז דער רעיון איז אַ ריכטיקער. מ'פּאָזיטיווירט אַז דער געגעבענער מחשבה־אָביעקט פאַרמאָגט אַן אַלטערנאַטיוו, האָט געקענט זיין ריכ־טיק אָדער פאַלש, און אַז זיין פעסטגעשטעלטע ריכטיקייט איז דער־גרייכט געוואָרן דורך דעם וואָס ער האָט זיך געמאַכט איינפאַרשטאַ־נען מיט זיינס־גלייכן, מיט ענלעכע געדאַנקען, וועלכע שטעלן צוזאַ־מען עפּעס סיסטעמאַטישעס.

דער אוניווערסאַלער אורטייל, דער 'אורגאַנץ' איז אַוועקגעשטעלט העכער פון דער געוויינטלעכער לאָגישער אויטאָריטעט, איבער דעם לאָגיק־באַרג־סיני און זיינע דיברות רעגעלן. ער איז דער אָנפאַנג און סוף, די שלום־מאַכונג פון אַלע קאָנטראַדיקציעס, ער איז די פאַר־שמעלצונג פון אַלע סתירות.

דער עולם־האצילות, די געדאַנקען-וועלט איז פאַרקערפּערט אין די אוניווערסאַליטעטן, אין די ברייטסטע און טיפסטע קאָנצעפּטן. און זיי האָבן גאַנץ ווינציק דרך־ארץ פאַר דער לאָגיק, וועלכע איז אַן 'אונטערשטע' דיסציפּלין און האָט ניט וואָס צו זאָגן איבער גאָר־גע־הויבענע מחשבות־דיגניטאַרן. אין דעם תחום פון אמת'ע אוניווערסאַ-ליטעטן איז דער 'באַדאַרף־זיין' דער ריכטיקער דער בפועל־ממש'דיקער 'איז' און ביידע געפינען זיך אין פולער הזדווגות, אין שלימות'דיקער קאָנגרוענץ, אין פּערפעקטן צוזאַמענבאַהעפט.

אַ נייער רעזשים, אַ נייע סאָציאַל־פּאָליטישע אָרדענונג הויבט אָן מיט אַ דעקלאַראַציע, מיט דער פעסטשטעלונג פון די קאָנסטיטוציאָ־נעלע גרונטפּרינציפּן, און ניט מיט דעם איינצלנעם דעקרעט אָדער אָנט־שיידונג.

די פּרימיטיווע געזעלשאַפט, די פּאַרצייטיקע געמיינשאַפט האָט זיך געהאַלטן אויף דעם מנהג, האָט באַזירט איר ציבור־לעבן אויף עלעמענטאַרע האַפטיקע הרגלים, קאָנווענציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן אַרומגענומען און רעגולירט דעם אויפפיר פון דעם סאָציאַלן אַגרעגאַט, באַרמירט און נאָרמאַליזירט די ערשט־ראַנגיקע געשעענישן־טואונגען.

עגאָסאָפיע פאַנגט אָן מיט דעם אַלערשטן 'אורגאַנץ', מיט דעם אַלץ־אַריינשליסנדיקן, אַלץ דורכדרינגענדיקן פּרינציפּ, מיט דעם הויפּט יסוד פון איכהייט. דאָס גאַנצע פּרעדאָמינירט איבער זיינע טיילן, און עס איז קודם צו זיי. דער אורגאַנץ קומט פאַר דעם אורטייל. דער 'אין־עוד', דער אין־סוף פאַר דעם סוף, ער איז דער סאַמע אָנהויב. דאָס מיינט אַז אָנפאַנג־אָנהויב פאַרמאָגט ניט קיין סוף־ענד און ממילא אויך ניט קיין אָנהויב־אָנפאַנג.

## II.

## דער כלל קומט פאַרן פּרט

די געזעצן פון דערקענטעניש, ווי אַ יש אומרים צווישן די פּי־לאָזאָפן האָבן זיי עטאַבלירט און פאָרמולירט, זיינען ניט ריכטיק. דער דרך־הישר פון דערקענטעניש גייט אין דער קעגנגעזעצטער, צו דער אָנגענומענער, ריכטונג. אין דערקענטעניש באַוועגט זיך די מענטשהייט פון דאָס אוניווערסאַלע צו דאָס סינגולאַרע, פון דאָס אַלגעמיינע צו דאָס איינצלנע.

„כלל ופרט כחדא, דכר ונוקבה". (כ"ו)

„דער כלל קומט פאַרן פּרט, דאָס אַלגעמיינע קומט פאַר דאָס איינצלנע. דעדוקציע שפּרייזט פאַר אינדוקציע. די גרונט־פאָרמולע פון דער אידישער דערקענטעניש־טעאָריע איז 'אַלגעמיינע־איינצלנע־אַלגעמיינע'". (כ"ז)

מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין, אַז דער ראשית'דיקער אוניווערסאַליזם איז אַ ניט־פאַנאַנדערגעעפנטער, ער איז ניט אַרטיקולירט. ער איז מטושטש. ער פאַרלאַנגט אָן אַנטפּלעקנדיקע אינטערפּרעטאַציע און פאַנאַנדערשיפּרירונג. די זריעה איז די מוטער פון בוים. עס איז אָבער פאַראַן אַן אַנטוויקלונגס־סטאַדיע, אין וועלכער זריעה און בוים פאַלן צוזאַמען, זיינען די זעלביקע זאַך, זיינען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז קודם צו דער דיפערענציאַציע, צו דער פאַנאַנדערטיילונג.

„דער אַלטער — פאַרהוילענער פון אַלע פאַרהוילענע וועלכער הייסט 'גאַרניט'". (כ"ח)

די לערע פון די טעאָלאָגן ,אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אַ יש מאין, 'עקס־ניהיל' פון גאַרנישט־אַרויס, מיינט פון דעם אייגענעם זעלבסט, פון זיך אַליין. און די דאָזיקע דאָקטרינע באַדייט דעם היפּוך פון דעם, וואָס זי זעט אויס צו זיין אין פלוג. זי מיינט אַ באַשאַ־

פונג פון עפּעס פון דעם אַלץ־און־אַלץ אַרויס. עס איז אַ באַשאַף, וועלכער ווערט רעאַליזירט דורך דעם סוד־הצמצום, דורך זעלבסט־לימיטאַציע. דער ניסים־ונפלאות'דיקער אויפטו איז באַשטאַנען אין דעם אַרויסהויבן פון דעם אין־סוף־תהום אַ סוף, פון דער אייביקייט — אַ מאָמענט. מיט אַנדערע ווערטער, דער גאַנצער באַשאַף איז אַ פאַל־אַראָפּ, אַ דעגראַדאַציע, אַן אָפּטייל פון דאָס גאַנצע און אַן אַרויס־טייל פון דעם חלק. עס איז אַן אייגנאַרטיקע דעגראַדאַציע. עס איז אַ פאַל פון באַרויבן דעם טייל זיינע דערהויבענע אַבסאָלוטע גאַנצקייט-קוואַליטעטן, און אים אַראָפּדריקן ביזן דעק פון פאַרהעלטעניסמעסיקייט.

אָט־די לערע פון די טעאָלאָגן, וועלכע איז מער דאָגמע ווי לערע, וועט זיך אַרויסשטעלן צו זיין ריכטיק און גילטיק פאַר יעדער אַקציע פון קרעאַציע, פאַר דעם אַרויסטייל פון יעדן טייל, פאַר דעם אַרויס־שיילן דעם אורטייל פון דעם אורגאַנץ, דעם איינצלנעם געדאַנק, אַקט, דערשיינונג פון דאָס גאַנצע. אמת'ע טעאָלאָגיע איז עגאָלאָגיע. און אַלץ וואָס דער טעאָלאָג האָט געזאָגט, מיט זיין דאָגמע פון יש־מאַין קרעאַציע, איז אַז דער מענטש שאַפט אַזוי יעדן מאָל ווען ער שאַפט עפּעס, און איבערהויפּט איז די לערע ריכטיק בנוגע דעם געדאַנקען־באַשאַף. אָבער איר וואַלידיטעט ווערט ניט געמינדערט ווען זי ווערט אָנגעווענדט צו דעם אָביעקטן־באַשאַף, באַשטאַנד, וועלט.

דער אָנפאַנג איז דאָס גאַנצע, דער אַלץ-גאָר און גאָר־יאָ, און בשום אופן ניט דער 'גאָר־ניט'; דער אַלץ־יאָ און אַלצדינג, אַלצזאַך, וועלכע איז באמת אַן אַלצזיך, אַן אַלצאיך.

צו שאַפן, צו דענקען, ווי אויך צו טאָן, אויפצוטאָן מיינט שטענ־דיק צו עקסטראַקטירן, סעפּאַרירן, עלימינירן, אָפּזונדערן, אָפּשיידן פון אַ גרעסערן חלק אַ קלענערן טייל, און, איבערהויפּט צו עטאַבלירן גרעניצן, ארומצייכענען קרייזן, ארומצוימען היקפ'ס, פעסטשטעלן לימיטאַציעס, דעפיניציעס, מיט איין וואָרט, אַרויסהויבן עפּעס דעפי־ניטיוועס, באַשטימטעס פון צעשוואומענעם און אומבאַשטימטן.

יעדער קרייז איז, בעיקר, איין פונקט, איין פינטל. דער היקף איז פון באַדייטנדיקן אומפאַנג. דער צענטער באַשטייט פון איין נקודה'לע. און דאָך נעמען אַלע ראַדיוסן זייער אורשפּרונג אין אָט־דעם צענטראַלן פּאָקוס. אַזוי אַז די צירקומפערענץ ליגט אין צענטער־פינטל. דאָ געפינען זיך אַלע ריכטונגען, אַלע בייגונגען און נייגונגען קאָמבינירט און קאָנצענטרירט. דאָ אין דעם פונקט איז רעכט, לינק, אויבן און אונטן אַלץ־אין־איינעם. געאָמעטריע פאַנגט אָן מיטן פינטל, מיט דער גלייכצייטיקער באַאָונג און פאַרניינונג פון רוים. אָבער

אין דעם דאזיקן פונקט געפינט זיך, א דאנק דעם סוד־הצמצום, די גאנצע אומענדלעכקייט, ענדלעכקייט און דער אינפיניטעסימאל.

## III.

# דער ציבור איז קודם צום יחיד

דער פונדאמענטאלער טעות פון דעם 18טן יארהונדערט, א טעות פון וועלכן מיר האבן זיך ניט באפרייט עד־היום, איז באשטאנען אין דעם וואס אין דער פילאסאפיע, פסיכאלאגיע, יוריספרודענץ, סאציאלאגיע, פאליטישע וויסנשאפט האט מען גענומען דעם סוף פאר דעם אנהויב און דעם אנהויב אוועקגעשטעלט צום סוף. בכלל קען מען זאגן אז מיר זיינען קרבנות פון אן איבערפלעכלעכן, 'וואולגארן' דעמאקראטיזם בנוגע גייסט־פראדוקטן. ווי עס פאליטיזירט זיך, אזוי לאגיזירט זיך עס, אזוי גנאסעאלאגיזירט זיך עס, אפנים. ניט גוט־דורכגעטראכטע, האלב־געבאקענע דעמאקראטישע השגות האט מען איבערגעטראגן אין דעם תחום פון געדאנק. און מ'האט גענומען און אוועקגעשטעלט דעם איינצלנעם פאקט, דעם איינצלנעם דאטום איבער דאס גאר־אוניווערסאלע.

מ'האט געמיינט, ווי עס איז צו זען פון די אזוי גערופענע נאטורעכט שולן אין יוריספרודענץ און עקאנאמישער און פאליטישער וויסנשאפט, אז דער אינדיוויד איז קודם אין צייט און גענעזיס, און, ממילא, אויך אין אקטועלער חשיבות, צו דעם ציבור. לויט די אנשויאונגען פון פופענדארף, פון האבבעס, פון לאק, רוססא און אנדערע איז די פאליטישע און אפילו סאציאלע געזעלשאפט געשאפן געווארן פון אינדיווידן, און זי איז א פראדוקט פון זייער ווילונטארן אפמאך. די מענטשן האבן כלומר'שט אויסגעארבעט א מין טשארטער, אונטערגעשריבן א קאנטראקט, און אויף דעם סמך האבן זיי זיך פאראייניקט און געשאפן די געזעלשאפט.

„א שטאט ווערט פאראנשטאלטעט ווען א מענגע מענטשן שטימען איין און מאכן אפ יעדער איינער מיט יעדן איינעם". (69)

„די שאפונג פון א פאראיין באשטייט אין דעם וואס יעדער איינער פארפליכטעט זיך צו עמיצן דורך א קאנטראקט". (70)

„די נאטור און די צאל פון די אפמאכן, דורך דער פארמיטלונג פון וועלכע א ציוויל־שטאט ווערט קאנטראקטירט, קען מען אנטדעקן". (71)

„ווען מענטשן טרעטן אַריין אין אַ געזעלשאַפט טוען זיי עס מיט זייער פּריוואַטליקער צושטימונג". (72)

„דאָס וואָס מאַכט אַ קאָמוניטעט און נעמט מענטשן אַרויס פון זייער לייזן נאַטור־צושטאַנד און ברענגט זיי אַריין אין אַ פּאָזיטיווע געזעלשאַפט, איז די פאַרשטענדעניש, וועלכע יעדער איינער האָט מיט די איבעריקע צו אינקאָרפּאָרירן זיך און האַנדלען ווי איין קערפּער און אַזוי אַרום ווערן איין אָפּגעזונדערטער שטאַט". (73)

„אַט דער אַקט פון אסאָציאַציע פּראָדוצירט אַ מאָראַלן און קאָלעקטיוון קערפּער . . . וועלכער קריגט פון דעם אַקט טאַקע זיין איינהייט, זיין אַלגעמיינע עקזיסטענץ, זיין לעבן און זיין ווילן". (74)

זיי האָבן געמיינט אַז דער יחיד פּרעצעדירט, בנוגע כראָנאָלאָגיע, דעם רבים, די געמיינשאַפט, וועלכע, לויט זייער קוצר־המשיג, לויט זייער קורצזיכטיקן אויפפאַס, איז געווען אַ סך־הכל, אַ געזעמל פון סעפּאַראַטע, לייזע, זיך אַרומבלאָנדזשענדיקע, פריי און פראַנק זיך אַרומשלעפּנדיקע אינדיווידן. דאָס איז אַ קאַרדינאַלע מיסקאָנצעפּציע (כ"ט), וועלכע איז שוואַנגער מיט פילע מיספאַרשטענדענישן און פאַרגרייזונגען.

די געזעלשאַפט, לויט די לעצטע גוט־פעסטגעשטעלטע דאַטן פון דעסקריפּטיווער סאָציאָלאָגיע, איז, אין דער אָדער אַן אַנדער פאָרם, קודם צו דעם אינדיוויד, זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז די 'געזעלשאַפט' ווערט דעמאָלט גענומען אין דעם עכט־פּרימיטיוון, ניט הויך־אָרגאַניזירטן מצב.

צו ערשט קומט די געזעלשאַפט, און פון איר וואַקסט אַרויס דער יחיד, דער איינצלנער. די געזעלשאַפט איז זיך אַזוי אַנגעגאַנגען מיט איר עקזיסטענץ פאַר אַ משך פון טויזנטער יאָרן ביז דער געדאַנק פון אַן אָפּמאַך, אין וועלכן איין יחיד טרעט אַריין מיטן צווייטן, איז געוואָרן רייף, ביז די קאָנטראַקט־אינסטיטוציע, וועלכע שיקט פאָראויס אַ מער אָדער ווייניקער אויסגעקריסטאַליזירטע פאַרשטעלונג מכוח דעם איינצלנעם אַלס סוביעקט פון רעכט און פון פאַרפליכטונג, האָט זיך באַוויזן.

מיר געפינען ניט דעם מענטשן אין איינצאָל, מחוץ פון אַ פאַרבינדונג פון אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

„די מענטשהייט דאַרף גענומען ווערן אין גרופּן, ווי זיי האָבן אַלעמאָל עקזיסטירט. די געשיכטע פון דעם יחיד איז בלויז אַ דעטאַל פון די סענטימענטן און מחשבות'ן אין דעם בליק פון דער גאַטונג". (75)

„אַלץ וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פון מענטשן אַלס מענטשן קען ניט ווערן דערוואָרבן אָן דעם סטימול אָדער הילף פון אַ קאָנצענטרירטער אסאָציאַציע מיט נאָך מענטשן״. (76)

„די געזעלשאַפט איז די מוטער פון דעם אינדיוויד״, (77)

„געשיכטע קען אונדז גאָרניט דערציילן וועגן מענטשן מחוץ פון דער געזעלשאַפט״. (78)

„עס איז דאָ וואַרשיינלעך אַ סך אמת אין דעם ווערטל: ’דער מענטש האָט ניט געמאַכט די געזעלשאַפט; די געזעלשאַפט האָט אים געמאַכט‘, מיינענדיק דערביי ניט נאָר דאָס, וואָס דעם מענטשנס שכל איז אין אַ גרויסן טייל אַ סאָציאַלער פּראָדוקט, נאָר אויך, אַז די פּאַר־מענטשלעכע געזעלשאַפט איז געווען די באַדינגונג פון דעם אמת'ן מענטשנס אַרויפטויך און פּראָגרעס״. (79)

„סאָציאַלע דערפאַרונג איז ניט געמאָלט אַלס עפּעס אומפּערזענלעכעס, וועלכעס האָט אַן עקזיסטענץ אויסער דעם מענטשן, אָבער דער מענטש קען ניט ווי געהעריק געמאָלט זיין אַלס אַ וועזן, וועלכער געפינט זיך אויסערהאַלב פון אַ סאָציאַלן קאָנטאַקט״. (80)

„דער מענטש קען ניט לעבן פאַר זיך״. (81)

„דער מענטש קען ניט זיין איזאָלירט; ער קען ניט לעבן אָן זיינע מיטמענטשן״ (82)

„אַז קיין מענטש לעבט ניט בלויז פאַר זיך איז געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעכער אמת״. (83)

„מענטשן זיינען ניט געוואָרן פאַר דעם אינדיווידן און דערנאָך מיטגלידער פון אַ געזעלשאַפט. בלויז אין דער געזעלשאַפט זיינען זיי געוואָרן אינדיווידן״. ((84)

„דער מענטש לעבט אַלס אַ טייל פון אַ סאָציאַלער סביבה, צו וועלכער ער איז באַהעפט דורך געדאַכטע און פּראָספּעקטיווע פאַרבינדונגען״. (85)

„דער ווירקלעכער מענטש איז ניט דער איזאָלירטער מענטש, נייערט דער סאָציאַלער מענטש, וועלכער עקזיסטירט אין דער געזעלשאַפט, לעבט מיט אַנדערע צוזאַמען״. (86)

דעם אייגענעם טעות, וואָס די יוריספּרודענטן און סאָציאָלאָגן האָבן געמאַכט בנוגע צו שייכות'ן, וועלכע וועבן זיך צווישן דעם יחיד און דעם ציבור, האָבן געמאַכט די פילאָסאָפן־פּסיכאָלאָגן בנוגע די שייכות'ן, וועלכע פלעכטן זיך צווישן דעם איינצלנעם אורטייל, דער איינצלנער מחשבה, דעם איינצלנעם זעלנצושטאַנד, דעם איינצלנעם באַוואוסטזיין־אַקט און דעם גאַנצן עולם־האצילות, דעם גאַנצן ’גע־

דאַנקען־קאָסמאָס׳. די פסיכאָלאָגן־פילאָסאָפן האָבן ניט פאַרשטאַנען די פאַרהעלטעניש, וועלכע עקזיסטירן צווישן דעם איינצלנעם איך באַוואוסטזיין, דעם סעפּאַראַטן אינדיוויד און דעם אוניווערסאַלן איך פון דעם גאַנצן קאָסמאָס, דעם אין־סוף, דעם אין־עוד, דעם אַבסאָלוט, דעם אני־יהוה.

זיי האָבן געהאַלטן די דערקענטעניש־טעאָריע איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף. אַנשטאַט צו באַגרייפן אַז מיין קאָנ־צעפּציע איז אַ טייל, אַ שפּעטערדיק־אויפגעקומענע, שפּעט אָפּגעשפּאָלטן חלק פון גאַנצן קאָנצעפּטואַליזם, וועלכן מיר רופן עולם־האצילות, אַז מיין ׳איך׳ פאַרשטעלונג איז אַן אַנאַליטיש אויסגעשיילטער חלק׳ל פון דעם גאַנצן קאָסמאָס-איך, פון דעם אני־יהוה, האָבן זיי געמיינט, פונקט פאַרקערט, אַז דער אַלגעמיינער ׳קאָנצעפּציאָנאַליזם׳ שטעלט זיך צוזאַמען פון איינצלנע קאָנצעפּציעס, פון איינצלנע איבער־לעבונגען, סעפּאַראַטע שפּירונגען, יחידים׳שע דערפאַרונגען, אַז מיין איך שטעלט זיך צוזאַמען פון באַזונדערע זעלבשטאַנדן, פון איינצלנע בחוש־פּי־לונגען און אינדיווידועלע מחשבות׳ן. בשעת באמת איז מיין איך גע־שאַפן אין דער פורעם און נאָך דער גלייכעניש פון דעם מאַקראָ־איך. מיט אַנדערע ווערטער, מיין איך איז אַ פאַל פון סוד־הצמצום רעאַלי־זאַציע. ער איז אַ פּראָדוקט פון מיניאַטוריזאַציע און קאָנדעסענץ. עס איז ניט דער מיקראָ־איך וועלכער שאַפט דעם מאַקראָ־איך, נאָר, להיפּוך, דער מאַקראָ־איך איז דער פון וועלכן דער מיקראָ־איך ברעקלט זיך אָפּ. אַלס די פּשוט׳סטע פאַרגלייכעניש קען אונדז דינען אַ לאַבן ברויט. עס איז ניט די קרושלעך און ברעקלעך, וועלכע נעמען זיך צוזאַמען און פאַרמירן, קנעטן אויס אַ לעבל ברויט, נאָר, פאַרקערט, עס איז דער לעבל ברויט פון וועלכן די קרושלעך, די ברעקלעך האָבן זיך סעפּאַרירט, אָפּגעקרושלט, אָפּגעברעקלט. דער זעיר־אַנפּין איך קרושטל זיך אָפּ פון דעם אין־עוד, פון דעם אנכי־יהוה.

## IV.

# פּסיכאָלאָגישע און לאָגישע סביבה

אַ געזעלשאַפט איז די סביבה, אין וועלכער דער יחיד וואַקסט אויס און פון וועלכער ער טיילט זיך, כלומר׳שט אַרויס. ער קען אָבער ניט איבעררייסן מיט איר זיינע פאַרבינדונגען, לחלוטין. ווען ער זונ־דערט זיך אָפּ פון איין מין סביבה, פאַרקניפּט ער זיך מיט אַן אַנדער

סאָרט סביבה. אָן אַ סביבה וועט ער ניט עקזיסטירן און געדייען. דאָס איז ריין סאָציאָלאָגיש גערעדט. ווען דער יחיד ווערט אינדיווי־דועל־באַוואוסטזיניק נעמט ער שאַפן נייע פאָרמאַציעס, וועלכע זיינען פון אַן אינטעראינדיווידועלן כאַראַקטער, ווי, דהיינו, פּאַרטייען, קירכן, רעליגיע-פאַראיינען, קולטור־פאַרבאַנדן, וועלכע הויבן אָן מיטן יחיד, און ניט מיט די רבים. די דאָזיקע פאָרמאַציעס זיינען אינוועגטיווע, אינטעראינדיווידועלע, זיי גייען דעם פאַרקערטן וועג אויף וועלכן עס גייט די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. זיי הויבן אָן, אַזוי צו זאָגן, פון סוף. דאָס איז דער דרך פון דערפינדונג. זי הויבט אָן דאָרט וואו די 'נאַטור' לאָזט אויס. דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן די פּראָצעסן פון ספּעקולאַטיוון דענקען. די פילאָזאָפישע באַוואוסטזיניקע סיסטעמאַטיזירונג גייט אין דער רעווערזירטער ריכ־טונג פון דער אין וועלכער עס באַוועגט זיך די נאַטירלעכע פּסיכאָלאָגיע. די נאַטירלעכע שאַפונג פון געדאַנק הויבט אָן פון דאָס גאַנצע, דער נאַטירלעכער אַרויפטויך פון איך־באַוואוסטזיין איז אַן אַנאַליטישער פּראָצעס בשעת דער באַוואוסטזיניקער אַרויפהויב און איבעראַרבעט פון דעם פּסיכישן מאַטעריאַל איז אַ סינטעטישע אַקציע. דער מיקרא־איך ברעקלט זיך אָפּ פון מאַקרא־איך. דאָס איז די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער פּסיכיק. די אינוועגטיווע קולטיווירונג און שאַ־פונג פון דער איכהייט אַלס אַן אינערלעכן אינטעראינדיווידואַל הויבט אָן מיט דער סעפּאַראַטער מחשבה, מיט דעם סעפּאַראַטן געדאַנק און בויט זיי אַריין, אינקאָרפּאָרירט זיי אין אַ גאַנצן איך-בנין, אַ איכהייט־געביידע.

מ'דאַרף בלויז צוגעבן, אַז בנוגע פּסיכאָלאָגיע איז די פּאַרקני־פונג מיטן כלל מצד פון דעם פרט, פון יחיד אַ סך שטייפער ווי דער פאַל איז ריין־סאָציאָלאָגיש. קודם כל קומט די אַזוי גערופענע מוטער־שפּראַך, וועלכע איז דער פּאַרקער־מיטל פון דעם ציבור, ביי וועלכן זי וואַקסט אויס. און מיט דעם לשון קומען די הרגלים, די אופנים פון טראַכטן, די דרכים פון שפּירן, די שטייגערס פון פאַרשטיין. עס זיינען פּאַראַן פּשוט'ע סאָציאַלע פאָלקסוועגן, איינפאַכע מנהגים און עס זיינען דאָ טראַכטנס־געוואוינהייטן, געשמאַק דרכים אורטייל־מאַניערן, דענקען־סטילן. זיי נעמט דער יחיד איבער פון דעם רבים, פון ציבור. כל־זמן דער יחיד געברויכט די אַזוי גערופענע מוטער־שפּראַך, אָדער וועלכן עס איז אָנגענומענעם לשון און נוצט אָט־די קאָמוניקאַציע כלי לויט די פאָרשריפטן פון דער גראַמאַטיק, וועלכע איז אַן עלעמענ־טאַרע לאָגיק, איבט ער זיין דענקען־פּרעראָגאַטיוו לויט די קאָנסטיטוציע

וועלכע ווערט פאָרגעשריבן פון קהל, פון דער געמיינזאמקייט. אָט־די
פּסיכאָלאָגיש־לאָגישע פאַרקניפּלונגען־צוקייטלונגען צום ציבור זיינען
שטאַרקער פון די רייך־סאָציאָלאָגישע אָדער עקאָנאָמיש־פּאָליטישע פאַר־
בינדונגען. סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש סאָציאָלאָגיש קען דער
מענטש, מיט אַן אָנשטרענג, וואָס דאַרף ניט אריבערשטייגן זיינע כוחות,
זיך באפרייען, אויף א געוויסער צייט, פון דעם דרוק פון דער סאָציאַלער
אַטמאָספערע, ער קען זיך באַזעצן אויף אַן אינדזל, ער קען אַוועק
אויף אַ קורצער צייט אין התבודדות. ער קען זיך אָבער ניט אָפּ־
זונדערן פּסיכאָלאָגיש. ער קען ניט אַוועק פון זיינע מחשבות. זיי
וועלן אים נאָכגיין, נאָכשפּירן זיינע טריט, זיינע וואַך־שעה'ן און שלאָף־
שטונדן. ער קען בשום אופן ניט אַרויסשפּרינגען פון דער סאָציאַל־
פּסיכאָלאָגישער סביבה, פון דער פּסיכישער הויט אין וועלכער ער
איז אריינגעפּאַסט. די הויפּט־באַגריפן, די הויפּט־פּרינציפּן, די גרונט־
יסודות פון דענקען, שפּירן און פארשטיין וועלן בלייבן מיט אים. ער
וועט ניט האָבן דעם כוח און דעם מוח, דעם דרייסט און דראנג און אפילו
דעם ווילן און איינפאַל, אז מ'דאַרף און מ'קען זיך באפרייען פון זיי. ער וועט
קעגן זיי אזוי ווייניק רעוואָלטירן, ווי ער וואָלט רעבעלירן אויפשטיין קעגן
די אָנגענומענע, אויף אים ארויפגעצוואונגענע, פאָרמען און נוסחאות פון א
ביאָלאָגישן כאַראַקטער, ווי פיגור און שטאַטור. ער מאכט שלום מיט דעם
סקעלעט פון זיין גוף און מיט דעם הויט און געזיכט־שטריכן. און ער מוז
מאַכן שלום מיט דער מאָדעל פון זיינע געדאַנקען, מיט דער מעטאָ-
דאָלאָגיע פון אורטיילן און אויפפאַסן קעגנשטאַנדן. ער קען זיך
ניט העלפן. ווען ער וואָלט פּרובירן צערייסן די קייטן מיט וועלכע
מ'האָט אים איינגעשמידט און זיך דערשלאָגן צו פולער פרייהייט פון
אַלע יאָכן, וואָלט ער זיך מוח'ן אין א לאָגיש־פּסיכאָלאָגישן חלל, אין
וועלכן ער וואָלט ניט קענען פונקציאָנירן פּסיכיש מענטאַל אפילו איין
רגע. אויב ער איז אַ גאון, פלייסט ער זיך משנה־צורה־זיין עפּעס
אַ צענט־ראַנגיקן באַגריף, ענדערן כהוא־זה אַן אָנגענומענע השגה. ער
קען אָבער בשום אופן ניט פירן קיין אַטאַקע אויף דער גאַנצער ליניע
פון דעם דערקענטעניש־פּראָנט. ווען ער וואָלט עס טאָן וואָלט ער זיך
געפונען חוץ לשיטה, אויף יענער זייט פון דורך־דורות־עטאבלירטן
זעלנסיסטעם, אורטייל־איינשטעל.

## V.

# דער זעיר־אנפין און אריך־אַנפין

ווי געזאָגט, דער מענטש האָט אַזוי ווייניק שליטה איבער זיינע פונדאַמענטאַלע דענקענספאָסטולאַטן ווי איבער זיינע גלידער און אַרט־און־וויַיזע פון זייער אינקאָרפּאָרירונג. דער פיזיאָלאָגישער סדר איז קאָנסטיטואירט דורך אַ לאַנגע קייט פון גענעראַציעס, וועלכע האָבן געשאַפן די פורעם, אין וועלכער די מענטשלעכע קערפּערס ווערן אָפּ־געגאָסן. דער פּסיכאָלאָגיש־לאָגישער סדר איז ניט ווייניקער פאַר־פונדעוועט פון קדמונים־אָן. און ער איז ארויפצווינגענדיק. דאָס איז אַלץ בנוגע דעם דרך פון סאָציאָ־עגאָ אין זיינע באַציאונגען צו דעם אינדיוויד־עגאָ. אָבער נאָך פיל מער איז די פאַרבינדלעכקייט און אונטערגעוואָרפנקייט פון דעם אינדיוויד-עגאָ צו דעם אין־סוף־עגאָ. דאָ עקזיסטירט אַן אויסשליסלעכער שעבוד און צו דער אייגענער צייט אַ פולע אידענטיטעט. אין דער אמת׳ן איז דער אין־סוף־ איך, דער מאַק־ראָ־עגאָ מער מיין אייגענער זעלבסט, ווי דער מיקראָ־עגאָ, וועלכער איז בלויז אַ קליין טיילכל פון דעם אני־יהוה, פון דעם קאָסמאָס-איך, פון דעם אוניווערס אַלס איך, און ווען איך דענק, רעאַליזיר איך אַ דענקענס־פּראָצעס, אַ מחשבה־אַקציע פון דעם קאָסמאָס־איך. ווייל יעדע מחשבה אַלס איינצלנער געדאַנק קומט פון דעם מחשבות־מקור, פון דעם קאָס-מאָס־באַשטאַנד־איך. איך אַלס אַזעלכער, אַלס אַן אָפּגעטיילטער איך, קען דענקען בלויז אַדאַנק דעם וואָס איך בין אַ טייל פון אני־יהוה, און בלויז אַלס אַזעלכער, אַן אָפּגעטיילטער און פאַרט צוגעבונדענער צום אני־יהוה, צום קאָסמאָס-איך. ווייל די איינצלנע מחשבות וועלכע איך געברויך אַלס שטאָף, אַלס מאַטעריאַל פאַר מיינע ספּעקולאַטיווע גע־ביידעס ווי אויך דער אַרכיטעקט אַליין, דער איך וועלכער בויט אָט־די בנינים געהערן צו דעם מאַקראָ-איך, צו דעם מאַקראָ־געדאַנק קאָנצעפּט. בכדי איך זאָל קענען דענקען, פּראָדוצירן גייסטיקע געברויך־פּראָדוקטן מוז איך ווערן אַליין פּראָדוצירט פון דעם מאַקראָ־עגאָ, געשאַפן און קולטיווירט. מיט אַנדערע ווערטער, ווען מיר דענקען אויף אַן אינווענ־טיוון שטייגער נעמען מיר געדאַנקען און טיילן זיי אָפּ פון זייערע נאַטירלעכע סביבות, פון זייער מקור, פון מקור־המחשבות און מיר איבערקאָמבינירן זיי. ווי די זאַך ווערט געטאָן אין סאָציאָלאָגיע, אַזוי טוט זיך עס אין פּסיכאָלאָגיע. די אינדיווידן ווערן אופגעהאָדעוועט פון דער געזעלשאַפט און ערשט נאָכדעם, ווען זיי דערגרייכן אַ געוויסן

גראַד פון מאַטוריטעט, קענען זיי זיך נעמען און געזעלשאַפטן־זיך, זיך סאָציאַליזירן אויף אַ באַוואוסטזיניקן שטייגער, דאָס הייסט, זיך אינ־טעראינדיווידואַליזירן. אין דער מענטאַליטעט קומט פאָר דער זעלבי־קער מוקדם און מאוחר. דער איך מוז ווערן געשאַפן און אויפדער־צויגן פון דעם אין־סוף איך, פון מאַקראָ־עגאָ. יעדער געדאַנק געהערט צו דעם עולם־האצילות, פון וועלכן ער ווערט סעפּאַרירט און ערשט נאָכדעם רעאוניפיצירט אויף אַ באַוואוסטזיניקן שטייגער.

מיר טאָרן קיינמאָל ניט, אויף איין סעקונדע ניט, פאַרגעסן דעם פונדאַמענטאַלן אמת, אַז מיר אַלס קליין-איכן זיינען בלויז שטראַלן פון דער זון, פון דעם אין־סוף איך, פון דעם באַשטאַנד איך, און בלויז אַלס זיינע כּאַוואַניקעס, אַלס זיינע קינדער, בנים אתם ליהוה־אלהיכם, קענען מיר זיך באַהויפּטן.

יע, דער מענטש איז ניט ספּעציאַליזירט אַלס דענקער, אַלס מחש־בות־פּראָדוצירער. לעת־עתה איז ער נאָך קערפּער און זעל צוזאַמענ-געבונדן, צונויפגעפּלאָכטן. ער איז חוש און שכל, שפּירונג, עמאָציע און קאָנצעפּציע אַלץ אויף איין מאָל און נאָכאַנאַנד. רעליגיע לערנט אונדז אַז אַט־דער צושטאַנד איז בלויז אַ צוגרייטונג צו עפּעס בעסערס, צו עפּעס העכערס. רעליגיע לערנט אונדז, אַז אונדזער איך מיטן וואוקס פון איך־קולטור און פּערזענלעכקייט־קולטור, וועט ווערן אַלץ מער ענלעך צו דעם אין־סוף, צום אני־יהוה, ווי מיר שטעלן זיך אים פאָר. אונדזער קערפּער־זעל איך איז, באמת, לעת־עתה, אַן אָפּ־שפּיגלונג פון די גאָר־פּאַרצייטיקע השגות אונדזערע מכוח די געטער, וועגן דעם אני־יהוה, ווי מיר האָבן אים אויפגעפּאַסט און אָפּגעמאָלן במחשבה, אין איינבילדונג מיט טויזנטער יאָרן צוריק. און אַט-יענע פּאַרצייטיקע אויפפּאַסונג לעבט און ווירקט, באַהויפּט זיך אין אונדז. יענע איינבילדונג איז פאַרקערפּערט און פאַרזעלט אין אונדז, אין אונדזער קאָנסטיטוציע. אָבער זי, די יעניקע רעפּרעזענטאַציע און אָפּמאָלונג איז שוין פאַרעלטערט און לאַנג 'ארויס פון מאָדע', און זי וועט מוזן אָפּטרעטן איר פּלאַץ דער נייער אויפפּאַסונג, וועלכע וועט קריגן איר נייע, ניט פּאַגאַניסטישע, ריין־אידישע רעאַליזירונג־אידעאַליזירונג אין אונדז. מיט דעם וויטערדיקן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דעם איך־באַגריף, פון דעם אני־יהוה פאַרשטעל און קאָנצעפּט וועט זיך ענדערן דער גאַנצער מענטשלעכער איינשטעל. די מענטש-לעכע נשמה וועט צערייסן די פּעדים וועלכע האַלטן זי צוגעבונדן צו שטערבלעכקייט, פאַרגענגלעכקייט, פאַרשווענדערישקייט, צו אַ באַ־גרענעצטן גוף פון אַ באַשטימטן היקף און פיגור, — זי וועט זיך

עמאַנציפּירן, זי וועט אַרויס פון דער תפיסה, וועלכע איז געמאַכט פון בית־חומר, פון דער ליימענער הייזקע פון רוים און צייט, און זי וועט ווערן רוימלאָז און צייטלאָז.

בכלל מעג מען זאָגן, אַז די נייע ניט־יוקלידישע געאָמעטריע איז אַן אָנזאָג, אַ בשורה טובה וועגן גובר זיין דעם רוים בכלל.

און ווען די אומענדלעכקייט, דער 'אין־עוד' וועט ווערן אַ קאָנקרע־טיזירטער קאָנצעפּט, ניין, מער, אַ פּשוטע פּערצעפּציע, אַ טרעגער פון מאַטעריע, פון שפּירונג, פון הרגשה, דעמאָלט ערשט וועט דער אוני־ווערסאַלער איכיזם, דער אנכי־יהוה'איזם זיך אַנטפּלעקן אין זיין גאַנצן שיין און פּאַרבלענדעניש. אונדזערע חושים שלעפּן זיך נאָך, מיט אַן אינטערוואַל פון אַ גרויסן מרחק, נאָך אונדזערע אינטעלעקט־פּאַראויס־רייסונגען, פּאַרשטאַנד־פּאַראויסשטופּונגען, שכל־פּאַראויסשטופּונגען. אָבער זיי אַנטזאָגן זיך קיינמאָל ניט נאָכצופּאָלגן אָט־די פּערנונפּט־פּאַראויס־שפּרייזונגען. הגם זיי טוען עס מיט אַ היפּשער פּאַרשפּעטיקונג און עפּעס ווי איבערגעוואָלד, מיט אַן אומחשק, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער דיסטאַנץ, וועלכע טיילט אָפּ די חושים־אָפּעראַציעס פון די שכל־אויפטואונגען. דער פּיאָנער אויף דעם געביט פון מענטשן־איבער־געשטאַלטונג, און מיט דער איבערפורעמונג פון מענטשן קומט די איבערמאָדעלירונג פון דעם גאַנצן באַשטאַנד, איז דער פילאָסאָפישער געדאַנק, דער עגאָסאָפישער רעיון. ער פירט, ער גייט פאָראויס. נאָך אים, נאָך אים מיט הונדערטער יאָרן פון פאַרזאַמונג קומט דער ווייסנשאַפטלעכער קאָנצעפּט ,און ערשט גאָר צום סוף קומט דער שכל־הישר, און אַ היפּשע ווײַלע, וועלכע ווערט געמאָסטן מיט טויזנ־טער יאָרן, קומט אַן דער גאָר לעצטער ,דער פּוס־גייער, דער חוש.

און עגאָסאָפיע, אנכי־יהוה לערע נאָכדעם ווי זי וועט זיך באַ־הויפּטן און פאַרפעסטיקן אירע פּאָזיציעס אין ריינער פילאָסאָפיע וועט זיך שטופּן אַלץ פּאָראויס, פּאָראויס ביז זי וועט אָקופּירן דעם תחום פון די חושים ,די קעגנט פון דער איינפאַכער דערפאַרונג, פון אַל־טעגלעכן לעבן. די ליניע פון דער עקספּאַנסיע איז ענדלאָז, ווייל מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן מיט דעם אין־סוף־איך, און ער איז ענדלאָז לויט זיין עצם־מהות און דעפיניציע.

## VI.

# שלום קומט פאַר דער מחלוקת

די אידישע דערקענטעניש טעאָריע לערנט אונדז, אַז דער כלל איז קודם צום פרט.

„׳און אלהים האָט געזאָגט, עס זאָל זיין ליכט — און עס איז געוואָרן ליכט׳. פון דאַנען איז דאָ אַ מעגלעכקייט אויסצוגעפינען די סודות ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין פרט, וועלכע איז ביז איצט געווען אין כלל (אלהים), און דערנאָך האָט זיך דער כלל אומ־געקערט, בכדי צו ווערן אַ כלל ופרט וכלל״. (ל׳)

„דאָס איז דאָס אַלגעמיינע און דאָס איז דאָס איינצלנע. דאָס אַל־געמיינע דאַרף האָבן דאָס איינצלנע, און דאָס איינצלנע דאַרף האָבן דאָס אַלגעמיינע, און זיי פאַראייניקן זיך איינער מיט דעם אנדערן און זיי ווערן אַלע איינס״. (ל״א)

אידישקייט באַהויפּטעט אַז דאָס גאַנצע קומט פאַרן טייל. (ל״ב) דאָס מיינט דער שלום־שלם קומט פאַר דער מחלוקת, פאַר דער צע־טיילונג. שלום אין העברייאיש מיינט אַ גאַנצקייט, און מחלוקת מיינט אַ צעטיילונג, אַ טייל־שאַפונג. און אין אָט־דער לערע ליגט דער אידישער פּאַציפיזם.

ווען דער פרט קומט פאַרן כלל, דעמאָלט באַקומען זיך פילע סע־פּאַראַטע פרטים. פרטים מוזן דאָך, לויט זייער מהות נאָך, זיין פילע, אין מערצאָל. די פרטים אַנטאַגאָניזירן, באַקעמפן איינער דעם אַנדערן. זיי זיינען אַנטקעגנגעזעצט איינער דעם צווייטן. און אַזאַ וועלט־דערקענטעניש, וועלכע הויבט אָן מיטן פרט, מוז אַנטהאַלטן אין זיך מלחמה־עלעמענטן, מוז זיך באַזירן אויף קריגערישע, מיליטאַריסטישע יסודות. אַזאַ וועלט־געמעלעכץ איז פול מיט שטירדעס, מיט ריי־סערייען.

פאַרקערט, די אידישע אויפפאַסונג, וועלכע האָט געלערנט פונקט פאַרקערט, אַז דער כלל איז קודם צום פרט, אַז דאָס גאַנצע קומט צום ערשטן און דערנאָך ערשט שיילט זיך פון אים ארויס דער טייל, די טיילן — אַזאַ השגה, אַזאַ דערקענטעניש איז אַ רודף־שלום׳ניצע. מחמת די טיילן זיינען דאָך, לויט אָט־דעם באַנעם, בלויז באַזונדערע אַרויסקומער, סעפּאַראַטע קינדער פון איין מוטער־פאָטער, וועלכע שטעלן צוזאַמען די גאַנצקייט. ווען די פרטים קומען פאַרן כלל האָבן זיי דאָך קיין פאַרבינדונג ניט צווישן זיך, קיין פאַרוואַנדשאַפט. און

מ׳קען מיט זיי קיינמאָל ניט זיין זיכער, אַז זיי וועלן זיך, באמת, לאָזן פאַראַלגעמיינערן און ווערן איינס, זיך אידענטיפיצירן. דער אידישער באַנעם וועלכער לערנט, אַז די העכסטע פאַראַלגעמיינערונג איז דער פּרימאַט פון גאַנצן באַשטאַנד און אַז די טיילן האָבן זיך באַקומען דורך אַ פּראָצעס פון אַן אַנאַליז, מוז סוגעסטירן שלום־שטימונגען, מוז פלעגן פרידן-נייגונגען. ווייל די טיילן, די פּרטים, די איינצלהייטן ליידן פון דעם וואָס זיי זיינען נעבאַך אָפּגעזונדערט געוואָרן, אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער מקור. און זיי שטרעבן מיט כל־הכוחות צוריק צו זיך, צו זייער אַלגעמיינקייט, צו זייער ערשט־ווייליקער, גראַמאַליקער גאַנצ־קייט און שלימות, זיי רייסן זיך צום שלום. לויט דער אידישער גע־זינונג רייסט זיך די וועלט פון ׳מחלוקת׳ צום ׳שלום׳, צוריק צו דאָס גאַנצע.

אויב צום אָנהויב איז די מענטשהייט געווען איינס, איין גוף, איין מענטש, און די ראַסן-צעטיילונג איז אַן אינצידענט — דעמאָלט וועט די מענטשהייט זיך צוריק באַהעפטן, זיך פאַראייניקן און ווערן איין אָרגאַניזם.

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע דער געזעלשאַפט און אירע צע־שפּאַלטונגען אויף קאַסטן, שיכטן, קלאַסן און ׳טיפּן׳. דאָס אייגענע בנוגע דער צעטיילונג אויף געשלעכטער, בנוגע דער אינערלעכער צע־שפּאַלטונג פון מענטשן אַליין אין זיין באַוואוסטזיין. אַלץ און גאָר אַלעמאָל און אומעטום שטרעבט צו גאַנצקייט, צו סאָלידאַריטעט. הגם די גאַנצקייט איז אַ סינטעטישע, וועלכע האָט פאַרנוצט מיט גרויס פּעולה די אַנאַליטישע אַקציע. הגם די סאָלידאַריטעט באַקומט זיך אַלס א פועל יוצא פון בייקומען אַ סעפּאַראַטיזם, אַן אַנטאַגאָניזם. מיט איין וואָרט, עס איז א שלום וועלכער האַלט זיך אויף דעם ׳עזר־כנגדו׳.

„׳עזר כנגדו׳, אם זכה — עזר, ואם לא זכה — כנגדו״. (ל״ג)

„און רבי אלעזר האָט געזאָגט, דאָס וואָס שטייט געשריבן ׳איך וועל אים מאַכן א הילף קעגן אים׳ (בראשית ב׳, י״ח) מיינט עס: האָט ער זוכה געווען — העלפט זי אים, האָט ער ניט זוכה געווען — איז זי קעגן אים״. (ל״ג 1)

ווען מ׳פאַרשטייט די פאַרוויקלטקייט פון די כוחות וועלכע אָפּע־רירן אין דער געזעלשאַפט, אין דער פאַמיליע, אין דער וועלט, אין דער מענטשלעכער נשמה, אין געהירן און פאַרשטאַנד, אין פּסיכאָלאָגיע און אין לאָגיק, ווען מ׳באַגרייפט, ווי געהעריק, דעם אחד פּרינציפּ, וועלכער איז דער יסוד פון יהוה־חכמה, — זעט מען דעם ׳עזר׳. ווען

ניט, האַלט מען זיך ביי דעם 'כנגדו' ביז מ'גייט אונטער, מ'ווערט פאַרטיליקט, פאַרשניטן אין מלחמות, אין צאַנקערייען פון דער אייגענער נשמה ,פון די אייגענע זיך-ווידערשפּרעכנדיקע פאַרלאַנגען, וואונטשן, אידייען, אויפפאַסונגען, אין די רייסונגען און ראַנגלערייען פון די ראַסן, פון די קלאַסן, פון די נאַציאָנען, פון די געשלעכטער.

אָדער מ'אָנדערקענט דעם 'עזר', דעם סאָלידאַריטעט־פּרינציפּ, דעם פּאַציפיסטישן שטאַנדפּונקט, דעם הויפּט־יסוד פון יהוה־חכמה, אָדער מ'וואַרפט אים אָפּ. קיין דריטע מעגלעכקייט איז ניט פאַראַן.

## 3.

# אינטערנאַציאָנאַליזם אַלס איינלייטונג צום אינטערקלאַסיזם

זי הייסט 'אשה' ווייל זי איז גענומען פון 'איש' (ל"ד). דער אויסשפרוך איז היפש פאַטריאַרכאַליש געפאַרבט. פון דער נקבד וויקלט זיך אַרויס, דורך אַן אַקציע פון אָפטיילונג, דער זכר. פון הערמאַפראָדיטישן צושטאַנד נעמט זיך אָפטיילן דער מענלעכער עלעמענט, אָט-די באַהויפטונג איז מער אין איינקלאַנג מיט דער ווירקלעכקייט, סיי אין ביאָלאָגישער עקאָנאָמיע און סיי אין דער אייגנטלעכער עקאָנאָמיק, אין דער ווירטשאַפט. אָבער דער חומש באַמיט זיך צו פאַרשטאַרקן די פאָזיציע פון מאַנסביל קעגנאיבער דער פרויענצימער, קעגן דער גאָר פרימיטיווער הערשאַפט פון דער פרוי. די טענדענץ איז פאַרשטענדלעך און פראָגרעסיוו. זי ליגט אויף דער ליניע פון מענטשלעכער און אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, וועלכע באַשטייט אַלע מאָל אין דער אָפשוואַכונג און אַראָפדריקונג אין אָפשאַץ פון די עקזעקוטיווע פונקציעס און אַרויפהויבונג פון די דירעקטירנדיקע. אָבער דער הויפטמאָטיוו וועלכער באַזעלט גלייך די ערשטע קאַפיטלעך פון ספר בראשית איז דאָס שאַפן פון אַ סינטעז, דאָס פאָרמולירן פון אינטערסעקסואַליזם, אַלס אַן אָנצייגונג פון אינטערנאַציאָנאַליזם און אינטערקלאַסיזם, לערן וועלכע וועלן אויפקומען פילע הונדערטער יאָרן שפעטער.

אויך דעמאָלט ווען יהוה שילט זיך און פאַרנעמט זיך מיט דעם אָפשאַף פון דעם מאַטריאַרכאַט, פון דער ממשלה און גדולה פון דער פרוי, ווען ער פראָקלאַמירט דעם 'והוא ימשל בך' (ל"ה), אויך דעמאָלט אין דער עדנא דרתחא, בשעת צער און צאָרן, אָנדערקענט ער דאָס מוטעררעכט, ווי דער פסוק זאָגט עדות גאַנץ דייטלעך.

„און אַ פיינטשאַפט וועל איך טאָן צווישן דיר און צווישן דער פרוי, צווישן דיין זוימען און איר זוימען" (ל"ו) 'זרעה', דער זוימען געהערט נאָך אַלץ צו איר, און ניט צום מאַן. דאָס קינד באַלאַנגט צו דער מוטער, ניט צום פאָטער.

דאָס מיינט אַז קיין פולרעכטלעכן פאַטריאַרכאַט וויל דער ביבלישער מיטאָס ניט פריידיקן און ניט איינפירן. דאָס ציינט אַן אויף

דער גאַר גרויער אַלטקייט פון דעם אדם־וחוה מיטאָס, און דער הויפּט־געדאַנק וואָרפט ליכט אויף דעם יידישן קאָנצעפּט פון וועלט און מענטשהייט, ציבור און יחיד, מענטש און זיין באַוואוסטזיין פּראָבלעם, ווייל די געשלעכטער־פראַגע איז אַ פונדאַמענטאַלע און פון דער לייזונג וואָס די פראַגע קריגט הענגט אָפּ די גאַנצע געזעלשאַפט און וועלט־אַנשויאונג.

אָט ווי דער זהר דריקט אויס דעם רעיון פון אינטערסעקסואַליזם אַלס פאַרמוסטער פון אינטערקלאַסיזם. ער דריקט עס אויס, נאַטיר־לעך, אין אַן אַלט־מאָדישער פאָרם. אָבער דערפאַר איז ער קלאָר און אומצווייַדייטיק, אַזוי אז עס בלייבט קיין ספק ניט וועגן דעם עצם־אינהאַלט פון געדאַנק.

„דער גייַנטער באַפעל: רחמנות צו האָבן אויף די אָרימע לייט און זיי געבן זייער נערונג, ווי עס שטייט געשריבן: ‚מיר וועלן מאַכן אַ מענטשן אין אונדזער געשטאַלט לויט אונדזער גלייכעניש׳. ‚מיר וועלן מאַכן אַ מענטשן׳ אין שותפות, אַרייַנגערעכנט דעם זכר און די נקבה. ‚אין אונדזער געשטאַלט׳ (בצלמנו, צלם איז לשון זכר) — די רייַכע; לויט אונדזער גלייכעניש (כדמותנו, דמות איז לשון נקבה) — דאָס זייַנען די אָרימע. ווייל מצד פון זכר קומען די רייַכע און מצד פון דער נקבה — די אָרעמעלייט. און אַזוי ווי זיי (די געשלעכטער) זייַנען אין שותפות און האָבן אייַנזעעניש איינער מיט דעם צווייטן און גיבן איינער צו דעם צווייטן און טוען זיך קעגנ־זייטיק טובות, פונקט אַזוי דאַרף דער מענטש זיך אויפפירן אונטן, די רייַכע און די אָרימע זאָלן זיין אין איין באַנד און זיי זאָלן געבן איינע די אַנדערע און זיך קעגנזייטיק העלפן". (ל"ז)

דער זכר איז דער סימבאָל פון דעם דיריגירנדיקן קלאַס. דער זכר אין דער ‚ביאָלאָגישערווירטשאַפט׳ איז דאָס אייגענע וואָס דער אָרגאַניזירנדיקער קלאַס אין דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער עקאָנאָמיע. די נקבה איז דער אויספירנדיקער טיפּ, דער וועלכער ווערט אָרגאַניזירט, דער וועלכער איז, וואָס איז שייך לייטונג, פּאַסיוו, מיט אַ וואָרט, דער נידעריקער קלאַס. דער זכר־קלאַס פאַרנעמט אַ העכערע פּאָזיציע.

די דאָזיקע צוויי עלעמענטן זייַנען אויך דאָ אין מענטשן אַליין, אין זיין אייגענער פּסיכיק.

די סאָלידאַריטעט־באַשטרעבונג ווערט געשטיצט אויף דער אָר־גאַניזם־לערע, און ניט אויף דעם אָפּשאַף פון קלאַסן, און, זיכער, ניט דורך דאָס פּראָקלאַמירן די אַרבעטערשאַפט, דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם ווייבלעכן עלעמענט אַלס דעם אייַנציק־הערשנדיקן. ווי דער ביאָלאָ־

גישער פּראָלעטאַריאַט, דער מאַטריאַט קען ניט הערשן, אַזוי קען אויך דער אינדוסטריעלער מאַטריאַט, דער אייגנטלעכער פּראָלעטאַריאַט ניט געוועלטיקן. וואָס מ׳קען יע טאָן, וואָס מ׳מוז און מ׳וועט אוימבאַדינגט טאָן איז איינפירן האַרמאָניע, אַזוי אז דער פיזיש־טעכנישער פּראָלעטאַריאַט, ווי אויך דער ביאָלאָגישער פּראָלעטאַריאַט, דער מאַטריאַט, די פּרויענשאַפט־מוטערשאַפט זאָלן באַהאַנדלט ווערן פון דער געזעלשאַפט, פון דער סאָציאַ־אינטעראינדיווידאַ־גאַנצקייט ווי אַן אייגענער אינטעגראַלער טייל, ווי אַן אָרגאַניזם באַהאַנדלט אַן אייגענעם איבר.

די פּראָלעטאַריער קענען ניט הערשן. קיינע קינסטלעך־איינגעפירטע דיקטאַטורן וועלן זיי ניט העלפן. דער 'והוא ימשל בך' מוז מקויים ווערן אומבאַדינגט. עס איז אַ לאָגיש־פּאָליטישע הכרח'דיקייט. דער קלאַס, אָדער טיפּ, פון אָרגאַניזאַטאָרן, סיי עקאָנאָמישע און סיי פּאָליטישע, וועט אויספילן די עובדא פון הערשאַפט אויף אַלע געביטן פון געמיינזאַמען לעבן. דער אַרבעטער קלאַס גענומען אַלס אַ גאַנצער — הגם אויף דער אויבערפלאַך זעט מען עס ניט, און דאָס פּאַרקערטע וואַרפט זיך אין די אויגן איבערהויפּט אונטער דעם קאַפּיטאַליזם — סעגרעגירט, טיילט ארויס פון זיך, אַ צווייטן קלאַס, וועלכן ער, דער אַרבעטער קלאַס, נערט, קליידט, שוכט און באַזאָרגט מיט אַ גרויסער סומע פון באַקוועמלעכקייטן, אַקאָמאָדאַציעס, וועלכע ער קען זיך אַליין ניט פאַרגינען. דער אָרגאַניזאַטאָרן־קלאַס אַרבעט ניט דירעקט, ער באַטייליקט זיך ניט דירעקט אומפאַרמיטלבאַר אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציע און דיסטריבוציע; ער פאַרנעמט זיך מיט אַכטונג־געבן אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל אַרבעטן, האָרעווען אויף אַ פאַסיקן, וואויל־אָרגאַניזירטן אופן, אַזוי אַז אַ מאַקסימום פון רעזולטאַטן זאָל קענען דערגרייכט ווערן. צי אַט־דער דאָמינירנדיקער קלאַס נעמט אַן איין פאָרמע צי אַ צווייטע, צי ער באַלאַנגט צו אַ כמעט ריינער עקאָנאָמישער פאָרמאַציע אָדער פּאָליטאָ־עקאָנאָמישער געפורעמונג, מאַכט ניט קיין גרויסן אונטערשייד. יעדנפאַלס איז דער אונטערשייד פיל קלענער ווי די אַנטאַגאָניסטן פון די קאַפּיטאַליסטן שטעלן זיך פאָר, אָדער ווילן איינשמועסן די אַרבעטער.

היוצא, די לייזונג פון דעם אַרבעט־קאַפּיטאַל פּראָבלעם, וועלכעס איז תוכ׳יקער פאַרשטאַנען אַן אַרבעט־אָרגאַניזאַציע, אויספיר־דירעקטור־פּראָבלעם, ליגט אין דער אויפריכטונג פון אַן אינטערקלאַסן־סאָלידאַריטעט אויף דעם יסוד און נאָך דעם מאָדעל פון אַן אָרגאַניזם, וועלכער פאַרמאָגט פאַרשיידענע אָרגאַנען, וועלכע זיינען סיטואירט אויף

פאַרשיידענע ניוואָס. זיי קאָאָפּערירן אָבער, זיי גיבן אַכטונג איינער אויף דעם צווייטן. זיי זיינען משיג אַז זיי זיינען אינטערדעפּענדענט. זיי פאַרמירן איין איכהייט.

און אין דעם פאַקט, וואָס אָרגאַניזמען זיינען געשאַפן געוואָרן אין אָט דעם כאַאָס, און זיי פונקציאָנירן אויף דעם אחדות־פּרינציפּ, שעפּט דער אידישער אָפּטימיזם זיין חיזוק און זיכערקייט. אידישקייט איז איבערצייגט אַז אַלע אַנטאַגאָניזמען, די קלאַסן, ראַסן, נאַציאָנען האַסן, כעס'ן וועלן מיט דער צייט באַזייטיקט ווערן דורך דעם זעלביקן פּרינציפּ פון אני־יהוה, דער פּרינציפּ אויף וועלכן די אָרגאַניזמען קאָנסטרוקטירונג האַלט זיך.

די געזעלשאַפט וועט ווערן איין אָרגאַניזם. די מענטשהייט — איין אָרגאַניזם. אַלע וועלטן צוזאַמען — איין אָרגאַניזם. און בזה האופן וועלן די דיסרופּטיווע ענערגיעס, די אַנטאַגאָניסטישע כוחות עלימינירט ווערן, דאָס הייסט דאָס שלעכטס וועט באַזייטיקט ווערן, און דער גאַנצער באַשטאַנד וועט פונקציאָנירן ווי איין קערפּער, וועלכער ווערט באַזעלט פון איין נשמה, פון איין שלום און אחדות געדאַנק.

אָבער דער קערפּער בלייבט קערפּער מיט אַלע זיינע גלידער. ער ווערט ניט איין איבער־קערפּער. עס ווערט ניט קאָנסטיטואירט אַזאַ געזעלשאַפט, וועלכע זאָל באַשטיין פון איין קלאַס. אַזאַ געזעל־שאַפט וואָלט אויפהערן צו זיין אַ געזעלשאַפט, וואָלט ניט געקענט זיך באַהויפּטן. אַן אָרגאַניזם מוז באַזיצן אָרגאַנען, אַ פאַמיליע מוז האָבן געשלעכטער, א געזעלשאפט מוז האָבן קלאַסן.

נאָרביידע געשלעכטער פאַראייניקן זיך אויף דעם סמך פון 'עזר כנגדו' און זיי דערגרייכן דעם אידעאַל פון 'והיו לבשר אחד' (ל״ח). דאָס אייגענע די קלאַסן, זיי שאַפן אַן איינהייט, אַ גאַנצקייט, מעשה גוף.

II

# חייה — מענטש — אני־יהוה

1 — דאָמעסטיקאַציע

2. — חייה, מענטש און רעליגיע

3 — איך־ער־באַהעפטונג

## 1.

# דאָמעסטיקאַציע

## א

## פאַרשטוביקונג

דעם פיהאָדעווער האָט זיך איינגעגעבן זיך צו באַפרייען פון דער פרויען־ממשלה. ער האָט געשאַפן דעם מענערטום־שטאַט, דעם פאַטריאַרכאַט. און אויך זיין גאָט, זיין ציבור־עגאָ, זיין וועלט־עגאָ האָט ער געשטאַלטעט אין דער פאָרם פון אַ מאַן אַנשטאָט דער הערמאַ־פראָדיטישער און, שפּעטער צו, פרויען־פיגור, וועלכע ער האָט אָנגע־נומען פון גאַר־קדמונים אָן. דער ערד־אַרבעטער האָט די באַפרייאונג־אַקציע ניט געקענט אַזוי לייכט דורכפירן. דער אַגריקולטוריסט איז געווען אָפּהענגיק פון דער אשה, וועלכע האָט זיך, אגב, פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, אַ באַשעפטיקונג, וועלכע האָט שטאַרק סוגעסטירט די אידייע פון דאָס פאַרגעטערן דאָס ווייבלעכע, נעמלעך, די ערד. די געשלעכט־תאוות פון ׳האַרעפּאַשניק׳ האָבן אים אונטערגעוואָרפן אונטער דעם רייץ, אַטראַקציע פון דער פרוי. די גלוסטונגען ביי אים זיינען געווען פלאַמעדיקער ווי ביי דער אַנדער העלפט.

„דער מאַן האָט בלי־ספק אַ שטאַרקערן סעקס־אַפּעטיט ווי די פרוי״. (1)

„עקסטרעמע סענסואַליטעט אין דער נקבה, למשל, וועלכע איז אין אָפּאָזיציע צו דעם פעריאָדישן כאַראַקטער פון דעם נקבה־אימפּולס איז, בלי־ספק, אַ טראַנספערירטער זכר־כאַראַקטער״. (2)

דער מאַן האָט געדאַרפט האָבן די פרוי מער און אָפטער, איידער די פרוי האָט געוואָלט האָבן דעם מאַן. בכלל איז די פרוי קילער, מער פריגיד. אויסער דעם האָט זי דאָך צייטן פון לאַקטאַציע, שוואַנ־גערשאַפט און מענסטרואַציע. „און צו דעם מאַן דיין גלוסטונג״(א) איז אַ טייל פון דער קללה, פון דעם פאַל פון דער פרוי, פון איר ׳דעטראָנירונג׳, איר אַראָפּנידערן פון הויכן פּיעדעסטאַל פון קעניגין־

געטין. „צו דיר איז זיין גלוסטונג און דו וועסט אים באַהערשן"(ב). דו וועסט באַהערשן די זינד־גלוסטעניש איז אויך געזאָגט געוואָרן לאַנג נאָך דער קללה. די באַפרייאונג פון אונטער דעם יאָך, געפּלאָכטן פון לײדנשאַפט, געשלעכט־צוציקראַפט, פון ׳ודבק באשתו׳ — האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אַרויפקום פון פיהצוכט. די טשערעדעס פון די שאָף און רינדער האָבן געגעבן די פּאַסטעכער אַ געלעגנהייט צו באַפרידיקן זייער ברענענדיקן ׳יצר־הרע׳ מיט די בהמות, וועלכע זיי האָבן דאַמעס־טיצירט. און די פרוי, פון דעמאָלט אָן, איז געוואָרן דער אויסשליס־לעכער רעפּראָדוקציע־אָביעקט, ניט מער. דאָס הייסט זי איז געוואָרן די ׳ביאָלאָגישע אַרבעטאָרין׳. אָבער ניט די עקסקלוסיווע פאַרגעניגן־פאַרשאַפערין.

שאָף הייסט אויף העברייאיש ׳מקנה׳, וואָס באַטייט פילאָלאָגיש אייפערזוכט. דאָס שאָף האָט, מסתמה, געמאַכט די פרויען אייפער־זיכטיק. די מענער זייערע האָבן פאַרקערט מיט די בהמות און זיי האָבן געשאָנקען ניט גענוג אויפמערקזאַמקייט צו זייערע ווייבער, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר פריה ורביה צוועקן. אָט־דעם טייטש פון וואָרט מקנה גיט אונדז דער מדרש.

„׳הוא היה אבי יושב אוהל ומקנה׳ (בראשית ד׳, כ׳) אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן זיי געמאַכט דעם אויבערשטן אייפערזיכטיק אין די פאַרבאַהעלטענישן, איצטער האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן אים איי־פערזיכטיק אָפענערהייט, ווי עס שטייט געשריבן, ׳וואָס דאָרטן איז דער פּלאַץ פון דעם בילד פון דער באַניידונג, וואָס איז אייפערזיכטיק, סמל הקנאה המקנה (יחזקאל, ח׳, ה׳)". (ג׳)

אָן אָנצוהערעניש וועגן אַ שעפּסעלע אַלס אַן אָביעקט פון צערט־לעכקייט און ליבע, געשלעכט־פאַרקער זעט מען אין נתן הנביא׳ס מוסר־זאָגן. ער שטעכט דוד׳ן מיט וואונקען, מיט אָפענע רמזים. וועלכע סימבאָלן געברויכט ער ווען ער וויל אים אויסזידלען ? וועלכע אימאַזשן נוצט ער ווען ער וויל אַז דוד זאָל זיך כאַפּן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און דאָך זאָל ער עס ניט האָבן אַרויסגעזאָגט בפה־מלא ? עס איז אַ מעשה מיט אַ ׳כבשת־הרש׳, מיט אַ שעפּסעלע פון אַן אָרימאַן, וועלכע סימבאָליזירט די פרוי . . . (ד׳)

„דער אָרימאַן פאַרמאָגט גאָרניט, בלויז איין שעפּסעלע, וועלכע שלאָפט אין זיין שויס און וועלכע ער האָלט ווי אַ טאָכטער . . . קיין ווייב האָט ער ניט, דער קבצן, קיין טעכטער אויך ניט. ער, נתן הנביא, זאָגט אַז די שעפּסעלע האָט דער אָרימאַן געהאָדעוועט מיט זיינע זין. אין אָט־דער פאַבל רעדט די שטים פון פאַרצייטנס.

דאָ אין דער דאָזיקער פּאַבל ווערט, דרך־אגב, אָנגעגעבן דער הויפּט־מאָטיוו פאַר שאַף דאָמעסטיקאַציע. און נתן האָט משער געווען, אַז דוד וועט באַנעמען אַז עס רעדט זיך דאָ וועגן געשלעכט־ענינים, וועגן אַ ווייב. ווייל דאָס שעפּעלע איז אַן ערזאַץ פון אַ פרוי.

„וועראָניקאַ יוליאַני, וועמען דער פויפּסט פּיאוס דער צווייטער האָט דערקלערט פאַר אַ הייליקע, פלעגט נעמען, אין אָנדענק פון געטלעכן לאָם, אַן אמת שעפּסעלע צו זיך אין בעט, פלעגט עס קושן און לאָזן עס זויגן איר ברוסט״.(3)

## ב.

# חיות־פאַרגעטערונג

„די אָנגענומענסטע פון די דאָזיקע פאָרמען פון בעלי־חיים־געטער זיינען דער שלאַנג און דער אָקס. דער שלאַנג איז » . . . כמעט דאָס אומענדערבאַרע עמבלעם פון דער לבנה־גאָטהייט אין איר בחינה פון אייביק־זיך־באַנייענדיקן לעבנס־קוואַל פון די פערטיליזירנ־דיקע וואַסערן ; און דער גלויבן, אַז געטער אין דער געשטאַלט פון שלאַנגען האָבן פאַרקער מיט פרויען, איז . . . גלייכוויז אוניווערסאַל. דער אָקס איז אפשר נאָך אַ מער פּרעוואַלירנדיקע פאַרקערפּערונג פון גאָט. אין דער רעליגיע פון די פאַרצייטיקע פּערסיער איז דער ׳קדמון־אָקס׳ געווען פאַררעכנט פאַר דעם פאַרשטייער פון דער וועלט־נשמה און, הויפּטזעכלעך, פון איר גענעראַטיווער גבורה, וועלכע, מ׳האָט געמיינט, געפינט זיך אין דער לבנה . . . דער גרויסער אָקס, ווערט דערציילט, איז ביסלעכוויז איינגעשרומפּן געוואָרן און ענדלעך איז ער אומגעקומען, ער האָט אָבער איבערגעלאָזן זיין זוימען אין דער לבנה״.(4)

ביי די איינאָס, די איינגעבוירענע פון יעססאָ, איז דער בער פאַררעכנט פאַר די גרעסטע דיווינּיטעט. די יאַקוטן אין סיביר דינען צום בער . . . זייערע פאַרוואַנדטע, די אָסטיאַקעס שווערן אין דעם רוסישן געריכט ביי אַ בערן־קאָפּ, מחמת זיי גלויבן, אַז דער בער וויים אַלץ, און ער וועט זיי פאַרצוקן, אויב זיי וועלן לייגן״. (5)

„דו זאָלסט זיך ווענדן אין דיינע תפילות צו דעם אויסגעצייכנטן אָקס, ווענד זיך מיט דיין געבעט צו דעם פּרינציפּ פון אַלדאָס גוטס, שיק דיינע תפילות צו דעם קוואַל פון אַלדאָס שפע, אַדרעסיר דיין

געבעט צו דעם ריינעם הימלדיקן אָקס, דעם הייליקן און אומבאַשאַ־פענעם". (6)

„איך בעט און לויב דעם אויבערשטן אָקס, וועלכער מאַכט שפּראָצן גראָז אין שפע, דעם ריינעם אָקס, וועלכער האָט באַשאַפן דעם ריינעם מענטשן". (7)

„פון דעם קדמון־אָקס קומט דאָס גוטס אויף דער וועלט". (8)

אין אינדיע האָט דער אָקס אָנגענומען די פאָרם פון אגני. און צו אגנין אין צוזאַמענהאַנג מיט סאָמאַן פלעגט מען מקריב־זיין אָקסן אין די צערעמאָניעס, וועלכע האָבן געהייסן אַגני־שאָיאיא. אגני און דער לבנה־גאָט סאָמאַ פלעגן באַהאַנדלט ווערן ווי איין גאָט אגני־סאָמאַ. (9) דער אָקס האָט אויך געדינט אלס אימפּערסאָניפיצירונג פון אינדראַ און סיוואַ(10). דעם לבנה גאָט סינן האָט מען גערופן 'דער געבוירער פון מעכטיקן' (11). דער 'מעכטיקער' מיינט דער אָקס. 'אביר ישראל' מיינט דער אָקס פון ישראל (12). „ושכינתא איהי לבנה" (הי) — די שכינה איז די לבנה.

„האָט געזאָגט רבי פנחס: ביי אַלע קרבנות שטייט געשריבן, 'אַ ציגנבאָק איינעם פאַר אַ זינדאָפּפער' און ביי ראש חודש שטייט געשריבן, 'אַ ציגנבאָק איינעם פאַר אַ זינדאָפּפער צו יהוה' ?(ו) מיט וואָס איז אנדערש דער ציגנבאָק פון ראש חודש וואָס ביי אים איז גע־זאָגט געוואָרן 'ליהוה' ? האָט געזאָגט דער הייליקער־געבענטשט־איז ער, ברענגט פאַר מיר אַ פאַרגעבונג וואָס איך האָב געמינדערט די לבנה. אויב אַזוי האָט דאָך געדאַרפט שטיין 'על יהוה', פאַרוואָס שטייט 'ליהוה' ? (ז') דער ענטפער איז: יהוה האָט זיך אין יענע צייטן אידענטיפיצירט מיט דער לבנה.

דעם לבנה גאָט כנאָס *) האָבן די עגיפּטיאַנער אויפגעפּאַסט אַלס דעם 'פייערדיקן אָקס', און זיי האָבן געגלויבט, אז אין דער דאָזיקער פאָרם איז ער דער מקור פון פּרוקטבארקייט און שוואַנגערשאַפט.

„כנאָס פון טהעבעס . . . איז די לבנה, די נאַכט . . . ער מאַכט די אָקסן זיך צו פאַרמערן, ער מאַכט שוואַנגעריק די פרויען און ער מאַכט אַז די איי זאָל וואַקסן אין זייער טראַכט" (13). אָזיריס איז געווען אַן אָקס־גאָט . . . אין תפילות רופט מען אים 'דער אָקס פון הימל' (14). אַפּיס איז געווען זיין עלטסטע אינקאַרנאַציע, מחמת ער איז געווען די עצם נשמה, קאַ, פון אָזיריס, און ער האָט געטראָגן זיינע מעכטיקע הערנער. הייליקע אָקסן וועלכע האָבן אימפּערסאָני־

*) Khnos.

פיצירט געטער איז געווען אַ היפש ביסל אין עגיפּטן (15). פיר היי־ליקע אָקסן פון טעמו*) (16). מענוויס איז געווען די אָקסן־געשטאַלט פון פּטאַה. די מיטאָסן מכוח מינאטויער און פּאַסיפע פון איי־ראָפּע ווייזן אַז די הויפּטגלויבערייען זיינען די אייגענע וואָס אין דער קרעט־רעליגיע, נאָר דאָרטן איז די גאָטיכע געווען אַ קו, ניט קיין אָקס. דאָס איז דער גאַנצער חילוק, כמעט.

דיאָניסאָס איז געווען און געבליבן אַן אָקס. „פילע פון די גריכן שטעלן פאַר דיאָניסאָסן אין דער געשטאַלט פון אַן אָקס" (17). דער לבנה־גאָט דיאָניסאָס איז געבוירן געוואָרן אַלס אַ קינד מיט הערנער, און ער ווערט אָפט פאָרגעשטעלט מיט הערנער אָדער גאָר אַלס אַן אָקס. (18). די מיינאַדער פון טהעבוס פלעגן אים רופן 'דער אָקס', פּראָסט און פשוט. (19) אין קיזיקאָס**) פלעגן די דיאָניסאָס־פייע־רונגען הייסן 'פּיהצוכט־חגאות', און דער כהן־גדול האָט געהייסן דער הויפּט־פּאַסטוך. (20)

דאָס וואָרט פּאַסטאָר האָט אַ טאָפּלטע מיינונג. דער פּריסטער פּאַשעט זיין צאָן־קדשים, אָבער דאָס איז ניט אַלץ, ער הייסט פּאַסטוך דערפאַר, וואָס זיינע געטער זיינען געווען שאָף און רינדער און ער, דער כהן, האָט זיי געפּאַשעט, 'געפּיטערט' און דערנאָך געקוילעט.

די פּריסטערין פון דיאָניסאָס, לאָפּיסטאָס, האָט געטראָגן הער־נער, אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך פאָרשטעלט פאַר אַ קו, ווען זי האָט מתפלל געווען צו אים, דעם אָקס. (21)

די קעניגין אַרכאָן***) האָט יעדן יאָר געדאָרפט חתונה האָבן מיט דיאָניסאָסן. און די חתונה פלעגט פאָרקומען אין אַ בהמות־שטאַל, פון וואָס עס איז צו זען אַז דיאָניסאָס דער גאָט איז געווען אַן אָקס. (22)

די קריסטלעכע לעגענדע, וועלכע דערציילט אַז דער קינד־ישו איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטאַל, איז פאַרפּאַסט געוואָרן מיטן צוועק צו געפעלן־ווערן די טהעריאָמאָרפישע קאָנצעפּציעס פון דער געטשנ־דינערישער וועלט.

דער אָקס פירט אַ קאַמף קעגן דער קו, און ער רעפּרעזענטירט דעם פּאַטריאַרכאַט קעגן דעם מאַטריאַרכאַט. וועגן עגל איז שווער צו זאָגן עפּעס באַשטימטעס. אין חומש איז עס אַ קאַלב, און הויפּט־זעכלעך זיינען אין אַט־דעם קולט פאַראינטערעסירט די פרויען, וועלכע

*) Temu.
*) Kyzikos.
***) Archon.

גיבן אַוועק זייערע גאָלדענע נאָזרינגען (ח״י), אָבער, פון דער אַנדער זייט, ווערט רעפערירט צו דער געשעעניש מיט דעם זאַץ, 'וימירו את כבודם בתבנית שור', ווייזט אויס אַז ער איז געווען אַן אָקס.

דער אָקס האָט ארויסגענומען אַגריקולטור פון דעם רשות פון דער פרוי און זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די מאַנסביל, און אויף אַזאַ אופן פאַרפעסטיקט דעם מענערטום־רעזשים. ביי די איינגעבוירענע פון דרום-אפריקע „טוען די פרויען די אַלע אַרבעטן, אויסער אַקערן, אַ באַשעפטיקונג וועלכע פאָדערט אָקסן. און דאָס טוען די מענער צוליב דער אַבערגלויבעריי, וועלכע דערלויבט ניט, אַז פרויען זאָלן האָבן צו טאָן מיט בהמות״ (23). אין דעם ליגט מער ווי בלויז אַבערגלויבעריי. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז זייערע ווייבער זאָלן האָבן צו טאָן מיט זכרים־בהמות און, בכלל, מיט פיה, ווייל אָט־די באַשעפטיקונג איז דאָך געווען דער וויכטיקער גורם אין דער באַפרייאונג פון מאַנסבילטום פון דער פרויענהערשאַפט.

אין דינען צום אָקס איז געווען רעפרעזענטירט די אונטערדריקונג, פון דער פרוי צו דעם מאַן, אין די צערעמאָניעס האָט מען באַוויזן אַז די פרוי עקזיסטירט פאַרן מאַן . . .

דעם אָקס אַפּיס, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט אַזיריס, האָט מען באַהאַנדלט מיט גרויס דרך־ארץ . . . אין משך פון די ערשטע פערציק טעג, נאָך דער אינסטאַלאַציע אין זיין טעמפל אין מעמפיס, פלעגן די פרויען שטיין פאַר אים און אויפהויבנדיק זייערע קליידלעך פלעגן זיי אַנטבלויזן זייערע קערפערס (24). די פרינצעסינס פון טהעבוס אין דעם פריען פעריאָד פון מיטעלן קעניגרייך פלעגן זיין די פריסטערינס פון האַטהאָר, די קו־געשטאַלט פון איזיס; מ'פלעגט זיי באַגראָבן צוזאַמען מיט די הייליקע אָקסן, וועלכע האָבן זיך גערעכנט פאַר זייערע געטלעכע מאַנען (25). צוויי מומיפיצירטע אָקסן האָט מ. גרעבאַרט געפונען אין דער טרונע פון דער פרינצעסין אַמעניט אין דאר-על־באַהרי (26) אין די קברים פון דער עלפטער דינאַסטיע האָט ע. נאַוויל געפונען רעשטלעך פון בעלי־חיים, וועלכע זיינען וואַרשיינלעך אָקסן. עגיפּטישע פרינצעסינס פלעגן זיך פאַרשטעלן פאַר קי. העראָדאָטאָס דערציילט אַז ווען די טאָכטער פון קיניג מויקירא איז געשטאָרבן האָט מען איר קערפער אַריינגעלייגט אין אַ הילצערנער קו (27). אַזעלכע ארונות, וועלכע זיינען געפורעמט ווי קי האָט מען געפונען אין די שטיינערנע קברים אין גהיזעה *) (28).

*) Ghizeh.

דער קולט איז געווען אַ געשלעכט־דינסט און דער אָקס איז פאַרגעטערט געוואָרן צוליב זיינע גענעראַטיווע כוחות ווי אויך פשוטער פיזישער גבורה.

די איינציקע הייליקע אָביעקטן, דברים שבקדושה, וועלכע מ׳האָט געפונען אין דעם באַרימטן מקום־קדוש פון האַטהאָר־קו*) אין דעיר־על באַהרי**) זיינען געווען הילצערנע מענערשע גלידער. (29)

דעם גאָט אנוביס פלעגט פאַרטרעטן אַ פריסטער, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ פעל פון אַ שאַקאַל, און אין אָט־דער פאָרם פלעגט ער האָבן אַ פאַרבינדונג מיט אַ פרוי. די פאַראייניקונג פון דער פרוי מיטן הייליקן בעל־חי פלעגט אין עגיפטן פאַרקומען אויף אַ מער רעאַליסטישן שטייגער.

וואָס ווייזן די דאָזיקע פאָרמען פון ריטואַל? אין ריטואַל האָבן זיך אויפגעהאַלטן די גאָר פאַרצייטיקע מנהגים און לעבנסשטייגערס. וואָס איז געוואָרן אַ סימבאָל, אַ צערעמאָניע איז פאַר דעם, מיט פילע יאָרן צוריק, געווען אַ שטיק געוויינלעכע הנהגה. און די ריטועלע פאַרבינדונגען זאָגן עדות וועגן דעם, אַז אַמאָל האָבן די פרויען און די מענער פאַרקערט מיט אַנימאַלן.

די פרויען און מענער האָבן געפּראַוועט אַ ריטועלע פאַרבינדונג מיט דעם געטלעכן באָק. די שענסטע פרויען פלעגט מען פאַר דעם צוועק אויסקלייבן. „און זיי וועלן מער ניט שעכטן זייערע קרבנות צו די בעק מיט וועלכע זיי הורן". (ט׳)

אין רוים האָבן פאַרצייטנס די פרויען געהאַט פאַרבינדונגען מיטן הייליקן אייזל, אַלס פאַרשטייער פון גאָט פאַלעס. דעם דאָזיקן ריטואַל האָט מען אַביסל מאָדיפיצירט אָבער פאַרטגעזעצט אונטער דער השגחה פון באָנאַ דעאַ***). (30)

אַ רעשטל פון זאאגאמי האָט מען געקענט געפינען אין ענגלאַנד אַזוי שפּעט ווי אין די טיודאָר צייטן. אין די לאָנקעס פון האַבערדען האָט מען געהאַלטן אַ ווייסן אָקס. „ווען אַ פאַרהייראַטע פרוי האָט גע־וואָלט האָבן אַ קינד, פלעגט מען דעם אָקס אַרומפירן אין אַ פּראָצעסיע דורך די הויפטגאַסן פון שטאָט און דורכן טויער פון מאָנאַסטיר. מאַ־נאַכן וואָס האָבן געזונגען הימנעס האָבן אים אַרומגערינגלט, די פרוי

---

*) Hathor Cow.
**) Deir-el-Bahri.
***) Bona Dea.

פלעגט גיין לעבן אים, גלעטן אים זיינע מילך־ווייסע זייטן און די אָראַפּהענגענדיקע פּעטס־פאַלדן". (31)

אַסוואַמעדהאַ איז דער פערד־קרבן. דאָס איז דער הויפּט־אָפּפער און ער פאַרנעמט דעם אויבנאַן אין גאַנצן אינדישן ריטואַל. דער קעניג אַליין, בכבודו ובעצמו, פלעגט עס ברענגען דעם דאַזיקן אָפּפער אַלס אַ דאַנק פאַר אַ ניצחון נאָך אַ געלונגענער מלחמה אָדער קריג-עקספּעדיציע (32). דעם פערד האָט מען איינגעשפּאַנט אין אַ גאָלדענער קאַטש און מ'האָט אים אַרומגעפירט איבער די גאַסן. דערנאָך האָט מען אים טובל־געווען. דערנאָך האָט מען אים געזאַלבט. דעם קיניגס דריי הויפּט־ווייבער האָבן אים באַצירט. סוף־כל־סוף האָט מען אים דערשטיקט. און דעמאָלט האָט די מלכה זיך געדאַרפט אַוועקלייגן ביי דער נבלה אונטער אַ צודעק און דורכמאַכן אַ סעקסועלע צערעמאָניע, בשעת די כהנים און די פרויען און מיידלעך האָבן זיך פאַרנומען מיט פרעגן פראַגן און קריגן ענטפערס, וועלכע האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט צו גרויסער צניעות . . .

פון דעם זעט מען קלאָר, אַז אַמאָל האָבן די פרויען געלעבט מיט פערד, און דאָס איז געווען אַ פאָרם פון גאָטעס־דינסט.

די קעניגין פלעגט זיך אויף אַן אמתן פאַראייניקן מיטן פערד. ווען זי פלעגט ליגן אונטערן צודעק פלעגט זי אַרויסריידן די פאָלגענדע ווערטער: „זאָל דער קרעפטיקער זכר, דער לייגער פון דער זריעה, ליגן די זריעה". (33)

וועגן סעמיראַמיס ווערט דערציילט אין אַ לעגענדע אַז זי האָט פאַרקערט מיט אַ פערד. (34)

„אומגלויבלעך ווי דאָס קען אויסזען איז עס וואַרשיינלעך, אַז אַמאָל איז די באַהעפטונג פון דער פרוי מיטן פערד אויסגעפירט געוואָרן מער רעאַליסטיש". (35)

ג.

## זאָאָגאַמיע

חתונות פון מיידלעך מיט חיות, בהמות אָדער שלאַנגען. דאָס איז פאַרבליבן אין פאָלקלאָר, אין מיטאָסן און אין הייליקע צערעמאָניעס, וועלכע אַלע צוזאַמען העלפן אונדז צו רעסטאַווירן דאָס בילד פון

גאַר־גרויען אַלטערטום בנוגע דעם געשלעכט-פאַרקער פון מענטש און בעל־חי.

אַ קיניגס טאָכטער נעכטיקט אין פּאַלאַץ. זי הערט אַ שטים: ‚מאַך צו די אויגן. איך וויל אָוועקלייגן מיין קאָפּ אין דיין שויס'. די שטים איז געווען פון אַ גרויסן שלאַנג . . . סוף־כל־סוף געפינט זי אים, און ער בעט זי, זי זאָל ווערן זיין ווייב. זי זאָגט צו, און דער שלאַנג ווערט אַ שיינער יונגערמאַן. מחמת דער אומגעהויער איז אַ פאַר'כישופ'טער בן־מלך. (36)

. . . „אַ מענטשלעך וועזן האָט חתונה מיט אַ חיה. אין די מער פּרימיטיוועֶ ווערסיעס איז די חיה אַ פּשוט'ע; אין די מער באַ־אַרבעטע פאָרמען פון דער לעגענדע איז עס אַ פאַר'כישופ'טער פּרינץ אָדער פּרינצעסין". (37)

אַ ליטווינישע מעשה. אַ מיידל האָט חתונה מיט אַ ווייסן וואָלף. די מוטער פאַרברענט זיין פעל. (38)

אַ מיידל האָט חתונה מיט אַ דבר־אחר. (39)

אַ שלאַנג פאָדערט די טאָכטער פון דעם ‚ליעסניק', און אויב זי וועט אָפּזאָגן, וועט ער זי טויטן. אין פּאַלאַץ, וואוהין מ'טראָגט אַוועק די מיידל, ווערט דער שלאַנג אַ שיינער בחור. (40)

אַ קאַשמירער מעשה: אַ פּרינצעסין האָט חתונה מיט אַ וואַסער־שלאַנג. (41)

אַ פראָש ביי דער נאַכט קומט צו אַ מיידל און פאַרלאַנגט זיך צו לייגן שלאָפן מיט איר. (42)

אַ מיידל האָט חתונה מיט אַ קראָקאָדיל (43). מיט וואַריאַציעס געפינט מען עס אין רוסישן פאָלקלאָר (45). די זעלביקע מעשה מיט וואַריאַציעס ווערט פאַרציילט אין שאָטלענדישן פאָלקלאָר (46). אַ פייער־שלאַנג פאַרפירט שיינע פרויען, און דערנאָך דער'הרג'עט ער זיי און עסט זיי אויף (47). קאָלאָוויססי, דער שלאַנג פון ים, האָט חתונה מיט אַ מיידל, וועלכע האָט זיך געבאָדן אין ים. (48)

דער פאָרפאָטער פון דער קאַריב־ראַסע שטאַמט אָפּ פון אַ מיידל מיט אַ שלאַנג (49) פונקט ווי קין לויט דעם זהר, וועלכער איז געבוירן געוואָרן פון נחש הקדמוני און חוה'ן.

די שפּעטערע פאָרם . . . שטעלט אונדז פאָר אַ העלד, וועלכער ווערט טראַנספיגורירט דורך אַ כישוף אין אַ חיה, און ווערט גע־ראַטעוועט דורך דער איבערגעבנקייט פון אַ ליבהאָבער אָדער ליבהאָ־בערין בצורת מענטש. דער אינצידענט פון צויבעריי, הגם אַליין אַ פּרימיטיוו, ווערט דאָ אויסגענוצט מיטן צוועק צו צוגעבן אַ דראַמאַטישן

אינטערעס צו אַ פריערן סיפור־המעשה אין אַ צייט, ווען חיות־חתונות פשוט און פּראָסט זיינען געוואָרן אַן אָפּשטויסנדיקע קאָנצעפּציע. (50)

„די קלאַסישע מיטאָלאָגיע האָט געמאַכט יעדן באַקאַנט מיט דעם מנהג פון די געטער זיך צו פאַרשטעלן, צוליב תאווה־צוועקן, פאַר בעלי־חיים. אַזעלכע מיטאָסן זיינען איבערבלייבעכצן פון יענער צייט, ווען מ'האָט געגלויבט, אַז גאָט איז אַ בעל־חי, ווי עס איז צו זען פון ענלעכע מעשיות פון אַ נידעריקערער קולטור-דרגא". (51)

די איינוואוינער פון האַרוויי־אינדזלען דערציילן פון אינאַמעאַייטו, וועלכער פלעגט זיך באָדן טאָג־טעגלעך אין אַ שטראָם, וואו עס האָט זיך געפינען אַ גרויסער אַאַל. אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך דער אַאַל פאַרוואַנדלט אין אַ יונגן מאַן, און ער האָט איר דערציילט, אַז ער איז סונאַ דער אַאַל־גאָט, און אז ער האָט זיך אין איר פארליבט. (52)

די בעריכע־גאָטיכע איז אַ שיינע פרוי, וועלכע פירט 'אַמורס' מיט מערערע מענטשן. און דער גאָט פון די בערג איז א בער, וועלכער לעבט מיט אַ פרוי. פון אָט-דעם זיווג ווערט געבוירן אַ קינד, וואָס ווערט אַ באַרימטער יעגער, און פון אים שטאַמען אָפּ די איינאָס. (53)

אַ יונגערמאַן האָט חתונה מיט אַ פוקס, וועלכע איז אַ פרוי. (54)

„עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע זאָאָגאַמישע מעשיות שיקן פאָראויס אַן אַנימיסטישן געדאַנקען־צושטאַנד . . . לויט וועלכן עס איז ניטאָ קייןווירקלעכער אונטערשייד צווישן דער מענטשלעכער און דער אַנימאַלער פערזענלעכקייט, לויט וועלכן די בעלי־חיים זיינען, באמת, מענטשן אין פעל און פעדערן". (55)

עס זיינען פאַראַן אַ גרויסע צאָל מעשיות וועגן מענטשן־קינדער, וועלכע ווערן געזויגן פון בעלי-חיים (56). און עס זיינען דאָ אַ היפּשע צאָל פאַרקערט־דערציילטע מעשיות, וואו פרויען זויגן אַנימאַלע קינדער. אַנדערע מעשיות געהערן צו פאָלקלאָר און אַנדערע גיבן איבער פאַקטן וועגן די איינאָ־פרויען 57), טאַסמאַנישע פרויען (58).

דאָס אַלץ ווייזט אונדז ווי היימיש די פּאַרצייטיקע און פרימיטיווע מענטשן האָבן זיך געפילט מיט די בעלי־חיים, זיי האָבן פאַרגעשטעלט ווי איין משפחה, כמעט. לאַקטאַציע האָט אַ שייכות, אַ נאָענטקייט צום פאַרקער. און אויב פרויען זיינען מסוגל צו זויגן די קינדער פון בעלי־חיים זיינען זיי אויך געווען מסוגל צו האָבן מיט זיי געשלעכטלעך־פאַרקער.

„אַן אייראָפּייאישע פרוי פון דעם אַנאַלפאַבעטישן קלאַס . . . אין צפון־ענד, פאַרט עליזאַבעט, האָט פאַרלוירן איר עופ'עלע, ווען עס איז אַלט געווען בלויז עטלעכע טעג. זי האָט אַנטוויקלט וואָס עס

איז אַגעגומען צו רופן אַ 'מילך־פיבער', און אַ שכנה האָט אויף איר געווירקט, אַז זי זאָל נעמען זויגן אַ ברעקעלע פּאַוויאַן (אַ מאַלפּע), וועלכן מ'האָט געפונען זיך האַלטנדיק פאַר זיין מוטערס ברוסט נאָך דעם ווי זי איז דערשאָסן געוואָרן בשעת אַ גנבה אין אַ פּרוכט־סאָד. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָט די מוטער געזויגן דאָס פּאַוויאַן־אופּ־עלע . . . איך האָב אַ פרעג געטאָן די פרוי אין אַ שפּאַס, אויב זי וואָלט מיר אים פאַרקויפט, אויף וואָס . . . זי האָט מיט אַ שבועה אויסגעשריען: פאַרקויפן מיין טייערן אוצר! ניין, קיינמאָל ניט! ניט אפילו פאַר אַ טויזנט פונט סטערלינג!" (59)

ד.

# משכב־בהמה

„געשלעכט־פּסיכיאַטריע באַווייזט, אַז אַלס אָביעקטן פאַר משכב־בהמה קענען דינען אַזוי ווי בהמות גסות אַזוי אויך בהמות דקות, און אויך אַנדערע בעלי־חיים. (60)

„משכב־בהמה דערקלערט זיך ניט אַלע מאָל מיט פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע באַדינגונגען. אַ גרויסע ראָלע שפּילן דערביי שטערונגען פון דער נאַטירלעכער באַפרידיקונג פון דער געשלעכט־גלוסטעניש". (61)

„עס איז אַן אַלגעמיינער מנהג ביי די פעלקער פון מערב־איראָפּע, פון דרום־גאַליען ביז בריטאַניע און גערמאַניע, זיך אָנצוטאָן, לכבוד דער יערלעכער חגא פון ווינטער־זונענווענד, אין פעל פון בעלי־חיים, ווי, דהיינו, הירשן, אָקסן, ציגן. די בעלי־חיים האָבן פאַרגעשטעלט זכרים און נקבות, אָקסן און קי, בעק און הינדן". (62)

זיי פלעגן זיך אָנטאָן ווי בהמות, ווי חיות, ווייל זיי האָט זיך געוואָלט ווערן צוריק בהמות, אַראָפּגיין די טרעפּלעך אין דעם לייטער פון עוואָלוציע. אַ בענקעניש נאָך יענעם חייה־צושטאַנד איז טיף איינגעבאַקן אין מענטשנס האַרץ. און בעסטיאַליטעט, סיי די פּאָליטישע, סיי די עקאָנאָמישע און סיי די סעקסועלע, דער ווילדער יצר־הרע פון שלעכטס־טאָן און חייה־זיין, מעשה־חייה זיך אויפפירן, לאָזט ניט אָפּ דעם מענטשן. אַזוי ווי ער וויל שטאַרבן בכדי צו לויפן צו דעם אומבאַלעבטן צושטאַנד, אַזוי גאַרט ער צו זיין חייה־רעה'יש, גראָב, געמיין. עס ציט אים צוריק, ווי מיט צוואַנגען, צו אַנימאַליטעט, בעסטיאַליטעט, צו יענעם גאָר־גאָר פּאַרצייטיקן מצב, אין וועלכן ער

האָט זיך אַמאָל געפונען, און אין וועלכן ער האָט זיך געפילט, כלומר'שט, גליקלעך.

זיי פלעגן זיך פאָרשטעלן פאַר חיות אויף יום-טוב און האָבן, באמת, פאַרקערט מיט בהמות און חיות, בכדי זיך צו דערקוויקן מיט דער איבערלעבונג פון לאַנג־פאַרטויכטע הנאה־דערפאַרונגען. זיי האָבן געגלויבט אַז דער פאַרקער מיט בהמות איז אַ סגולה צו פרוכטבאַרקייט, צו כישוף־אָפּטאָן, צו אַנאייגענען זיך איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפטן, מיט איין וואָרט, צו ווערן אַ חיה און באַזיצן אירע געזונטע אינ־סטינקטן.

„. . . מכשפות פלעגן זיך באַהעפטן מיט'ן טייוול אין דער גע־שטאַלט פון אַ באָק". (63) ווען עס ווערט דערציילט וועגן פאַרקער מיט שדים און רוחות, מיינט עס פאַרקער מיט א בהמה אָדער חיה, אין וועל־כער דער טייוול האָט זיך, כלומר'שט, באַזעצט. (64)

ביי די שבטים פון גאָלדן־ברעג, אפילו ביי היינטיקן טאָג, גיבן זיך די פרויען איבער צו בעלי־חיים. זיי גלויבן אַז דורך דעם וועלן זיי געווינען זייער פרוכטבאַרקייט. (65)

מיר'ן ציטירן א משנה און גמרא:

„דער וואָס פאַרקערט מיט אַ זכר און מיט אַ בהמה, און אַ פרוי וואָס פאַרקערט מיט אַ בהמה — דאַרף מען זיי פאַרשטיינען. אויב דער מענטש האָט געזינדיקט, איז וואָס איז די בהמה שולדיק? עס איז דערפאַר ווייל דורך איר איז געקומען צום מענטשן אַ מכשול, דעריבער האָט דער פסוק געזאָגט, אַז זי זאָל פאַרשטיינט ווערן. אַן אַנדער מיינונג: בכדי די בהמה זאָל ניט גייך אין מאַרק און מ'וועט זאָגן דאָס איז די דורך וועלכער אַ מענטש איז פאַרשטיינט געוואָרן". (י')

„אַ גוי אַז ער פאַרקערט מיט אַ בהמה, וואָס זאָל מען טאָן? צי דאַרף מען האָבן ביידע, אי אַ מכשול און אי אַ שאַנדע, און דאָ איז פאַראַן אַ מכשול, אָבער קיין שאַנדע איז ניטאָ, אָדער בלויז אַ מכשול איז גענוג ווען אפילו קיין שאַנדע איז ניטאָ". (י"א)

„אַ גוי אַז ער פאַרקערט מיט אַ בהמה, וואָס זאָל מען טאָן? דאַרף מען די בהמה פאַרשטיינען צוליב אים? בנוגע אַ אידן האָט די משנה אָנגעגעבן צוויי טעמים, דערפאַר וואָס אַ מכשול איז גע־קומען צו אַ מענטשן דורך איר און בכדי זי זאָל ניט גיין אין מאַרק שפּעטערצו און מ'וועט זאָגן . . . דאָס הייסט אַ שאַנדע, ביי אַ געטשנ־דינבער איז אַ מכשול פאַראַן, ווייל די בני־נח זיינען אָנגעזאָגט גע־וואָרן אויף עריות ווי ווייטער ווערט אָנגעדייט (דף נ"ו, ע"א). קיין

שאַנדע איז אָבער ניטאָ. זייער שטייגער איז אַזוי און זיי שעמען זיך ניט". (י"ב)

פון דעם טעקסט איז צו זען, אַז מענטש־בהמה־פּאַרקער איז געווען ביי די פּאַרצייטיקע פעלקער אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. זיי האָבן זיך מיט דעם ניט געהאַט וואָס צו שעמען.

און וואָס איז שייך דאָס פאַר'משפּט'ן די בהמה איז דאָס גאָר קיין נייס ניט אין דער פּראָצעסועלער פּראַקטיק פון פּאַרצייטיקע, און לאו־דווקא פּאַרצייטיקע, געריכטן. זיי פלעגן באַהאַנדלען די בהמות כמעט ווי מענטשן. און אפילו דעם באַריער וואָס טיילט אָפּ דעם לעבעדיקן פון דעם ניט־לעבעדיקן קעגנשטאַנד האָבן זיי ניט אינגאַנצן אָנדערקענט. יעדן קעגנשטאַנד פלעגן זיי ברענגען פאַרן געריכט, אים פריישפּרעכן אָדער פאַרדאַמען.

„אַ בית־דין איז געזעסן אין פּריטאַנעאום צו משפּט'ן יעדן ניט־לעבעדיקן קעגנשטאַנד, ווי דהיינו אַ האַק אָדער אַ שייט האָלץ אָדער אַ שטיין, וועלכע האָבן פאַראורזאַכט טויט צו וועמען־עס־איז אָן דער באַוויזענער מענטשלעכער אַגענץ, און אָט־דעם האָלץ אָדער שטיין, ווען געפונען שולדיק און פאַרדאַמט, פלעגט מען מיט גרויס פייערלעכקייט אַרויסוואַרפן אויף יענער זייט גרעניץ". (66)

„עס עקזיסטירן פון דער קלאַסישער צייט מעשיות וועגן קסערקסן, אַז ער האָט געשמיסן דעם העללעספּאָנט און וועגן כרש'ן, אַז ער האָט אָפּגעצאַפּט די וואַסערן פון גינדעס*)". (67)

„דאָס אייגענע געפינט מען אין אַלטן ענגלישן געזעץ. ניט נאָר אַ בהמה, ווען זי הרג'עט אַ מענטשן, נאָר אפילו אַ וואָגן־ראָד, ווען ער פאָרט איבער אַ מענטשן, אָדער אַ בוים, ווען ער פאַלט אויף אַ מענטשן און הרג'עט אים, איז דערקלערט 'דעאָדאַנד' (חרם), ד. ה., מ'גיט עס אַוועק צו גאָט, דאָס מיינט, עס ווערט קאָנפיסקירט און צעטיילט צו אָרימע לייט". (68)

בנוגע געשלעכטלעכע באַציאונגען צווישן מענטשן און בהמות קען מען זען, אַז אפילו אידן זיינען אויך, ווי עס ווייזט אויס, ניט געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין דעם פּרט, אפילו אין די פאַרהעלט־ניסמעסיק שפּעטע צייטן פון דער משנה.

„רבי יהודה זאָגט: אַ בחור זאָל ניט ווערן קיין פּאַסטוך פון בהמות" (י"ג). דאָ רעדט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועגן אַ אידישן בחור. און וועגן גויים איז דאָך שוין גאָר אָפּגערעדט. ווייל פּאַסטו־

*) Gyndes.

כעריי, בכלל, איז אין איר עצם אורשפּרונג געווען אַ סעקסועלע פּראָ־פּאָזיציע. פּיצוכט נעמט איר אָנפאַנג אין מענטש־בהמה פּאַרקער.

„מ׳שטעלט ניט אַריין קיין בהמה אין גוי׳אישקע שטאַלן, ווייל זיי זיינען חשוד אויף מענטש־בהמה פּאַרקער . . . מ׳טאָר ניט איבער־געבן אַ בהמה צו זייערן אַ פּאַסטוך . . . רבי יוסף האָט געלערנט: אַן אלמנה זאָל ניט האַדעווען קיין הונט . . . עוקבא דער זון פון חייא האָט געזאָגט . . . גויים באַזוכן אָפּט די ווייבער פון זייערע חברים, און ווען ער טרעפט ניט די פרוי און ער געפינט אַ בהמה, פּאַרקערט ער מיט איר. און אַז דו ווילסט קענסטו זאָגן, אַז אפילו ווען ער טרעפט די פרוי, פּאַרקערט ער ליבערשט מיט דער בהמה . . . ביי זיי איז אַ אידישע בהמה ליבער ווי זייערע אייגענע ווייבער. וואָרים רבי יוחנן האָט געזאָגט: בשעת דער שלאַנג האָט פּאַרקערט מיט חוה׳ן, האָט ער אין איר אַריינגעוואָרפן אַ שמוץ. אויב אַזוי זיינען די אידן דאָס אייגענע? די אידן זיינען געשטאַנען אויפן באַרג סיני, האָט אויפגעהערט זייער שמוץ, ביי די גויים, וואָס זיינען ניט געשטאַנען אויפן באַרג סיני האָט זייער שמוץ ניט אויפגעהערט. אָבער וואָס איז בנוגע עופות? קום, הער, וואָס רבי יהודה . . . האָט געזאָגט: איך האָב געזען ווי אַ גוי האָט געבראַכט אַ גאַנדז פון מאַרק, ער האָט זי פאַרגוואַלדיקט, דערנאָך דערוואָרגן, אָפּגעבראָטן און אויפגעגעסן״.(י״ד)

קראַפפט־עבינג שרייבט:

„די פאַרגוואַלטיקונג פון בעלי־חיים, ווי אָפּשטויסנדיק פאַר אַ מענטשן עס מעג אויסזען, ווערט בשום אופן ניט אַלע מאָל באַדינגט פון אַ פּאַטאָלאָגישן צושטאַנד. נידעריקע מאָראַליטעט און שטאַרקע תאווה, מיט אַ מאַנגל פון אַ געלעגנהייט פאַר אַ נאַטירלעכער אינדול־גענץ, זיינען די הויפּט־מאָטיוון פון אָט־דעם אופן פון סעקסועלער באַ־פרידיקונג, צו וועלכער עס נעמען צופלוכט סיי פרויען און סיי מע־נער . . . אין פערסיען איז בעסטיאַליטעט אַן אָפּטע פּראַקטיק, ווייל זיי האָבן זיך איינגערעדט אַז דאָס היילט גאָנאָרהייע; פּונקט ווי אין אייראָפּע עקזיסטירט די איינרעדעניש, אַז פּאַרקער מיט קינדער היילט ווענערישע קראַנקייטן.

דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז בעסטיאַליטעט מיט קי און פערד איז ניט אַזוי זעלטן. צופעליקערווייז ווערן די פּאַרקער־אַקטן אונטער־נומען אויך מיט ציגן, צויגן . . . מיט הינער. די מעשה מיט פרידריך דעם גרויסן איז גוט באַקאַנט. מ׳האָט אים דערציילט, אַז אַ קאַ־וואַלעריסט האָט באַגאַנגען אַן אַקט פון בעסטיאַליטעט מיט אַ קליאַטשע.

דערויף האָט ער געזאָגט: 'דער חברה־מאַן איז אַ דבר־אחר, זאָל ער גיין אין דער אינפאַנטעריע'.

דער פאַרקער פון פרויען מיט בעלי־חיים איז באַגרעניצט אויף הינט . . . אַ פאַריזער פרוי האָט באַוויזן, ווי זי פאַרקערט מיט אַ דרעסירטן בולדאָג. זי האָט דעמאָנסטרירט אין אַן ענגן קרייז פון בעלי־תאוות פאַר צען פראַנק איינטריט־געלט".(69)

אַז דער גאַר פרימיטיווער מענטש האָט געהאַט אינטימע באַציאונגען מיט בעלי־חיים, מיט די פאַרשטוביקטע חיות, קען מען זען פון דער וואַרימער, פריינדלעכער פאַרהעלטעניש פון קינדער צו הינטעלעך, קעצעלך, קעלבעלעך, ציגעלעך, און אפילו עופות.

„די באַציאונג פון אַ קינד צו די בעלי־חיים האָט זייער פיל אין אַלגעמיין מיט דער באַציאונג פון דעם פרימיטיוון מענטשן. דאָס קינד ציינט נאָך ניט אַרויס קיין שפור פון דעם שטאָלץ, וועלכער האָט שפּעטער־צו באַוואויגן דעם ציוויליזירטן מענטשן דורכצופירן אַ צעטיילונגס־ליניע צווישן זיין אייגענער טבע און דער נאַטור פון אַלע אַנדערע אַנימאַלן. דאָס קינד . . . פילט זיך, וואַרשיינלעך, שטייפער צוגעבונדן צום בעל־חי, ווי צו דעם אַן־ספק מיסטעריעזן דערוואַקסענעם מענטשן". (70)

דער פאַקט וואָס דער טאַרזאַן־אויסטראַכט, סיי אין דערציילונג־פאָרם און סיי אין פילם־פאַרשטעלונג, האָט אַרויסגערופן אַזאַ אומגעהויערן אינטערעס צווישן קינדער פון אַ היפשער גאַמע פון עלטער, ווייזט אויף וויפיל דער מענטש בענקט נאָך עד־היום נאָך דעם פשוט'ן דורכאויס 'נאַטירלעכן' צושטאַנד פון אַנימאַל. בלויז דער דערוואַקסענער שעמט זיך עס אויסצוזאָגן. אָבער יעדער מענטש, ווען ער גיט אַ קוק אויף דער בהמה, ווערט דורכגענומען פון אַ ברי פון קנאה און פאַרדרוס, וואָס ער האָט זיך געשיידט מיט יענעם זאָרגלאָזן מצב. און פונקט אַזוי זאָגן עדות די אַנטציקונג־געפילן, וועלכע נאַטור־ביל־דער רופן אין אונדז אַרויס, אַז אין אונדז לעבט נאָך, ביז אויף היינטיקן טאָג, גאַנץ הילכיק דער אָפּקלאַנג פון דער יעניקער מרחקים'־דיקער צייט, ווען מיר האָבן זיך געפילט גליקלעך־איניק מיט דער פיזישער נאַטור. אין דעם ליגט אויך די מיסטעריע פון מוזיק. דער רייץ און כישוף פון קלאַנג, אין זיינע טאָנאַלע קאָמבינאַציעס, וועלכער געפינט זיך אונטער'ן שוועל פון אַרטיקולאַציע, אַנטהאַלט פאַר אונדז אַזאַ ניסיון־אַטראַקציע, וועלכע מיר קענען בשום־אופן ניט ביישטיין. מיר מוזן היינגעריסן ווערן פון דער סטיכישער קראַפט פון מעלאָדיע.

„'וואָרים עס האָט פאַרדאָרבן דאָס גאַנצע לייב זיין וועג'. רבי יוחנן האָט געזאָגט: דאָס לערנט אונדז, אַז זיי האָבן געפּאָרט בהמות מיט חיות, און חיות מיט בהמות און זיי אַלעמען מיט דעם מענטשן און דעם מענטשן מיט זיי אַלעמען". (ט"ו)

דאָס, וואָס ווערט אין תלמוד צוגעשריבן צו דעם פּאָבלהאָפּט־שלעכטן, אויסגעלאָסענעם דור־המבול, געהערט צו אַ פּאַרצייטיקן אַנ־גענומענעם לעבנס־שטייגער. און אָט־דער אויפפיר כאַראַקטעריזירט דעם אויפפיר פון גאָר אַ גרויסער צאָל, אויב ניט פון אַלע, פון פרימיטיווע שבטים. דער מענטש האָט זיך זיכער ניט געאיבלט פון בהמה־פּאָר־קער, ווייל באמת זיינען די מענטשן, אין טיף־פרימיטיוון צייטעלטער, געשטאַנען ניט ווייט פון זייערע קרובים, די בעלי־חיים. ניט נאָר האָט דער מענטש אויף דער פרימיטיווער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג גע־האָט געשלעכטלעכע פאַרבינדונגען מיט בהמות, נאָר אפילו אין די פיל שפּעטערדיקע צייטן האָט ער די פּראַקטיק ניט אויפגעגעבן. אַז דאָס איז דער פאַל קען מען זען פון די ביבלישע פאַרבאָטן און שטרענג־קייטן בנוגע משכב־בהמה, וועלכער גייט פּאַראַלעל מיט משכב־זכר און פאַרדינט, לויט דעם ביבלישן קאָדעקס, דעם אייגענעם עונש, טויט־שטראָף. קיין געזעצגעבער פאַרבאָט ניט אַ טאָט וואָס קיינעם פאַלט גאָר ניט איין צו טאָן.

„ובכל בהמה לא תתן שכבתך לטמאה בה, ואשה לא תעמוד לפני בהמה לרבעה תבל הוא". (ט"ז)

„'כל שוכב עם בהמה מות יומת' . . . דאָס געזעץ אין שמות כ"ב, י"ט . . . דער פאַרבאָט, וועלכער ווערט רעקאַרדירט אין דעם דאָזיקן געזעץ זאָגט עדות, אַז די פאַרבאָטענע פּראַקטיק עקזיסטירט"(71). די עפּיק דערציילט אונדז, אַז דער פּאַרקער מיט דער קדשה*), היי־ליקע פּראָסטיטוטקע, האָט אים אָפּגעוואוינט פון צו פּאַרקערן מיט בעלי־חיים. דער ספּור־המעשה באַדייט, שיינלעך, אַז איידער די פּרוי איז געקומען האָט ער יע באַפרידיקט זיין סעקסועלן אַפּעטיט מיט בעלי־חיים. „אין דער גילגאַמעש עפּיק ווערט דער פרימיטיווער מענטש פאַרגעשטעלט ווי ער פירט אַ ווילדן לעבן מיט די בהמות און חיות. און ער באַפרידיקט זיין תאווה מיט זיי. בלויז נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט דעם אומגעוויינלעכן רייץ פון דער פרוי האָט ער פאַרלאָזן די בעלי־חיים". (72)

*) Hierodoulos.

שולמית אין „שיר־השירים" שפּילט, אין אַ געוויסן פּרט, די זעל־ביקע ראָלע וואָס די קדשה אין דער גילגאַמעש־עפּיק. מ'זעט עס פון די קאָמפּלימענטן, וועלכע ווערן דאָרט געברויכט, זיי דערמאָנען גאַנץ אָפט אַנימאַלע אייגנשאַפטן אָדער טאַקע די חיות אַליין. און די 'הייליקייט' פון דעם געזאַנג באַשטייט אין דעם וואָס זי רעדט אים צו ער זאָל זי ליבן, און ניט קיין חיות. דערפאַר איז זי אַזוי אַגרעסיוו. די עפּיטעטן וועלכע פיגורירן דאָרטן זיינען זייער אינסטרוקטיוו . . . זי איז אַזוי גוט ווי אַ קליאַטשע, ווי אַ הייליקע קאָבילע . . . אָדער 'מיין געליבטער איז גלייך צו אַ הירש' . . . דיינע צוויי בריסט זיינען צוויי יונגע הירשן־צווילינג . . . אירע ציין זיינען ווי א טשערעדע שעפּסן. סיי זי פון אים און סיי ער פון איר מאַכט אַ שטיקל חיה, בכדי ער און זי זאָלן ווערן ליבע־אָביעקטן. ער זעט אין שולמית כמעט אַ גאַנצן זאָאָלאָגישן גאָרטן . . .

„יאַסטראָוו האַלט אַז געשלעכט־פּאַרקער איז געווען די סעמיטיש־פּרימיטיווע אידייע מכוח די באַציאונגען פון מענטשן און בעלי־חיים. און דער פאַרבאָט אין ויקרא כ' ט"ו־ט"ז וואָלט מען קיינמאָל ניט פאָרמולירט, ווען מ'וואָלט ניט געדאַרפט עראַדיצירן אַזאַ שטייגער". (73)

די זעלביקע פאַרברעכנס . . . זיינען געווען הערשנדיק ביי די גריכן און רוימער פון דעם שפּעטערן פּעריאָד. (74)

די זידל־ווערטער: בהמה בצורת פערד, אָקס, חמור, אייזל און דאָס גלייכן זיינען געווען אַמאָל קאָמפּלימענטן־עפּיטעטן. זידל־צונעמעניש זיינען זיי געוואָרן פיל שפּעטער, ווי עס איז צו זען פון די נעמען, וואָלף, לייב א. ד. ג.

„אין אָנהויב פון אַלע זאַכן זיינען מענטשן געווען ווי די בעלי־חיים און די בעלי־חיים ווי מענטשן". (75)

„דאָס פאַקטישע פּאַסירן פון אומנאַטירלעכע תאוות ביי ראַסן פון אַ נידעריקן מין דאַרף גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט". (76)

דער ציטירטער מחבר רופט עס 'אומנאַטירלעכע תאוות', באמת זיינען די דאָזיקע תאוות שוין אַ רעכט ביסל צו 'נאַטירלעך'. זיי זיינען בלויז 'אוממענטשלעך', ווען אונטערן וואָרט 'מענטש' פאַרשטייט מען אַ וועזן וועלכעס איז אַוועק אויף־אַרויפצו פון דער חיה און בהמה . . .

ה.

## חיות־אָפּשטאַם

אַלעקסאַנדער און אויגוסטוס, דערציילט מען, האָבן פּרעטענדירט אויף אַן אָפּשטאַם פון שלאַנגען, וועלכע זיינען געווען פאַרשטעלטע גאָטהייטן. די מוטער פון דעם לעצטן האָט קיינמאָל ניט געקענט פּטור ווערן פון די סימנים, וועלכע דער שלאַנג האָט, כלומר׳שט איבערגעלאָזן אויף איר קערפּער. (77)

אַלעקסאַנדערס מוטער איז געווען איבערגעגעבן צו דעם סאַבאַציאָס־קולט און זי פלעגט זיך שפּילן מיט שלאַנגען אין אַ טראַנס פון גאָטעס־דינסט (78)

די איינוואוינער פון באבי גלויבן, אַז זיי קומען אַרויס פון אַ פרוי און אַ הונט (79) דער סאַווע־קלאַן צווישן די ניסקאָס פון בריטיש קאָלומ־ביאַ גלויבן, אַז זיי שטאַמען פון אַ מיידל, וועלכע איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ סאַווע (80). ביי די מאַנגאַלן קען מען נאָך געפינען מיטאָסן, וועלכע דערקלערן ווי אַזוי אַ בעל־חי איז געוואָרן דער פאָרפאָטער פון מענטשן. עס איז געווען אַ גרויסע מלחמה. אַלע מענטשן זיינען אויסגע׳הרג׳עט גע־וואָרן. בלויז איין פרוי איז געבליבן אַ לעבעדיקע. זי האָט באַגעגנט אַן אָקס. פון אים האָט זי געהאַט צוויי טעכטער. און אָט פון זיי שטאַמט עס אָפּ די איצטיקע מאָנגאָלישע ראַסע. „די קירגיזן שטאַמען פון אַ גנב און אַ חזיר׳טע. דעריבער עסן זיי ניט קיין חזיר־פלייש. מר. באַטשעלאָר גיט איבער, אַז אַ יונגערמאַן פון איינאַ האָט אים דערציילט, אַז דער פאָ־טער פון זיין עלטער־עלטער זיידן איז געבוירן געוואָרן פון אַן אָדלער, אָדער אַן אָדלער האָט אים אויפגעהאָדעוועט. די באַקאַלאַיער דערקלערן זייערע טאָטעם־קלאַנען דורך דעם, וואָס אַמאָל האָט איין פרוי געבוירן אַ קעלבל, די אַנדערע אַ ווילדן חזיר, די דריטע אַ מאַלפּע און אַזוי ווייטער. פון די דאָזיקע בעלי־חיים שטאַמען זיי אָפּ, פּונקט ווי דער שלאַנגען־קלאַן פון מאַקוויסן גלויבן, אַז זיי שטאַמען פון אַ פרוי, וואָס האָט געבוירן שלענגלעך״ (81). די טיבעטער גלויבן, אַז זיי שטאַמען פון אַ מאַלפּע און אַ קאַבאַלד־נקבה (82). די הונט־ריפּ אינדיאַנער דערציילן, אַז זיי שטאַ־מען אָפּ פון אַ הונט און אַ פרוי, וועלכע האָט געבוירן זעקס הינטעלעך, דריי זיינען געבליבן פּשוט׳ע כלבים, און דריי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קינדער און זיי זיינען עס די אבות פון דעם הונט־ריפּ שבט (83). מעשיות מכוח אַנימאַלן אָפּשטאַם זיינען אַ געוויינטלעכע זאַך ביי די אַמע־ריקאַנער שבטים אַזוי גוט ווי ביי אַנדערע ראַסן. איין שבט וואַרפט

גאַנץ אָפּט אויף דעם צווייטן מיט בעלי־חיים פאַרעלטערן (84). די רויטע אינדיאַנער באַהויפּטן, אַז די ערשטע פרוי האָט געגומען אַ הונט פאַר אַ מאַן, און אַז די פאַרשיידענע שבטים קומען אַרויס פון איר. די מעשה האָט דערגרייכט אויך די עסקימאָסן, וועלכע דערציילן עס סיי וועגן די אינדיאַנער און סיי וועגן די איראָפּייער . . . די יאַפּאַנעזער זאָגן, אַז די איינאָס שטאַמען אָפּ פון אַ הונט. די קאַלאַנגער פון יאַוואַ האַלטן, אַז זיי קומען אַרויס פון אַ פּרינצעסין וואָס האָט פאַרקערט מיט אַ הונט. (85)

אַ באַזוטאַ לעגענדע דערציילט וועגן אַן אשת-איש וואָס האָט גע־האָט פאַרקער מיט אַ שלאַנג. איר מאַן האָט עס אויסגעפונען, און ער האָט דער'הרג'עט אירע שלענגעלעך־קינדער (86).

באַניפאַציאַ'ס „קאָמישע געשיכטע״ אַנטהאַלט קלאַסישע ביישפּילן פון פרויען, וועלכע האָבן געהאַט שלאַנגען פאַר געליבטע. (87) נאַגאַס אָדער שלאַנגען־שבטים זיינען אַ געוויינטלעכע זאַך אין אינדיען. די הערשער פון פאַרשיידענע ראַסן פון צענטראַל־אַמעריקע באַרימען זיך, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון א שלאַנג. דעם זעלביקן מיטאָס געפינען מיר אין די פאַציפישע אינ־דזלען, וועלכער דערציילט אז די ערד אלס א מאַן האָט זיך מזדווג־געווען מיט א שלאַנג און די קינדער האָבן צוזאַמענגעשטעלט די ערשטע מענטשלע־כע ראַסע (88). די מלכים פון קאַנדי צייגן זייער יחוס מיט דעם וואָס זיי שטאַמען פון א פרוי וואָס האָט זיך באַהעפט מיט א לייב (89). די ראַדזשעס פון טשוטאַטא נאַגפור באַהויפּטן, אַז זיי שטאַמען פון א פרוי, וואָס האָט פאַרקערט מיט אַ שלאַנג (90). דאָס הויז פון קלעוועס שפּירט נאָך זיין אָפּשטאַם פון אַ פרוי וואָס האָט געהאַט פאַר אַ מאַן אַ שוואַן (91). זאַקסאָ גראַממאַטיקוס דערציילט אונדז, אַז אַ גאַנצע ליניע פון שוועדישע פּרינצן שטאַמען פון אַ פרוי וואָס האָט געלעבט מיט אַ בער (92). די איראָקעזער שבטים גלויבן, אז זיי קומען ארויס פון פרויען, וועלכע האָבן פאַרקערט מיט בערן, הירשן אָדער וועלף (93). די עסקימאָסן פון סמיט זאַנדע גלויבן, אַז זיי קומען פון דער פאַראייניקונג פון אַ פרוי מיט אַ בער (94), אַנדערע ווייטער גלויבן אַז זייער יחוס ציט זיך פון אַ פרוי, וואָס האָט חתונה-געהאַט מיט אַ הונט (95). די טלינקיטן פון אַלאַסקע זאָגן, אַז אייניקע פון זייערע שבטים שטאַמען פון אַ פרוי, וואָס האָט גע־האָט פאַר אַ מאַן אַן אָקולע (96). די דענער באַהויפּטן, אַז זיי קומען פון דער ערשטער פרוי וועלכע האָט געלעבט מיט אַ הונט (97). דאָס איז אויך די איבערצייגונג פון די איינאָס אין יאַפּאַן. (98)

סטעללער זאָגט, אַז די קאַמטשאַדאַל פרויען האָבן אַמאָל געהאַט פאַרקער מיט הינט.

די קירגיזן־טאַטאַרן פאַרזיכערן, אַז זיי שטאַמען פון פערציק מיידלעך (קירג־קיסס), וועלכע האָבן געלעבט מיט א רויט־האָריקן הונט. (101)

ביי די אַקאַמבאַ, ווען אַ קינד ווערט געבוירן, שעכט מען אַ ציג און מ׳שינדט איר אָפּ, דריי פּאַסן שניידט מען אויס פון דער פעל און מ׳טוט זיי אָן אויף די האַנטגעלענקן פון קינד, פאָטער און מוטער (101). ביי די אַקיקויו, אין אַזאַ פאַל, שעכט מען אַ שעפּס, און אַ פּאַס פון דער פעל . . . טוט מען אָן מעשה־בראַסלעט אויף דעם עופ׳עלעס האַנטגעלענק . . . אָן ענלעכער מנהג ווערט אָפּגעהיט פון די אקיקויו, ווען זיי ריכטן אָפּ דעם טשיקאַוון ריטוס פון דער צווייטער געבורט, אָדער די ׳געבורט פון אַ ציג׳ . . . די צערעמאָניע באַשטייט, באמת, וועזנטלעך אין דעם, וואָס די מוטער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז אַ ציג און אַז זי האָט געבוירן אַ ציקעלע . . .די כוונה איז, ווי עס זעט אויס, צו פאַרשטעלן די מוטער פאַר א ציג. דאָס ווערט געטאָן דורך דעם, וואָס מ׳גיט דער מוטער שעפּסן־פליש צום עסן און מ׳קליידט איר אָן אין אַ שעפּסענע פעל, וועלכע בלייבט ליגן אויף דער בעט . . . וואו זי האָט געבוירן דאָס קינד״. (103)

דאָס מענטשנקינד דאַרף אָפּשטאַמען, געבוירן ווערן פון אַ בהמה. דאָס איז אַ געדעכעניש פון יענע צייטן, ווען מענטשן האָבן פאַרקערט מיט, און פאַרגעטערט, די בעלי־חיים.

ו.

## סעקס־אביעקט: בהמה, פרוי

בכלל, דאָס וואָרט פאַרשטוביקן סוגעסטירט עפּעס סעקסועלעס. די שטוב איז די ווייב. ׳פאַרשטוביקן׳ מיינט כמעט ׳פאַרווייבן׳. פאַרשטור־ביקן די בעלי־חיים האָט געמיינט מאַכן פון די ווילדע חיות היימישע סעקסועלע אָביעקטן, זיי אַריינגעמען אין כלל פון הויזגעזינד.

„זיין הויז דאָס איז זיין פרוי״ (י״ז). „צו יעקבס הויז — דאָס זיינען די ווייבער״. (י״ח)

„ביי פילע פרימיטיווע געמיינזאַמקייטן איז דאָס הויז ,די הוטע, דער געצעלט, דער וואוינפּלאַץ בלויז פאַר די פרויען און קינדער ; די מענער שלאָפן וואו עס מאַכט זיך, אונטער אַ בוים אָדער אַ פעלזנשטיין״. (104)

בעלי־חיים־פאַרשטוביקונג, דאַמעסטיקאַציע איז איינגעפירט געוואָרן צוליב געשלעכט־מאָטיוון, בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַפרידיקן די

געשלעכט-תאוות. די פרימיטיווע מענטשן זיינען ניט געווען אויסקליי־בעריש. זיי האָבן געטאַמעוועט די בעלי־חיים בכדי זיי זאָלן קענען מיט זיי האָבן פאַרקער. אפילו אין אונדזערע צייטן אין פאַרוואָרפענע געגנטן פון ווייט ניט צופיל־אָפּגעשטאַנענע לענדער צווישן דער רוראַלער באַ־פעלקערונג טרעפן גאַנץ אָפט פאַלן פון משכב־בהמה. מיר געפינען די דאָזיקע ׳גרוילעכקייטן׳ צווישן די העכערע שיכטן אין די גרויסע שטעט, דעגענעראַטיווע פרויען און מענער ווערן נכשל אין דעם. די הינטעלעך האָדעוואונג און אַרומשלעפּונג איבער די גאַסן פון די מעטראָפּאָליסן האָט אַ סעקסועלן אונטערגרונט און לויפט צוריק צו דער גאָר אַלטער פּרי־מיטיוויטעט.

שאַף, רינד, איז דער ערשטער אייגנטום־אַרטיקל צוזאַמען מיט דער געפאַנגענער פרוי. און ביידע אַרטיקלען, סיי די פרוי און סיי דער פאַר־שטוביקטער בעל־חי געהערן צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע פון גע־שלעכטס־אָביעקטן. פריוואַט־אייגנטום אַלס אינסטיטוציע נעמט זיין אור־שפּרונג אין געפאַנגענע שקלאַפינס און ׳געפאַנגענע׳, ד. ה. פאַרשטוביקטע בהמות. די פרימיטיווע מענטשן האָבן ניט דאָמעסטיצירט די בעלי־חיים מיטן צוועק צו קענען עסן זייער פלייש. יאָגד איז פאַר דעם געווען גע־נוג. יאָגד איז גלייך צו אַ מלחמה. געפאַנגשאַפט און שקלאַפעריי איז אַ פיל־שפּעטערדיקער אַנשטאַלט. און דאָס הויבט זיך אָן מיט דער שקלאַ־פין אַלס סעקס־אָביעקט. בנוגע די בעלי־חיים אָפּערירט דער זעלביקער דראַנג און די אייגענע באַדערפעניש. דער בעלי־חי אַלס ענערגיע־קוואַל, אַלס לאַסט-טרעגער, אַלס מאַטאַר, אַלס אינסטרומענט, איז אויפגעקומען פיל שפּעטער. דאָס אייגענע ווי דער שקלאַף אַלס אַ געווערקציג, וואָס קען ריידן, ווי אַריסטאָטעל דעפינירט אים, באַטרעט די אַרענע פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן פאַרהעלטנישמעסיק אין שפּעטערע צייטן.

פריוואַט־אייגנטום האָט געמאַכט זיין דעביוט־אַריינטראַט מיט צווי הויפּט־קעגנשטאַנדן, די ׳געפאַנגענע שקלאַפין׳ די בהמה דקה און בהמה גסה, און די געפאַנגענע פרוי־שקלאַפין. די אייגנטום אינסטיטוציע האָט זיך פונדאַמענטירט אויף דעם טאָפּלטן, צוויי־אייניקן סעקס־אָביעקט בהמה־פרוי.

ז.

# מאגיק־טאבו

ווען מיר'ן באַלייכטן אַביסל מער דעם אייגנטום־אַנשטאַלט, וועט אונדז דער ענין ווערן אַביסל קלערער.

„קיין זאַך איז ניט פּריוואַט פון נאַטור, נאָר עס ווערט אַזוי אָדער דורך פּאַרצייטיקן באַזיץ אָדער אַפּראָפּריאַציע פון דעם ערשטן פאַר־נעמער, אָדער דורך דעראָבערונג, האַלטנדיק זיך אויף דאָס רעכט פון געווער; אָדער גאָר דורך געזעץ, פאַרשטענדעניש־אָפּמאַך אָדער גורלות-ציען". (105)

אויף וועלכן אָביעקט איז חל אייגנטום אין זיינע ראשית'דיקע פאַר־מען?

אַזעלכע פראַגן איז אַלע מאָל פיל גרינגער צו פרעגן איידער צו ענטפערן. דאָך קענען מיר אָן חשש באַהויפּטן: די זאַך וואָס איז געוען, און כמעט אוניווערסאַל, אַפּראָפּריאירט געוואָרן ביי דעם סאַמע שחרית פון ציוויליזאַציע איז געווען טאָקע דער מענטשלעכער וועזן אַליין. עס איז, אייגנטלעך, ניט געווען קיין זאַך, נייערט אַ מענטש, אַ בשר־ודם, וועלכער איז לעגאַליסטיש־פאָרמעל און אויך פּראַקטיש־אַקטועל רעדוצירט געוואָרן צו דעם סטאַטוס פון אַ זאַך.

די כלי־זין פון דעם יעגער, די אַנטועכץ פון דעם קלאַן-מאַן זיינען ניט געווען פּריוואַט־אייגנטום־אַרטיקלען, אין אַ מער ווייניקער־פולן פשט פון וואָרט. מ'האָט זיי באַטראַכט אַלס אַ טייל פון דעם באַזיצערס קערפּער, אַ חלק פון זיין עגאָ. זיי האָבן באַלאַנגט צו דער ספערע פון מאַגיק און טאַבו.

„ביי די דינקעס אַרטיקלען פון פּערזענלעכער אַנטועכץ ווערן באַ־טראַכט ניט אַלס אייגנטום, נייערט אַלס אַ טייל פון דער פּערזאָן, וועל־כע טוט זיי אָן. אידענטיפיקאַציע פון דעם אַנטוער מיט דער אַנטועכץ אין די טונקעלע פּראָצעסן פון דענקען איז אַלגעמיין אין די אַבער־גלויבערייען פון כמעט אַלע טיילן פון דער וועלט . . . אויב אַ מאַן האָט אַ שוואַכקייט צו זאָגן ליגן און עמיצער טוט אָן זיין היטל, דורך אַ טעות, וועט די פּערזאָן זיך אָנשטעקן מיט דער ליגנערישקייט־אינ־פעקציע". (106)

לאַנד איז זיכער געווען פאַרקניפּט מיטן קולט, מיט גאָטעסדינסט, מיטן אלהי־הארץ, מיט דעם קאָמין פון דער געגעבענער פאַמיליע, מיט

דעם וואוין־פּלאַץ פון דעם שבט. בקיצור, לאַנד איז געווען הייליק און האָט זיך געפונען אונטער אַ טאַבו.

„אינפאָרמאַציע וועגן אייניקע פון די שבטים סוגעסטירט, אַז די אינטענסיטעט פון זייער צוגעבונדנקייט צו אַ באַזונדערן שטח פון לאַנד האָט, זיכער, צו פאַרדאַנקען מיסטישע טעמים, מער ספּעציעל, צו דער לאָקאַליזאַציע פון די טאָטעמישע פאָרעלטערן. דאָס איבערציען זיך אין אַן אַנדער געגנט וואָלט פאַרניכטעט דעם קאָנטאַקט מיט אָט-די מיסטישע וועזנס״.(107)

„און זיי האָבן געזאָגט צום קיניג פון אשור, די פעלקער וועלכע דו האָסט פאַרטריבן און האָסט באַזעצט אין די שטעט פון שומרון האָבן ניט געוואוסט דעם געזעץ פון לאַנד־גאָט, און ער האָט אַנגעשיקט אויף זיי לייבן, און זיי פאַרצוקן זיי, ווייל זיי ווייסן ניט דאָס געריכט פון לאַנד־גאָט״. (י״ט)

פון דעם איז צו זען, אַז דאָס לאַנד איז געווען אַ קולט־זאַך, האָט געהערט צו דער ׳עבודה׳ פון די אלהי־הארץ. — אויסער דעם איז לאַנד געווען טאַקע איינער פון די סאַמע לעצטע אָביעקטן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם שווערן איבערגאַנג פון קהל׳שן צום פּריוואַטן באַזיץ און פּריוואַט-אייגנטום.

דאָס אייגענע איז ריכטיק, מיט עטלעכע דעוויאַציעס, בנוגע ביימער. מ׳האָט זיי פאַרהייליקט. צו זיי האָט מען געדינט. זיי האָט מען צוגעשריבן מאַגישע כוחות.

מר. פערגוסאָן, באמת, באטראכט דעם ביימער־קולט אין אסאַציאַציע מיטן שלאַנגען־קולט אַלס דעם פּרימיטיוון גלויבן פון דער מענטשהייט. אויך מר. ווייק (קאַפּיטלעך וועגן מענטשן, ז. 250) זאָגט: ׳ווי אַזוי קענען מיר דערקלערן דאָס וואָס די פּאָלינעזיער שרייבן צו אַ הייליקן כאַראַקטער צו אַ סאָרט באַניאַן, וועלכן זיי רופן דער אָוואַ בוים און דאָס וואָס דער זעלביקער פענאָמען איז פּאַראַן ביי די אַפריקאַנער שבטים אין זאמבעזי און שייר, ביי די נעגערס פון מערב עקוואַטאָריאַלער אַפריקע און אפילו אין צפון אויסטראַליע׳ ״. (108)

דער ביימער־קולט האָט עקזיסטירט פּאַרצייטנס אין אַסיריע, גריכנלאַנד . . . פּוילן . . . און פראַנקרייך. אין פּערסיען דער האָמאַ אָדער סאָמאַ קולט איז, אפשר, געווען דאָס אייגענע. טאַציטוס . . . דערמאָנט די הייליקע וועלדלעך אין גערמאַניע, און די יעניקע פון ענגלאַנד זיינען דאָך אַלעמען באַקאַנט . . . די פּאַרצייטיקע קעלטן

האָבן געדינט צוביימער, און דע בראָססעס[1] לייט אָפּ דאָס וואָרט ׳קירק׳[2], וועלכער איז פארוויכט געוואָרן אין ׳טשוירטש׳[3] (קירך) פון דעם קערקוס[4], אַ דעמב, ווייל די דאָזיקע גאַטונג איז געוועז באַזונדערס הייליק. (109)

דעמבעס האָט מען באַטראַכט און באַהאַנדלט מיט באַזונדערן דרך־ארץ. אָבער דער קולט האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט דעם אַליין. אַלע וועלדער האָט מען געהאַלטן פאַר מקום־קדוש׳ס.

„און יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים אין א וועלדל פון ממרא (כ׳).
„און ער האָט גערופן צו אים פון סנה״. (כ״א)
„און זי זיצט אונטער אַ טייטל־בוים״. (כ״ב)
„אונטער יעדן גרינעם בוים״ . . .
„און זייערע לינדן־ביימער זאָלסטו אָפּשניידן״. (כ״ג)
„דו זאָלסט ניט פלאַנצן קיין אשרה, קיין שום בוים״. (כ״ד)
„און די אשרה וואָס אויף אים וועסטו אָפּשניידן״. (כ״ה)

ח.

# שקלאַפן אלס אייגנטום

לאָמיר פרעגן נאָך אַמאָל, וועלכער אָביעקט איז צוערשט געוואָרן אַן אַרטיקל פון פריוואַט־אייגנטום אין דעם ריכטיקן טייטש פון וואָרט? דער ענטפער איז: דער שקלאַף. שקלאַפן־אייגנטום איז איינע פון די עמבריאָנעלע פאָרמען פון פריוואַט־אייגנטום, פראָסט און פשוט, אָן דעם צומיש פון מאַגיק, טאַבוס אָדער קולט־פראַקטיק.

„אַ בעסערע ראיה, אַז אַזוי איז געוועזן דער פאַל, ליפערט אונדז די פריסטע באַצייכענונג פון רייכטום אַלס פיה־וולדות אָדער שקלאַף־און בהמה־וולדות[5]) און פון די באַזונדערע באַזיצן פון די קינדער פון דעם הויזגעזינד און פון די שקלאַפן אלס ׳בהמה דקה׳[6]). (110)

1) De Brosses.
2) Kirk.
3) Church.
4) Quercus.
5) Pecunia, familia, pecunique.
6) Peculium.

„אין אָנהויב איז מאַנציפּאַציאַ*) אָנגעווענדט געוואָרן בלויז אויף אָביעקטן, וועלכע מ'קען אָנאייגענען דורך דעם נעמען זיי מיט דער האַנט. און זי האָט געמוזט געהערן דעריבער אין איר פריסטער פאָרם צו דער עפּאָכע, ווען אייגנטום איז באַשטאַנען, הויפּטזעכלעך, פון שקלאַפן און בהמות". (111)

„דער פאַקט, וואָס ביי די קאָמאַנטשעס ווי אויך די אַנדערע שטאַמען, געהערן מלחמה-געפאַנגענע צו זייערע פאַנגער און זיי קענען ווערן פאַרקויפט אָדער באַפרייט לויט זייער ווילן, ווייזט ווידער, אַז אייגנ־טום־רעכט באַהויפּט זיך דאָרט, וואו עס לאָזט זיך לייכט דעפינירן".(112)

„די פּראָטאָסאָציאַלע פאָרם פון אייגנטום איז הויפּטזעכלעך קאָמו־נאַל, בשעת די מעטאָסאָציאַלע פאָרם איז אינדיווידועלער באַזיץ . . . די ערשטע פאָרם פון מעטאָסאָציאַלן אייגנטום באַשטייט בעיקר פון שקלאַפן". (113)

און פון וואַנען האָבן זיך גענומען די שקלאַפן ?

„עס ציייגט זיך אַרויס, אַז שקלאַפעריי האָט זיך אָנגעהויבן היס־טאָריש מיט מלחמה־געפאַנגענע" (114). ביי די נאָמאַדן . . . ווערט ער (דער שבוי) אַן אָביעקט פון אייגנטום". (115) „די הויפּט-קוואַלן פון שקלאַפעריי איז געווען געפאַנגענשאַפט בשעת מלחמה" (116). „אין משך פון דער ערשטער פונישער מלחמה, האָט דואיליאוס גענומען 8000 געפאַנגענע. מאַנליוס און בעגולוס — 40,000, לוטאַיוס — 36,000" (117). לכל־הפחות פופציק טויזנט מענטשן זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן נאָך דעם פאַל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1543" (118). „וואו נאָר מלחמות קומען פאָר און רויב ווערט דערוואָרבן, דאָרטן אַנטשטייען גרעסערע דיפערענציאַציעס, וועלכע געפינען זייער אויסדרוק אין דעם אייגנטום פון שקלאַפן". (119)

דער געפאַנגענער — דאָס איז די התחלה פון באַזיץ און אייגנ־טום.

„ריידנדיק בדרך כלל, קענען מיר באַטראַכטן שקלאַפעריי אַלס אַ פּועל־יוצא פון מלחמה". (120)

די געפאַנגענע האָט מען אַלס אַ רעגל ניט באַהאַנדלט אַלס קאָמו־נאַלן אייגנטום. זיי האָבן, געווייינטלעך, ניט געהערט צו דער טאָטאַ־ליטעט פון דער גרופּע, שבט, קלאַן אָדער האָרדע. יעדער יחיד וועל־כער האָט זיך באַטייליקט אין שלאַכט אָדער אָנפאַל, אינוואַזיע, האָט געקראָגן אַלס קאָמפּענסאַציע אַ חלק אין דעם רויב.

---

*) Mancipatio.

„דער אַנטוויקלטער נאָמאַד שאַנעוועט זיין געפאַנגענעם שונא; ער קען אים נוצן אַלס שקלאַף אויף זיינע לאַנקעס" (121). „די געפאַנגענע, וועלכע מ'נעמט אין מלחמה, האַלט מען אַלס שקלאַפן אָדער מ'פאַרקויפט זיי" (122). עס איז גרינג איינצוזעהן ווי שקלאַפעריי איז געבוירן געוואָרן פון מלחמה, וועלכע איז געוועזן איר הויפט־מקור און איר אַלגעמיינער קאַרעקטיוו" (123). „מ'מעג דאָ דערמאָנען אַז שקלאַף*) איז לכתחילה געוועזן אַ נאַציאָנאַלער נאָמען. דאָס האָט געמיינט אַ מאַן פון דער סלאַוואַנישער ראַסע, וועלכן מ'האָט געפאַנגען און געמאַכט פאַר קנעכט צו די גערמאַנען" (124). מ'קען קוים צווייפלען אין דעם, אַז אין דעם בראָנז־עלטער האָט מען שקלאַפן־אַרבעט עקספלואַטירט אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב . . . די געפאַנגענע פון ביידע געשלעכטער האָט מען רעדוצירט צו שקלאַפעריי און זיי זיינען געוואָרן, ווי קעגנשטאַנדן און בהמות, דער אַבסאָלוטער אייגנטום פון די פאַנגער (125).

## ט.

# די שקלאַפין אַלס אייגנטום

נאָך מער, עס איז ניט דער שקלאַף, נייערט די שקלאַפין, וועלכע קאָנסטיטואירט די ראשית'דיקע פאָרם פון אייגנטום און באַזיץ. עס איז ניט דער זכר, נאָר די נקבה וועלכע האָט געדינט אַלס דער אַרטיקל וואָס האָט אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר פריוואַט־אייגנטום.

„אַנהויבנדיק (שקלאַפעריי) מיט פרויען, וועלכע מ'האָט געברויכט ביידערליי אי צו זעטיקן די געלוסטעניש און אי צו באַדינען די פערזאָן פון מיליטערישן פירער, האָט זי זיך אויסגעשפרייט אויך אויף מענער" (126).

„צייטנוויז ווערן די מאַנצבילן פון אַן איינגענומענער שטאָט אָדער געגנט אויסגעה'רג'עט און די פרויען פירט מען אַוועק" (127). „אין יעגער־פעריאָד נעמט ניט דער ווילדער קריגער זיין באַזיגטן שונא פאַר אַ שקלאַף, ער דער'הרג'עט אים; די פרויענצימער, אָבער, פון באַזיגטן שבט פלעגט ער, פונדעסטוועגן, אַוועקפירן און אַפּראָפּריאירן אַלס ווייבער אָדער אַלס דינסטן" (128). די מאַנסבילן ווערן דער־

*) Slave.

הרג׳עט, בשעת די פרויענצימער און די קינדער ווערן אַדאָפּטירט אָדער פאַרשקלאַפּט" (129). דאָס אַוועקפירן פון די פרויענצימער איז בלויז אַ טייל פון דעם פּראָצעס פון ראַבירן די באַזיגטע. פרויענצימער ווערן אָפּגעשאַצט אַלס ווייבער, אַלס קעפּסווייבער, אַלס דינסטן" (130).

„ביי די קאַריבער קאַניבאַלן . . . צו עסן אַ פרויענצימער איז פאַררעכנט פאַר אַן עבירה . . . די יעניקע וועלכע מ'האָט גענומען געפאַנגען יונגערהייט פלעגט מען האַלטן פאַר פרייה־ורבייה צוועקן, ווי מיר האַלטן עופות" (131).

„צווישן אַנדערע צייכנס פון דערפאַלג אין שלאַכט רעכנט זיך דאָס צוריקקומען מיט אַ פרויענצימער פון דעם באַזיגטן שבט" (132). שיינהייט און רויב*) זיינען געווען די צוויי שפּאָרן וועלכע האָבן אונטערגעטריבן דעם יונגן מאַן פון שבט צו קריגערישער אונטערנעמונג. צייטנווייז איז אַ באַזיגטער פאָלק מחויב צוזושטעלן די זיגער ניט נאָר אַ קאָנטריבוציע פון פּראָדוקטן, נאָר אויך אַ שטייער פון מיידלעך" (133).

„כי תצא למלחמה על אויביך . . . וראית בשביה אשת יפת תואר . . . "(כ"ו).

„ויהרגו כל זכר . . . וישבו בני ישראל את נשי מדין" (כ"ז).

אין יענע גרויע צייטן איז געווען דער שטייגער צו דער׳הרג׳ענען די באַזיגטע. ערשטנס האָט מען מורא געהאַט צו נעמען געפאַנגענע. טאָמער צעבונטעווען זיי זיך און באַזיגן די באַזיגער. צווייטנס, זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי, ווי זיי צו געברויכן אַזוי אַז עס זאָל זיך לוינען צו האַלטן אַ געפאַנגענעם פאַרשקלאַפּט. ער דאַרף דאָך כאָטש עפּעס עסן, ער מוז דאָך פאַרגעברויכן אַ געוויסע קוואַנטיטעט פון שפּייז אום בכלל אימשטאַנד צו זיין צו טאָן אַרבעט, און וואָס טוט מען מיט דעם יעניקן וואָס איז ניט ווערט, ווי דער תלמודישער אויסדרוק גייט, דעם ׳ברויט פון זיין בויך׳ ? אַנדערש איז געווען די לאַגע פון דער פרוי. זי האָט מען אַלע מאָל געקענט געברויכן אויף דעם געביט פון ביאָלאָגישער פּראָדוקציע אָדער גלוסטזעטיקונג. און אַט־אַזוי, גאַנץ פאַנטאַסטיש פלעכט זיך איבער דער ביאָלאָגישער פאַדים מיט דעם סאָציאָלאָגישן און עקאָנאָמישן. מויד־געפאַנגענע שקלאַפין־ווייב ווערן איין קנויל, און זי, די שקלאַפין איז עס די ערשטע אויף וועלכער פּריוואַט-אייגנטום־רעכט נעמט זיך אַנווענדן.

---

*) Beauty and Booty.

„דאָס נעמען געפאַנגען פרויענצימער אין קורס פון מלחמה אָדער איבערפאַל, איז אַ פאַסירונג וועלכע איז באַקאַנט ביי דער גרויסער מערהייט פון פעלקער" (134).

„אין מלחמה פלעגט מען די מאַנסביל ,אין אַלגעמיין, דער־הרג'ענען, בשעת די פרויען פלעגט ,מען אַוועקפירן אין געפאַנג־שאַפט" (135).

„די איבערגעוואַלד־אַבדוקציע פון דער מויד פון איר היים . . . נאָך דעם ווי אירע קרובים זיינען דער'הרג'עט אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן" (136).

אַבדוקציע איז אַ מין וואַריאַציע פון מלחמה־געפאַנגשאַפט.

„ביי דעם קאָמונאַלן סיסטעם זיינען די פרויען געווען קאָמונאַלער אייגנטום. קיינער האָט ניט געטאָרט אַפּראָפּריאירן איינע פון זיי ניט פאַרלעצנדיק דערמיט דאָס רעכט פון שבט. להפך, פרויען וועלכע מ'האָט גענומען געפאַנגען אין מלחמה האָבן געהאַט גאָר אן אנדער שטעלונג. דער שבט אלס אזעלכער האָט ניט געהאַט קיין רעכט אויף זיי. און די מענער פלעגן נעמען און האַלטן אויסשליסלעך פאר זיך זייערע פריזן" (137).

„זיי וועלן דאָך געפינען און צעטיילן דעם רויב, אַ מיידל, צווי מיידלעך, פאַר יעדן מאַן" (כ"ח).

„און זיי האָבן גענומען פרויען וועלכע זיי פלעגן כאַפּן פון די טענץ" (כ"ט).

„די ערשטע סטאַדיע באַשטייט אין ראַבירן און מאָרדן . . . דאָס ווערט באַצייכנט דורך הרג'ענען די מאַנסביל און אַוועקפירן די פרויען (138). „הרג'ע און עס אויף די מאַנסבילן אָן קיינע מחזקות, און נעם געפאַנגען די פרויען פאַר ווייבער" (139). „אויף אַט דער שטופע ווערט די פרוי דערוואָרבן אַלס אייגנטום פון מאַן. זי ווערט די שקלאַפין אַזוי גוט ווי די בעט-פריינדין פון איר האַר" (140). זי טרעט אַריין אין די זעלביקע פאַרהעלטעניש צו איר פאַנגער, אין וועלכן עס געפינען זיך זיינע פריוואַטע פערזענלעכע אייגנטום . . . זי ווערט אַליין אַן אייגנטום־אָביעקט" (141).

איצט ווייסן מיר וואו עס איז געשטאַנען די וויגעלע פון אייגנטום! — דאָס איז אין דער שקלאַפינס־כאַפּעריי.

י.

# שקלאַפעריי — פיהצוכט

מלחמה און יאָגד זיינען אַ צווילינג. דאָס אייגענע איז שקלאַפע־ריי און פיהצוכט. זיי נעמען ביידע זייער אורשפרונג אין געשלעכט־תאווה. יאָגד איז קריג בנוגע חיות. מלחמה איז יאָגד בנוגע מענטשן. פיהצוכט איז בהמות־שקלאַפעריי, שקלאַפעריי איז מענטשנצוכט. זי הויבט זיך הויפּטזעכלעך אָן מיט פרויען. און אין ביידע פאָרמען, סיי אין שקלאַפעריי און סיי אין פיהצוכט ווירקט דער אייגענער מאָטיוו, און דאָס איז די געשלעכט־גלוסטונג.

דער הויפּט־באַוועגער וועלכער האָט געטריבן דעם פּרימיטיוון מענטשן צו דער פאַרשטוביקונג פון חיות איז געווען דער געשלעכט־דורשט, וועלכער האָט זיך באַפרידיקט קודם מיט געפאַנגענע בהמות און ערשט שפּעטער־צו, היפש שפּעטער-צו מיט געפאַנגענע מיידלעך און פרויען . . .

„ווילדע פאַסטוכער, ווי די בעכואַנאַס זיינען געווען זייער שטאַרק קעגן דעם, אַז פרויען זאָלן האָבן צו טאָן מיט זייערע בהמות. די פרוי איז בלי־ספק די ערשטע גערטענערין און אַגריקולטוריסטין" (142). דאָס פלעגן און אכטונג־געבן אויף די בהמה־גסה, די רינדער, איז אַ מענלעכע באַשעפטיקונג . . . פרויען פאַרנעמען זיך מיט דער קול־טיווירונג פון פלאַנצן, וואו אַגריקולטור ווערט פּראַקטיצירט" (143).

„אין דעם קאַנטאָן פון וואויד, אין דער שווייץ, גלויבט מען, אַז פרויען האָבן אַ שאָדן-טוענדיקן איינפלוס אויף די בהמות, און די לצים זאָגן, אַז ווען די בהמות ווערן אַרויסגעפירט אויף די זומער פּאַשע־פלעצער דאַרף מען די ווייבער איבערלאָזן אין דער היים" (144).

די דערקלערונג פאַר דעם איז: ווען זיי האָבן די טשערעדעס דאַרפן זיי ניט האָבן די ווייבער, זיי קענען זיך באַגיין אָן זיי . . .

„און אברהם האָט געאיילט אין געצעלט צו שרה'ן און ער האָט געזאָגט: נעם אויף גיך דריי סאה זעמלמעל, קנעט און מאַך קוכנס. און צום רינד איז אברהם געלאָפן און ער האָט גענומען אַן עקסל אַ צאַרטן, אַ גוטן, און ער האָט אים דערלאַנגט דעם יונג, און ער האָט געאיילט אים צו צוגרייטן". (כ"ט 1)

שרה'ן האָט ער געהייסן באַקן געבעקס, אָבער צו די רינדער איז ער אליין געלאָפן, מחמת די פרוי האָט מען ניט צוגעלאָזט צו די טשע־

רעדעס. די סטאַדעס, די שאָף און רינדער זיינען געווען פאַר זיי טאַבו.— מערקווירדיק איז די תפילה פון אלעזר'ן דעם קנעכט פון אברהם'ען, וועלכער גייט זוכן א כלה פאַר יצחק'ן. לויט די אינסטרוקציעס פון אברהם'ען דארף ער ברענגען א כלה פאַר יצחק'ן דווקא פון אברהם'ס אייגענער משפחה.

„אָט שטיי איך ביי'ן קוואַל וואַסער, און די טעכטער פון די שטאָט־לייט קומען ארויס שעפּן וואַסער, און עס וועט זיין, די מיידל צו וועלכער איך וועל זאָגן, 'בויג איין דיין קרוג און איך וועל טרינקען' און זי וועט זאָגן, 'טרינק און אויך דיינע קאמעלן וועל איך אָנטרינקען', זי האָסטו באַשערט פאַר דיין קנעכט יצחק'ן, און מיט דעם וועל איך וויסן אז דו האָסט געטאָן א גנאַד מיט מיין האַר". (כ"ט 2)

די גרייטקייט פון דער מיידל אָנצוטרינקען די קאמעלן צייגט, אז זי איז געווען עמאַנציפּירט, לויט די פאַרצייטיקע השגות, דאָס הייסט, אז זי האָט געהאט א צוגאַנג צו די טשערעדעס, אַ ענין וואָס איז געווען זייער חשוב אין יענע אלטערטימלעכע צייטן. און איר עמאַנציפּאַציע האָט באַוויזן, אַז זי געהערט צו דער באַשטימטער פאַמיליע, פון וועלכער אברהם האָט געוואָלט קריגן א שנור פאַר זיין זון.

„די פאַרצייטיקע ראָמאַנער, ווען זיי האָבן דורכגעפירט רעליגיעזע אָדער מאַגישע צערעמאָניעס פאַר דעם געזונט פון די טשערעדעס, זיינען זיי געווען אָפּגעהיט ניט צו דערלאָזן, אַז פרויען זאָלן זיין דערביי. זיי האָבן אויך ניט געוואָלט, אַז אַ פרוי זאָל זיך אויסלערנען די דאָזיקע פאָרמולעס" (145).

פּיהצוכט איז געווען די מאָנאָפּאָל און פּריווילעגיע פון די מאַנס־בילן.

# 2

# חיה, מענטש און רעליגיע

## א.

## חיה און מענטש

דער גן־עדן מיטאָס פאַרמאָגט זייער טיפע וואָרצלען. ער איז דער מיטאָס מכוח דער צעטיילונג, דעם אַראָפּפאַל וועלכער איז אַן אַרויפ־שטייג. ער שילדערט דעם גאָר ערשטן און דעם גאָר לעצטן ריס, די פּסיכאָלאָגישע, זעלישע צעשיידונג, וועלכע באַטייט דעם אָנהויב און סוף פון מענטשנס אַוועקגאַנג און אָפּזונדער פון דער וועלט. אַלע איבעריקע סעפּאַראַציעס זיינען אָפּטיילונגען פון אָט־דער פונדאַמענטאַ־לער אָפּשיידונג.

דער גן־עדן מיטאָס צווישן אַנדערע כוונות איז אויך מכוון צו דער באַהעפטונג פון מענטשן מיט דער בהמה, וועלכע איז געשטאַנען, אייגנט־לעך, אויף איין ניווא מיטן מענטשנקינד, אַ וועזן וואָס האָט זיך לכת־חילה באַלאַנסירט צווישן יהוה־אלהים און אַנימאַל. די סעקסועלע פאַרהעלטעניש זיינען געווען פון אַנפאַנג אַנימאַלע אַזוי ווי מיט דעם מין צו צייגן אונדז, אַז די דאָזיקע פונקציע איז אַ בעל־חיימ'שע.

דער שלאַנג, דער נחש, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך דעם מין חיה בכלל, איז דער סימבאָל פון וויסן־פאַרשטיין. דאָס פאַלט צו־זאַמען מיט דעם פּרימיטיוון מענטשנס אָנטציקט־ווערן פון דער לומ־דות פון די חיות, וועלכע לגבי דעם מענטשן, גענומען פון שטאַנד־פּונקט פון די אינסטינקטן, זיינען גאַנצע ידענים, גרויסע ווייסער. פון דעם סובסטאַנטיוו 'נחש' קומט אַרויס דער ווערב 'נחש' (נאַכעש), טרעפן, פאָראויסזאָגן, צויבערן. אפילו דער בוים איז ניט אַבי־ווער. דאָס וואָרט 'עץ' ווייזט אָן, אַז ער עצה'ט זיך. ער האָלט כסדר אין איין שמועסן און עצות־געבן, זיך באַראַטן, זיך איבערלייגן, זיך שאָקלען, וואַקלען אַהין און אַהער און מורמלען. דעריבער טויג ער זיך אויס אַלס סימבאָל פון וויסנשאַפט, פון וויסן דאָס צווייפאַכיקע. דער שלאַנג, דער נחש הקדמוני ווי בכלל די בהמה, די חיה, איז געשטאַנען הויך אין דעם אָפּשאַץ פון מענטשן. חוה האָט זיך דאָך דערקלערט ניט

בלויז פאַר דער מוטער פון אַלע מענטשנקינדער, נייערט פון אַלדאָס לעבעדיקע.

„וואָרים זי איז געווען די מוטער פון אַלדאָס לעבעדיקע . . . מיט אַלדאָס לעבעדיקע. רבי סימון האָט געזאָגט . . . די מוטער פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן" (ל׳).

זייענדיק די אורמוטער האָט זי פאַרקערט מיטן שלאַנג, מיטן רע־פּרעזענטאַנט פון גאַנצן בעלי־חיים קיניגרייך.

„בשעת דער שלאַנג איז געקומען אויף חוה׳ן, האָט ער אין איר אַריינגעטאָן שמוץ" (ל״א). ער האָט פון איר געמאַכט אַ שטיק חיה. „פיר און צוואַנציק סאָרטן פון ברודיקייט האָט דער שלאַנג אַריינגע־וואָרפן אין חוה, ווען ער האָט זיך מיט איר באַהעפט, לויטן חשבון פון וואָרט ׳ואיבה׳" (ל״ב). „ווען דער שלאַנג האָט פאַרקערט מיט חוה׳ן, האָט ער זי פאַרברודיקט" (ל״ג). ווייל די גאַנצע גשלעכט־התעסקות איז אַ חיה׳שער ענין. „׳און דער שלאַנג׳, רבי יצחק האָט געזאָגט; דאָס איז דער יצר־הרע. רבי יהודה האָט געזאָגט: אַ שלאַנג בפועל־ממש. איז מען אַוועק צו רבי שמעונ׳ען, האָט ער זיי געזאָגט: זיכער, אַלץ אין-איינעם (ל״ד). דער נחש איז דער סימבאָל פון איבערלייגן זיך, פון איבערטראַכטן, פון צעשפּאַלטנקייט און אויך פון סעקסועלערליידנשאַפט, וועלכע איז א חיה׳שער טריב.

„׳מענטש און בהמה ווערסטו העלפן, יהוה׳. איינער געפינט זיך אין כלל פון אַנדערן, די בהמה אין דער פאַראַלגעמיינערונג פון מענטשן" (ל״ה).

אין מענטשן לעבט די בהמה, די חיה, אפילו די פלאַנצונג.

„און ר׳ אבא האָט געזאָגט: פון־וואַנענט ווייסן מיר אז אדם און חוה זיינען געווען פלאַנצונגען, ווייל עס שטייט געשריבן, ׳א שפּראָצלינג פון מיין פלאַנצונג׳ . . . (ישעיה, ס׳, כ״א)... און עס שטייט געשריבן, ׳אין טאָג פון דיין פלאַנצן ווערסטו אויסוואַקסן׳ . . . (דאָרט י״ז, י״א). ל״ה 1)

חוה האָט פאַרקערט מיטן שלאַנג. אָדם איז אויך ניט געבליבן הינטערשטעליק. ער האָט געהאַט באַציאונגען מיט בהמות, חיות. סיי אדם און סיי חוה האָבן זיך געפילט היימיש אין דער אַנימאַלער סביבה. זיי זיינען געווען מער בהמה ווי מענטש.

„האָבן זיי זוכה געווען — איז דער מענטש לויט דעם מוסטער פון אויבן; האָבן זיי ניט זוכה געווען — הייסן זיי בהמה . . . ווייל אַלץ איז דאָ אין ישראל, דערפאַר שטייט געשריבן: ׳מענטש און בהמה ווערסטו העלפן, יהוה׳" (ל״ו). די בהמה געפינט זיך אין מענטשן,

אין פּאַרצייטיקן אדם־וחוה און אויך אין היינטיקן מענטשן, וועלכער וויזט אָזוי אָפט אַרויס זיין חיה'שקייט.

אָדם איז געווען בכלל בהמה, און ער האָט פּאַרקערט מיט בהמות. חוה'ן האָט ער ניט געוואָלט. זי איז געווען צו נאָענט צו אים, און דעריי־בער האָט זי ניט פאָרגעשטעלט קיין שום אַטראַקציע פאַר אים. עס האָט אים געצויגן צו די בהמות און חיות. ווייל ווער איז אָדם געווען? ער איז דאָך געווען אַ 'נפש חיה' (ל"ז) און מער ניט.

„'און אלהים האָט געזאָגט, זאָל די ערד ארויסברענגען א לעבעדיקע זעל צו איר אַרט, נפש חיה למינה' (בראשית א', כ"ד), און עס איז ניטאָ קיין זעל פון א לעבעדיק באַשעפעניש, סיידן עס איז די זעל פון אדמ'ען". (ל"ז 1).

„'נפש חיה' דאָס איז דער גייסט פון אדם הראשונ'ען". (ל"ז 2)

צוערשט ווען ער האָט זי באַשאַפן און ער (אָדם) האָט זי דער־זען פול מיט רינעכצן און בלוט, האָט ער (אדם) זי דערווייטערט פון זיך, האָט ער (אלהים) באַשאַפן זי אַ צווייטן מאָל" (ל"ח).

„'און די פּרוי האָט געזאָגט צום שלאַנג' . . . . וואו איז אָדם דעמאָלט געווען? רבא דער זון פון קוריא האָט געזאָגט: ער האָט זיך באַשעפטיקט . . . און ער איז איינגעשלאָפן" (ל"ט).

„ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט זיין ווייב" (מ'), וויל האָבן אַ קאָ־מענטאַטאָר, אָבער ער האָט ניט ריכטיק אויסגעטייטשט דעם מיין פון פּאַסאַזש. אויב אדם וואָלט זיך מתעסק געווען מיט חוה'ן, וואָלט זי דאָך אויך געמעגט איינשלאָפן. נאָר ער האָט זיך 'פאַרנומען' מיט די בהמות און חיות, און ווען דער שלאַנג איז געקומען איז חוה געווען אַליין.

„'און ער האָט זי געבראַכט צו אָדמ'ען' (בראשית ב', כ"ב) . . . פון איצט אָן און ווייטער וועט דער מאַן קומען צו איר, ווייל דאָס הויז איז דאָך אירס, ווי עס שטייט געשריבן, 'ער איז געקומען צו איר', 'ער איז געקומען אויך צו רחל'ען' (בראשית כ"ט, כ"ג, ל'). צום־אָנפאַנג האָט ער (יהוה־אלהים) געבראַכט זי צו אָדמ'ען" (מ"א).

פאַרוואָס דאַרף מען זי ברענגען, וואָלטן זיי זיך אַליין ניט געפינען? יהוה־אלהים האָט זי געבראַכט צו אָדמ'ען מיינט אַז ער האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג אַז אָדם זאָל מער ניט האָבן צו טאָן מיט די חיות און בהמות. זי קריגט דעם נאָמען 'אשה' און זי הערט אויף צו זיין אַ חוה, אַ לעבנסמוטער, זי ווערט אויסדריקלעך אַ פרוי.

דערנאָך שטייט געשריבן, „אַ פיינטשאַפט וועל איך טאָן" (מ"ב), אַ שנאה וועט עקזיסטירן צווישן דער פרוי און איר זוימען און דעם

שלאַנג און זיין נאָכקומענשאַפט. דאָס מיינט אַז אַן אָפּזונדערונג, אַ מחיצה ווערט אויפגעשטעלט צווישן דער מענטשלעכער גאטונג און דעם בעל־חי.

און שפּעטער־צו, ווען אָדם איז נעבאַך געבליבן אַליין אָן חוה׳ן, וועלכע האָט זיך געגיאַנטשעט מיט קין׳ען, מיט וועמען האָט ער גע־טיילט זיין איינזאַמקייט? מיט די חיות און בהמות.

„רבי שמעון האָט געזאָגט: הונדערט און דרייסיק יאָר איז אָדם געווען אָפּגעשיידט פון זיין ווייב, און אַלע יענע הונדערט און דרייסיק יאָר פלעגט ער מאַכן געבוירן רוחות און שדים אויף דער וועלט״ (מ״ג).

„די פאַרצייטיקע אַסיריער און די היינטיקע אַראַבער גלויבן, אַז אַ רוח אָדער אַ ניט-מענטשלעכעס איבער־נאַטירלעכעס וועזן קען האָבן פאַרקער מיט אַ מענטשן און אפילו געבוירן פון אים קינדער״ (146).

דאָס איז אַ פאַרשטעלטער גלויבן און סאַנקציע פאַר דער פּראַק־טיק פון פאַרקערן מיט בהמות. הויך און נידער באַגעגענען זיך און טוישן זיך אַזוי גערן מיט זייערע פלעצער. דאָס איבערמענטש־לעכע און איבערנאַטירלעכע וועזן וואָס פאַרקערט מיטן מענטשן איז פשוט דער בעל־חי, די בהמה מיט וועלכער דער מענטש טרעט אַריין אין סעקסועלע פאַרבינדונגען.

ב.

# קינדער־מאָרד

טעכטער ווערן אין אָנהויב ניט דערמאָנט אין חומש־מיטאָס. ווי אויף צו־להכעיס די מדרשים און אגדתות, וועלכע פירן אריין שוועס־טער אַלס פּערזאָנען אין דער ערשטער גרויסער דראַמע פון מענטשן. קיינע טעכטער פיגורירן דאָ ניט. כל־זמן די מוטער האָט געהערשט האָט זי ניט דערלאָזן, אַז אַ טאָכטער זאָל געבוירן ווערן. זי וואָלט זי ניט געזויגן, זי האָט זי ניט באַדאַרפט האָבן. אַ טאָכטער וואָלט ווערן אַ פּאָטענציעלע און דערנאָך אַן אַקטועלע קאָנקורענטקע פון דער מוטער. זי וואָלט ביי איר צוגענומען דעם מאַן און דעם זון.

„עקזאָגאַמיע נעמט זיך פון דעם מאַנגל אין פרויען, אַ פּועל־יוצא פון דעם מנהג, וועלכער איז געווען אָנגענומען ביי די ווילדע, אויסצו־הרג׳ענען די ווייבלעכע קינדער״ (147).

אַזוי אַרום האָט דער מאַטריאַרכאַט אונטערגעגראָבן זיינע אייגענע יסודות. דער דוחק אין פרויען האָט געפירט צו עקזאָגאַמיע, און עק־זאָגאַמיע האָט באַטייט דער דורכפאַל פון מאַטריאַרכאַט. ווען דער מוטער-רעזשים וואָלט אָנגעהאַלטן וואָלט זיך די מענטשן־ראַסע ניט געקענט פאַרמערן ווי געהעריק, ווייל עס וואָלטן ניט געוועזן גענוג נקבות.

ויהי כי החל האדם לרוב . . . ובנות יולדו להם (מ״ד), ווען דער מענטש איז ,גרויס׳ געוואָרן זיינען טעכטער געבוירן געוואָרן . . . די טעכטער קומען אַרויף היפש־שפעטלעך. און דאָס פאַסירט מיטן אַראָפּ־פאַל פון דער מוטער און אָפּשאַף פון מוטער־רעכט. דעמאָלט באַווייזן זיך די בני־אלהים, די מענער הערשער, די מענער וועלכע האָבן איינ־געפירט דאָס פאָטער-רעכט. די פרויען זיינען בלויז ׳בנות האדם׳, פשוט׳ע טעכטער. דאָס הייסט, אַז די מענער, וועלכע זיינען געוואָרן די געוועלטיקער אין זייער פאַמיליען־קרייז, אין זייער קלאַן אָדער האָרדע האָבן גענומען פאַרשקלאַפן די ווייבער, זיי האָבן גענומען לעבן מיט זייערע טעכטער. אייגנטלעך דאָס לעבן מיט די אייגענע טעכטער איז געוועזן אי אורזאַך און אי פאָלגע פון דער מענער־הערשאַפט. די טעכטער מוזן דאָך זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דעם רשות פון פאָטער, וועלכער איז עלטער, שטאַרקער, דערפאַרענער. און דערצו האָט ער דאָך געקענט האָבן עטלעכע טעכטער, וועלכע וואָלטן ריוואַלירן און אַנט־קעגנזייטיק אָפּשוואַכן איינע די אַנדערע. און אונטער די דאָזיקע גע־ענדערטע אומשטענדן בייטן זיך די פאַרהעלטנישן צו דער נאָכקומענ־שאַפט. ווי פאַר דעם פלעגט מען הרג׳ענען די טעכטער, אַזוי האָט מען איצט גע׳הרג׳עט די זין.

מיר׳ן ציטירן דעם מדרש תנחומא:

„האָט געזאָגט ר׳ חייא דער זון פון אבא׳ן: דעריבער ווערט דער זכר צוגעשריבן צו א פרוי און א נקבה צו א מאַן. פון וואַנענט וויסן מיר אז אזוי איז עס? ווייל עס שטייט געשריבן, ׳און צו אברהם׳ען איז אָנגעזאָגט געוואָרן אזוי־צו־זאָגן: ׳אָט האָט געבוירן מלכה אויך זי זין צו נחור׳ן דיין ברודער, עוצ׳ן זיין ערשטלינג און בוז׳ן, זיין ברודער, און קמואל׳ן, דעם פאָטער פון ארם, און כשד׳ן און חזו׳ן, און פלדש׳ן, און ילדף׳ן און בתואל׳ן. און בתואל האָט געבוירן רבקה׳ן (בראשית כ״ב, כ׳־כ״ג). און אזוי אויך זאָגט ער: ׳און די קעבסווייב פון כלב׳ן, מעכה, האָט געבוירן שבר׳ן און תרחנא׳ן, און זי האָט געבוירן שעפ׳ן, דעם פאָטער פון מדמנה, שוא׳ן, דעם פאָטער פון מכבנה׳ן און דעם פאָטער פון גבעא׳ן. און כלב׳ס טאָכטער איז עכסה׳ (דברי הימים א׳, ב׳, מ״ח־

מ״ט) זעען מיר דאָך אז נקבות ווערן צוגעשריבן צו מענער, און זכרים צו פרויען״. (מ״ה 1)

פון די פסוקים זעט מען אז א טאָכטער ווערט צוגערעכנט צום פאָטער, בתואל געבוירט רבקה'ן, און זיין ווייב, בתואל'ס ווייב ווערט ניט דערמאָנט. אָבער די זין, ווי עוץ, בוז, קמואל... און בתואל אליין ווערן געבוירן פון מלכה'ן, און ניט פון נחור'ן. דאָס אייגענע בנוגע כלב'ן. ווי נאָר ער דערמאָנט זיין טאָכטער עכסה, שרייבט דער פסוק איר צו צו כלב'ן. ווען עס רעדט זיך וועגן זיינע זין איז דער פסוק זיי מייחס אלע כסדר צו זיין קעבסווייב מעכה'ן. עס איז פונקט פאַרקערט ווי עס איז געווען אָנגענומען אין אונדזערע משפחות, וואו, מ'פלעגט זאָגן, אז די מיידלעך געהערן צו דער מוטער און די אינגלעך צום פאָטער.

מיט וואָס דערקלערט זיך אָט־די טשיקאַווע צושרייבונג? עס איז פשוט, די מוטער איז געווען פאַראינטערעסירט אין די זין. דער פאָטער אָבער האָט זיי ניט געוואָלט האָבן. זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט עפּעס ווי אים אויף־צו־להכעיס. פאַרקערט, דער פאָטער איז געווען פאַראינטערעסירט אין די טעכטער, און די מוטער האָט זיי ניט געוואָלט האָבן. דערפאַר ווערן די טעכטער פאַרציכנט אויפ'ן חשבון פון פאָטער, ווייל ער ראַטעוועט זיי, לאָזט ניט די מוטער זיי אומברענגען, און די זין אויפ'ן חשבון פון דער מוטער, וועלכע ראַטעוועט זיי פון פאָטער, ער זאָל זיי ניט דערמאָרדן. און דער נוסח איז פאַרבליבן אין די טעקסטן אַלס אַ דערמאָנעניש פון די גאָר פאַרצייטיקע מנהגים. דער נוסח האָט אריבערגעלעבט אויף טויזנטער יאָרן דעם שטייגער. שפּראַך־אויסדרוקן טוען אלע מאָל אזוי. זיי פאַרבאַלזאַמירן שטייגערס, לעבנס־וועגן און גיבן זיי איבער אויף גניזה צו די צוקינפטיקע דורות.

דער מדרש שטעלט זיך אָפּ אויפ'ן פסוק „אשה כי תזריע וילדה זכר״ (ויקרא י״ב, ב') אז א פרוי ווערט שוואַנגער און געבוירט א זכר, פאַר־וואָס דווקא א זכר, א אינגל, פאַרוואָס זאָל זי ניט געבוירן א מיידל?! פאַרוואָס הויבט אָן דער פסוק מיט'ן זכר און ערשט שפּעטער צו קומט ער צו דער נקבה, ווייל גאָר פאַרצייטנס וואָלט די מוטער זען אומברענגען די טאָכטער, זי וואָלט זי ניט וועלן געבוירן.

„און עס איז געווען ווען דער מענטש האָט זיך גענומען פאַרמערן אויף דעם געזיכט פון דער ערד' . . . זיי פלעגן אויסגיסן זייער זוימען אויף די ביימער און אויף די שטיינער, ווייל זיי זיינען געווען פאַרטאָן מיט זנות, דעריבער האָט ער זיי געמערט נקבות״ (מ״ה).

זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז בנים זכרים זאָלן געבוירן ווערן, ווייל דעמאָלט וואָלטן דאָך די מאַמעס מיט זיי פאַרקערט. „ויקחו להם

נשים מכל אשר בחרו״(מ״ו), זיי האָבן געהאַט אַ רייכן אויסוואַל, ווייל מ׳האָט פאַרניכטעט די אינגלעך, איז די פּראָפּאָרציע פון די מיידלעך געוואָרן גרעסער. און דאָס אויס׳הרג׳ענען פון די זכרים און הולטע־ווען מיט די נקבות, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט איצט צו עטלעכע אויף איין זכר, איז די זיגנד פּאַר וועלכער, לויטן מיטאָס, דער מבול ווערט געבראַכט.

און נוח, וועלכער איז געווען אַ צדיק בדורותיו, אין זיינע גע־שלעכטס־אָנגעלעגנהייטן, ראַטעוועט זיך און מיט זיך ראַטעוועט ער די מענטשן־ראַסע און דאָס לעבן בכלל.

אגב, אַלץ וואָס דער חומש וויל האָבן איז בלויז פאַרמעגן איין צדיק. און דער איינער איז גענוג אום אַ וועלט זאָל אַרויסגעראַטעוועט ווערן פון אונטערגאַנג. די ביבל איז אין דעם פּרט, ווי אין פילע אַנדערע, אויסגעהאַלטן. שפּעטער פאַרמירט זי, אַדער, ריכטיקער, פליסט זיך צו פאַרמירן איין פאַלק אַ צדיק, אַז ער זאָל, מיט זיין עטישער צידקות, ראַטעווען די מענטשהייט פון פאַרדאַרבונג.

## ג.

# עגא־ליבידאָ

באַהאַנדלענדיק דעם גן־עדן מיטאָס מיט זיינע ראַמיפיקאַציעס טאָרן מיר ניט אויף איין רגע מסיח־דעת זיין פון דעם, אַז דער מיטאָס ווי פאַרצווייגט און פאַרוויקלט ער זאָל ניט ווערן, מיט וויפיל זייטיקע איינצלהייטן ער זאָל זיך ניט אויסצירן, מיט וויפיל אָנצוהערענישן ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען, האָט, הויפּטזעכלעך, צו טאָן מיט דער שיל־דערונג, — אין פּראַכטפולע בילדער אין אַ לעגענדאַר־קאָנקרעטער פאָרם, — פון דער ערשטער פונדאַמענטאַלער פּסיכאָלאָגישער קאַטאַס־טראָפע. דאָס איבעריקע וואָס גייט אַריין אין מיטאָס, ווי אַלט און פרימיטיוו עס זאָל ניט זיין, דינט בלויז אַלס אַ נעבן־זאַך, אַ טפל־פּראָ־דוקט. דער עצם ספּור־המעשה איז גרוי־קדמונים׳דיק. ער האָט צו טאָן מיט דאָס סאַמע אורשפּרינגלעכע, מיט דעם מעשה־בראשית פון דער מענטשלעכער נשמה. ער פאַרנעמט זיך מיט דאָס מאַלן פון דער ערשטער שפּאַלטונג, דעם אַרויפטויך פון באַוואוסטזיין, דער האַלבירונג אויף סוביעקט און אָביעקט און אַלע איבעריקע האַלבירונ־גען, די סעקסועלע אַריינגערעכנט, ווערן באַטראַכט, פון דעם שטאַנד־

פונקט פון דער ביבל און דער אידישער פּסיכאָלאָגיע, אַלס דעריוואַציעס און דעריבער ווערן זיי ניט גענומען אַלס עפּעס פונדאַמענטאַלעס.

זיי זיינען ניט קיין אורזאַך, נאָר אַ פּועל־יוצא. און מהאי טעמא ווערן די סעקסועלע שפּאַלטונג און די באַהעפטונג־שטרעבונג באַהאַנדלט, אין דער גאַנצער גרויסער אידישער קלאַסיש־רעליגיעזער ליטעראַטור, ניט אַלס עפּעס עיקר'דיקעס, יסוד'יקעס, נאָר אַלס אַ מין אַרויפּבויאונג, אַ מין אויבנשטיבל. די הויפּט־ליידנשאַפט און די הויפּט־גלוסטונג איז די עגאָ־ליבידא, די תאווה זיך צו פאַראייניקן מיט זיך אַליין, מיט'ן וועלט־איך. דאָס איז דער מקור פון אַלע ליידנשאַפטן, פון אַלע מיני התלהבות'ן, עקסטאַזן, טראַנסן אַנטציקונגען.

„'ואהבת את יהוה אלהיך' . . . ווען זיי באַהעפטן זיך איינער מיט'ן אַנדערן, באַהעפטן זיי זיך מיט ליבשאַפט ווי איינער, אַ חתן מיט א כלה, וואָס זייער שטייגער איז תמיד מיט ליבע. דער י' געפינט זיך מיטן ה', דער ה' מיטן ו', און איינס מיט דאָס אַנדערע פאַר־בינדט זיך מיט האַלט־האָבונג; און דאָס אַלץ הייסט ליבע. און, דעריבער, ווער עס האָט ליב דעם קיניג, דער פאַרבינדט זיך מיט יע־נער ליבשאַפט און דעריבער איז 'ואהבת את יהוה אלהיך'"(מ"ז).

„דער מענטשנקינד דאַרף אים ליב האָבן מיט גרויס ליבע . . . און ווער עס האָט ליב דעם הייליקן־געבענטשט־איז־ער, איז מקיים די צען געבאָטן פון אויבן און פון אונטן" (מ"ח).

די סעקסועלע ליידנשאַפט, ווי סעקסועלע סימבאָליזאַציע, דינט בלויז אַלס אַן אַרויף־געוועב, אַן אויסנייעכץ און אַלס אַן עמבלעם פון אַ צווייט־ראַנגיקער דערשיינונג, אַ מין לבנה לגבי דער זון, אַ מין אָפּשפּיגלונג פון דעם הויפּטליכט.

„'אַ זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן און ער האָט זיי געבענטשט'. האָט געזאָגט רבי שמעון: דערהויבענע סודות ווערן אַנדעקט אין די צוויי פּסוקים. 'א זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַ־שאַפן', בכדי צו וויסן די אויבערשטע טייערקייט, די מיסטעריע פון גלויבן" (מ"ט).

אפילו אין סוד פון גלויבן, אין פשוט'ן באַגלויבט־זיין איז שוין אויך פאַראַן בנמצא אַן עלעמענטאַרע צווייאיקייט, הגם אין אַ מיני־מאַלער מאָס און זי ווערט גלייך פאַראיינט, פאַראיינסט.

„ . . . יעדע געשטאַלט, אין וועלכער עס געפינען זיך ניט אַ זכר און אַ נקבה, איז ניט קיין אויבערשטע געשטאַלט ווי באַדאַרף צו זיין . . . " (נ').

די גרעסטע גלוסטונג, וואָס אָטעמט אין דער ביבל און אין די מדרשים, איז דאָס לעכצן און גאַרן נאָך זעלבסט־באַהעפטונג, נאָך הזדווגות און יחוד מיטן גרויס-איך פון גאָר די וועלטן.

„מענטש איז די פאַראַלגעמיינערונג פון זכר און נקבה . . . און דער, וועלכער איז ניט זכר און נקבה, האָט ניט קיין יראה, קיין ענוה און ניט קיין חסידות. און דעריבער טאַקע הייסט מענטש דער כלל פון אַלץ" (נ"א).

אָט די אומבאַפרידיקבאַרע רעליגיעזע ליידנשאַפט הויבט דעם בוזעם פון דעם חומש, דער דאַזיקער אומאיינשטילבאַרער זעלנגעשריי רעדט אַרויס פון די פראָפעטן, די דאַזיקע אומאויסלעשבאַרע תאווה ברענט אין זייערע פייער־שפייענדיקע רעדעס און מגילות. ווייל אָט־די תאווה איז די ערשטע און עכט גרונטאָוונע ליידנשאַפט פון דעם אידישן ציבור־איכהייט, פון אני־יהוה.

„דריי שטופן פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער: דער הייליקער־געבענטשט-איז־ער, די תורה און די אידן" (נ"ב).

מיט מאָדערנע ווערטער אויסגעדריקט מיינט עס: דער ציבור־סוביעקט, דער ציבור אָביעקט און דאָס באַוואוסטזיין, זעלבסט־באַוואוסט־זיין, וועלכעס טרעט אַרויס אין דער נשמה אַלס דער דריטער צד, דער סופער־עגאָ, זיינען איינס.

„רבי יהודה האָט אָנגעהויבן: 'דאָס איז דיין געשטאַלט, זי איז געגליכן צו אַ פאַלמע' . . . ווי באַליבט איז די כנסת־ישראל פאַר דעם הייליקן-געבענטשט־איז־ער, ווייל זי שיידט זיך פון אים קיינמאָל ניט אָפּ, ווי דער טייטלבוים, וועלכער צעשיידט ניט דעם זכר און נקבה קיינמאָל אין דער וועלט" (נ"ג).

יהוה, דער הייליקער-געבענטשט־איז־ער איז דער סוביעקט פון דער אידישער נאַציע, און ער און זי זיינען סוביעקט און אָביעקט, און זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט שיידן, ניט פאַנאַנדערגיין, ניט איבעררייסן זייערע אונטערהאנדלונגען, זייערע פאַרבינדונגען, זיי זיינען אידענטי־פיצירט.

אָט־דער טעזיס איז דער זעניט פון יהוה-חכמה. עס איז די אויפ־פאַסונג, אַז געשלעכט־גלוסטונג איז בלויז א שוואַכע רעפלעקסיע, אַן אָפּשאָטענונג פון דער הויפּט־ליידנשאַפט, וועלכע איז דער רעליגיעזער געפיל, דער איך־חוש, דאָס שטרעבן און גאַרן נאָך דער אמת'ער באַ־העפטונג מיטן אינערלעכן אָביעקט, מיט די אינערלעכע סוביעקטן, מיט איין וואָרט, מיט דעם ואתם הדבקים ביהוה אלהיכם חיים כלכם היום . . .

„און דאָס קאָן זיכער אָנגערופן ווערן פרוי פון דער אויבערשטער זייט, וועלכע איז די מוטער, 'כי מאיש לקחה זאת', ווייל פון מאַן איז זי גענומען געוואָרן, פון דעם פאָטערס צד, וועלכער איז דער י' " (נ"ד).

מ'זעט באַשיינפּערלעך פון די טעקסטן, אַז די צעשפּאַלטונג אויף סוביעקט און אָביעקט ווערט פאַררעכנט פאַר אַ געשעעניש, וועלכע איז קודם צו דער צעשפּאַלטונג אויף זכר און נקבה.

„די אויבערשטע מוטער הייסט פריינדין, ווייל פון איר טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּ די ליבשאַפט פון פאָטער. די אונטערשטע מוטער הייסט כלה און זי הייסט אויך שוועסטער, ווי עס איז דערקלערט געוואָרן 'מיר האָבן אַ קליין שוועסטערל' (שיר השירים ח', ח')" (נ"ה).

מוטער און שוועסטער זיינען ביידע כלות. דאָס זיינען די וועל־כע סימבאָליזירן די אומבאַגרייפלעכע אלע חוש־תענוגים איבערשטייגנ־דיקע, יהוה־דבקות, די אני־יהוה און ישראל הזדווגות, דעם שמע ישראל . . . אחד.

מוטער און שוועסטער זיינען כלות. אָט־די סימבאָלן שווימען אַרויף ווי אָפּהילכונגען פון פאַרצייטיקע דורות, אָפּקלינגונגען, וועלכע מ'קען הערן, בלויז מיט אַ שאַרפן אויער, אין די שטילקייטן פון דער קאָנטעמפּלאַטיווער און זיך־אויפרעגנדיקער נשמה. אָבער די מוזיק קומט פון אויבן, פון דעם אמת'ן ליב־האָבן דעם סוביעקט אַלס סוביעקט. און אָט־די ליבע איז דער קוואַל פון דעם גאַנצן עמאָציאָנעלן לעבן און איינשטעל. אָט־דער באַגער איז דער הויפּט־באַשטאַנדטייל פון דער אידישער נשמה, דער ראש־המדברים, דער וואָרט־געבער, קאָליר־ליפע־רער און לעבנס־סטיל שאַפער אין דער גאַנצער אידישער פּסיכיק. די געשלעכט־סימבאָלן, די לייב־ליבע עמבלעמען און עראָטישע עקס־פּרעסיעס זיינען בלויז הילפס־מיטלען, וועלכע מ'געברויכט אום אויס־צודריקן דעם אייביק־דורשטיקן באַגער, דעם אהבת־עולם און אהבה רבה.

„'הייליק וועט איר זיין'. רבי אבא האָט אָנגעהויבן: 'און ווער איז ווי דיין נאַציע ישראל איין פאָלק אין דער וועלט' . . . דער היי־ליקער־געבענטשט־איז־ער האָט געמאַכט פון זיי איין איינציקע נאַציע אין דער וועלט און ער האָט זיי גערופן איין פאָלק, ווי זיין נאָמען . . . און דעריבער הייסט דער הייליקער געבענטשט־איז־ער אחד, איינער אין דער גאָרער גאַנצקייט, אין דער גאַנצקייט פון זייער פאָטער, אין דער גאַנצקייט פון כנסת־ישראל. דעריבער הייסן די אידן אונטן אחד . . . עס רוט ניט דער אויבערשטער און ער געפינט זיך ניט, נייערט אויס־שליסלעך אין אחד". (נ"ו).

די העכסטע טענער פון דבקות, — פון יהוה־ליבשאַפט, פון זי־כערקייט־איכערקייט, פון צונויפשמעלצונג פון אידישן סוביעקט און כנסת-ישראל, דעם אָביעקט — ווערן דאָ פאַרנומען.

„מיר האָבן געלערנט אַז די אונטערשטע וועלט איז ווי די אויבערשטע וועלט, איינע ווי דער מוסטער פון דער אַנדערער. און דעריבער האָט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער גוזר געווען, אַז זכר און נקבה זאָלן געפינען זיין ווילן אין דער וועלט. און אין אַלץ דאַרף דער מענטשנקינד באַהעפטן זיין ווילן אויבן צום הייליקן־געבענטשט־איז־ער . . . זויבער איז די מערכה פון די צדיקים, ווייל זיי ווייסן צו באַהעפטן זייערע געדאַנקען־ווילנס אין הייליקן־געבענטשט־איז־ער, און וועגן זיי שטייט עס געשריבן: ואתם הדבקים ביהוה אלהיכם חיים כלכם היום" (נ"ז).

די אונטערשטע וועלט איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אויבערשטער. די געשלעכט־צעשפּאַלטונג איז אַ דעריוואַציע. עגאָ־ליבידאָ איז די גרעסטע, הייסטע בלוט־אַנצינדנדיקע און די פאַנטאַזיע פאַנאַנדערשפּילנדיקע, ליידנשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער, דערקענטעניש, קענטעניש איז די אמת'ע תאווה, די מענטאַלע, עמאָציאָנעלע און ראַציאָנאַלע ליידנשאַפט.

## ד.

# עראָס אַלס סימבאָל

אָט־די אויפפאַסונג פון דער גנאָסעאָלאָגישער פּסיכאָלאָגישער צעשפּאַלטונג און צוריק־באַהעפטונג אַלס יסוד און די געשלעכטער־צעשפּאַלטונג און צוריק־באַהעפטונג אלס אַן ארויפבוי איז עכט אידיש, און זי קריגט איר אויסדרוק אין די מגילות פון די נביאים, אין די זאָגעכצן פון די מדרשים, און אויך אין אייניקע תפילות איז די דאָזיקע באַנעמונג פאַרטראָטן. די נביאים ווי אויך די חכמי התלמוד נוצן די געשלעכט־סימבאָלן אַלס אימאַזשן און גלייכעניש, מיט וועלכע זיי שילדערן די פאַרהעלטענישן פון אינדיווידועלן סוביעקט און אָביעקט אין יחיד ווי אויך אין ציבור, אין סאָצאָ־עגאָ.

אָט די אינטערפּרעטאַציע פון עראָטישע בילדער אַלס אַלעגאָריעס פאַר די סובלימיטעטן פון רעליגיעזן טראַנס דערגרייכט איר אַפּאָגיי, און איז רעדוצירט כמעט צו אַן אַבסורד, אין די מדרשים'שע אויס־

טייטשונגען פון שיר-השירים. אָבער דער מעטאַד, וועלכער ווערט אָנגעווענדט פון די בעלי־המדרש איז אַ לאַנג איינגעפונדעוועטער און איינגעבירגערטער אין דער אידיש־רעליגיעזער ליטעראַטור־שאַפונג.

„אַט־די אידייע פון באַטראַכטן די רעלאַציע צווישן דעם טעאָקראַטישן גאָט און זיין פאָלק אַלס אַ חתונה-פאַרבינדונג איז אויך ניט אומפאַמיליאַר צו די נביאים פון ישראל" (148).

די פראָפעטן געברויכן זייער אָפט עראָטישע און משפחה־לעבן בילדער.

„איך האָב דיר דערמאָנט דעם גנאָד פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה'ן־זיך, דיין גיין נאָך מיר אין מדבר, אין אַ לאַנד אַ ניט־פאַרזייטן" (נ"ח).

„וואָרים דער וואָס האָט דיך געמאַכט איז דיין מאַן, יהוה צבאות איז זיין נאָמען, און דיין אויסלייזער איז דער הייליקער פון ישראל"(נ"ט).

„וואָרים ווי אַ פאַרלאָזענע פרוי אַ באַטריבטע האָט דיך יהוה גערופן, און ווי אַ יוגנט־ווייב וואָס ווערט פאַרהאַסט" (ס׳).

„ . . . עס פאַסירט אַז אַ מאַן שיקט אַוועק זיין ווייב און זי גייט אַוועק און איז מיט אַן אַנדערן . . . דו האָסט געהורט מיט . . . און קומסט צוריק צו מיר, זאָגט יהוה (ס"א).

„און איצט רופסטו מיך, 'פאָטער, האַר פון מיין יוגנט ביסטו' " (ס"ב).

„און איך האָב איר געגעבן אַ גט" (ס"ג).

דער גאַנצער אידישער באַנעם איז געבויט אויף אַבסטראַקציעס. דער אידנטום און אידנשאַפט זיינעןביידע 'אינוועטיוו'. און דעריבער קומט, לויט דער אידישער אויפפאַסונג, דער געדאַנק פאַר דער אַקציע, סוף מעשה במחשבה תחילה, און מעטאַפיזיק און פסיכאָלאָגיע, דעריבער, מאַרשירן פאַר פיזיק, פאַר פיזיאָלאָגיע. די אידייע גייט פאַר דער מאַטעריע. און בנוגע די אָפרייסונגען און די ווידערפאַראייניגונגען, דער איצטיקער טראַגעדיע און דעם צוקינפטיקן טריאומף פון מענטשן, דער זינד פון אדם־הראשון און די אויסלייזונג — איז אויך דאָס אייגענע, די צעשפּאַלטונג אין זעלבסט־באַוואוסטזיין, אין זעלבסט-באַגלויבט זיין, אפילו, קומט צוערשט און די דאָזיקע צעשפּאַלטונג איז דער יסוד פון אַלדאָס טראַגישע אין מענטשן. און זיין לעתיד־לבוא'דיקער ניצחון איז די זעלישע פאַראייניקונג, די רעאַליזירונג פון הייליקן אחד, די דערגרייכונג פון נשמה־איינהייט. און די דאָזיקע שטרעבונג פון דער מענטשלעכער פסיכיק נאָך שלימות, נאָך אינערלעכער הזדווגות איז די אורשפרינגלעכע תאווה, און געשלעכטס־

לײדנשאַפֿט איז בלויז אַ ניצוץ, איין פֿונק פֿון אָט־דעם גרויסן פֿלאַם־פֿײַער, פֿון אָט־דעם שלהבת־יה.

ווען מיר וואָלטן וועלן אָנצייגן על רגל אחת, דעם אונטערשייד וועלכער ליגט צווישן דער אידישער, — מדרש, ביבל, תלמוד, קבלה׳־שער, אויפֿפֿאַסונג און דער פּרווידיאַנישער קאָנצעפּציע מכוח מענטש, וועלט און רעליגיע, וואָלט געווען גענוג צו געברויכן דעם ערנסטן גלייכוואָרט:

לויט פֿרוידן איז משה און אהרן צווײ בריסט, לויט דעם מדרש איז פּונקט פֿאַרקערט, צווײ בריסט זיינען משה און אהרן: „שני שדיך אלו משה ואהרן״ (ס״ד).

לויט פֿרוידן דינט כמעט יעדער קעגנשטאַנד אַלס אַ געשלעכט־סימבאָל, אפֿילו דער אומשולדיקער חילוק צווישן די בוכשטאַבן „עם״ און „ען״.

„ווייל פּונקט ווי ער האָט געוואָלט וויסן דעם חילוק צווישן ׳עם׳ און ׳ען׳ אין יענער צייט, אַזוי האָט ער זיך אינטערע־סירט מיט דעם אונטערשייד וואָס צווישן אַ אינגל און אַ מיידל״ (149). און די טאַנטע ווענען ער האָט געפֿרעגט מכוח די אותיות האָט אים געזאָגט, אַז אַ „עם׳ האָט מיט איין גאַנצן שטיקל מער . . . אותיות אין אידישער געזינונג האָבן אויך פֿיל צו זאָגן, י׳ איז זכר, ה׳ איז נקבה, אָבער צו דער אייגענער צייט איז „י׳־חכמה, ה׳ איז בינה״ (ס״ה).

„זי האָט געפֿרעגט איר קוזינע: האָסטו אַ בייטל? וואָלטער האָט אַ קאָלבאַסע, איך האָב א בייטל״ (150) און אין זהר הרואה קנה בחלום זוכה לחכמה (ס״ו).

אַ קירכע, לויט פֿרוידן, ווען מ׳זעט זי אין חלום איז אַ מין פּתח פּתוח מצאתי . . . אַלץ רעדט, שרייט, ווינקט, לאָזט אָנצוהערן וועגן געשלעכט. אין די מדרשים איז פּונקט דער היפּוך, אפֿילו גע־שלעכט איז ניט געשלעכט, נאָר בלויז א רמז אויף אני־יהוה, אויף דער תורה אָדער כנסת־ישראל. אַלץ סימבאָליזירט די פֿאַרהעלטע־נישן וועלכע וועבן זיך צווישן דעם אויבערשטן און זיין כנסת־ישראל. לויט פֿרוידן איז רעליגיע אַ פּראָדוקט פֿון געשלעכט. לויט דער אידישער געזינונג איז געשלעכט אַ סובאָרדינאַט פֿון רעליגיעזן איך־שמערץ, פֿון וועלכן דער וועלט־שמערץ, דער עראָס בכלל, פֿליסט אַרויס אַלס אַ צוגאָב און ביילאַגע.

ה.

# אומוויסנהייט־געפיל

„ווער קען קוקן אַן ערעפורכט אויף דער מענטשנראַסע, וועלכע איז געבונדן און קאַרטשעט זיך דורך דער גאַנצער געשיכטע אין אַ געפיל פון שולד, פונקט ווי אַ לאַקאָאָן אין אַרומאַרעמונג פון די שלאַנגען, דער מירמלשטיינענער עגמת־נפש, וועלכער ענדערט זיך ניט דורך אַלע דורות" (151).

דאָס איז אַלץ דער טרויעריקער פועל־יוצא פון דעם אייביקן איך־שמערץ, איך־וויטאָק. בנוגע געוויסן הייסט עס אַ באַוואוסטזיין פון אַ שולדיקייט, פון זינדיקייט. בנוגע וויסן געפינען מיר דעם זעלביקן שטענדיק נאָגנדיקן אומוויסנהייט־געפיל, איגנאָראַנץ־באַוואוסט־זיין, וועלכער פאַרפאָלגט דעם ווייסנדיקן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. דאָס איז דער שולד־געפיל פון דעם מענטשלעכן אינטעלעקט.

ר' סעדיה גאון שרייבט:

„און ווער עס האָט ניט צוגעשריבן דעם פעלער צו זיך אַליין, נאָר האָט פאַרלאַנגט, אַז דער באַשעפער זאָל אים מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל וויסן אַ וויסעניש וואָס האָט ניט קיין צווייפל, האָט שוין געבעטן, אַז זיין גאָט זאָל אים מאַכן גלייך צו זיך אליין . . . אָבער עס שיקט זיך ניט, אַז דאָס וויסן פון אלע באַשעפענישן זאָל זיין אָן אַן אורזאַך. און דאָס איז די פאַרשונג און אריינטראַכטונג . . . און זיי געפינען זיך, פון די ערשטע מינוטן פון יענער צייט ביזן סוף, אין ספקות" (ס"ז).

עס הערשט אַ פחד פאַרן טעות, פאַרן פאַלשן זאָץ, פאַלשער לערע, ניט־ריכטיקער באַהויפּטונג, ניט־פּינקטלעכער אָפּשאַצונג, ניט־גענויער באַשרייבונג, ניט גענוגנדיקער דערגרונטעוואונג צום אמת. עס הערשט דער אייביקער שרעק, דער אויבנדערמאָנטער 'ואירא כי עירום אנכי'. איך האָב מורא, איך שרעק זיך, ווייל איך ווייס, אז איך בין נאַקעט, איך בין ניט משיג, איך פאַרשטיי ניט די וועלט וואָס אַרום מיר און די וועלטן, וועלכע נעסטן אין מיר. קיינמאָל ווייס איך ניט גענוג. עס איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אומדערקענטבאַר, אומדער־וואוסטבאַר. עס איז דאָ אַ 'זאַך פאַר זיך', אָדער אַ 'זיך פאַר זיך', וועלכן איך קען בשום אופן ניט אויפפאַסן, באַגרייפן, ווייל מיין שכל איז פול מיט אַנטינאָמיעס, מיט סתירות, מיט ווידערשפּרוכן. ווייל ער איז צעלעכערט, צעעסן פון לאָגישער זינד. אָט־דער געפיל פון שטענדיקער עם־הארצות איז דער זעלביקער שולדיקייט, זינדיקייט־באַ־

וואוסטזיין, וועלכער איז א פועל־יוצא פון סעפּאַראַציע־געפיל, אַ סעפּאַ־ראַציע־צעשפּאַלטונג סיי בנוגע עפּעס וואָס, לויט אונדזער פאָרשטע־לונג, געפינט זיך מחוץ פון אונדז, אין דרויסן, און סיי בנוגע אונדזער אייגענעם איך. מיר ווייסן קיינמאָל ניט גענוג, און מוזן זיך אַלע מאָל פילן אומבאַפרידיקט, שולדיק אין איגנאָראַנץ, אין ניט־וויסעניש.

מיט דער סעפּאַראַציע, מיט דער הויפּט־שפּאַלטונג קומט דער שולד־געפיל און אויך דער איגנאָראַנץ־געפיל.

אין וויסן, אין דערקענטעניש, אין קאָגניציע הייסט דער שולד־גע־פיל אַ קיינמאָל ניט אָנזעטבאַרע קוריאָזיטעט, אַן אומאיינשטילבאַרע גייגעריקייט. דערצו קומט דער פּחד פאַרן אירטום און די אַז־אַך־און־וויי־זיכערקייט, אַז מיר, מענטשנקינדער, טאַפּן כסדר אין דער פינצ־טערניש, בלאָנדזשען, זוכן דעם אמת־וועג, קענען אים אָבער ניט אָנ־טאַפּן. ד. ה., מיר פילן זיך לאָגיש־אינטעלעקטועל פאַר גרויסע בעלי־עבירות, פושעים, אָדער, ריכטיקער, פאַר יורדים, פאַר די וועלכע לעבן מיט דעם יסורים'דיקן געוואָרזיין, אַז גאָר אַמאָל האָבן מיר, אַפּנים, פאַרמאָגט גרויסע נכסים, טייערע אוצרות פון חכמה, נאָר מיר האָבן עס פאַרטאָכלעוועט, גע'פּטר'ט.

ו.

## נייגיר

אַז אָט דער געפיל איז באמת דער זעלביקער פּראָדוקט, וועלכן מיר האָבן באַהאַנדלט אויבן פון דעם זינדיקייט־אַספּעקט, קען מען לייכט זען פון די טעקסטן, וועלכע מיר גייען ברענגען. זיי זאָגן אַלע עדות, אַז דער אומוויסנהייט־געפיל שטאַמט אָפּ פון דעם אייגענעם 'פאַל' און איז פאַרבונדן מיטן גן־עדן־אַרויסטרייב מיטאָס.

„רבי חייא האָט געזאָגט: אָדם האָט געקענט די אויבערשטע חכמה מער פון די אויבערשטע מלאכים, און ער האָט אַלץ פאַרשטאַ־נען און ער האָט באַגריפן און זיך באַקענט־געמאַכט צו זיין האַר מער פון אַלע איבעריקע וועלט־קינדער. נאָך דער פאַרשולדיקונג האָבן זיך פאַרשטאָפּט פאַר אים די קוואַלן פון קלוגשאַפט. וואָס שטייט גע־שריבן? און יהוה אלהים האָט אים אַרויסגעשיקט פון גן־עדן צו באַאַרבעטן די ערד" . . . (ס"ח).

אָדם איז געוואָרן אַ פּשוט׳ער ערד־אַרבעטער, וועלכער מוז נעבעך עסן דעם טרוקענעם ברויט פון זיין כלומ׳שטן וויסן אין דעם שווייס פון זיין געזיכט . . . נאָכ׳ן ריס האָט ער פאַרלאָרן זיין חכמה, זיין וויסן, זיינע קענטענישן . . .

„דער עיקר פון דער שכינה איז געווען אונטן, וויבאַלד אָדם האָט געזינדיקט האָט די שכינה זיך אָפּגעטראָגן און איז אַרויף אויפן הימל״ (ס״ט).

נאָך דער צעשפּאַלטונג האָט זיך דער מענטש דערפילט אומהיימיש אויך בנוגע זיין וויסן.

„ווען דער קדוש־ברוך־הוא האָט באַשאַפן אדמ׳ען, האָט ער גע־מאַכט זיין געשטאַלט אי פון אויבן און אי פון אונטן, און ער איז געווען פערפעקט אין אַלץ און זיין ליכט האָט געלויכטן פון סוף וועלט ביז סוף וועלט״ (ע׳).

זיין ליכט מיינט זיין אינטואיטיוו-דערקענטעניש קראַפט, וועלכע איז געווען קאָלאָסאַל. נאָר איצטער, נאָך דעם אַרויסטרייב, איז עס נעבעכדיק, לאַ־עליכמ׳דיק.

„אָדם הראשון האָט געזען מיט זיין קלוגשאַפט סיי אויבן און סיי אונטן. וויבאַלד ער האָט זיך פאַרזינדיקט זיינען זיינע געשטאַלטן פאַרקלענערט געוואָרן און די חכמה האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים און ער האָט גאָרניט געקענט משיג־זיין אויסער קערפּערלעכע אָביעקטן״ (ע״א).

„ ׳און די אויגן פון זייביידן האָבן זיך אויפגעעפנט׳ . . . אין יענער שעה איז געמינערט געוואָרן די הייך און שטאַטור פון אָדמ׳ען אויף הונדערט איילן ,און עס איז פאַרגעקומען די סעפּאַראַציע״ (ע״ב).

דער געפיל פון קלוגשאַפט־פאַרלוסט פּייניקט דאָס באַוואוסטזיין פון דער דענקענדיקער מענטשהייט. מיר האָבן אַ טונקעלע אַנונג מכּוח אַ וויסן, וועלכן מיר קענען ניט דערגרייכן, וויפיל מיר זאָלן זיך ניט באַמיען.

„דעם מענטשנס אַנטוויקלטע נאַטור געפינט זעלבסט־רעאַליזאַציע אין דעם פאַרפאַלג פון וויסעניש. דער פאַרשטאַנד איז, אין אַ נאָרמאַלן צו־שטאַנד, פול מיט נאַבעלער קוריאָזיטעט, וועלכע איז דער הונגער פון אינטעלעקט, און זיין באַפרידיקונג געפינט ער אין דער אַנטדעקונג און קאָאָרדינאַציע פון פאַקטן, וועלכע ווערן אונטערגעוואָרפן אונטער גע־זעצן, און אין דער אַנטדעקונג פון אַ סדר און אַ תכלית׳דיקייט פון דער וועלט אַרום אונדז און אין אונדז״ (152)

אָבער אָט דער הונגער איז אַ בולמוס, עס איז אַ טאַנטאַליזירנדיקער הונגער און דאָרשט וועלכער וועט קיינמאָל ניט געשטילט ווערן כל־זמן

דער ריס וועט ניט פאַרבאַנדאַזשירט, פאַרפלאַסטערט ווערן, כל־זמן דער בראָך וועט ניט צוריק גאַנץ ווערן.

אָט־דער הונגער איז ניטאָ ביי די בעלי־חיים אָדער פלאַנצונגען. פאַר־וואָס? ווייל זיי זיינען ניט אויף־אַזויפיל ווי דער מענטש אָפּגעריסן פון דער וועלט. די טיף און ברייט פון ריס איז דער פאַקטאָר, וואָס באַ־שטימט די גרויס, דעם ברען פון וויסן־דאָרשט. חיות, בעלי־חיים, פלאַנצן דאַרפן ניט „לערנען״, וויסן, פאָרשן די וועלט, דאַרפן זיך ניט איבער־אַנייס צונויפהעפטן מיטן אוניווערס, מיט די קעגנשטאַנדן פון דער דרויסנ־דיקער וועלט, מחמת זיי זיינען ניט שטאַרק אָפּגעזונדערט, אָפּגע׳מחיצה׳ט פון דעם קאָסמישן אין־סוף.

## ז.

# חיים־בענקעניש

„מיר האָבן געלערנט, רבי שמעון דער זון פון אלעזר זאָגט: ׳איך האָב קיינמאָל אויף מיין לעבן ניט געזען א הירש — אַ פרוכטטריקענער אַ לייב — אַ טרעגער, אַ פוקס — אַ קרעמער. זיי האָבן חיונה אָן קאָפּדרייעניש, און זיי זיינען דאָך באַשאַפן געוואָרן בלויז מיך צו באַ־דינען, און איך בין באַשאַפן געוואָרן צו דינען דעם שם־יתברך. מה־דאָך די וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן מיך צו באַדינען האָבן חיונה אָן קאָפּדרייעניש, איך וואָס איך בין באַשאַפן געוואָרן צו דינען דעם שם־יתברך, האָב דאָך אוודאי און אוודאי געדאַרפט האָבן חיונה אָן קאָפּ־דרייעניש, אלא וואָס דען — איך האָב פאַרדאָרבן מיינע טאַטן און האָב גע׳פּטר׳ט מיין פרנסה, וואָרים עס איז געזאָגט געוואָרן (ירמיה ה׳, כ״ה) ׳אייערע זינד האָבן געשטערט׳״ . . . (ע״ג).

דאָ רעדט א בענקעניש און קנאה. ס׳טייטש דער אנימאל זאָל לעבן בעסער פון מענטשן, דעם נברא בצלם . . .

רייבאַך שרייבט:

„דער רעספּעקט פאַר דעם לעבן פון א בעל־חי אָדער א פלאַנץ . . . איז בלויז די היפּערטראָפיע פון סאָציאַלן אינסטינקט . . . אַלץ וואָס מיר דאַרפן איז נעמען אַ יונג קינד צו אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, דעמאָלט וועלן מיר איינזען, אַז די היפּערטראָפּיע איז זייער נאַטירלעך פאַרן מענטשן. די ציוויליזאַציע צוימט זי, אָבער פאַרניכטעט זי ניט״ (153).

עס איז מער ווי אַ היפּערטראָפּיע. דאָ ליגט אַ פאַרלאַנג צו לויפן צוריק צו דער סטאַדיע אויף וועלכער דער בעל־חי שטייט און אויף וועלכער די מענטשן־ראַסע איז געשטאַנען מיט יאָרן־יאָרן צוריק. מ׳קען אויך באַאָבאַכטן נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס עס איז מער טשיקאַווע. מענטשן ווייזן גאַנץ אָפט אַרויס אַ סימפּאַטיע צו בעלי־חיים אין אַ מאָס אין וועלכער זיי ווייזן זי ניט אַרויס צו אַ מיטמענטשן. די געזעלשאַפטן פאַר דער פּרעווענציע פון אַכזריות צו בעלי־חיים זאָגן עדות מכוח דעם אַז דער מענטש פילט זיך היימישער מיט דעם אַנימאַל ווי מיט זיינע מיטגלידער פון דעם זעלביקן סאָציאַ־אָרגאַניזם. דער זעלביקער מענטש וועלכער האַנדלט ווי אַן אכזר לגבי זיין וויב, זיינע קינדער, זיין שכן, וועט רחמנות האָבן אויף זיין קעצל און הינטל ווען דער לעצטער ווערט ניזוק אָדער קראַנק. די נאַציס אין דייטשלאַנד זיינען ברוטאַל צו אידן און צו זייערע אייגענע בירגער, זיי שאַנעווען אָבער די פערד, זיי אַקאָמאָדירן זיי. מיט וואָס דערקלערט זיך עס ? מיט דעם וואָס דער מענטש אין אַ סך פאַלן אידענטיפיצירט זיך מיטן בעל־חי ליבערשט איידער מיט זיין חבר־מענטש. איבערהויפּט זעט מען עס ביי פאַרברעכער. עס טרעפט אַמאָל אַז אַ רוצח נפש וועט ריזיקירן זיין אייגן לעבן בכדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ באַליבטן בעל־חי. אין מענטשן וואוינט אַ פאַרביטערטקייט קעגן זיך, קעגן דעם מין מענטש בכלל און אין דער זעלביקער צייט פילט ער אַ צוגעבונדנקייט צו דעם מין בעל־חי, וואוהין ער וואָלט אַליין וועלן געהערן.

„משוגעת און אידיאָטיזם, אין פּשוט׳ן טייטש, עקזיסטירן ניט צווישן די בעלי־חיים" (154).

„. . . מענטאַלע אומאָרדנונגען, וועלכע פאַראוממעגלעכן דעם סאָציאַלן אויפפיר אין דעם מענטשלעכן וועזן רעזולטירן אין דער סוספּענסיע פון דער אינהיביציע, וועלכע עס איבן אויס די 'העכערע', אָדער טראַדיציאָנעל אַנטוויקלטע מענטאַלע עלעמענטן, איבער די 'נידעריקע' אָדער נאַטירלעך גע׳ירשנ׳טע, מענטאַלע דיספּאָזיציעס. אָט יענער פּראָצעס פון פּסיכישער אינהיביציע קען ניט ווערן אומאיינגעאָרדנט אין בעלי־חיים מחמת דעם וואָס ער איז ניטאָ בנמצא ביי זיי" (155).

די הינטערשטעליקייט פון מענטשן בנוגע דער וועלט אין פאַרגלייך מיט דעם בעל־חי צייגט זיך אויף דעם גאַנצן פּראָצנט פון מענטשלעכן אָנשטרענג. די חיה דאַרף ניט לערנען, דאַרף ניט און, ממילא, קען זי ניט, זיך שאַפן אַ וויסנשאַפט, דערפינדן אַ קונסט, אַ טעכניק.

אַלע האָבן געלייענט אין די קינדער־ביכלעך דעם טשיקאַוון דיאַלאָג, וועלכער ווערט געפירט פון אַ אינגעלע מיט אַ פויגעלע. עס איז אַ זו־

מער־טאָג, אַ העלער, אַ הייסער. דער אינגעלע פוילט זיך צו גיין אין שולע. ער זעצט זיך אונטער א בוים אין פּאַרק. ער פּאַרקוקט זיך אויף די פייגעלעך וועלכע שפּילן זיך, מוזיצירן און אַמוזירן זיך, שפּרינגענדיק פון צווייג צום צווייג. ער טראַכט זיך פאַרוואָס זאָל ער זיין ערגער פון זיי, פאַרוואָס איז עס אויף אים נגזר געוואָרן צו טראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם יאָך פון דער תורה. אַ פויגעלע דערזעט אים און לייענענ־דיק זיינע מחשבות'ן, נעמט זי אים זאָגן מוסר:

— ס'טייטש, ווי קענסטו זיך פאַרגלייכן צו מיר! איך קען בויען מיין הויז־נעסט. ביסטו אַן אינזשענער, אַן אַרכיטעקט? איך ווייס מיין געאָגראַפיע אויף־אויסנווייניק, און דו וואָס ווייסטו, דו וואָלסט דאָך פאַר־בלאָנדזשעט צווישן דריי סאָסנע-ביימער. איך בין גוט באַהאַוונט אין הלכות פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואָס ווייסטו וועגן דער ווירטשאַפט פון דעם לאַנד, פון דיין פּאַטערס הויז א. א. וו., א. א. וו.

וואָס דערציילט אונדז די מעשה? וואָס זאָגט זי אונדז? זי זאָגט אונדז, אַז די בעלי־חיים זיינען ניט אָפּגעריסן פון לעבן, פון דער וועלט, זיי זיינען אַ טייל פון גאַנצן „קיום" און אַלס אַזעלכע קריגן זיי זייער וויסן פון דער ערשטער האַנט. קיינער דינגט ניט קיין דעטעקטיוו, אַז ער זאָל אים אַליין גאָכשפּירן זיין גיין און קומען, לייגן זיך און אויפ־שטיין — ער ווייס עס אַן יענעמס אינפאָרמאַציע. דאָס אייגענע בנוגע דער וועלט און איר הנהגה. די וואָס זיינען נאָענט צו איר, דאַרפן עס ניט שטודירן, זיי וויסן אַלץ וואָס זיי דאַרפן וויסן.

„די איינציקע אַנדערע היפּאָטעזע איז אַז בעלי־חיים זיינען פייאיק צו פירן אַן אומבאַוואוסטזיניקן רעגיסטער פון קערונגען און ווענ־דונגען, וועלכע זיי מאַכן אין זייערע אַרויסגייענדיקע נסיעות, און אַזוי אַרום אויפצוהאַלטן אַן אַלגעמיינע אימפּרעסיע פון זייערע אָריענטאַ־ציעס" (156).

די בעלי־חיים זיינען צופיל אַ טייל פון דער וועלט, אַז זיי זאָלן דאַרפן גיין ספּעציעל שטודירן די וועלט. דעריבער פאַרמאָגן זיי ניט קיין וויסנשאַפט און ניט קיין רעליגיע.

ח.

# אירעליגיאזיטעט פון דער חייה

„פארן פאזיטיוויזם איז דער פרימיטיווער גלויבן פון דער וועלט פעטישיזם, וועלכער איז אלגעמיין פארן עופ'על און ווילדן, גאט און מאלפע" (157).

לויט קאנט'ס השגה גלויבן אפילו חיות אויך. דאס איז א גוזמא.

דער פילאזאף הארטמאן שרייבט:

„די דערקלערונג פאר אט־דער טאטזאך (וואס די חיות זיינען ניט רעליגיעז) קען געזוכט ווערן נאר אין דעם, וואס ביי דער חיה ליגט דער פארשטאנד, און מיט אים די פון די חושים-ווארנעמונגען געשאנקענע באאבאכטונג, ד. ה. מיט איין ווארט: די באאבאכטונג, נאך אלץ פארשנורעוועט אין די באנדן פון פראקטישער הצטרכות, בשעת דער מענטשלעכער אינטעלעקט וויקלט פאנאנדער א באטעטיקונג-דראנג, וועלכער, ווען אלע באדערפענישן זיינען צייטווייליק באפרידיקט, ריכטעט זיך אויף דעם אויפפאליקן דערשיין פון דער ווארנעמונגס־וועלט אויך ווען זי שיינט ניט צו שטיין אין קיין צוזאמענהאנג מיט די מענטשלעכע באדערפענישן" (158).

לויט אונדזער פארשטיין נאך זיינען די בעלי־חיים ניט בכוח צו שאפן א רעליגיע, א רעליגיעזן באנעם פון דער וועלט און אירע דער־שיינונגען פשוט דערפאר, וואס זיי זיינען אין זייער איצטיקן צושטאנד בשום־אופן ניט אימשטאנד צו 'דערפינדן' די אלערערשטע פיקציע, דעם גרעסטן אויסטראכט פון אלע אילוזיעס, דעם איך. דער מענטש מוז גלויבן אין באשאפונג און אין א באשעפער, מחמת ער האט זיך לכתחילה געשאפן דעם מקור פון אלע באשאפונגס-אידייען און פא־טענצן, דאס איז זיין אייגענעם איך.

„מר. וואן ענדע האט פארעפנטלעכט א דיקן באנד פון 320 זייט־לעך אנגעפילט מיט חריפות'דיקע און סוגעסטיווע באאבאכטונגען בכדי צו ווייזן, אז בעלי־חיים אטריבוטירן די גרויסע דערשיינונגען פון דער נאטור צו דער אקציע פון מאכטן, וועלכע זיינען העכער פון אלע די וויזיעס, מיט וועלכע זיי זיינען באקאנט, און אז די יעניקע מאכטן אינספירירן זיי מיט די מערסטע כאראקטעריסטישע סענטימענטן פון רעליגיע" (159).

„איך רעכן, אז דער מחבר האט געלאזן זיין פארשטעלונגס-קראפט זיך צופיל פאנאנדערשפילן, און ער נוצט אויס דעם פאקט וואס מיר

קענען אים ניט אָפּשלאָגן דורך דעם, וואָס מיר זאָלן אַריינקריכן אין דער פעל פון אַ חיה און זען וואָס זי טראַכט און ווי זי טראַכט" (160).

„אָן קיין ספק, אויב דאָס וואָרט רעליגיע מיינט אַ פּשוט'ער געפיל פון אָפּהענגיקייט, ווי שלייערמאַכער האָט עס געוואָלט האָבן, דעמאָלט קענען מיר אים ענטפערן מיט פיכטען, אַז אַ הונט מוז זיין די עכטסטע רעליגיעזע באַשעפעניש פון אַלע. אָבער מיט מ. דע־פּרעססענסע (161) ווע‏לן מיר זיך אַנטזאָגן עס צו גלויבן ביז דער הונט וועט זיך פאַראייניקן מיט זיינע חברים אום צו גרינדן אַ רעליגיע, וועלכע וועט אימפּליצירן דעם פאַרלאַנג צו עטאַבלירן אידעאַלע באַציאונגען מיט די מיסטעריעזע אויבערשטע מאַכטן" (162).

רעליגיע קען זיין בלויז דאָרטן, וואו עס איז דאָ אַן איך וועלכער ווערט אויפגעפּאַסט אינדיווידועל, ד. ה. אינטראַ־אינטער־אינדיווידועל און עקסטראַ אינטער־אינדווידועל. די אויפגאַבע פון רעליגיע איז צו עטאַבלירן דעם אינערלעכן און אויסערלעכן אינטעראינדיווידועלן עגאָ. דער „ואעשך לגוי גדול" איז אימפּעראַטיוו און אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַר רעליגיע. ד. ה. רעליגיע טויכט אַרויף דעמאָלט ווען עס איז דאָ אַ סכנה פאַרן ציבור פאַנאַנדערצופאַלן און פאַרן יחיד'ישן באַוואוסטזיין צו דעקאָמפּאָזירן אויף איינצלנע באַשטאַנדטיילן, זעלנצושטאַנדן. רעליגיע קומט און שאַפט דעמאָלט דעם אייגנאַרטיקן „אתה בחרתנו", דאָס מיינט, זי פאַרווירקלעכט אין אַ מינימאַלן גראַד די אינוועטיוויטעט פון דער גרופּן־פאָרמאַציע. אָבער בכדי זי זאָל זיך קענען אַזוי אויסערן און אַקטואַליזירן מוז זי באַווייזן, קודם־כל, צו שאַפן דעם אינערלעכן איך.

די חיה דאַרף עס ניט און קען עס ניט באַווייזן. און דעריבער איז די חיה ניט רעליגיעז, אויך ניט וויסנשאַפטלעך און אויך ניט טעכניש און אויך ניט פאַרברעכעריש.

דער מענטש אָבער מוז זיין רעליגיעז אויב ער וויל נאָר ניט זיין קיין ווילדע חיה אָדער שטוביקע בהמה.

זיין רעליגיעז אין פולן פשט פון וואָרט מיינט זיך אידענטיפיצירן מיט דעם אָנכי־יהוה.

## 3

# „איך" און „ער" באַהעפּטונג

„'ער' (הוא) איז די פאַראַלגעמיינערונג פון אלץ, די פאַראַלגע־מיינערונג פון דאָס אויבערשע און אונטערשטע. „איך" (אָנכי) איז די מיסטעריע פון דער אויבערשטער וועלט אין דער מיסטעריע פון הייליקן שם 'יהו'". (ע"ד).

„'איך' (אָנכי) איז די פאַראַלגעמיינערונג פון אויבן און אונטן, די פאַראַלגעמיינערונג פון די אויבערשטע און אונטערשטע, די פאַר־אלגעמיינערונג פון די חיות הקודש, וועלכע ווערן ארייגענומען אינגאנצן אין 'ער' אין דער מיסטעריע פון דעם 'איך' (אָנכי) (ע"ד[1]).

## א.

## מעשה־עגל און טויט

„האָט געזאָגט דער קדוש־ברוך־הוא: איך האָב געמיינט, אַז איר וועט ניט זינדיקן און איר וועט לעבן און האָבן באַשטאַנד פּונקט ווי איך; אַזוי ווי איך לעב און האָב באַשטאַנד אויף אייביק און אייביקע אייביקייטן. איך האָב געזאָגט: 'איר זייט אלהים און קינדער פון אויבערשטן זייט איר אַלע' (תהלים פ"ב, ו'), ווי די משרתים־מלאכים, וועלכע שטאַרבן ניט. אָבער אייך האָט זיך פאַרוואָלט אָט־די גדולה פון שטאַרבן, 'רעכט ווי אַ מענטש וועט איר שטאַרבן' . . . איך האָב געזאָגט: איר זייט אלהים — איר האָט אָבער זיך פאַרדאָרבן ווי אַ מענטש, לכן ווי אַ מענטש וועט איר שטאַרבן" (ע"ד[2]).

„די אידן האָבן ניט אויפגענומען די תורה נאָר בכדי דער מלאך־המות זאָל איבער זיי קיין שליטה ניט האָבן . . . איר האָט אָבער פאַרדאָרבן אייערע מעשים און דעריבער וועט איר שטאַרבן ווי פּשוט'ע מענטשן" (ע"ה).

דער מלאך המות וואָלט ניט געהאַט קיין שליטה איבער זיי, ווען ניט דער מעשה־עגל. דאָס הייסט אַזוי, ווען די אידן וואָלטן געהאַט באַגריפן די לערע פון אידנטום און ניט פּראָיעקטירט זייער נאַציאָנאַל־אינטעראינדיווידועלן איך, אים ניט אַריינגעטאָן אין אַ טאטעם, אין אַ בעלי־חי, נאָר בלויז אויסשליסלעך אין אָנוכי־יהוה, אין דעם איך־ער אַלס אייביקייט, אַלס ריינעם סוביעקט, וואָלטן זיי אַלס ציבור, אַלס אַ

רבים, געוואָרן אַן אמת'ער אלהים דורך דער אַקציע פון אידענטיפי־קאַציע. אָבער דאָס איז אַ געדאַנק וואָס דרייט זיך אין אַ קרייז. וואָרים דאָ פרעגט זיך גלייך: וואָס איז טאַקע געווען מיט זיי די מעשה? פאַרוואָס האָבן זיי טאַקע זיך געמאַכט אַן עגל? זיי האָבן עס גע־טאָן דערפאַר וואָס זייער ציבור־עגאָ איז ניט געווען גענוג אַנטוויקלט, אַז ער זאָל זיך קענען צוריקהאַלטן פון, ניט דאַרפן אָנקומען צו, גראָ־בער, מגושמ'דיקער אָביעקטיווירונג און בלייבן אַ סוביעקט, וועלכער פראָיעקטיצירט זיך אין דער אידייע פון איכהייט, און גייט פון זיך, פון זיין אייגענעם אינערלעכן רשות־היחיד, ניט אַרויס.

און דאָס מיינט דער מדרש ווען ער זאָגט:

„ווען די אידן וואָלטן געוואַרט אויף משהן און זיי וואָלטן ניט געהאַט געטאָן יענע טאַט, וואָלטן אויף זיי קיין שליטה ניט געהאַט ניט געטשנדינסט און ניט דער מלאך־המות" (ע"ו).

עבודה־זרה, געטשנדינסט און טויט־שטראָף קומען צוזאַמען, מחמת טויט איז דער פועל־יוצא פון אידאָלאַטריע, פון דעם טאַטעם־סיסטעם, פון דער זינד פון צעטיילונג און אָביעקטיווירונג פון דער איכהייט, פון דער איך־ער'קייט, זיכערקייט (ע"ז).

די אינדענטיפיצירונג פון אייגענעם איך מיט דעם בעל־חי, וועלכער לעבט און איז אויסגעזעצט צו דעם אומפאַרמיידלעכן שיק־זאָל פון טויט איז טאָטעמיזאַציע; טהעראָמאָרפיזאַציע מיינט די פאַרערונג און פאַרהערלעכונג פון די בעלי־חיימ'שע אייגנשאַפטן. און דאָס דער־לאָזט ניט, בשום־אופן, אַז דער מענטש זאָל זיך אויפהויבן העכער פון דעם אַנימאַלן ניווא הן פיזיאָלאָגיש און הן פסיכאָלאָגיש. און וויבאַלד דער בעל־חי איז אַ 'טויטלינג', מוז דער מענטש נפטר ווערן. טאָטעמ־מיזירונג פון אַ בעל־חי מיינט פסיכאָלאָגישע סעקסואַליזירונג פון דעם אַנימאַל, ד. ה., אַ משכב־בהמה אין דעם מענטאַלן פסיכאָלאָגישן מיין פון וואָרט. און דער פסיכישער משכב־בהמה איז פאַרבונדן מיטן פיזיאָלאָגישן משכב־בהמה, מיט בעסטיאַליטעט אין פשוט'ן פשט פון וואָרט, ווי עס איז צו זען פון די איבערלעבונגען פון די פרימיטיווע שבטים, וועלכע באַהויפטן אַז זייערע פירער, הערשער שטאַמען אָפּ פון דעם טאָטעם בעל־חי. דאָס מיינט, אַז זיי באַהויפטן, פשוט גערעדט, אַז זייערע פירער און זייערע פירערס־עלטערן האָבן פראַקטיצירט מיט דורות צוריק, אויב ניט איצט, משכב־בהמה. גאַנץ נאַטירלעך, אויב עס שטייט זיי אָן צו פאַרהערלעכן און דעאיפיצירן אַ טאָטעם בעל־חי, פאַר־וואָס זאָל זיי ניט אָנשטיין צו האָבן מיט אים אויך סעקסועלן פאַרקער.

נאָך מער וואָס סעקסועלער פאַרקער איז תמיד געווען ביי די פאַרציי־טיקע פעלקער אַ טייל פון זייער גאָטעסדינסט.

און דאָס איז די לערע פון תלמוד און זהר מכוח דעם אַז דער שלאַנג האָט געהאַט געשלעכט־פאַרבינדונגען מיט חוה'ן „און האָט אין איר אַריינגעוואָרפן די שמוץ" (ע"ח). „חוה איז געקומען אויף דער וועלט האָט זי זיך באַהעפט מיטן שלאַנג און ער האָט אין איר אַריינ־געוואָרפן די שמוץ" (ע"ח), זי אָראָפּגעדריקט צו דער נידעריקייט פון דער חיה, דורך דעם וואָס ביידע האָבן זיך געשטעלט אויף איין ניוואָ.

אָט אַזוי פאַרקניפּט זיך דער מעשה עגל מיטן נחש און מיטן טויט.

דער מדרש האָט אָבער געהאַט אַ מער דערהויבענע פאָרשטעלונג מכוח דעם מענטשן און זיין מערכה אויף דער וועלט. די חכמי התל־מוד האָבן געגלויבט, אַז דער מענטש האָט געדאַרפט האַלטן זיין קורס אויף אַרויפצו, צו די מלאכים, ניט אַראָפּצו, צו די בעלי־חיים, צו דעם אַנימאַלן קיניגרייך, נאָר אַרויפצו, צו דער אידייע פון איכהייט, איכערקייט, פון וועלכער דער מענטש שטאַמט אָפּ, ווי עס איז צו זען פון זיין זעלבסט־באַגלויבט־זיין און, נאָכהער, פון זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין.

טאָטעמיזם גייט האַנט־אין־האַנט מיטן אַנימאַל־סעקסואַליזם, מיט בעסטיאַליזם — און דאָס ברענגט טויט צו דעם יחיד און צו דער גרופּע.

ב.

# איך סימבאָליק: מעשה מרכבה, קרבן־פּסח, פּרה־אדומה

דער עגל איז געווען דער טאָטעם פון דעם איך־ער, פון דעם אהיה, פון דעם עגיפּטישן 'איך בין'. „'חג ליהוה מחר' (שמות ל"ב, ה') עס שטייט ניט 'חג לעגל מחר', נאָר 'ליהוה'" (ע"ט). דאָס ווייזט אַז די קאַלב און דער יהוה האָבן זיך אידענטיפיצירט. 'איך בין' אין עגיפּטן איז רעפּרעזענטירט געוואָרן פון דער זון, וועלכע איז איינע אַליין אין דעם בייטאָגיקן הימל. די זון, ווידער, איז פאַרטראַכטן גע־וואָרן פון אָקס, איבערהויפּט, פון זיין אויג, דעם אָקסן־אויג, וועלכער

האָט סימבאָליזירט און עמבלעמאַטיזירט די זון און, ממילא, דעם 'איך בין', אָדער די לבנה, ווי עס איז אָנגעדייט געוואָרן פריער.

„זיי האָבן זיך געמאַכט אַ קאַלב אין חורב און האָבן זיך געבוקט צו אַן אָפּגעגאָסן בילד. און זיי האָבן פאַרביטן זייער ערע מיט דער געשטאַלט פון אַן אָקס, וואָס עסט גראָז" (פ"י).

זייער אייגענעם ווערט, זייער חשיבות, זייער איכהייט האָבן זיי אויסגעביטן אויף אַן אָקס, אַ קאַלב. מעגלעך אַז אַ קאַלב פאַר די ווייבער, אַן אָקס פאַר די מענער.

„וואָס מיינט די געשטאַלט פון אַן אָקס? דאָס איז די קאַלב.. 'און זיי האָבן פאַרביטן זייער כבוד' — דאָס איז די שכינה" (פ"א). „און מיין פאָלק האָט פאַרביטן זיין ערע מיט אַן אומנוץ" (פ"ב).

דעם אלהים האָבן זיי פאַרביטן מיט אַ געטש, מיט אַ טויגע־ניכטס, אַ לאָ־יוצלח, אַן אינסטיטוציע, וואָס קען זיי קיין שום נוצן ניט ברענגען, נאָר, פאַרקערט, פיל שאַדן.

„אלהים דאָס איז די ערע פון ישראל. און דאָס איז דער סוד פון דעם וואָס שטייט געשריבן, 'און זיי האָבן פאַרביטן זייער ערע מיט דער געשטאַלט פון אַן אָקס', די ערע פון ישראל" (פ"ג).

די ערע פון ישראל איז דער יהוה, דער סוביעקט פון אידישן ציבור.

פאַרוואָס איז דער עגל געמאַכט געוואָרן פון גאָלד? בכדי ער זאָל דערמאָנען די זון, אין איר אויפגאַנג און אונטערגאַנג, ווי דער זהר זאָגט „און גאָלד איז פון דער זון" (פ"ד) אָדער אום בעסער צו סימבאָליזירן די שיינענדיקע לבנה.

ווען מיר פאַרשטייען דעם ענין עגל, וועלן מיר אַן פיל שווע־ריקייטן פאַרשטיין, וויפיל־ניט־איז די מעשה־מרכבה סימבאָלן, אין יחזקאל, קאַפּיטל א'.

„און די גלייכעניש פון זייערע געזיכטער איז דאָס געזיכט פון אַ מענטש, געזיכט פון אַ לייב . . . פון אַן אָקס . . . פון אַן אָדלער" (פ"ה).

די אַלע זיינען עמבלעמען פון דער זון, אָדער פון דער לבנה, און זיי רעפּרעזענטירן דעם 'אהיה', דעם 'איך בין', דעם 'איך וועל זיין'. זייערע פיס זיינען אַ 'קאַלבן־פוס' און זיי בלישטשען ווי פּאָליר־טער קופּער, אַ בליאַסק וועלכער דערמאָנט די הימל ליכטער. זיי זיי־נען „פול מיט אויגן" (פ"ז), ווי אַרגוס, וועלכער איז געווען דער סימ־באָל פון דעם זעענדיקן אויג פון דער זון און פון דער לבנה (פ"ח).

די מרכבה שטעלט פאַר מיט זיך דאָס פולע בילד פון דער איכ־הייט, וועלכע שטעלט זיך צוזאַמען פון דער חייה, בהמה און עוף און איבער זיי אַלעמען פּרעזידענצירט דער מענטש. „און אויף דער גלייכעניש פון שטול איז דאָ אַ גלייכעניש ווי די געשטאַלט פון אַ מענטשן אויף אים פונאויבן" (פ"ט). „ווייל עס שטייט געשריבן מענטש' ווייזט עס אַז ער איז די פאַראַלגעמיינערונג און די פּערפעקציע פון דעם אַלעם . . . און די גלייכעניש פון זייערע געזיכטער איז דאָס געזיכט פון מענטשן, ער איז דער כלל פון אַלץ און אַלץ איז אַריינגענומען אין יענער געשטאַלט . . . ' און יהוה אלהים האָט באַשאַפן דעם מענטשן — מיטן פולן שם . . . ווייל דער מענטש איז די פּערפעקציע און פאַראַלגעמיינערונג פון אַלץ" (צ'). „איינער איז אַ לייב . . . איינער אַן אָקס . . . און איינער אַן אָדלער . . . דער מענטש איז דער כלל פון אַלץ" (צ"א) „ . . . דער מענטש איז די אויפטואונג פון דער מעשה־מרכבה, ווייל ער האָט צונויפגעשמאָלצן איינס מיט דאָס אַנדערע און די דאָזיקע אויפטואונג איז די שלימות פון דעם אַלעם" (צ"ב).

די סימבאָלן פון דער מרכבה זיינען דורכזיכטיקע אָנדייטונגען אויף דער מענטשלעכער איכהייט. דער פייער איז דער סימבאָל פון דער זון און דער לבנה.

דאָס אייגענע איז די תיבה פון נח'ן, וועלכע האָט אויך אַנטהאַלטן אַט־די פיר תחומים פון מענטש, חייה, בהמה און פויגל (צ"ג). וואָס איז, אייגנטלעך, די תיבה? דאָס איז דער סימבאָל פון דער איכהייט, פון גאַנצקייט, ווי דער ארון העדות.

„וואָס איז די תיבה? דאָס איז דער ארון פון בונד . . . ווי עס שטייט געשריבן, 'און איך וועל אויפריכטן מיין בונד מיט דיר' (בראשית ו', י"ח) . . . און איידער ער האָט אויפגעריכט דעם בונד איז ער ניט אַריין אין תיבה . . . און אַזוי איז די תיבה דער ארון פון בונד" (צ"ד).

דער ארון איז געווען צוגעדעקט מיט גאָלד, און די כרובים זיינען געווען פון גאָלד (צ"ה) אַלץ עמבלעמען פון זונענשיין און לבנה־ליכט.

איצטער וועלן מיר אויך באַגרייפן דעם ענין פון קרבן־פסח, וועלכער איז געווען דער בייגעקומענער טאָטעם. ער באַדייט דאָס אריבער־וואַקסן פון טאָטעם־פייערונג (זע, „אידישקייט", ז. 134). דעריבער האָבן זיי אים געגעסן מיט אַזאַ פייערלעכקייט, מיט אַזאַ אינטערעסאַנטן צערעמאָניאַל. דער קרבן־פסח איז דאָס גובר־זיין פון עגל־

קולט, אָקס־קולט, שעפּס־טאטעם. דאָס איבערווינדן קומט פאַר אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער, מיט אַן אַרויפשרויף פון דער קדושה פון טאטעם, וועלכן מ׳דאַרף עסן בכדי אים צו אַסימילירן, איבערקאָכן אין פליייש און בלוט. דערפאַר פילט מען ניט קיין פאַראַכטונג צו דעם בעל־חי, נאָר פאַרקערט אַן אומגעהויערע פאַרערונג. מ׳עסט דעם קרבן־פּסח מיט גרויס פייערלעכקייט. „קיין פרעמדער טאָר זיך אין דעם עסן ניט באַטייליקן״ (צ״ו). קיין אומריינער, קיין אומבאַשניטע־נער טאָר צום מאָלצייט ניט צוגעלאָזט ווערן (צ״ז). איבערלאָזן אויף מאָרגן טאָר מען ניט, אַ בייז צעבראָכן טאָר מען ניט (צ״ח). די טאָ־טעם־פאַרצערונג איז אַ הייליקע צערעמאָניע, אַ טייל פון אַ געטש־קאַלב־קולט וועלכן מ׳וויל און מ׳ווען באַזייטיקן אָבער מ׳איז פאַר־זיכטיק בשעת מ׳טוט דורכזעצן אָט־די פאַראַנטוואָרטלעכע באַזייטיקונג. אַז דער געפּעכט איז געווען אַ שווערער און אַ לאַנגער זעט מען דאָך פון דעם וואָס די בני־ישראל זיינען גאַנץ אָפט צוריק צוגעפאַלן צום קאַלב־קולט, וועלכער איז באמת דער אייגענער איך־קולט, נאָר פאַר־גראָבט, פאַר׳מגושמ׳ט, פאַגאַניזירט.

„האָט געזאָגט דער קדוש־הוא צו משה׳ן: כל זמן די אידן דינען צו דעם גאָט פון די מצרים וועלן זיי ניט אויסגעלייזט ווערן. גיי, זאָג זיי, אַז זיי זאָלן פאַרוואַרפן זייערע שלעכטע טואונגען און זאָלן אָפּלייקענען די עבודה־זרה, דעריבער שטייט געשריבן: משכו וקחו לכם, ׳ציט און נעמט אייך׳ (שמות י״ב, כ״א) דאָס מיינט ציט זיך צוריק פון דעם פרעמדן קולט און נעמט אייך שאָף און שעכט דעם גאָט פון די מצרים און מאכט דעם קרבן פּסח . . .

בשעת דער קדוש־ברוך־הוא האָט געהייסן משה׳ן שעכטן דעם קרבן־פּסח, האָט משה געזאָגט צו אים: באַשעפער פון דער וועלט, ווי קען איך טאָן אזא זאַך, ניט־שוין־זשע ווייסט דו ניט, אז דאָס שאָף איז דער גאָט פון די מצרים, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, ׳מיר וועלן שעכטן דעם גרויל פון די מצרים פאַר זיי אין די אויגן און זיי וועלן אונדז ניט פאַר־שטיינען?׳ (שמות ח׳, כ״ב)״ (צ״ח 1) דער טאָטעם איז געווען אַן אלגע־מיינער, ער איז פאַרהערלעכט געוואָרן סיי פון די מצרים און סיי פון די אידן.

„יענע האָבן געדינט עבודה זרה און די האָבן געדינט עבודה זרה״ (צ״ח 2) פאַרגעטערט דעם זעלביקן טאָטעם.

דער קרבן־פּסח איז דאָס בייקומען פון דעם טאָבו פון טאָטעם.

דער אויסטייטש פון קרבן־פּסח וועט אונדז אויך אַרויסהעלפן אין פאַנאַנדערדריבלען דעם פרה־אדומה קאַלטן. דאָ באַגעגענען מיר זיך

ווידער מיט אַן איכהייט־עמבלעם, און אַן איבערבלייב פון אַ טאַטעם. זי דאַרף זיין רויט בכדי צו דערמאָנען די לבנה אָדער די זון. מ'פאַר־ברענט זי און מ'פאַרמישט איר אַש מיט וואַסער, מיט דעם געמיש שפריצט מען אויף אומריינע און דאָס באַדייט דעם סוף פון זייער טומאה־פעריאָד.

„און די אונטערשטע שכינה דאָס איז די פרה אדומה, זי איז פון דער זייט פון גבורה . . . אויף איר איז ניט אַרויף קיין יאָך . . . פון דער זייט פון דער אויבערשטער שכינה, וועלכע איז די פולע פריי־הייט אין דעם געביט וואו זי הערשט" (צ"ט).

די פרה אדומה איז אַ בייגעקומענער טאַטעם, אַן עקס־טאַטעם, אַ סימבאָל פון דער איכהייט, פון דעם איך בין. זי איז אַזוי וויכטיק ווייל זי שטעלט פאָר 'דאָס ווייבלעכע' וואָס אין דעם איך. „זי (די פרה אדומה) איז פון דער זייט פון גבורה פונקט ווי דער אָקס. דער אָקס איז פון דער לינקער זייט"(קי). די מוטער איז אויך פון דער זייט פון גבורה, דאָס אייגענע די שכינה.

אָט אַזוי דרייען זיך און קניפּלען זיך די סימבאָלן. און מיט זיי ענדערן זיך, עוואָלוציאָנירן און טראַנסמוטירן די איינשטעלונגען, די צער־עמאָציאָנאַלן־סיסטעמען.

„'זאָל מיין האַרץ גאַנץ זיין אין דיינע געזעצן' (תהלים קי"ט, פּ'), דאָס איז דאָס געזעץ פון קרבן־פסח און דאָס געזעץ פון דער פרה־אדומה. פאַרוואָס? וויילביידע זיינען גלייך איינע צו דער אַנדערער. ביי דעם ווערט געזאָגט 'זאת חוקת הפסח' און ביי דער ווערט געזאָגט, 'זאת חוקת התורה', און מ'ווייסט ניט וועלכע 'חוקה' איז די גרעסערע" (ק"א).

ביי דעם פסח־קרבן שטייט דאָס וואָרט חוקה און דער זעלביקער וואָרט ווערט געברויכט אין אַנזאָג מכוח דער פרה אדומה.

„אז זיי זיינען געקומען צו דער פשרה פון דער פרה אדומה, האָט דער קדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו משה'ן: משה, דאָס וואָס איך האָב דיר געזאָגט, גיי זאָג עס צו די כהנים . . . האָט משה געזאָגט צו אים: רבונו־של־עולם, צי דען איז זי ריין? האָט דער קדוש־ברוך־הוא געזאָגט צו משה'ן: דאָס איז אַ חוקה, און איך האָב גוזר געווען אַ גזירה, און קיין באַשעפעניש קען ניט פאַרשטיין מיין גזירה ווי עס שטייט געשריבן, 'זאת חוקת התורה' (במדבר י"ט, ב')" (ק"א 1)

„פאַרוואָס זיינען אַלע קרבנות זכרים און די (פרה אדומה) איז אַ נקבה? האָט ר' איבו געזאָגט: עס איז געגליכן צו אַ זון פון אַ דינסט, וועלכער האָט אָנגעמאַכט אין קיניג'ס פּאַלאַץ. האָט געזאָגט דער קיניג:

זאָל קומען זיין מאַמע און זאָל אָפּרייניקן די טינופּת. אזוי האָט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער געזאָגט: זאָל קומען די קו און מכפּר־זיין אויף דעם מעשה־עגל" (ק"א 2) אויף דער קאַלב. סיי די קאַלב און סיי די קו זיינען דער אייגענער טאַטעם, וואָס דער קרבן־פּסח.

„זאת חקת התורה . . . ויקחו אליך פרה אדומה" (ק"ב), „זאת חקת הפסח" (ק"ג): דאָס איז דערפאַר, וואָס ביידע, סיי דער קרבן־פּסח און סיי די פרה אדומה שטעלן פאַר מיט זיך דעם געוועזענעם און בייגעקומענעם, איך־טאַטעם, פון וועלכן עס איז פאַרבליבן בלויז אַ דערינערונג אָדער אַ סימבאָל, אַ טייל פון אַ צערעמאָניאַל. די פאַרגאַנגענהייט גייט ניט אַוועק אַזוי לייכט, זי איז אַ גרויסע עקשנ'טע. זי איילט זיך ניט מיט דער עוואַקואַציע. אַנשטאַלטן ווערן ניט אָפּגעשאַפן איינס־צוויי. זיי ווערן איבערגעפורעמט, איבערגעמאָדעלירט, און אַזוי שטופנווייז פּאַמעלינקעס גייען זיי אַריבער פון איין טראַנסמוטאַציע צו אַן אַנדערער.

אָבער די כוונה פון די אַלע אינסטיטוציעס און סימבאָלן־סיסטעמען איז איינע, און דאָס איז דאָס שאַפן די אידענטיפיקאַציע פון קליין־איך, פון מיקראָ־עגאָ פון מענטשלעך־חיה'שן־וועגעטאַטיוון איך מיט דעם גרויס־איך, דעם מאַקראָ־עגאָ, דעם אין־ סוף־איך, דעם 'אין־עוד'.

ג.

# יהוה אַלס מוסטער

„'צו גיין אין זיינע וועגן', — דאָס זיינען די וועגן פון דעם הייליקן־געבענטשט-איז-ער, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: 'יהוה, יהוה איז אַ באַרמהאַרציקע און גנאָדיקע מאַכט, געדולדיק און פיל־חסד און אמת. ער טוט גנאָד צו טויזנטער. ער פאַרטראָגט אומרעכט, פעלשונג און זינד' (שמות ל"ד, ו' ז'). ווי דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער הייסט דער באַרמהערציקער און גנאָדיקער אזוי אויך דו זיי באַרמהאַרציק און גנאָדיק, און שענק מתנות אומזיסט צו אַלעמען. אַזוי ווי דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער הייסט צדיק, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: 'יהוה איז אַ צדיק אין אַלע זיינע וועגן' (תהלים קמ"ה י"ז), אויך דו זיי אַ צדיק. ווי דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער איז אַ חסיד

ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, 'און ער איז אַ חסיד אין אַלע זיינע טו־אונגען' (דאָרטן) אויך דו זיי אַ חסיד" (ק"ד).

„עס שטייט געשריבן, דאָס איז מיין אל און איך וועל אים באַוואוינען, זיי גלייך צו אים, ווי ער איז גנאָדיק און באַרמהאַרציק אַזוי זאָלסטו זיין גנאָדיק און באַרמהאַרציק"(ק"ה).

„תמים תהיה עם יהוה אלהיך" — גאַנץ וועסטו זיין מיט יהוה, דיין אלהים (ק"ו).

„ 'תמים תהיה עם יהוה אלהיך', (דברים י"ח, י"ג). גאַנץ וועס־טו זיין — און דערנאָך וועסטו שוין זיין מיט יהוה דיין אלהים אין איין שטייגער" (ק"ז).

„זייט איר פּערפעקט, ווי אייער פאָטער איז פּערפעקט" (ק"ח).

אויב אַ תהום עקזיסטירט צווישן מענטשן און יהוה, טאָ ווי אַזוי קען גאָר דער מענטש טראַכטן וועגן דעם אז ער דאַרף אים נאָכטאָן, ווי אַזוי קען גאָר אַ בשר־ודם, אַ ילוד־אשה, אַ פּרוי־געבוירענער די העזה האָבן זיך צו פאַרגלייכן מיט יהוה: וויבאַלד ער איז באַרמ־האַרציק דאַרף אויך איך זיין באַרמהאַרציק, ער קען זיך דערלויבן עס צו זיין, ווי קום איך אָבער צו דעם?! דער ענטפער איז פשוט, אַזאַ תהום איז ניטאָ. דער פאַקט אז דער מענטש פאַסט אויף דעם יהוה אַלס באַרמהאַרציק, ווייזט קלאָר, אַז דער מענטש אַנדערקענט באַרמהאַרציקייט פאַר אַ גוטע מידה, פאַר עפּעס אַזעלכעס וועלכעס ער פאַרמאָגט אין זיין בעסערן זעלבסט. אויב דער עגאָ, דער יהוה איז אַ רחום וחנון מוז דער מענטש זיין אַ רחום וחנון, איז שוין דער מענטש אין זיינע בעסערע דערהויבענע מינוטן, אַ רחום וחנון. די טאָט־זאַך פון דעם מענטשנס צושרייבונג צו יהוה אַזעלכע אייגנשאַפטן צייגט אָן באַשיינפערלעך אַז ער איז עס שוין, אַז ער האָט עס שוין דער־גרייכט אין זיין בעסערן איך. און דער בעסערער איך זאָגט עס אָן דעם ערגערן איך אַז ער זאָל זיך אויפפירן ווי געהעריק. אדער דער בעסערער מענטש שאַפט עס געבאָטן פאַר דעם ערגערן טיפּ. דער העכער־אַנטוויקלטער זאָגט אָן דעם ווייניקער אַנטוויקלטן. אָבער דער הויך אנט־וויקלטער איז דאָך נאָך אַלץ אַ מענטש, און דאָס באַוואוסטזיין פון דער נויטיקייט אָדער נוצלעכקייט אָדער גוטקייט פון גוטסקייט, פון רחמנות־געפיל ווייזט אַז אָט־די עמאָציע, אַז די דאָזיקע שפּירונג איז שוין גע־וואָרן אַ קנין, אויב ניט פון אַלעמען, פון אַ מינדערהייט, פון די אויס־דערוויילטע, פון דער עטיש־איניציאַטיווסטער מינאָריטעט.

'תמים תהיה עם יהוה אלהיך' גאַנץ און פולקומען וועסטו זיין מיט יהוה, דעם איך־ער. אום צו זיין און ווערן אַ גאַנצער איך, פאָדערט

זיך אַ צוזאַמענשמעלצונג פון דעם איך מיט דעם ער. און עס איז ניטאָ קיין אַנטאַגאַניזם צווישן דעם פשוט'ן מענטשן און דעם איך־ער, דעם רבונו־של־עולם. עס איז אַ פראַגע פון פאַרטיפונג, אינטענסיפיצירונג, פאַנאַנדערוויקלונג פון די כוחות פון איכהייט. איכהייט, איך־ער־יקייט, זיכערקייט איז יהוה'טום.

בלויז אומוויסנהייט, אומפאַרגעבלעכע איגנאָראַנץ, געדאַנקען־איבערטישקייט פוילט זיך צו מאַכן דעם גויטיקן טריט פאָראויס און זיך אַריינעסן מיט די אויגן אין דער צוקונפט־פּאַנאָראַמע און דערזען אַז די ערא פון גאולה וישועה שטייט אַזוי אויפן שוועל פון מעטנשלעכן באַוואוסטזיין שוין פאַר טויזנטער יאָרן. זי וויל אַריינקומען צו יעדן דור אין האַרצן אַריין. דער קץ שטייט לעבן טיר אַן אומגעדולדיקער. די איך־ערקייט, זיכערקייט־צייט מיט איר גאַנצער פראַכט, מאַכט און רום האַלט אין אָנקומען. ווי עס זאָגט עדות דער פסוק: תמים תהיה עם יהוה אלהיך.

אום צו זיין גאַנץ, צו זיין פּערפעקט מוז מען ווערן אַ כול־יכול. צו זיין גאַנץ מיט יהוה, צו ווערן פול דורכגעדרונגען מיט יהוה־דערקענטעניש און יהוה־געפיל מיינט ניט אַנדערש ווי ווערן אַן אני־יהוה.

„איר זייט קינדער צו יהוה" (ק"ט).

און אַ קינד דאַרף זיין געראָטן אין זיין פאָטער. אַן עפּל פאַלט ניט ווייט פון עפּלבוים. מ'דאַרף זיך צופיל ניט פאַרלאָזן אויף דעם ווערטל פון די תלמוד־חכמים וואָס זאָגט, אַז 'די תורה האָט גערעדט דעם לשון פון די מענטשן־קינדער' (ק"ט 1) די ביבל מיינט וואָס זי זאָגט. זי איז ניט פאַנטאַסטיש, הגם זי איז פוטוריסטיש. אירע פיגורן פון ריידן אַנטהאַלטן מיינונגען, פּאָראויסזאָגונגען, און זיי זיינען ניט דבורים גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. די ביבל וואַרפט זיך ניט מיט פוסטע פראַזן. זי מיינט וואָס זי זאָגט און זי זאָגט וואָס זי מיינט.

'איר זייט קינדער צו יהוה'. אַמאָל טרעפט אַז די קינדער שטייגן אַריבער זייערע עלטערן. יעדנפאַלס דאָס אַריבערשטייגן די עלטערן פון די קינדער איז בלויז אַ פראַגע פון צייט. גיט די קינדער צייט, האָט געדולד מיט זיי, גיט זיי אַ נאָרמאַלע, געזונטע פעדאַגאָגישע דערציאונג, און זיי וועלן אויסוואַקסן און ווערן פאָטערס צוגלייך מיט זייערע פאָטערס און פאָטערס פאָטערס און אפילו זיי אַריבערוואַקסן, זיי אַריבערשטייגן אין חכמה, געזונט, פייאיקייטן. יעדער נאָרמאַל־דערצויגענער זון דאַרף וועגן זיך קענען זאָגן ווי קאָנפוציעס לעגענדע דערציילט, הגם ער איז געבוירן געוואָרן פון זיין טאַטן איז ער אָבער

עלטער געווען, — גייסטיק, מאָראַליש, אינטעלעקטועל, — פון זיין פאָטער.

„און די אידן זיינען קינדער פון אויבערשטן, מחמת זיי זיינען פון זיין הויזגעזינד וואָס איז שייך זייערע זעלן . . . און עס שטייט געשריבן, 'בלויז איך האָב איך געקענט', געקענט מיינט דאָ דאָס אייגענע ווי 'און אָדם האָט געקענט חוה'ן, זיין ווייב', 'און אלקנה האָט געקענט' . . . דאָס איז אַ פאַרהוילענע מיסטעריע".(ק״י).

יעדער זון דאַרף זיין עלטער פון זיין פאָטער, לויט בעקאַנס שפרוך: 'מיר זיינען עלטער!' פון דעם אַלטערטום. עלטער מיינט מער אַנטוויקלט, אַריבערגעוואַקסן. מיר זיינען עלטער פון די פאַרצייטיקע דורות, און קינדער זיינען עלטער פון זייערע עלטערן. זיי דאַרפן זיין עלטער, קליגער, געשיקטער, דערפאַרענער. זיי האָבן אַלע שאַנסן צו זיין אַזוי.

„גיי און זע ווי באַליבט זיינען די אידן פאַרן קדוש־ברוך־הוא, אַז אין יעדן אָרט וואו זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן איז די שכינה מיט זיי: מ'האָט זיי פאַרטריבן קיין מצרים, איז די שכינה געווען מיט זיי; מ'האָט זיי פאַרטריבן קיין בבל — איז די שכינה געווען מיט זיי"(ק״יא).

די אידן און די שכינה, דער כביכול, זיינען אידענטיפיצירט. זיי זיינען איין וועזן, איין מהות. תורת־משה פּראָקלאַמירט די פולקומענע סאָלידאַריטעט פון די אידן און יהוה.

„נאָך מער ישראל פאַרגאַנצט דעם גלויבן אין דער וועלט. און ישראל—אין הייליקן שם זיינען זיי גאַנץ. און ווען ישראל ווערן פערפעקט אין זייערע טואונגען, ווערט, כביכול, דער הייליקער שם פערפעקט. און ווען ישראל פירן זיך ניט אויף ווי געהעריק אונטן און זיי פאַרשולדיקן זיך גלות, איז דער הייליקער אויבן, כביכול, ניט גאַנץ". (ק״ב)

„'און יהוה וועט זיך אומקערן מיט דיין געפאַנגשאַפט'. עס שטייט ניט 'ער וועט אומקערן' (והשיב), נאָר ער וועט זיך אומקערן (ושב). צוויי 'ושב'ס שטייען דאָ געשריבן, איינער פאַר כנסת ישראל, און דער צווייטער פאַר דעם קדוש־ברוך־הוא. דעריבער שטייט געשריבן, 'און יהוה וועט זיך אומקערן מיט דיין געפאַנגשאַפט און ער וועט זיך און ער וועט דיך אויפזאַמלען פון צווישן אַלע פעלקער"(ק״ג).

„אַז די אידן וועלן ארויס פון גלות, וועט די אויסלייזונג זיין צו וועמען? צו די אידן אָדער צום הייליקן־געבענטשט-איז־ער? אלא וואָס דען . . . צו יהוה איז די ישועה, געוויס . . . און וועגן דעם האָבן מיר געלערנט אז דער קדוש־ברוך־הוא וועט זיך אומקערן מיט די אידן פון גלות. (ק״ג 1)

„ווען די אידן וועלן ארויס פון גלות, וועט די שכינה ארויס מיט זיי". (קי"ג 2)

„און אין מדרש פון רבי שמעון בן יוחאי עליו השלום שטייט אַזוי: 'דער הייליקער-געבענטשט-איז-ער האָט געזאָגט: 'און איך וועל אַריינגעבן מיין משכן אין אייך', מיין בעטל איז אין אייערע הייזער, און וויבאַלד מיין בעטל איז מיט אייך דאַרפט איר וויסן, אַז איך וועל זיך ניט אָפּשיידן פון אייך, און דעריבער זאָגט ער, 'און מיין זעל וועט אייך ניט פאַראיבלען'. און די בעטל איז די בעטל פון דעם קעניג וואָס דער פרידן איז זיינס, און וויבאַלד זיין בעט איז אין אונדזערע הייזער איז ער מיט אונדז און ער וועט זיך ניט אָפּשיידן פון אונדז און דעריבער האָט ער געזאָגט: 'און מיין זעל וועט אייך ניט פאַראיבלען, דאָס זיינען די ווערטער פון שם, דעם גרויסן שם וועגן זיך אַליין" (קי"ד).

„'וואָרים יהוה, דיין אלהים גייט זיך ארום אין דיין לאַגער דיך צו ראַטעווען' . . . וואָרים יהוה, דיין אלהים' — דאָס איז די שכינה וועלכע געפינט זיך ביי די אידן, און אפשיטא שוין אין גלות, צו באַשיצן זיי שטענדיק פון אַלע זייטן און פון אַלע איבעריקע פעלקער זיי זאָלן ניט אומברענגען די אידן". (קי"ד 1)

„די אידן זיינען באַליבט ביי דעם הייליקן-געבענטשט-איז-ער, אַז אין יעדן פּלאַץ, וואו זיי וואוינען, געפינט זיך דער קדוש־ברוך־הוא צווישן זיי, ווייל ער האָט ניט אָפּגעטאָן זיין ליבשאַפט פון זיי. עס שטייט געשריבן: 'און זיי וועלן מיר מאכן א טעמפל און איך וועל רוען ביי זיי' (שמות כ"ה, ח'). 'און זיי וועלן מיר מאכן א טעמפל' — סתם א טעמפל, מחמת יעדע שול אין דער וועלט הייסט א טעמפל . . . און די שכינה קומט אין שול". (קי"ד 2)

די שכינה געפינט זיך אין ישראל. און אַט־די שכינה היט אָפּ די אידן פון אונטערגאַנג און פאַרטיליקונג. אַט-די שכינה מאַכט פון ישראל, אַ פּאָליטישן שוואַכלינג, א גבור, א פּסיכאָלאָגישן גיגאַנט. יהוה און ישראל זיינען אידענטיש. אין ישראל איז פארקערפּערט די גרויסע אידייע פון איך־ערטום, פון דער סאָלידאַריטעט, וועלכע ווייסט ניט פון קיינע גבולים, א סאָלידאַריטעט, א שלום־לערע און פרידן־באַנעם, וועלכע אומפאַנגען ניט נאָר די גאַנצע מענטשהייט, אלס עפּעס אָרגאַנישעס גאַנצעס, נאָר אויך דעם גאַנצן קאָסמאָס. און ווען ישראל ווערט גע'רודפ'ט, ווייזט עס אַז די איכטום-שפּירונג, די איכטום־פאַרשטענדעניש איז נאָך ניט געקומען צו איר פולער אנטפלעקונג. 'די שכינה איז אין גלות' מיינט אַז די מענטשהייט איז נאָך ניט דערוואַקסן צו דער מדרגה, אַז זי זאָל

קענען אויפנעמען די יהוה־תורה, די יהוה־חכמה, אז די מענטשהייט איז נאָך ניט רייף, ניט צייטיק צו ווערן אַ אידנהייט, און דעריבער איז זי נאָך באמת ניט קיין מענטשהייט בפועל־ממש. מחמת אן אמת'ע מענטשהייט איז א אידנהייט, ד. ה. אַ פאַרקערפּערונג פון דער איכהייט־השגה און איכהייט-געפיל. אין ישראל איז יהוה פאַרקערפּערט. און ישראל איז, דעריבער, א מיניאטור מענטשהייט, אן 'אתם קרויים אדם'. די מענטש־הייט וועט אבער נעמען יהוה פאר א מוסטער און זיך דערהויבן און זיך דערהויכן, דאָס הייסט זיך רעאַליזירן, זיך דערקענען, זיך זעלבסט־באשטי־מען אלס א גאַנצקייט, אַלס אַן איכהייט. די מענטשהייט וועט קומען צו איר זעלבסט־באַוואוסטזיין און דעמאָלט וועט זי ווערן א אידנהייט, א פאַרקערפּערונג פון יהוה-לערע.

## ד.

# סוביעקט־אָביעקט

די אויפגאַבע פון תורת־משה איז צו דערהויבן דעם מענטשן צו דער דרגא פון יהוה, צו מאַכן פון אים, פון פשוטן איך אַן איך־ער. און אַזוי ארום מאַכן אַ סוף צו דער מענטשאַפּט און די טוגנטן פון מענטשאַפּט: מענטשאַפּט פאַרמאָגט טוגנטן, דאָס זיינען די יעניקע אייגנשאַפטן פון כאַראַקטער, וועלכע ניטצשע לויבט אין הימל אַריין, ווי גאווה, שטאַרקייט, זיג איבער יענעם, די דאָזיקע אַלע טוגנטן זיי־נען פאַגאַניסטישע, מעכאַנישע, אויסערלעכע, ניט קיין אינערלעכע, מוט, בראַווקייט, אַ דראַנג צו מאַכט, אַ ווילן צו הערשאַפט אויסגעאיבט איבער יענעם. די אידישע טוגנטן זיינען אינערלעכע. דער ניצחון דאַרף זיין פון אינעווייניק: 'ווער איז אַ גיבור? דער וואָס באַצווינגט זיינע אייגענע שוואַכקייטן"(קט"ו).

ניטשע זאָגט, אַז אַט־די עטיק איז אַ מאָראַל פון שקלאַפן. ער איז אינגאַנצן אומגערעכט. ער האָט צווייפאַך געגרייזט בנוגע זיין אָפּשאַצונג פון דער־דאָזיקער דיסציפלין און אידעאָלאָגיע. ווען אַט־די מאָראַל לערע ווערט מיסברויכט, ווערט אויסגענוצט פאַר פּאָליטישע תכליתים, ווי דאָס האָט געטאָן דער אָפיציעלער קירכן־קריסטנטום, ווערט זי דעמאָלט אַ פּאַסיקע מאָראַל־דאָקטרינע פאַר די וועלכע ווילן אָרגאַניזירן און באַצווינגען כלומר'שט באַפרייען און דורך דער פאַלשער

באַפרייאונג איבעראַנייס, אויף אַ נייעם מער עפעקטיוון שטייגער, פאַר־קנעכטן די צעבונטעוועטע שקלאַפן. זי איז אָבער קיינמאָל ניט קיין מאָראַל פון די שקלאַפן. ווייל די מאָראַל און שקלאַפעריי קענען בשום אופן ניט הויזן. ווען אַט-די מאָראַל ווערט געברויכט איז זי אַ מאָראַל פון געטער, פון אנכי־יהוה׳יסטן, אַ מאָראַל געבויט אויף דער אידייע פון אידענטיפיקאַציע פון איך און ער און אויף דער גרויסער דער־וואַרטונג און זיכערקייט אַז דער פרינציפּ און חוש פון פאַראיכונג איז באַגלויבט אַז ער וועט באַלוינען אַלע די, וועלכע וועלן לײדן פאַר זיין דורכזעצונג, וועלכע וועלן אויפאָפּערן זייערע צייטווייליקע הנאות, אפילו זייער פערזענלעכן און גרופּן וואוילזיין אויפן אַלטאַר פון דער קאָנצעפּציע וועלכע אַנטהאַלט אין זיך אַלע אין־לשער־גרויסע פּוטור־מעגלעכקייטן פון גליק און אמת׳ן זיג. און דער פּרייז ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, איז ער קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט דער מציאה וואָס דער מענטש האַנדלט זיך איין אדער וועט זיך איינהאַנדלען אין דער צוקונפט וועלכע ווערט במחשבה שוין אַ טייל פון דער קעגנוואַרט.

אנכי יהוה׳שאַפט איז אַ הויכע שטופע, דאָס איז דער שטאַפּל וועלכער קומט נאָך דער מדרגה פון מענטשענשאַפט. און תורת־משה און די נבואות פון די פּראָפעטן זיינען אויסן איין זאַך און דאָס איז צו לערנען דעם מענטשן, צו אַנטוויקלען אים, צו ווייזן אים דעם וועג, ווי אַזוי צו ווערן פון אַ יהוה, אַ רבונו־של־עולם בכוח, אַ יהוה בפועל ממש, אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן.

אין טאָטעמיזם דריקט זיך אויס דער פאַרלאַנג פון מענטשן צו גיין צוריק צו דער חיה, צו דער פלאַנצונג. דאָס איז אייגנטלעך אַ בענקעניש נאָכ׳ן שורש, עס איז אַ באַגער צוצופאַלן צוריק צום ערשטן מקור. און אַט־די ׳רעגרעס׳־לײדנשאַפט טרייבט דעם מענטשן, דעם פּרימיטיוון מענטשלעכן וועזן וועלכער איז ניט ווייט אַוועק פון אַני־מאַלן צושטאַנד, צו דעם געשלעכט־פאַרקער מיט בהמות גיכער ווי מיט פרויען. ווייל די ערשטע זיינען עלטער, נעענטער צום אור־שפּרונג און, ממילא, ׳הייליקער׳, קאָנסערוואַטיווער, מער עבר׳דיק. אין געטשנדינסט, בכלל, ליגט דער דורשט נאָך דער צוריק־באַהעפטונג מיט דאָס טויטע וואָס אין דער וועלט, אין דער נאַטור. דער איד האָט די דאָזיקע היים־בענקעניש, די צוריקציאונג־תאווה געשטילט מיט דעם צופאַלן צו דער מוטערלעכער ברוסט פון דער וועלט־אידייע, צום ׳שדי׳.

אין געשלעכט-לײדנשאַפט ליגט פאַרהוילן די תאווה צום פער־זענלעכן טויט און דאָס באַגעגענען זיך מיט דעם לעבן אין דער

גאַטונג. טיפער פאַרשטאַנען איז עס די גלוסטעניש זיך צו באַהעפטן מיט דער וועלט. נאָך טיפער, זיך פאַראייניקן מיט דער וועלט אַלס די עמאַנאַציע פון איכהייט, ד. ה., אַז ארום און ארום שליסט זיך דער קרייז. די באַהעפטונג און פאַראייניקונג מיט דער וועלט איז אַ באַהעפטונג און פאַראייניקונג מיטן איך פון דער וועלט, מיטן אייגע־נעם איך. און דאָס זאָגט אונדז דער פסוק 'ואהבת את יהוה' . . . און דו וועסט ליבן יהוה דיין אלהים מיט דיין גאַנצן האַרצן, מיט דיין גאַנצן זעל . . . אפילו ווען ער נעמט אַוועק דיין זעל, אפילו ווען ער, די גאַנצקייט, נעמט אַוועק דיין זעל, דיין קליינלעך פערזענלעכע עק־זיסטענץ און גיסט דיך אַריין אין מאַקראָ־עגאָ. און דורך דעם מיטל, דורך דער דאָזיקער רעליגיעזער ליידנשאַפט, דורך אָט־דער נאַטירלע־כער ליבידאָ האָט דער איד געוואָלט דערגרייכן דעם צווייטן ענד — דעם אייביקן לעבן, דעם חיי־עולם איינגעפלאַנצט אפילו אין יחיד, ניט נאָר אין דעם ציבור־עגאָ.

פרויד איבערטרייבט די וויכטיקייט פון דער פרוי, אין דער גע־שלעכט־תאווה. פיל עלטער פון איר איז די חייה. נאָך עלטער איז שפייז. נערונג איז אַ פאָרם פון הזדווגות מיט דער וועלט. נאָך טיפער אין צייט און העכער אין באַדייט איז דאָס בענקען פון סוב־יעקט נאָכן אָביעקט, דאָס גאַרן פון 'איך' צום 'איך' ביז צו דער אויסשליסונג פון דעם ניט־איך. דער זוהר שילדערט די דאָזיקע תשוקה אין סימבאָלן פון קיניג און קיניגין, מלך און מטרוניתא, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך דעם ציבור־סוביעקט, יהוה, און ציבור־אָביעקט, כנסת ישראל. און יעדער יחיד פון אינעווייניק פאַרמאָגט אָט־דעם ציבור־סוביעקט, זיין אינערלעכן אני־יהוה און זיין אינערלעכן ציבור־אָביעקט, זיין אייגענע אינערלעכע כנסת־ישראל.

וואָס קומט פאָר אין דער קעגנוואַרט ?

„וועגן דעם שטייט געשריבן, 'יהוה פון אויבן ברילט און פון זיין הייליקייט־וואוינונג לאָזט ער אַרויס זיין שטים, ברומען ברומט ער וועגן זיין היים', זיין היים בפועל ממש, דאָס איז די מטרוניתא. און דאָס איז זיכער אַזוי. און וואָס זאָגט ער ? ווי איז צו מיר וואָס איך האָב רואינירט מיין הויז וכו'. מיין הויז איז דער זיווג פון דער מטרוניתא" (קְּט"ז).

דאָס איז די טראַגעדיע פון דער מענטשלעכער נשמה, וועלכע קלאָגט אויף איר חורבן, אויף איר אייגענער צעשפּאַלטונג, צעשיידונג, פאַרפרעמדונג און גלות־צעשפליטערטקייט. די איצטיקע צייט שטעלט פאָר מיט זיך אַ טרויעריק בילד פון דער 'שכינה אין פאַרטרייבונג',

ווען די עלעמענטן האַלטן אין איין רייסן זיך, ווען דאָס ווייבלעכע איז אונטערדריקט, ווען דאָס מענלעכע איז ניט גאַנץ, דער סוביעקט איז צעריסן מיטן אָביעקט.

וואָס וועט זיין אין דער צוקונפט? ווי וועט זיך די דראַמע פון דער מענטשלעכער נשמה ענדיקן, טראַגיש אָדער טריאומפאַל?

„דער אויבערשטער ה' ווערט שוואַנגער פון ליבשאַפט און האַלט־האַבונג, ווייל דער י' שיידט זיך פון איר קיינמאָל ניט אָפּ. זי ווערט מעוברת און זי ברענגט אַרויס דעם ו'. דערנאָך געפינט ער זיך מיט איר און זי זויגט אים. און בשעת דער ו' קומט אַרויס, גייט אַרויס מיט אים זיין באַשערטע . . . דער י' פאַרבינדט זיך מיטן ה', דער ה' פאַרבינדט זיך מיטן ו', דער ו' בינדט זיך מיט'ן ה', דער ה' בינדט זיך מיט אַלעמען. און אַלץ איז איין פאַרבינדונג און איין זאַך. זיי שיידן זיך איינער פון דער צווייטער קיינמאָל ניט. און דער וואָס פאַרשאַפט, כביכול, אַ פירוד, אַ צעשיידונג, איז אַזוי ווי ער וואָלט חרוב געמאַכט די וועלט . . .

און אין דער צוקונפט איז דער קדוש־ברוך־הוא גרייט צו ברענגען די שכינה צו איר פּלאַץ, און זיי וועלן זיך האַלטן ביידע אין איין זיווג. ווי עס שטייט געשריבן, 'אין יענעם טאָג וועט יהוה זיין איינס און זיין נאָמען איינס' (זכריה י"ד). און דו וועסט פרעגן, און איצטער איז ער דען ניט איינס? ניין, איצטער זיינען די רשעים גורם, אַז ער זאָל ניט זיין איינס. ווייל די מטרוניתא דערוויטערט זיך פון קיניג און זיי געפינען זיך ניט אין זיווג. די אויבערשטע מוטער איז דערווייטערט פון מלך און זי זויגט אים ניט. ווייל דער מלך אָן מטרוניתא קען זיך ניט קרוינען מיט דער קרוין פון דער מוטער ווי גאָר פון אָנהויב פאַרצייטנס . . . און כביכול איז ניט איינס. און אין דער צייט, ווען די מטרוניתא וועט זיך אומקערן אין פּלאַץ און דער מלך וועט זיך באַהעפטן מיט איר אין איין באַהעפטונג, דעמאָלט וועט ער זיך פאַראייניקן אינגאַנצן ווי איינער, אָן צעשיידונג און אויף דעם שטייט געשריבן, אין יענעם טאָג וועט יהוה זיין איינס און זיין נאָמען איינס. 'אין יענעם טאָג', ווען די מטרוניתא קומט אין פּלאַץ אַריין און ער וועט זיך געפינען איינס אָן צעשיידונג . . . דעמאָלט 'וועט זיין צו יהוה די מלוכה' (עובדיה א'). וואָס מיינט מלוכה? דאָס איז די מטרוניתא . . . נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך מזדווג זיין ווי איינס" (קי"ז).

די קרוין געהערט צו דער מוטער, און די מוטער דאַרף קרוינען דעם קיניג, ווייל הערשאַפט האָט לכתחילה געהערט צו דער פרוי, צו

דער מלכה, און די הימלשע מלוכה האָט געהערט צו דער גאָטיכע, ניט צו גאָט. אין דער צוקונפט וועט געשאַפן ווערן די פולע אידענטיטעט פון סוביעקט און אָביעקט, עס וועט רעאַליזירט ווערן דער אידעאַל פון זעלבסט־אָרגאַניזירונג אין דער נשמה, אין דער געזעלשאַפט, אין דער וועלט, און אין דער פאַמיליע.

„'און איך וועל פירן בלינדע אין אַ וועג וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט' (ישעיה מ״ב, ט״ז). דער קדוש־ברוך־הוא איז גרייט צו עפענען אויגן, וועלכע זעען ניט און זיי וועלן דערזען די אויבערשטע חכמה און זיי וועלן זיך באַהעפטן אין דאָס אין וואָס זיי האָבן זיך אויף דער וועלט ניט באַהעפט . . און עס איז ניטאָ אַזאַ באַהעפטונג ווי יענע באַהעפטונג" (קי״ח).

ווען דער מענטש ווערט גאַנץ, ווען די מענטשהייט ווערט גאַנץ, ווען די נשמה ווערט גאַנץ, ווען מענטשהייט און וועלטהייט ווערט אַן איינהייט — א אידנהייט, אַן איכטום.

„און זיי וועלן מוסיף זיין קאָנצעפּציעס אויף קאָנצעפּציעס און די וועלט וועט פול ווערן מיט וויסן" (קי״ט).

אני יהוה.

III

# אידישקייט און אידנשאַפט

1. אידנשאַפט אַן אינטעראינדיווידועלע פאַרמאַציע
2. אידישקייט אַלס פסיכילאָגישער אידעאַל
3. אידישקייט אַלס פילאָזאָפיע פון עטיק

1

# אידנשאַפט אַן אינטעראינדיווי־ דועלע פאָרמאַציע

א.

## פיזיס און טעזיס

„זיי האָבן מיך איפערזיכטיק געמאַכט מיט אַן אומגאָט, מיט זיי־ ערע אָפגעטער האָבן זיי מיך דערצאָרנט, איך וועל זיי אויך איפער־ זיכטיק מאַכן מיט אַן אומפאָלק, מיט אַ נאַרישער אומה וועל איך זיי דערצאָרענען״(א׳).

הערדער באַמערקט אויף דעם פסוק:

„דער אידיאָטיזם: קינדער, אומקינדער, גאָט, אומגאָט, פאָלק, אומפאָלק, גייט דורך דאָס גאַנצע שטיק און איז אינגאַנצן אין דעם געזעצגעבערס גוסט. די איינריכטונג, וועלכע ער האָט געשאַפן, איז געווען ביי אים די איינציקע: אַלע אַנדערע נאַציאָנען זיינען ביי אים געווען אומפעלקער, ניט קיין איינגעאָרדנטע שטאַטן, נייערט אומציווי־ ליזירטע האָרדעס״(1).

דער ׳געזעצגעבער׳ אַנדערקענט אַן אינוועניוויועגט נאַציע, אַ נאַציע וועלכע שטיצט זיך אויף אַן אָפמאַך, אויף אַ ׳ברית׳, און פאַסט זיך אויף אלס אזעלכע, האַלט זיך אויף אַ טעזיס, ניט אויף פיזיס. די איבעריקע פעלקער זיינען ניט־פעלקער, מחמת זיי זיינען נאַטירלעכע קערפערשאַפטן. און, ממילא, ווילדע געוויקסן, וועלכע לעבן בציבור

ניט אויף אַ באַוואוסטזיניקן, נאָר אינסטינקטיוון שטייגער, האַלטן זיך אויף באַרבאַרישע מנהגים. און סענסועלע פאַרקערפערונגען און געטשנדינערישע פּראָיעקטירונגען באַפרידיקן זיי. ד. ה., זיי ליגן, אין זייער אַנטוויקלונג, אָדער אויף יענער זייט פון דער ליניע, וואו דער אינ־דיווידועלער באַוואוסטזיין נעמט ערשט אויפוואַכן, אָדער זיי זיינען נאָ־ענט צו דער דאָזיקער ליניע, און זייער ציבור'דיקייט, זייער איכהייט, פאַסן זיי אויף ריין פיזיקאַליש אָדער פיזיאָלאָגיש, און דעריבער פאַר־קערפערן זיי זייער זעלבסטהייט אין טויטע אָביעקטן אָדער אין בעלי־חיים.

דער חומש קוקט פון-אויבן־אַראָפּ אויף אַזעלכע אַגרעגאַטן און רופט זיי אָן מיט דעם באַליידיקנדיקן וואָרט „לא־עם”, דאָס מיינט א פאָלק וועמענס נשמה, איך־גייסט איז פאַרקערפּערט אין א „לא־אל”, אין אַ טאָטעם, און זייערע פאַרהעלטנישן זיינען אומגעזונט, אומאַנט־וויקלט.

עס איז לייכט זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס איז דער שטאַנד־פונקט פון חומש פון דעם אַליין וואָס דער חומש ווידערהאָלט דעם 'ולמדתם' 'ושננתם', וואָס צייגט אַז די גרופּע באַזירט זיך אויף אַ דאָקטרין, וועלכע מ'דאַרף שטודירן, און זי קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם מנהגים־קליי אז ער וועט זי האַלטן צוזאַמען און שאַפן די איינ־פאַרמדיקע הנהגה.

„והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר”, און עס וועט זיין ווען דיין זון וועט דיך פרעגן . . . (ב')

צוליב וואָס זאָל ער עפּעס פרעגן? ער דאַרף זיך אויפפירן ווי אַלע אַן קיינע פרעגענישן, סיידן זיין אינדיווידועלער באַוואוסטזיין איז שוין אַנטוויקלט אויף אַזויפיל, אַז ער קען זיך שטעלן כנגד דער גרופּע און איר אויפפיר, און פרובירן אָפּפרעגן אירע מנהגים, איר שטייגער.

„פרעגט אַ זולו, פרעגט אַן ענגלענדער פויער — פאַרוואָס טוט מען אַזוי און אַזוי, און ער וועט אייך ענטפערן, 'אַזוי איז דער מנהג', און ער וועט אייך אָנקוקן מיט מאָדנע אויגן פאַרוואָס אייך קען גאָר איינפאַלן צו פרעגן אַזעלכע פראַגן און צולאָזן דעם געדאַנק אַז אַן אַלטערנאַטיוו איז מעגלעך. אַ מנהג איז פאַר אים מער ווי אַ צווייטע נאַטור, דאָס איז די נאַטור אַליין, דער איינגעפירטער סדר, דער קאָסמאָס . . . דאָס קען אפילו זיין אַ טייל פון זיין עקזיסטענץ (2).

דער געדאַנק, אַז מ'וועט פרעגן, און דער פאַרלאַנג עס צו באַוואָ־רענען אין־פאָראויס צייגט אז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אן אינוועג־

טיווער גרופע, מיט אַן אַגרעגאַט, וועלכער פאַרמאַגט אַן 'אלהים', אַ מאַדוס פון פאַרהעלטנישן, וועלכער איז מער אָדער ווייניקער באַ־וואוסטזיניק פלאַנירט און דורכגעטראַכט.

און אַזאַ קערפּערשאַפט מיט אַזאַ באַוואוסטזיין האָט געמוזט שאַפן נייע פאָרמען פון זעלבסט־פּראָיעקטירונג, וועלכע גייט אַרויס פון זיך און קערט זיך אום צו זיך, לויפט איר קרייז און שליסט אים. אַזאַ צושטאַנד פון פּסיכאָלאָגישער קולטור האָט געמוזט דיקטירן בעסערע דירעקטיוון פון עטישן צוזאַמענלעבן און פאַרטיפן און דערהויבן דעם באַנעם פון איכהייט.

ב.

# אַן אינווענטיווע פאָרמאַציע

די אידישע פאָרמאַציע איז אַן אינווענטיווע.

רבי יוסי האָט אָנגעהויבן: אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן איז מיין שוועסטער כלה, אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן, אַ פאַרזיגלטער קוואַל' (שיר השירים ד', י"ב). 'אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן' — דאָס איז די כנסת ישראל וועלכע איז אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן. ווי רבי אלעזר האָט געזאָגט: אַזוי ווי אַ גאָרטן דאַרף מען היטן, אַרומגראָבן, באַגיסן און אַרומשניידן אַזוי דאַרף מען די כנסת־ישראל אַרומגראָבן, אָפּהיטן, באַ־גיסן און אַרומשניידן. און זי הייסט גאָרטן און זי הייסט ווייגאָרטן. אַזוי ווי אַ ווייגאָרטן דאַרף מען אַרומגראָבן, באַגיסן און אַרומשניידן, אַזוי איז ישראל. דעריבער שטייט געשריבן: 'וואָרים דער וויי־גאָרטן פון יהוה צבאות איז דאָס ישראל־הויז" (ישעיה ה' ז') און עס שטייט געשריבן 'און ער האָט אים אַרומגעגראָבן און אויסגעשטיינערט' " (ג').

אידנשאַפט איז אַן אינוועטיווע פאָרמאַציע. זי קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף די ניסים פון די 'נאַטירלעכע פּראָצעסן'. אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער קען די אידנשאַפט ניט עקזיסטירן. אידנשאַפט פאָדערט קולטיווירונג. אידנשאַפט, 'ישראל־הויז' איז אַ גאָרטן, אַ פאַרשלאָסענער, אַן אַרומגעצוימטער ווייגאָרטן וועלכער געהערט אין האָרטיקולטור. אַ נאַטירלעכע פאָרמאַציע פאָדערט ניט קיין ספּעציעלע פלעגונג בכדי אויפצוהאַלטן איר עצם קיום, ווייל זי עקזיסטירט, ווי

ווילד געוויקס פון זיך אַליין, אָן מענטשלעכער השגחה, אָן אַכטונג־געבונג, אָן באַאַרבעטונג.

אַ פערד ווען ער וויל עסן, אויב עס איז נאָר פאַראַן אַ לאַנקע דערבײַ, וועט ער שוין געפינען זיין מאַלצייט, ער וועט זיך אָנפּאַשען. ווען ער וויל אַ טרונק און עס איז דאָ אַ וואַסער דערבײַ, וועט ער עס אַליין געפינען און שטילן זיין דורשט. אָן אויטאָמאָביל אָבער וועט אַליין צו דער געזאָלין־סטאַנציע, צו זיין רעסטאָראַן ניט גיין, ניט נעמען און ניט בעטן קיין אויל, געזאָלין אָדער פּשוט, אַ טרונק וואַסער פאַר זיין ראַדיאַטאָר.

די אידישע אינסטיטוציעס, אָנהייבנדיק מיטן סאַמע לשון, זיינען אינוועטיוו. אויף זיי מוז מען שטאַרק אַכטונג געבן. דאָס אידישע לעבן, די לעבנס שטייגערס דאַרף מען אָפּגרעניצן, ארומצוימען פון דער אַרומיקער סביבה, 'הבדלתי אתכם', זי זאָל זיי ניט איינשלינגען. דעם אידישן לעבנס-גאָרטן דאַרף מען אַרומגראָבן. דעם אידישן לעבנס־בוים דאַרף מען אַרומשניידן, מיט איין וואָרט, אידנשאַפט פאַרלאַנגט קולטיווירונג. און ווען מיר טוען עס ניט — גייען מיר אונטער. אָן קולטור און קולטיווירונג קענען מיר ניט אויסהאַלטן דעם דרוק וואָס די אויסערלעכע אַרומגעבונג איבט אויף אונדז אויס. מיר זיינען אַ וויינגאָרטן און ניט קיין ווילדער וואַלד. מיר זיינען אַ קולטור־פּראָדוקט, אַ דערפונדענער ציבור. פון זיך אַליין וועלן מיר ניט געדייען, ניט עקזיסטירן אפילו.

ג.

# געטשנדינסט און פּאָליטיק

„און ער האָט געטרוימט: אַט שטייט אַ לייטער אויף דער ערד", ער האָט אים באַוויזן וויפיל קיניגן, וויפיל פירשטן און וויפיל הערשער שטייען אויף איין יעדן קעניגרייך. און אזוי ווי ער האָט אים באַוויזן ווי זיי שטייען, פּונקט אַזוי האָט ער אים געציינט ווי זיי פאַלן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: 'און אָט די מלאכים פון אלהים גייען אַרויף און גייען אַראָפּ אויף אים'.

האָט געזאָגט צו אים דער הייליקער־געבענטשט-איז־ער: גיי אַרויף אויך דו.

האָט אים יעקב געענטפערט:

איך האָב מורא איך זאָל ניט דאַרפן אַרונטערגיין אַזוי ווי די זיינען אַרונטערגעגאַנגען.

האָט געזאָגט צו אים דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער: פונקט ווי איך גיי ניט אַראָפּ פון מיין גדולה, אַזוי ניט דו און ניט דיינע קינדער וועלן אַראָפּגיין פון זייער גדולה; ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: 'און אַט יהוה שטייט אויף אים'. (און גייט ניט אַרונטער, ניט ווי די מלאכים, וואָס קלעטערן אַרויף און מוזן גלייך גיין אַראָפּ, קענען זיך אין דער הויך ניט האַלטן לאַנג) ווען? ווען זיי טוען מיין ווילן... אָבער בשעת איר האָט געזאָגט: 'אלה אלהיך ישראל', דאָס זיינען דיינע געטער, ישראל, און איר האָט מיך פאַרלאָזן און איר זייט גע־גאַנגען אין די וועגן פון די געטשנדינער, וועט איר ווי די געטשנדינערישע פעלקער רעגירט ווערן פון האַרן ווי זיי ווערן רעגירט פון האַרן" (ד').

דאָ ווערט דורכגעפירט אַ מייסטערהאַפטער פּאַראַלעל צווישן דעם געטשנקולט און דעם פּאָליטישן איינשטעל, וועלכער איז תמיד אַן 'אָפּשפּיגלונג', אַ קאָפּיע פון געטשנקולט אָדער דער געטשנקולט איז אַ קאָפּיע פון פּאָליטישן איינשטעל, מחמת בײדע זיינען צוויי אַספּעקטן פון דער זעלביקער פּראָיעקציע, וועלכע איז פאַרקערפּערט אין טאָטעם־קולט. געטשנדינסט אין פּאָליטישן לעבן איז ניט מער און ניט ווייני־קער ווי הערשאַפט וואָס ווערט פאַרקערפּערט אין איין פּערזאָן, קריגט איר אָביעקטיוויזאַציע, שאַפט זיך איר פּראָיעקציע און ווערט קאָנקרע־טיזירט. אַ ציבור, אין אַ געוויסן פּרט, אין פּאָליטישן זינען, איז אַן אַבסטראַקציע וואָס קען זיך ניט רעאַליזירן. און דאָ קומט די קאָנקרעטיזאַציע, די פּאָליטישע פעטישיזאַציע אין דער פאָרם פון אַ פּערזאָן, אַ הערשער, אַ געוועלטיקער. אין טאָטעמיזם קומט פאַר דאָס אייגענע: אַן אַבסטראַקטע איך־אידייע, אַ סאָציאַ־עגאָ ווערט קאָנקרע־טיזירט, און אַ סוביעקט, אַ ציבור־סוביעקט ווערט אָביעקטיוויזירט. און דער מדרש זאָגט עס דייטלעך אַז וויבאַלד זיי האָבן געזאָגט: 'אלה אלהיך ישראל', ד. ה., גענומען אַ קאַלב און עס דערקלערט פאַר די פּראָיעקציע פון זייער סאָציאַלן איכטום, סאָציאַלער איכערקייט, ווייזט דאָך עס, אַז זיי זיינען בלויז אַ געווייגטלעכע סאָציאַלע, ניט קיין אינטעראינדיווידועלע, פאָרמאַציע און דעמאָלט מוזן זיי, לויט זייער עצם טבע נאָך, לויט זייער מהות נאָך, אָנקומען בכדי זיך צו קענען רעאַליזירן, צו דער אינסטיטוציע פון הערשער, שרים. זיי קענען ניט האָבן דעם יהוה, דעם אני־יהוה וועלכער איז אַ ריינער סוביעקט.

די דאָזיקע צוויי דערשיינונגען, געטשנדינסט, טאָטעמיזם, פעטי־שיזם און פאָליטישע הערשאַפט, קיניגרייך זיינען צוויי אַספּעקטן פון איין און דערזעלביקער פאָרם פון ציבור־עגאָ־רעאַליזירונג. די קעני־גען זיינען געוועזן געטער, און די געטער קעניגען, ווייל דאָ און דאָרטן אַרבעט די זעלביקע פּראָיעקציע פון ציבור־עגאָ. די אָביעק־טיוויזירונג פון איכהייט, פון איכערקייט־זיכערקייט, שאַפט אַן אידאָ־לאַטריע, וועלכע נעמט אָן פאַרשידענע פאָרמען, אָבער בלייבט אונ־טער אַלע אירע פאָרמען דער זעלביקער קולט, די זעלביקע קאָנקרע־טיזירונג פון דער אַבסטראַקטער סוביעקטיווער איך־אידייע.

קאַפּיטאַליזם איז אויך אַ געטשנדינערישע פאָרמע. ער נעמט באַציאונגען פון מענטשן, פון יחידים, פון גרופּן, פאַרהעלטעונישן, וועל־כע וועבן זיך צווישן יחיד און יחיד אין די גרעניצן פון אַ ציבור־עגאָ, און קאָנקרעטיזירט זיי, פאַרקערפערט זיי כלומרשט און דעמאָלט ווערט עס אַזוי פאַרהוילן פון דעם ניט געשולטן אויג, אַז די פאַרהעלטנישן, אַז די איכ׳ן אין זייערע צוזאַמענ׳שייכות׳ן, וועלכע ווערן רעאַליזירט אין דעם גרעסערן איך פון דעם ציבור, זעט מען ניט ארויס פון אונטער די פעטישן, וועלכע פאַרשטעלן זיך אין דער געשטאַלט פון סחורות, פון געלט. און אַזוי אַרום באַקומט זיך, אַז דער מענטש, דער טרע־גער פון איך, בוקט זיך צו זיינע מעשה־ידיו, צו דעם וואָס ער אַליין, זיין איך מיט די פאַרהעלטענישן וועלכע עמאַנירן ארויס פון אים, האָט געשאַפן. און ער, דער אמת׳ער איך ווערט ווי א צוליינ, אַ לאו דווקא לגבי דעם פעטיש. מאַרקס אין קאַפּיטאַל, ערשטן טייל, האָט גענומען באַלויכטן די טעמע, ער האָט זיך אָבער באַגרעניצט בלויז מיט אַ קורצן אַרטיקל, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן ׳דער פעט־טישיזם פון סחורה׳. אַ פיל בעסערער נאָמען וואָלט געווען קאַפּיטאַליזם אַלס פעטישיזם, אַלס אַ פאָרמע פון געטשנדינסט, וועלכע באַהויפּט זיך אין עקאָנאָמיק. אָבער אַזאַ ברייטע און טיפע אויפפאַסונג פון קאַפּי־טאַליזם וואָלט לאָזן הינטער זיך אויך דעם מאַרקסיזם. און מאַרקס איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז ער איז ניט געווען קיין מאַרקסיסט. יע, ער איז עס ניט געווען. ער האָט זיין אידייע וועגן פעטישיזם פון סחורה ניט געפירט ווייטער פון אירע אלף־בית׳ישע קאָנסעקווענצן. און ווען ער וואָלט עס געטאָן, וואָלט ער תופס געווען, אַז זיינע פלענער און וויזיעס, צוקונפט־פאָראויסזע־אונגען און באַמיאונגען גייען ניט ווייטער פון פּאַגאַניזם, בלייבן שטעקן אין דער אייגענער בלאָטע פון געטשנדינסט. ווייל דער צווייטער, ניט אין צייט און חשיבות, געבויט פון מענטשלעכן אָנשטרענג, נעמלעך,

פּאָליטישע טעטיקייט, שטייט אויך, אין דער פאָרם פון אַ שטאַאַט, ווי מיר זעען עס ביי אַלע פעלקער, אונטער דעם צייכן פון פעטישיזם, טאָטעמיזם, געטשנדינסט.

וואָס איז אַזוינס מאַכט? ווען מיר וועלן צעגלידערן אָט די דערשיינונג, וועלן מיר זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סאָרט פון אַ געזעלשאַפטלעכער ענערגיע, וועלכע ווערט פּראָדוצירט פון אַ סאָציאַ-עגאָ און ווערט אָנגעאייגנט, אַפּראָפּריאירט פון איין פּערזאָן, אָדער אַ קאָלעקטיווער קערפּערשאַפט וועלכע סעגרעגירט זיך פון גאַנצן ציבור אַרויס, ווייל אָט דער פּערזאָן אָדער קערפּערשאַפט ווערט די קאָנקרעטיזאַציע, די רעפּרעזענטאַציע פון דעם גאַנצן סאָציאָ — אָדער אינטעראינדיווידאַ־עגאָ, ד. ה., ער ווערט דער טאָטעם פון ציבור. דער הערשער קען זיין איין פּערזאָן, אָדער אַ קלאַס, אַ ספּעציעלער טיפּ מענטשן. (א-2)

ד.

# ישראלים „איד"

„זויבער זיינען די אידן וואָס דער קדוש־ברוך־הוא האָט זיי ניט איבערגעגעבן צו הערשער . . . נאָר זיי זיינען פּאַראייניקט אין אים און ער אין זיי. און מחמת זיין ליבשאַפט האָט זיי דער קדוש־ברוך־הוא גערופן „קנעכט", ווי עס שטייט געשריבן: צו מיר זיינען די קינדער פון ישראל קנעכט, מיינע קנעכט זיינען זיי (ויקרא כ"ה). דערנאָך האָט ער זיי גערופן קינדער, ווי עס שטייט געשריבן: קינדער זייט איר צו יהוה אייער אלהים (דברים י"ד). דערנאָך האָט ער זיי גערופן ברידער, ווי עס שטייט געשריבן: צוליב מיינע ברידער און חברים. און ווייל ער האָט זיי גערופן 'ברידער' דאַרף ער מאַכן זיין וואוינפּלאַץ אין זיי און ער וועט פון זיי ניט אַוועק, אַזוי ווי עס שטייט: ווי גוט און ווי אָנגענעם איז דאָס וואוינען פון ברידער צוזאַמען"(ה׳).

אויף אונדזער לשון וואָלט עס מיינען, אַז די אידישע פאָרמאַציע איז אַן אינטעראינדיווידועלע און, דעריבער, דערלאָזט זי ניט קיין פּשוט'ע קאָנקרעטיזאַציע, די אידן געהערן צו יהוה. זיי זיינען זיינע קנעכט, ד. ה., זעלבסט־קנעכט, געהערן צו זיך אַליין, צו זייער אייגענער אויפפאַסונג פון איבערקייט און קענען ניט און ווילן ניט אָביעק־

טיוויזירן אָדער פּראָיעקטיצירן זייער איכהייט. קלערער איז דער אייגענער רעיון אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זהר 'בהעלותך'.

„זויבער זיינען די אידן, וואָס דער קדוש־ברוך־הוא האָט זיי געגעבן אַ הייליקע תורה און ער האָט זיי געלערנט די וועגן ווי אַזוי זיך צו באַהעפטן מיט אים און צו היטן די אָנזאָגונגען פון דער תורה בכדי זוכה צו זיין דורך זיי צו דער צוקונפט־וועלט. און ער האָט זיי מקרב געווען אין דער צייט ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. ווייל ער האָט זיי אַרויסגענומען פון אַן אַנדער מאַכט און האָט זיי אַרויפגעהויבן זיי זאָלן זיך פאַראייניקן מיט זיין וועזן און דעריבער האָט ער זיי גערופן 'קינדער פון ישראל', וואָס זיינען פריי פון אַלץ און זיי פאַלן ניט אַרונטער אונטער אַן אַנדער מאַכט, און ער האָט זיי דערהויבן זיך צו פאַראייניקן אין זיין וועזן וואָס איז דערהויבן איבער אַלץ, וואָס הערשט איבער די אויבערשטע און אונטערשטע און אויס ליבשאַפט האָט ער זיי גערופן 'מיין זון, מיין ערשט־געבוירענער ישראל'. (שמות ד', כ״ב)״ (ו׳).

דאָ איז עס קלערער. די אידן זיינען פריי, ווייל זיי באַהויפּטן זיך אין דעם אני־יהוה, זיי דערלויבן ניט אז זייער איכטום זאָל קריגן אַ פּאָליטיש־קאָנקרעטע פּראָיעקציע, אַ פּעטישיזאַציע. זיי האָבן געקראָגן אַ תורה, ד. ה., זיי זיינען געקומען צו זייער אייגענעם זעלבסט־באַוואוסטזיין אַריבערגייענדיק צו דער שטופּע פון דער מער פונדאַמענטאַלער און מער עיקרדיקער לעבן־וועלט־איך־אויפנעמונג, זעלבסט־באַגלויבט זיין, רזא דמהימנותא. זיי פאַראייניקן זיך און פאַראייניציקן זיך אין זייער אייגענעם סוביעקט, זייער אייגענעם ציבור־עגאָ.

„קום זע, אַלע פעלקער פון דער וועלט האָט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער איבערגעגעבן צו האַרן, הערשער וועלכע געוועלטיקן איבער זיי און די אידן האָט דער קדוש ברוך הוא גענומען צו זיין דינסט, צו זיין טייל און ערבשאַפט, זיי זאָלן זיך פאַראייניגן אין אים בפועל ממש, און ער האָט זיי געגעבן אַ הייליקע תורה בכדי זיי זאָלן זיך פאַראייניקן אין זיין וועזן. און דאָס מיינט 'ואתם הדבקים ביהוה' . . . און ניט אין אַ הערשער, ווי אַנדערע פעלקער די געטשנדינער״(ז׳).

'ואתם הדבקים ביהוה' . . . זיי ווערן באַהעפט איינער מיט דעם אַנדערן, זיי צעמענטירן זייער איינהייט, זיי רעאַליזירן זייער צענויפגעבונדנקייט ניט דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ שר, אַ הערשער, אַ סאָציאַלן פעטיש, אַ געזעלשאַפטלעכן 'געטש', אַן 'אל נכר' — נייערט אין יהוה, אין דער נייער איכערקייט, אין דער תורה, אין דער לערע פון וועלט־מענטשהייט־נאַציאָן־מענטש־איינהייט־איכהייט.

„'און עס איז ניטאָ מיט אים קיין פרעמדער אל', ווייל ער האָט ניט איבערגעגעבן די אידן ניט צו קיין מלאך און ניט צו קיין אַנ־דער ממונה, וועלכע הייסן 'אל נכר'. און דאָס איז וואָס משה האָט געזאָגט: 'אויב דיין פנים גייט ניט מיט אונדז, זאָלסטו אונדז פון דאַנען ניט אַרויפברענגען' (שמות ל"ג, ט"ו). יהוה אַליין וועט אים פירן, ער אַליין און עס איז ניטאָ מיט אים קיין פרעמדער אל. זויבער איז די מערכה פון ישראל, ווייל דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט זיי געפירט. און אויף זיי שטייט געשריבן: 'וואָרים יעקב'ן האָט אויסגעקליבן יה, ישראל'ן פאַר זיין טייערקייט' (תהלים קל"ה, ד')" (חי).

אָט־דער געדאַנק איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע רעיונות פון מדרש, סיי רבה, סיי זהר און סיי אַנדערע, אין זיין אויפפאַסונג פון דעם עצם־מהות פון דער אידישער פאָרמאַציע און איר ריכטיקער דעפינירונג און אָפּשאַצונג.

„די מערכה פון די אידן איז זויבערער פון דער מערכה פון אַלע געטשנדינערישע פעלקער, מחמת אלע פעלקער זיינען איבערגע־געבן געוואָרן צו האַרן און הערשער. די אידן זיינען הייליק, זייער מערכה איז זויבער אין דער וועלט און אין דער צוקונפט־וועלט, וואָרים יהוה האָט זיי ניט איבערגעגעבן צו קיין אַנדער הערשער, נייערט ער האָט זיי פאַראייניקט מיט זיין טייל. און דאָס איז וואָס עס שטייט געשריבן, דער חלק פון יהוה איז זיין פאָלק, ישראל איז זיין ערב־טייל" (טי).

דער אידישער סוביעקט האָט זיין אָביעקט אין כלל ישראל אַלס אַזעלכן אָן קיין שום אַנדערע רעפּרעזענטאַציע, אָן קיין שום פאַרמיט־לונג און פאַרקערפּערונג. די אידנשאַפט פאַרמאָגט ניט, ריכטיקער, דולדעט ניט קיין פּאָליטישע, געטשנדינערישע עקספּרעסיע; די אידן, דער אידישער ציבור־עגאָ באַזיצט בלויז א יהוה־קריסטאַליזירונג. דאָס מיינט אַז ער איז געפורעמט לויט אַן אינטעראינדיווידועלן מוסטער. ער הויבט אָן מיטן יחיד און גייט, אויף אַ סינטעטישן דרך, צום כלל, צום ציבור. זיין אַנטוויקלונגסגאַנג איז אַן אינווענטיווער, ניט קיין נאַטירלעך־סאָציאַלער. ער הויבט אָן דאָרטן, וואו אַ נאַטירלעכער אַגרעגאַט לאָזט אויס. ער הויבט אָן מיט אַ קולטור, מיט אַ לערע, מיט אַ תורה, און אויף דעם יסוד בויט ער זיך ארויף באַוואוסטזיניקערהייט

ה.

# אַ פרייוויליקער פאַרבאַנד

„ווארים דער חלק פון יהוה איז זיין פאָלק, ישראל איז זיין ערבטייל' — ער האָט זיי ניט איבערגעגעבן צו אַ הערשער . . . צו אַן אַנדער געוועלטיקער, דאָס פאָלק פון קדוש־ברוך־הוא האָט ער גענומען פאַר זיך . . . 'און איך האָב גענומען אייער פאָטער, אברהמ'ען' (יהושע כ"ד, ג') און פון דעמאָלט אָן פירט ער די אידנ־שאַפט אין יעדן דור און ער שיידט זיך פון זיי ניט אָפּ און ער פירט זיי מיט ליבשאַפט" (י').

דער אויסדרוק 'ער פירט זיי מיט ליבשאַפט' איז דאָ אַוועק־גע־שטעלט ניט צופעליק. עס איז ניט גלאָט אַזוי זיך אַ פראַזע אָן אַן אינהאַלט. 'מיט ליבשאַפט' מיינט צו זאָגן, אַז די פאַרבינדונג צווישן יחיד און רבים אַלס סומע פון אינדיווידן און ציבור־עגאָ אַלס אַ גאַנצ־קייט, וועלכע שטייגט אַריבער די טאָטאַליטעט פון די יחידים, — איז פאַרקניפּט דורך ליבשאַפט, דורך פרייוויליקער צוגעהעריקייט, אַז דער בונד איז אַ פרייער בונד, ניט קיין צוואַנג און געוואַלדטאַט ענין.

און אַז דאָס מיינט טאַקע דער זהר קען מען זען פון דער פאָלגנ־דער ציטאַטע:

„'און יהוה האָט גערעדט צו משה'ן אַזוי צו זאָגן: רייד צו די קינדער פון ישראל און זיי זאָלן מיר נעמען אַן אָפּשיידונג (תרומה) פון יעדן איינעם וואָס זיין האַרץ שענקט' . . . רבי חייא האָט אָנגעה־הויבן: 'ווארים יעקבן האָט אויסגעקליבן יה, ישראלן פאַר זיין טייער־קייט' (תהלים קל"ה, ד')'. ווי באַליבט איז די אידנשאַפט פאַרן הייליקן־געבענטשט־איז־ער . . . ער האָט געמאַכט זיי פאַר אַן איינ־ציק פאָלק אין דער וועלט, ווי עס שטייט געשריבן, 'און ווער איז ווי דיין נאַציע ישראל איין פאָלק אויף דער וועלט' . . . און עס שטייט געשריבן . . . 'ווארים דער טייל פון יהוה'ן איז זיין פאָלק, ישראל איז זיין ערבפאַס' (דברים ל"ב, ט'). און ער האָט געגעבן צו די איבע־ריקע פעלקער הערשער, געוועלטיקער, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט איבער זיי און די אידנשאַפט האָט ער זיך גענומען פאַר זיין חלק" (י"א).

דער זהר שטעלט זיך אָפּ אויפן פסוק „מאת כל איש אשר ידבנו לבו" . . . מ'גייט דאָך בויען אַן עפנטלעכן בנין, א הייליקן משכן, אין וועלכן די גאַנצע קערפערשאַפט איז פאַראינטערעסירט, דאָס איז אַ ציבור־קאָנסטרוקציע־פּלאַן. און פונדעסטוועגן ווען מ'דאַרף שאַפן די

מיטלען און דעם מאַטעריאַל פאַר דעם בנין רעדט זיך ניט וועגן אַ שטייער, נאָר וועגן אַ בייטראָג וועלכן יעדער וועט געבן פרייוויליק, וויפיל זיין האַרץ געלוסט, ווי ער פילט אַליין זיך פאַרפליכטעט צו געבן. פון דעם דרינגט דער זהר, און מיט גרויסן סאָציאָלאָגישן אריינבליק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ באַזונדער פאָרמאַציע, וועלכע איז אינטעראינדיווידועל קאָנסטרוקטירט. דערפאַר האַלט זי זיך אויפן פרייען צושטים, אויף פרייוויליקייט. די דאָזיקע פאָרמאַציע שטייט דירעקט אונטערן צייכן פון אני־יהוה, פון זעלבסט־אָרגאַניזאַציע. די אידנשאַפט שטייט ניט, ווי אַנדערע פעלקער, אונטער דער שליטה פון אַ הערשער, זי איז ניט פאַרבונדן דורך אַ צוואַנג־אָרגאַניזאַציע און צוואַנג־אָפּצאָלונגען. דער בייטראָג גייט פאַרן משכן, דער סימבאָל און פאַרקערפערונג פון דער ישראל־גאַנצקייט, און דאָך ווערט עס אויפגעמאָנט לויטן פרינציפּ 'אשר ידבנו לבו' . . .

ו.

# די בונד־אידייע

און וויבאַלד די אידנשאַפט איז אַן אינטעראינדיווידועלע פאָרמאַציע, אַן אינוועגטיווע קאָנסטרוקציע, איז זי געבויט אויף אַן אָפּמאַך, אויף אַ קאָנטראַקט מיט קאָנדיציעס וועלכע מ'דאַרף נאָכקומען. און דאָס איז די לערע מכוח דעם 'בונד', דעם ברית, וועלכער ווערט געשלאָסן צווישן דעם יחיד, יחידים און דעם כלל, דעם ציבור־עגאָ.

אָט־די תנאי און אָפּמאַך אידייע האָט דער איד פאַראַלגעמיינערט און האָט געקוקט אויף דער וועלט ווי אויף אַן אָפּמאַך־סיסטעם, אַ קאָסמאָס־סיסטעם, וועלכע ווערט רעגולירט אין איר סאַמע עקזיסטענץ־טיפקייט דורך אַ קאָנטראַקט. דער אידישער ציבור זייענדיק אַן אינווענטיווער אַגרעגאַט, זייענדיק געבויט אויף אַן אָפּמאַך האָט געקוקט אויף דער וועלט פון דעם אָפּמאַך־ווינקל. ער האָט געזען די וועלט ווי אַן אינוועגטיווע פאָרמאַציע, וועלכע עקזיסטירט אַ דאַנק דעם, וואָס דער קאָסמאָס־עגאָ האָט אַריינגעטראָטן אין אַ קאָנטראַקט־פאַרהעלטעניש מיט דעם באַשטאַנד.

ווען ניט מיין בונד טאָג און נאַכט, וואָלט איך די געזעצן פון הימל און ערד ניט איינגעשטעלט" (י"ב).

„אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט, האָט ער געמאַכט אויף אַ באַדינג, אַז ווען די אידן וועלן קומען און זיי וועלן אָננעמען די תורה, — איז רעכט, און אויב ניט, — וועט זיך אַלץ אומקערן צו תהו־ובהו" (י"ג).

„די תורה איז דעריבער אַ וועזנטלעכע אַנטדעקונג . . . די ביבל האָט זיך געשטעלט קעגן די סימבאָלן פון די עמאַציאַנאַליסטן, דעם פאַללוס, דעם אַלטאַר, דעם געטש און דעם סאַקראַמענט. דער רוף איז אָפּצוקערן זיך פון אימפּעמאַראַלן גרופּן־ריטואַל און זיך ווענדן צו אַ בונד, אַן אָפּמאַך, אַן עטיק . . . דער אינדיווידן פּראָיעקטירט דאָס געזעץ, אַן עקסאַקטן קאָדעקס פון באַלויבונגען און באַשטראָפונגען: 'טו דאָס און דו וועסט לעבן'. פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג דאַטירן אַלע קאָנסטיטוציעס פון דער מענטשהייט. פון אָט־דעם מאָמענט אַראָפּ־צו צו רוסאָס ספּעקולאַציעס וועגן אַן אורשפּרינגלעכן סאָציאַלן קאָנטראַקט, זיינען די מענטשן געטריבן צו טראַכטן וועגן זיך אַליין אַלס אינדיווידן, וועלכע קאָנטראַקטירן פריי — ווי אַנדערש קענען זיי זיך געפינען פאַרפליכטעט? — און אַזוי אַרום זיינען זיי אינדיוויי־דועל פולשטענדיק פאַראַנטוואָרטלעך" (3).

„לויט גיזאַ'ן איז דעמאָקראַטיע איינגעפירט געוואָרן אין איירא־פּע דורך דעם פרעמדן מיסיאָנער פויל" (4).

„ 'ווען ניט מיין בונד טאָג און נאַכט וואָלט איך די געזעצן פון הימל און ערד ניט געמאַכט'. רבי שמעון דער זון פון לקיש האָט געזאָגט: דאָס וואָס שטייט געשריבן, 'און עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען פרימאָרגן, דער זעקסטער טאָג', לערנט אונדז, אַז דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט אויסגענומען אַ תנאי מיט דעם באַ־שאַף און ער האָט געזאָגט, אויב די אידן וועלן אויפנעמען מיין לערע — איז גוט, אויב ניט, וועל איך דיך אומקערן צוריק אין כאָאָס אַריין" (י"ד).

דאָס מיינט אַזוי: אויב דער מענטש וועט זיך אויפפירן ווי־באַ־דאַרף־צו־זיין, עטיש, ער וועט זיך האַלטן צוזאַמענגעבונדן, וועט די וועלט זיך צוזאַמענהאַלטן. אָן אַן עטישער הנהגה קען דער קאָסמאָס, דער באַשטאַנד, קיין קיום ניט האָבן. ווייל דער עטישער מענטש דורך זיין זיטלעכקייט האַלט אויף דעם סדר פון דער וועלט.

„ 'נמוגים ארץ וכל יושביה, אנכי תכנתי עמודיה סלה' . . . — עס איז צעשמאָלצן די ערד און אַלע אירע איינוואוינער (תהלים ע"ה, ד'). די וועלט האָט געהאַלטן ביי צעשמאָלצן ווערן, ווען ניט די אידן שטעלן זיך ביים באַרג סיני. און ווער האָט איינגעפונדעוועט די

וועלט? 'איך האָב איינגעפּעסטיקט אירע זיילן' (דאָרט), אין זכות פון 'איך' האָב איך אָוועקגעשטעלט אירע זיילן אויף שטענדיק" (ט"ו).

אַן אינוועטיווע פאָרמאַציע ווי די אידנשאַפט האָט זיך אַנדערש ניט געקענט פאָרשטעלן די וועלט; וויבאַלד זי אַליין, די אידנשאַפט עקזיסטירט אויף אַ באַדינג, מוז די וועלט, די גאַנצע אידישע וועלט האָבן אַ קיום בלויז אויף אַ תנאי. אידנשאַפט האָט אַ באַשטאַנד אויף דעם באַדינג פון אָפּהיטן די תורה, אַ באַשטימטן טעזיס. די וועלט אין דער אידישער געזינונג, אין דער אידישער אידעאָלאָגיע טיילט דעם אייגענעם שיקזאַל. זי האַלט זיך אויף אויף אַ באַשטימטער לערע. אידנשאַפט איז, להבדיל, ווי אַ פּאַרטיי, וועלכע האַלט זיך אויף אַ פּראָגראַם. די וועלט איז אָפּגעגאָסן אין דעם זעלביקן פורעם. דער גאַנצער באַשטאַנד האַלט זיך אויף אַ באַדינג, אויף אַ טעזיס. ווען אַלץ גייט כשורה, איז רעכט יע, גייט דער קאָסמאָס אָן מיט זיין עקזיסטענץ, אויב חס־ושלום ניט, אויב די באַדינגונגען ווערן ניט אָפּגעהיט, איז ניט, איז אָפּ חבר, אָפּ וועלט, אויס וועלט, אויס לאַנד, אויס קאָסמאָס. צוריק קומט דער תוהו ובוהו, און די פאָרמאַציע ווערט איבערגעשמאָלצן . . .

דאָס לאַנד האָט די אידנשאַפט געקראָגן אויף אַ תנאי, אויב זיי וועלן זיך אויפפירן ווי געהעריק. און דער דאָזיקער באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען באַרעכטיקט צום לאַנד בלויז אַזויפיל אויף וויפל זיי היטן אָפּ די קאָנדיציעס פון אָפּמאַך, האָט, נאַטירלעכערווייז, אָפּגעשוואַכט זייער ווילן אָנצוקלאַמערן זיך אָן דאָס לאַנד און עס פאַרטיידיקן אונטער אַלע אומשטענדן. ווי נאָר די אידישע אינטעליגענץ האָט דערזען, אַז דער אויפפיר פון דער לאַנד־אַדמיניסטראַציע איז ניט לויט דער עטישער אויפפאַסונג פון מדינה־פאַרוואַלטונג וועלכע זיי האָבן אויסגעאַרבעט, האָבן זיי גלייך אויפגעגעבן יעדע האָפענונג אויף דער מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן די אויסערלעכע שונאים, און אָפּשלאָגן זייערע אַטאַקעס, אויפבאַוואָרן דעם לאַנד־אייגנטום, זייער אומאָפּהענגיקייט. אָט־די לערע פון אָפּמאַך און תנאי האָט געמוזט פירן צום לאַנד-פאַרלוסט, וועלכער איז פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט געוואָרן דורך דער אידישער קאָנטראַקט־לערע, אָפּמאַך־אידעאָלאָגיע.

ז.

# ישראל און אדם הראשון

דער אידישער שיקזאַל איז פאַרויס אָנגעשריבן און פאַרזיגלט געװאָרן אין דעם מיטאָס וועגן אָדם־הראשונ׳ען און זיין טרויעריקער מערכה, וועלכע האָט זיך באַקומען אַלס רעזולטאַט פון זיין ניט פאַסיקן אויפפיר, ניט נאָכקומען די קאָנדיציעס פון קאָנטראַקט.

און דאָס טאַקע מיינט דער זהר ווען ער זאָגט:

„׳און יהוה אלהים האָט באַשאַפן אדמ׳ען׳, דאָס איז די אידנשאַפט״ (ט״ז).

מיט אַנדערע ווערטער, אין ביבלישן מיטאָס מכוח אָדמ׳ען ווערט פאַראויספאַרציילט, ווערט פאַראויסגעצייכנט דער שיקזאַל פון אידישן ציבור. דער אידישער זשעני, שאַפנדיק דעם דאָזיקן טראַגישן אָבער דאָך זיגרייכן און קאָלירפולן מיטאָס, האָט געמאָלן דאָס בילד פון דער אידישער געשיכטע. דאָס אידישע פאָלק קריגט דעם גן־עדן אונטער אַ באַדינג, און ווען דער באַדינג ווערט ניט אָפגעהיט, טרייבט מען אים אַרויס. און דאָס זאָגט דער מדרש גאַנץ דייטלעך.

„האָט געזאָגט רבי אבהו . . . עס שטייט געשריבן, ׳און זיי ווי אָדם האָבן איבערגעטראָטן מיין בונד׳ (הושע ו׳, ז׳). זיי זיינען ווי אָדם הראשון. אַזוי ווי אָדם הראשונ׳ען האָב איך אריינגעלאָזן אין גן־עדן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן ׳ויניחהו בגן־עדן׳, און איך האָב אים באַפעלן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, ׳און יהוה אלהים האָט באַפעלן אָדמ׳ען׳. און ער האָט עובר געווען, ׳ניט שוין זשע פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיך באַפעלן ניט צו עסן, האָסטו געגעסן?׳ און איך האָב אים פאַר׳משפט אַרויסגעשיקט צו ווערן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, ׳און יהוה אלהים האָט אים ארויסגעשיקט פון גן־עדן׳. און איך האָב אים פאַראורטיילט צום אַרויסטרייבן, ווי עס שטייט געשריבן, ׳און ער האָט אַרויסגעטריבן אָדמ׳ען׳. אויך זיינע קינדער האָב איך אַריינגעבראַכט אין ארץ־ישראל, און איך האָב זיי באַפעלן און זיי האָבן איבערגעטראָטן מיין באַפעל און איך האָב זיי פאַראורטיילט ארויסגעשיקט און ארויסגעטריבן צו ווערן״ (י״ז).

דער מדרש פירט אַדורך די אַנאַלאָגיע מייסטערהאַפט. ער ווייזט אָן אויף דער פינקטלעכקייט פון דעם פאַראַלעל־לויפן פון די עפּיזאָדן און די פסוקים. דער מדרש באַנעמט אַז אין אָדם־הראשון מיטאָס ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ פרעפיגוראַציע פון דעם גורל פון אידישן ציבור,

וועלכער הייסט אָדם 'אתם קרויים אָדם' . . . די אדם־הראשון מעשה איז אַ שטיק אידישע פאַראויסגעשיכטע, וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן מיט דעם מיין אַנצודייטן אי די אידישע צוקינפטיקע מערכה אי די אידישע אָפּמאַך־לערע, די 'ברית'־אַנשויאונג.

ישראל איז אָדם אויך אין אַ צווייטן פּרט. ווי אָדם אזוי ישראל צאָלן דעם פרייז פאַר זייער 'דעת', פאַר זייער תורה. דער אידישער אַנטיפּאַגאַניזם האָט דערוויל געגעבן דער אידנשאַפט בלויז נעגאַטיוו־מאַטעריעלע רעזולטאַטן. ער האָט רואינירט דעם אידישן שטאַט, אַרויסגעטריבן און צעזייט דאָס אידישע פאָלק אויף שבעה ימים. די אידישע אידעאָלאָגיע אין דער הינזכט דערמאָנט ד האָמאָפּאַטישע היילונג־מעטאָדאָלאָגיע. צום אָנהויב מאַכט זי ערגער, ניט בעסער. און אָט די פאַרערגערונג איז דער סימן אַז די פאַרבעסערונג וועט קומען.

און דאָס זאָגט אונדז די פאָלגנדיקע אגדתא:

„נאָך אַמאָל זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים, ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען צום הר־הצופים, האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, אַז זיי זיינען דערגאַנגען צום הר־הבית האָבן זיי געזען אַ פוקס אַרויסגיין פון קדשי־קדשים, האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויינען, און רבי עקיבא האָט זיך געפרייט. האָבן זיי געזאָגט צו אים: וואָס לאַכסטו? האָט ער געזאָגט צו זיי: וואָס וויינט איר? האָבן זיי געזאָגט: דער פּלאַץ וועגן וועלכן עס איז געשריבן: 'און דער פרעמדער וועלכער קומט צו נאָענט זאָל באַשטראָפט ווערן מיט טויט', און איצט גייען דאָ אַרום פוקס, און מיר זאָלן ניט וויינען. האָט ער געזאָגט צו זיי: דעריבער פריי איך זיך, וויל עס שטייט געשריבן: און איך וועל מיר נעמען געטרייע עדות־זאָגער, אוריה הכהן און זכריהו דעם זון פון ברכיהו. וואָס טוט אוריה לעבן זכריה'ן, אוריה איז געווען אין ערשטן בית־המקדש, און זכריה אין צווייטן, אלא וואָס דען, דער פסוק האָט אָנגעהאָנגען די נבואה פון זכריה אָן די נבואה פון אוריה. ביי אוריה'ן שטייט: 'דעריבער צוליב איך וועט ציון פאַראַקערט ווערן ווי אַ פעלד' און ביי זכריה'ן שטייט: 'און עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פון ירושלים'. כל־זמן אוריה'ס נבואה איז ניט מקויים געוואָרן, האָב איך מורא געהאַט טאָמער וועט זכריה'ס נבואה ניט פאַרווירקלעכט ווערן ,איצט־אַ אַז עס איז מקויים געוואָרן די נבואה פון אוריה איז זיכער אַז זכריה'ס נבואה ווערט מקויים. האָבן זיי געזאָגט צו אים בזה הלשון: עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט, עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט" (י"ח).

מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט זיי געזאָגט אַז וויבאַלד אידישקייט, אידישע אידעאָלאָגיע האָט געגעבן אירע נעגאַטיווע, דערוויילע, רעזול־טאַטן, איז מען זיכער אַז זי וועט געבן אויך אירע פּאָזיטיווע, ווייל אין נעגאַטיוו ליגט דער פּאָזיטיוו. דאָס בייקומען פון פּאַגאַניזם ניט נאָר ביי אידן נאָר אויך ביי אַלע פעלקער.

די אידנשאַפט צאָלט דעם פּרייז, דעם גאָר הויכן מקח פאַר איר לערע, פאַר דער הייליקער תורה, פאַר איר אידעאָלאָגיע, ווי אָדם הראשון האָט געצאָלט גאַנץ טייערלעך.

אָבער אָדם האָט קיין חרטה ניט. עס שילדערט זיך ניט אַז אָדם זאָל תשובה טאָן. פאַרדרוס האָבן, זיך נעמען בעטן און קליאַנ־טשען צו יהוה, אַז ער זאָל אין זיין גרויס גנעדיקייט אים מוחל זיין די שווערע זינד און פאַרלייכטערן די שטראָף, אויב ער קען ניט פאַר־געבן. ווי דער פאַל איז געווען מיט קין׳ען, וועלכער טענה׳ט זיך אויס מיטן בורא־עולם. ניין, אָדם טוט עס ניט. און דאָס זאָגט אונדז דער מדרש:

„ער האָט אָנגעטראָפן קין׳ען, זאָגט ער צו אים: וואָס האָט מען געטאָן מיט דיין אורטייל? זאָגט ער (קין) צו אים (צו אָדמ׳ען): איך האָב געטאָן תשובה און מיר זיינען דורכגעקומען. האָט אָדם הראשון זיך גענומען שלאָגן אין געזיכט און ער האָט געזאָגט: דאָס איז דער כוח פון תשובה און איך האָב גאָרניט געוואוסט פון דעם״ (י״ט). אָדם ווייס ניט פון תשובה, פון קיין חרטה, פאַרוואָס?

ווייל ער האָט איינגעהאַנדלט אַ מציאה, ער האָט זיך איינגעקויפט זעלבסט־באַוואוסטזיין. הגם ער האָט פאַרלוירן צוליב דעם זיין גן־עדן, זיין אייגן שטיקל לאַנד, זיין טעריטאָריע. דער איד האָט אים נאָכגעטאָן. די אידנשאַפט איז געגליכן צו דעם זייער, וועלכער פאַר־לירט לעת־עתה, בשעת זריעה־צייט, וועט אָבער געווינען שפּעטער־צו, ווען די גערעטעניש צייט וועט קומען. „ער גייט און וויינט דער טרעגער פון דעם זוימען צום פאַרזייען, ער וועט קומען מיט געזאַנג דער טרעגער פון זיינע גאַרבן״ (כ׳). דערווייל זייט דער איד. דער שניט-סעזאָן וועט ערשט אָנקומען נאָך טויזנטער יאָרן. „דעמאָלט וועט אונדזער מויל פול ווערן מיט געלעכטער און אונדזער צונג — מיט געזאַנג, דענסטמאָל וועט מען זאָגן אין די פעלקער יהוה האָט אויפגעטאָן עפּעס גרויסעס מיט די דאָזיקע״ (כ״א).

די אידישע נבואה האָט פאַרצערט די אידישע מלוכה. דער אידי־שער פּראָפעטיזם האָט בייגעקומען דעם אידישן שטאַטיזם. דער נביא

האָט באַזיגט דעם קעניג. „עס איז ניטאָ אזא נביא וועלכער האָט ניט באגראָבן אין זיין לעבן פיר קעניגן". (כ"א 1)

דער אידנשאַפט, מיט איר דערהויבענער אידעאָלאָגיע, האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבן איבערצובויען די וועלט אויף נייע יסודות. וואָס דער אידנשאַפט האָט זיך לעת־עתה יאָ איינגעגעבן אויפצוטאָן איז צו פאַרניכטן זייער אייגענעם אַלטן פאַגאַניסטישן שטאָט־איינשטעל. די איבערבויאונג פון סדר העולם ווי די אייגענע אויפריכטונג וועלכע וועלן ביידע צוזאַמענפאַלן אין צייט וועט קומען פיל שפעטער. דער איד האָט אָבער קיין חרטה ניט. פאַרקערט, וואָס מער ער ליידט פאַר זיין תורה, אַלץ מער צוגעבונדן ווערט ער צו איר, אַלץ טיפער באַקט זי זיך איין אין זיין האַרץ און פאַרשטאַנד. אָדם האָט אָפּגע־געבן זיין גן־עדן פאַר זיין באַוואוסטזיין, ער האָט אויך אויפגעאָפּפערט זיין אייביק לעבן פון אַ בהמה. בעסער זיין אַ באַוואוסטזיניקער מענטש און ליידן איידער זיין אַן אומבאַוואוסטזיניקע בהמה און לעבן גליק־לעך. אַזוי האָט דער איד אָפּגעגעבן אַלץ פאַר זיין 'דעת', פאַר זיין לערע. ער ליידט, אָבער ער פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ. אַלע אין דער פרי פלעגט ער מאַכן די ברכה 'שלא עשני גוי', און אין זיין קידוש און אין זיין געבעט רעדט ער מיט שטאָלץ, מיט זעלבסט־ווערדע, מיט אַ וואויל־באַגרינדעטן עטישן סופעריאָריטעט־געפיל, וועגן דעם, אַז ער איז אָפּגעזונדערט און דערהויבן.

„און דו יהוה אונדזער אלהים האָסט געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן דאָס הייליקע און דאָס וואָכעדיקע, צווישן ליכטיקייט און פינצטערניש, צווישן ישראל און די אומות־העולם . . . דו האָסט אָפּ־געזונדערט און געהייליקט דיין פאָלק ישראל אין דיין הייליקייט" (כ"ב).

## ח.

# די אייביקייט פון ישראל

די פאַראַלעלן צווישן אָדמ'ס שיקזאַל און ישראל'ס מערכה ענדיקן זיך, און דער קאָנטראַסטן־שפיל הויבט זיך אַן אַלס פאָרטזעצונג. דאָס ווייטערדיקע גייט אַריבער אין אַ 'קאַפּויר'. דער איד האָט זיך באַוואָרנט. דער מיטאָס זאָגט פאָראויס זיין שיקזאַל און לערנט אים ווי זיך אויפצופירן. אין מיטאָס, אַלס אונטערשטראָם, ליגט אַ פאַר־

דרוש הלמאי האָט אָדם דורכגעלאָזן די גאָלדענע געלעגנהייט און האָט ניט געגעסן פון בוים פון אייביקן לעבן.

„צען הייסן ׳דאָס לעבן׳: דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער, ׳און יהוה אלהים איז אמת, און ער איז דער לעבעדיקער אלהים׳ (ירמיה י׳, י׳). תורה הייסט ׳דאָס לעבן׳, ווי עס איז געזאָגט גע־וואָרן, ׳אַ בוים פון לעבן איז זי צו די וואָס האַלטן זי און די וואָס שטיצן זי זיינען גליקלעך׳ (משלי ג׳, י״ח). ישראל הייסט ׳דאָס לעבן׳, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, ׳און איר וועלכע האָבן זיך באַהעפט אין יהוה אייער אלהים לעבט אַלע היינט צו טאָג׳ (דברים ד׳, ד׳)״ (כ״ג).

„׳און איר וועלכע האָבן זיך באַהעפט אין יהוה אייער אלהים לעבט אַלע היינט־צו־טאָג׳. פאַרוואָס? מחמת די נשמה פון ישראל קומט פון גייסט פון לעבעדיקן אלהים״ (כ״ד).

„ער האָט איינגעפלאַנצט אין זיי (אין די אידן) דעם בוים פון לעבן״ (כ״ה).

„׳וואָרים דער אָרט אויף וועלכן דו שטייסט איז הייליקייט־לאַנד׳. ׳הייליקייט־לאַנד׳, זיכער און דאָס איז דאָס לעבן-לאַנד״ (כ״ו).

„׳און די ערד וועט הערן׳, די אויבערשטע ערד . . . און דאָס איז דאָס לעבן־לאַנד״ (כ״ז).

„אַ לאַנד . . . אין אויבערשט, אַ הייליק האָט דער קדוש-ברוך-הוא, און עס הייסט ישראלס־לאַנד . . . און דער קדוש־ברוך־הוא האָט עס אוועק־געגעבן צו ישראל פון זיין ליבשאַפט צו זיי, בכדי צו וואוינען מיט זיי און זיי צו לייטן און צו באַשיצן זיי פון יעדן, און דאָס לאַנד הייסט דאָס לאַנד-פון־לעבן״. (כ״ז 1)

דער איד האָט געגעסן פון עץ־החיים, און ער ירשנ׳ט דאָס לאַנד פון אייביקן לעבן. דער איד־ציבור פון ישראל געפינט זיך אין דער תורה, אין דער לערע, וועלכע איז אַ לעבן־דאָקטרינע, ער איז ניט פאַרקערפּערט אין אַ מאַטעריעלן אָביעקט.

„ער איז ניט קיין קערפּער און פאַרמאָגט ניט קיינע קערפּערלעכע אטריבוטן״ (אני מאמין).

„וואָרים די שכינה באַזעצט זיך ניט אויף דעם לאַנד, נייערט אין דער לערע. זי באַזעצט זיך ניט אויבן, נייערט אין דער לערע. די שכינה באַזעצט זיך ניט אויבן און ניט אונטן, נייערט מיט דער לערע. און כל־זמן די תורה איז מיט אים (מיטן פאָלק ישראל) קען ער עקזיסטירן אין דער וועלט. דעריבער שטייט געשריבן, ׳וואָרים ער איז דיין לעבן, און די לענג פון דיינע טעג׳ . . . אויב ער טרעט אַריבער די רייד פון דער תורה, קען ער ניט עקזיסטירן, ווי עס שטייט

געשריבן, ׳מחמת וואס איז פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס לאַנד? האָט יהוה געזאָגט, דערפאַר וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן מיין לערע׳ (ירמיה ט׳, י״א־י״ב).״ (כ״ח).

אין דער תורה, אין דעם ׳טעזיס׳, אין דער אידישער אידעאָלאָגיע ליגט דער חיות, דער זעלבסט-באַוואוסטזיין פון דעם אידישן ציבור, זיין אויפהאַלט, זיין קיום.

דאָס אידישע פאָלק פאַרלירט דעם גן־עדן, דאָס לאַנד. עס צאָלט דעם פרייז פאַר זיין אויסקריסטאַליזירן זיין אייגענעם איכטום אַזוי אַבסטראַקט אַז ער האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט דער באַזע פון אַ געווינטלעכער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. אָבער אין קאָמפּענסאַציע פאַר דעם דאָזיקן פאַרלוסט האָט דער איד געשאַפן זיך אַלס אַן אייביקע פאָרמאַציע. אידנשאַפט איז אייביק, זי קען אָבער דעריבער ניט זיין אימפּעריאַליסטיש־מאַטעריאַליסטיש. פאַר דער אידנשאַפט איז געשטאַנען דער אַלטערנאַטיוו, אַוועקגעשטעלט פון דעם מענטשהייט־איד אַליין, אָדער צו בלייבן אַלס פאָלק ווי אַלע ערד-פעלקער און לעבן יגליקלעך׳, ד. ה., חיה׳ש־גליקלעך און אונטערגיין נאָך אַ געוויסן פעריאָד פון צייט, אָדער זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַנדער פאָרמאַציע, אין אַן אינוועניטיוו־אינדיווידועלע פאָרמאַציע און לעבן אייביק. אָבער אַן אינוועניטיווע פאָרמאַציע האָט ניט געטאָרט פאַרמאָגן אַ שר, אַ האַר, אַן ׳אל נכר׳. זי האָט ניט געטאָרט באַזיצן אַ טאָטעם־שטאַט. זי האָט ניט געקענט פירן דערפאָלגרייך מלחמות קעגן אירע שונאים. זי איז געווען צו עטיש, צו אינדיווידועל פאָרמירט און געשטימט פאַר אַזעלכע חיה־רעה׳שע אונטערנעמונגען. אָבער דערפאַר ליגט אין אָט־דער אידישקייט די גאַראַנטיע פון אייביקער עקזיסטענץ פאַר דער אידנשאַפט.

### ט.

# ישראל און די מענטשהייט

׳ווי די טעג פון די הימלען אויף דער ערד׳ אַז זיי זאָלן לעבן און עקזיסטירן „אויף אייביק און אייביקייטן פון אייביקייטן״. (כ״ח 1)

׳די אייביקייט פון ישראל וועט ניט לייגן׳. א קעניגרייך קומט און א קעניגרייך גייט אוועק און ישראל עקזיסטירט אויף אייביק״. (כ״ח 2)

„ישראל וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין״. (כ״ח 3)

ווי איז עס מעגלעך אַז אַ ציבור פאַרמאַציע זאָל קענען לעבן אייביק? ווי איז עס מעגלעך אַז אַ קאָלעקטיווע פערזענלעכקייט זאָל זיך קענען אויפבאַוואָרן איבער צייט און רוים? אום צו דערגרייכן אָט־דעם צוועק מוז די פאַרמאַציע זיין אַן עטישע. דאָס פאָלק מוז זיין אַ 'גוי קדוש'. אַן אומעטיש פאָלק וועט ניט און טאָר ניט לעבן אייביק, ווייל עס פאַרפאַלגט און פאַרשקלאַפט אַנדערע פעלקער. דאָס הייסט, עס מיסברויכט זיין אייגענע עקזיסטענץ. פאַרוואָס שטאַרבט דער יחיד? ווייל ער איז אָפּגעריסן פון זיין אייגענעם ציבור און פון דער וועלט. און ווען ער וואָלט לעבן אייביק וואָלט ער אָנטאָן צרות זיין אייגענעם אַגרעגאַט, זיין רבים, זיין גאַטונג ראַמט אים אָפּ פון וועג, דערלויבט בשום אופן ניט, אַז ער זאָל עקזיסטירן איבער אַ געוויסער לענג פון צייט. בנוגע אַ פאָלק פאַסירט דאָס אייגענע. די מענטשהייט וועט קיינמאָל ניט צולאָזן אַז אַן אומעטיש פאָלק, אַן אימפּעריאַליסטישע שטאַטיסטישע גרופּע זאָל עקזיסטירן אייביק. די מענטשהייט, די מענטשלעכע ראַסע וועט זי באַקעמפן און פאַרניכטן, ד. ה., אַבזאָרבירן. אידנשאַפט האָט זיך אַנדערקענט בלויז אַלס איין גליד אין דעם גרויסן גוף וועלכע הייסט מענטשהייט. אידנשאַפט האָט זיך קיינמאָל, אין איר גאַנצער אויפפיר, אין איר געשיכטלעך־רעקאָר־דירטער הנהגה, יעדנפאַלס אין איר גלות-לעבן, ניט אַנטקעגן גע־שטעלט דעם סאָלידאַריטעט־פּרינציפּ פון דער מענטשהייט־גאַנצקייט. די אידנשאַפט האָט קיינמאָל ניט פאַרנומען אַזאַ פּאָזיציע פון וועלכער אירע אינטערעסן זאָלן זיך צוזאַמענשטויסן מיט די אינטערעסן פון דער מענטשהייט, מיט דעם פּראָגרעס פון דער מענטשן־ראַסע. דער עגאָ פון אידישן ציבור געפינט זיך ניט אין אַן אָפּאָזיציע צו דער אָרגאַנישער גאַנצקייט פון דער מענטשהייט, געגומען אין איר טאָטאַליטעט פון פאַר־שיידענע פעלקער און שטאַמען. די אידנשאַפט האָדעוועט ניט קיין אימפּעריאַליסטישן יצר-הרע, טראָגט זיך ניט אַרום מיט אימפּעריאַ־ליסטישע אַמביציעס, מיט פּלענער ווי אַזוי צו פאַרכאַפּן וואָס מער לענדער, ווי אַזוי צו ראַבירן אַנדערע, ווי אַזוי צו אונטערדריקן און עקס־פּלואַטירן אַנדערע נאַציאָנען. מיט איין פאַרלאַנג לעבט די אידנשאַפט און דאָס איז מ'זאָל זי ניט אונטערדריקן, ניט יאָגן, ניט רודפ'ן. מיט איין וואָרט, די אידנשאַפט שטעלט ניט פאָר מיט זיך, מיט איר עק־זיסטענץ קיין סכנה פאַר דער איינהייט פון דער אָרגאַנישער מענטש־הייט. און דער מענטשהייט־עגאָ האָט גאָרניט אויסצוזעצן קעגן אידנ-שאַפט־קיום. און ער דאַרף ניט, אום צו באַוואָרענען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט ביז זי וועט דערגרייכן דאָס באַ־

וואוסטזיין פון איר איינהייט און גאַנצקייט אַלס אַ איכהייט, אַלס אַן אָרגאַניזם, אָפּראַמען פון וועג די אידישע פאָרמאַציע, אָפּמעקן די אידנשאַפט פון בוך פון לעבן. (כ״ח 4)

„האָט געזאָגט רבי אליעזר: יענע זיבעציק אָקסן פאר וועמען? פאר די זיבעציק פעלקער . . . האָט געזאָגט רבי יוחנן, אז אָך און וויי צו די געטשנדינער, זיי האָבן פאַרלאָרן און זיי וויסן ניט וואָס זיי האָבן פאַר־לאָרן, אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָט דער מזבח אויף זיי מכפר געווען, און איצט ווער וועט אויף זיי מכפר זיין״ (כ״ח 5)

אפילו ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען און די אידן זיינען געווען אין זייער אייגענעם לאנד האָבן זיי אלץ אין זינען געהאט די גאַנצע מענטשהייט אויף תלמוד שפראך הייסט עס שבעים אומות, זיבעציק פעל־קער. אידנשאפט האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעריסן פון דער מענטשהייט.

אויך בנוגע דעם אַנהאַלט מיט דער וועלט און זיך אידענטיפי־צירן מיט דער גאַנצקייט פון באַשטאַנד האָט דער אידנטום באַזאָרגט די אידנשאַפט מיט אַ וויטאַליזירנדיקער און פערפעטואַליזירנדיקער אידעאָלאָגיע. די אידן האַלטן זיך באַהעפט אין דער גאַנצקייט אידייע פון קאָסמאָס, פון וועלכן זיי באַטראַכטן זיך בלויז אַלס אַן אָרגאַ־נישן טייל. דער אידנטום זעט דעם באַשטאַנד אַלס עפּעס גאַנצעס און באַלעבטעס. און די אידנשאַפט באַהעפט זיך, אַנשטאָט אין דער מאַ־טעריע פון דער וועלט, דעם טויטן חומר אירן, אין דער לעבנסאידייע פון דעם ׳חי אָנכי לעולם׳. און דאָס איז די מיסטעריע פון יחוד. דאָס איז דער סוד פון דעם ׳חיים כולכם היום׳ . . . זיי לעבן אַלע היינט, און יעדער טאָג איז דער היינט, די אייביקייט איז בלויז איין היינט . . .

און וועגן אָט דער אייביקייט האָבן נביאות געזאָגט די אידישע פּראָפעטן.

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער וואָס גיט זון צו לייכטן בייטאָג, געזעצן דער לבנה און שטערן צו לייכטןביידערנאכט, דער וואָס רעגט דעם ים און זיינע כוואַליעס ברומען, יהוה־צבאות איז זיין נאָמען: אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן זיך אָפּטאָן פון פאַר מיר, — דאָס זיינען די רייד פון יהוה — וועט אויך דער ישראל־זוימען אויפהערן צו זיין אַ פאָלק פאַר מיר, אַלע טעג. אַזוי האָט געזאָגט יהוה: ווי עס איז מעגלעך, אַז די הימלען זאָלן אויסגעמאָסטן ווערן פון אויבן און עס וועלן אויסגעפאָרשט ווערן די ערד־יסודות פון אונטן; אַזוי איז מעג־לעך, אַז איך זאָל פאַרהאַסן דעם גאַנצן ישראל־זוימען צוליב אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן״ (כ״ט).

„וואָרים ווי די נייע הימלען און די נייע ערד, וועלכע איך מאַך שטייען פאַר מיר, זאָגט יהוה, אַזוי וועלן שטיין אייער זוימען און אייער נאָמען״ (ל׳).

דאָס איז אַ דירעקטער צוזאָג פון אייביקן לעבן. דער אייגענער צוזאָג ווערט אויך באַשטעטיקט אומדירעקט. „און עס וועט זיין אין דעם ענד פון די טעג״ (ל״א) . . . וואָס וועט זיין ? „יעקב׳ס הויז גייט מיר וועלן גיין אין יהוה־ליכט״ (ל״ב). וואָס עס וועט פּאַסירן אין שלוס פון אַלע צייטן, צום סוף פון אַלע מעת־לעת׳ן איז ניט אַזוי וויכטיק ווי דאָס וואָס דעמאָלט ביים סאַמע גמר פון דער צייט־ליניע וועט נאָך אַלץ זיין אַ ׳יעקב׳ס־הויז׳, אַז די אידנשאַפט וועט נאָך אַלץ עקזיסטירן, ווייל די אידנשאַפט איז דער אולטימאַטיווער סוף־פּסוק פון גאַנצן באַשטאַנד, פון ספר־החיים.

„און איך וועל זיך פרייען מיט מיין פאָלק״ (ל״ג). ווען וועט אָט די שמחה פאָרקומען ? דערוויל האָט יהוה גאַנץ וויניק נחת פון זיין פאָלק ישראל. ווען וועט די פרייד קומען ? ווען „דער וואָלף וועט וואוינען מיט דער שעפּס״ (ל״ד), ווען יושר וועט הערשן, ווען גוטסקייט וועט זיין די רעגל סיי פאַרן מענטשן, סיי פאַר דער חיה און סיי פאַרן גאַנצן סדר־העולם. ווען וועט דער אידעאַלער צושטאַנד רעאַליזירט ווערן ? אין דער גאָר וויטער צוקונפט. און אַזש אַהין אין יענעם צייט־מרחקים וועט ישראל אָנשפּאַרן, ווייל ישראל איז ׳אַ גוי קדוש׳ אַן ׳עם סגולה׳ און טויט, דער פאַרהיטער און באַשיצער פון דער מענטשהייט-גאַנצקייט אינטערעסן, האָט איבער אים קיין שליטה ניט.

דעם אידן האָט שטאַרק אימפּאָנירט די לבנה. זי האָט צו אים געוואונקען מיט אירע וואונדערלעכע ׳ווידערגעבורטן׳, אירע צוויבערנ־דיקע מולד׳ס, אירע רייצנדיקע פאַזן, מיט איר רעגולאַרן תחיית־המתים אויפשטיין, מיט איר שרומפּן און ווידער צו זיך קומען. אין דער לבנה האָט דער איד געזען זיין אייגענעם שיקזאַל.

. . . „און צו דער לבנה האָט ער געזאָגט, אז זי זאָל זיך באַנייען . . . זיי וועלן זיך באַנייען ווי זי . . . ״ (סדר קידוש לבנה).

„׳מיך האָבן זיי פאַרלאָזן אַ קוואַל פון לעבעדיקע וואַסער אויס־צוהאַקן זיך צעבראָכענע ברינעמער׳ (ירמיה י״ב, י״ג). די פעלקער, די געטשנדינער (אימפּעריאַליסטן) הייסן צעבראָכענע ברינעמער, און דאָס אידישע פאָלק הייסט אַ קוואַל פון לעבעדיקע וואַסער. דאָס איז די הייליקע געזעצגעבונג, דער הייליקער גלויבן. און עס הייסט אַ קרענעצע, אַ קוואַל פון וואַנען קלאָרע וואַסערן קומען אַרויס און

פליסן אַרויס . . . ווי עס שטייט געשריבן, 'אַ קרעניצע פון גערט־נער, אַ קוואַל פון לעבעדיקע וואַסער' " (ל"ה).

די אידן זיינען אַ קוואַל פון אייביקן לעבן. די געטשנדינערישע פעל־קער, אין פּאָליטישן טייטש פון וואָרט, זיינען צעבראָכענע ברינעמער, זיי מוזן סוף-כל־סוף צעבראָכן ווערן, זיי מוזן אונטערגיין. דער מענטשהייט־גייסט, דער וועלט־איך וועט זיי אומברענגען, וועט זיי פאַרצערן, דע־קאָמפּאָזירן.

הלל'ס באַרימטער שפּרוך קען אַנגעווענדט ווערן אויך אויף ציבור־פּערזאָנען:

איך האָב געזען אַ שאַרבן פון אַ פאָלק וואָס טראָגט זיך איבער די וואַסערן און איך האָב געזאָגט צו אים: דערפאַר וואָס דו האָסט אַנדערע פעלקער דערטרונקען ביסטו דערטרונקען געוואָרן און דער סוף פון דיינע דערטרינקער איז דערטרונקען צו ווערן.

די אידנשאַפט אַ דאַנק דעם אידנטום איז געוואָרן אַן אייביקע, אַן איבערגעשיכטלעכע קאַטעגאָריע. אידנשאַפט איז די טרעגערין פון אידישקייט, פון עגאָסאָפיע.

י.

# אָריענטאַציע אויף דער צוקונפט

מגילת איכה איז ניט קיין לאַמענטאַציע, נאָר אַ טרייסט-וואָרט.

„איך האָב געזאָגט מיין אייביקייט איז פאַרלאָרן און מיין האָפע-נונג פון יהוה" (ל"ו).

ער האָט זיך דערשראָקן, ער האָט געמיינט אַז דער אידישער אַגרעגאַט ווערט צעשמעטערט, און ער דאַרף אויפגעבן זיין האָפענונג אויף יהוה, אויף דער לערע, וועלכע עס האָט געדאַרפט זיין די תורת־חיים, און געבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן — און דאָ ווייזט זי זיך אַרויס צו זיין אַ סם־המות, אַן אידעאָלאָגיע וועלכע רואינירט, פאַרוואַרפט אירע נאָכפאָלגער, פייניקט זיי, שאַפט אַ מאַרטירערטום. „אָבער ווען איך טראַכט מיך אַריין, ווען איך לייג מיך איבער, האָף איך ווייטער (ל"ז), און מער, איך בין זיכער, אַז פּאָזיטיווע רעזולטאַטן וועלן זיך ווייזן פיל שפּעטער.

„די גנאָדן פון יהוה וועלן זיך ניט ענדיקן, וואָרים זיין רחמנות איז ניט אויסגעגאַנגען. ניי יעדן אין־דער־פרי איז פיל דיין גלויבן. מיין טייל איז יהוה, זאָגט מיין זעל, דעריבער האָף איך צו אים" (ל"א).

די יהוה־דאָקטרינע איז אַ טייל פון מיין אייגענער נשמה. זיינע חסדים זיינען ניט אויסשעפּבאַר. און ניט דערפאַר קומען די נעגאַטיווע קאָנסעקווענצן, ווייל דאָס גוטע וואָס קען דערוואַרט ווערן פון דער לערע איז שוין געליפערט, און איצט הויבט זיך אָן דאָס שלעכטע, נאָר פאַרקערט, מ'האַלט ערשט בלויז ביי דעם שלעכטן אָנהויב. די טריאומפּעדיע וועט זיך ערשט אָנפאַנגען.

„יהוה איז גוט צו די וואָס האָפן אויף אים, צו דער זעל וואָס פאָרשט אים . . . עס איז גוט פאַר אַ מאַן צו טראָגן דעם יאָך אין זיין יוגנט" . . . (ל"ט).

אני יהוה איז אַ לערע פון גוטס, און דאָס גוטע וועט קומען, מוז קומען. עס איז גוט צו ליידן אין דער יוגנט. עס איז גוט פאַר אַ פאָלק צו האָבן צרות, צו ווערן געפּייניקט און געלייטערט, דורכצו־מאַכן דעם מאַרטירערטום־קורס אין אָנהויב פון זיין לעבנס־גאַנג. דער 'למען ייטב לך' וועט מקויים ווערן אין דער צוקונפט, לעתיד־לבוא פון ציבור־עגאָ.

דעם חומש'ס צוזאָג 'והארכת ימים' 'למען ייטב לך' האָט צו טאָן מיטן קאָלעקטיוו, און עס וועט מקויים ווערן אין אַן 'עולם שכלו טוב', אין אַ וויטן עתיד.

„אין כבוד־אב־ואם שטייט געשריבן: 'בכדי דיינע טעג זאָלן לאַנג זיין און עס זאָל דיר גוט זיין' (דברים ה'), אין שילוח־הקן שטייט געשריבן: 'בכדי עס זאָל דיר גוט זיין און דו וועסט דערלענ־גערן דיינע טעג' (דברים כ"ב); אין פאַל זיין פאָטער האָט אים געזאָגט, גיי אַרויף אויפן בוידעם און ברענג מיר אַראָפּ טייבעלעך און ער איז געגאַנגען . . . און האָט אַוועקגעשיקט די מוטער און ער האָט גענומען די קינדער, און צוריקקערנדיק זיך איז ער געפאַלן און איז געשטאָרבן, וואו איז די טעג־גוטסקייט פון אָט־דעם און די טעג־לאַנגקייט פון אָט־דעם? נאָר וואָס, בכדי עס זאָל דיר גוט זיין אין אַ וועלט וועלכע איז אינגאַנצן גוט, און בכדי דיינע טעג זאָלן לאַנג זיין אין אַ וועלט, וואָס איז אינגאַנצן לאַנג; ר' יעקב האָט געזאָגט: 'עס איז ניטאָ קיין באַלוינונג פאַר מצוות אין דער וועלט' " (מי).

די אגדתא רעדט כלומר'שט וועגן יחידים, פאַרשטעלט. אין דער אמת'ן רעדט זיך דאָ וועגן אידישן ציבור, וועלכער ליידט, ווערט אַרויסגעריסן בשעת די רוימער האָבן טריאומפירט. דאָס האָט אחר'ן

געבראַכט צום געדאַנק, אַז די אידישע אידעאָלאָגיע איז אַ דורכפאַל־אידעאָלאָגיע און מ׳דאַרף דעריבער איבערשאַצן די אידישע שאַצונ־גען. און דער ענטפער איז, אַז אידישקייט איז צוגעפּאַסט צו דעם ווייטן עתיד און דעמאָלט וועט דער אידנטום באַלוינען זיינע נאָכ־פאָלגער.

וויבאַלד די אידנשאַפט איז אייביק, איז זי זיכער, אַז סוף־הכבוד לבוא, אַז זי וועט באַזיגן אירע שונאים, באַזיגן זיי מאָראַליש, ד. ה., באַזייטיקן די רשעות פון דער וועלט. און דעמאָלט וועט די אידנשאַפט צוריק אריין אין גן־עדן און פון דעם צוקינפטיקן גן־עדן, — וועלכער וועט זיין דעמאָלט ווען דער יום שכלו ארוך, יום שכלו טוב וועט קומען — וועט זי שוין ניט אַרויסגעטריבן ווערן.

„איך זע אים און ניט איצט, איך קוק אים אָן — און ניט נאָענט״ (מ״א). איך זע דעם פולן טריאומף פון אידישקייט אין דער צוקונפט, און מיט דעם ניצחון פון אידישקייט וועט קומען דער זיג און גדולה פון אידנשאַפט.

„עס איז ארויס א בת־קול און האָט געזאָגט צו אים (צו אברהם׳ען, דעם גרינדער פון דער אידישער פאָרמאציע): ׳אַן איילבערט, א זאַפ־טיקער, א שיינער, א פרוכטבאַרער האָט יהוה גערופן דיין נאָמען( (ירמיה י״א, ט״ז) אזוי ווי דער איילבערט־בוים האָט זיין ענד צום סוף, אזוי ישראל, זייער ענד קומט צום סוף״. (מ״א 1)

„אַן איילבערט האָט זיין ענד צום סוף, ווען מ׳פלאַנצט אים איצט ברענגט ער ניט קיין פרוכט ביז א לאַנגע צייט שפּעטער, און דערנאָך ברענגט ער אסך פרוכט״. (מ״א 2)

## 2

# אידישקייט אַלס פּסיכאָלאָגישער אידעאַל

## א.

## דבקות

רעליגיע, אפילו ווען גענומען אין אַן עכט־געטשנדינערישער מאַניפעסטאַציע, איז מעגלעך בלויז דאָרטן, וואו עס איז פאַראַן אַן איך־באַוואוסטזיין אין דעם מינימאַלסטן גראַד.

אַן דעם פּענאָמען פון אַ יצר־הרע, ד. ה. פון אַן אָפּגעזונדערטן זעלבסט־באַוואוסטזיין, איז די רעליגיעזע דערשיינונג אַן אומדערקלערלעכקייט.

„אַ זויגלינג ליגט אין וויגעלע, לייגט ער אַרויף די האַנט אויף אַ שלאַנג, אָדער אויף אַ סקאָרפּיאָן — און יענער בייסט אים. ווער איז עס גורם אויב ניט דער יצר־הרע וואָס אין זיינע אינגעווייד; ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף קוילן און ער ברענט זיך אָפּ, ווער איז עס גורם אויב ניט דער יצר־הרע וואָס אין זיינע אינגעווייד? . . . קום און גיב אַ קוק אויף אַ ציגעלע אָדער אַ שעפּסעלע, ווי נאָר עס דערזעט אַ ברונעם — לויפט עס צוריק, ווייל עס איז ניטאָ קיין יצר־הרע אין אַ בהמה" (מ"ב), ד. ה., די בהמה, די חיה, דער בעל־חי איז ניט אָפּגעטיילט, ניט אָפּגעשיידט פון דער וועלט און איר נאָרמאַלן פיר. זיי ווערן געלייטעט דעריבער פון זייערע אינסטינקטן אויף וועלכע זיי קענען זיך פאַרלאָזן. דער מענטש קען עס ניט טאָן, ער איז זיבדיק, ער האָט אַ „יצר־הרע", ד. ה., אָפּריס און אַוועקגאַנג פון דער וועלט האָט אים געבראַכט דערצו אַז ער דאַרף אויף אַ קינסטלעכן שטייגער, אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן אינזשענירן אַן איבערבעטן־זיך, א שלום־מאַכונג, אַ צוריק־פאַראייניקונג מיט דער וועלט, מיט וועלכער ער האָט זיך צעקריגט, צעריסן.

און וואָס דער מענטש איז מער אַנטוויקלט, וואָס העכער ער שטייט אויפן לייטער פון קולטור, אַלץ מער אָפּגעריסן, אַלץ מער דערווייטערט איז ער פון דער וועלט.

„ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר איז זיין יצר־הרע אויך גרעסער" (מ"ג).

„אויב אַט דער מנוול האָט דיך באַגעגנט, שלעפּ אים אין בית־מדרש אַריין" (מ"ד).

די אָפּגעריסנקייט פון מענטשן ווערט צוריק פאַראייניקט דורך דאָס לערנען, דורך שטודירן, דער שטודיום, די וויסנשאַפט שאַפט די נייע פאַראייניקונג מיט דער וועלט.

„דער יצר־הרע איז גלייך צו אייזן וועלכן מ'האָט אַריינגעוואָרפן אין פייער, כל־זמן ער איז אין פלאַם, קען מען מאַכן פון אים וועלכע געצייג מ'וויל נאָר, פונקט אַזוי איז דער יצר־הרע, מ'קען זיך מיט אים קיין עצה ניט געבן סיידן מיט לערנען תורה וועלכע איז ווי פייער" מ"ה).

„אַזוי האָט געזאָגט דער קדוש־ברוך־הוא צו די אידן, איך האָב באַשאַפן אַ יצר־הרע און איך האָב באַשאַפן אַ תורה אַלס אַ קעגנגיפט, אויב איר וועט זיך באַשעפטיקן מיט לערנען די תורה, וועט איר ניט איבערגעגעבן ווערן אין זיין האַנט". (מ"ו)

דאָס לערנען, די וויסנשאַפט איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן צו היילן דעם בראָך, דעם ריס וואָס דער איך־באַוואוסטזיין האָט גורם געווען.

דער אויבערשטער האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט באַשאַפן דעם יצר־הרע (מ"ז).

דעם איך־באַוואוסטזיין פלאָגט דאָס געוויסן פאַר דעם ריס און ער וויל זיך צוריק פאַראייניקן מיט דער וועלט, מיט דער געזעלשאַפט, מיט זיך אַליין.

„ואשר הרעתי" (מ"ח), דאָס וואָס איך האָב געשאַפן שלעכטס און געשאַפן חבר'שאַפט, ד. ה., אַ שפּאַלטונג. דער איך־באַוואוסטזיין מוז מתקן־זיין דעם דאָזיקן חטא פון סעפּאַראַציע, פון פּירוד־לבבות...

„די אידייע פון מענטשנס פאַל קען גרינג געפינען איר רעכט־פאַרטיקונג אין דעם באַוואוסטזיין פון אַ דואַליזם אינעווייניק אין דער נשמה, אין קאַמף קעגן שלעכטס אָדער געזעצלאָזיקייט ,אין דעם אָנ־שטרענג צו רעאַליזירן דעם אידעאַל וועלכער רופט, לאָזט ניט אָפּ דעם פאַרשטאַנד"(5).

און דאָ קומט אַריין רעליגיע אין איר צווייפאַכיקער ראָלע, פון אַ פאַרוואונדעריך און אַ היילערין, זי מאַכט דעם ריס, דעם בראָך און זי באַנדאַזשירט, היילט. זי איז אין דער בחינה פון „מחצתי ואני ארפּא" (מ"ט).

„ווען מיר זאָלן גיין צו דער עטימאָלאָגיע פון דעם וואָרט 'רע־ליגיאָן', וועלן מיר אויסגעפינען אַז עס איז אָפּגעלייטעט פון צוויי לאַטיינישע ווערטער, 'רע' מיינט איבעראַנייס, צוריק, און 'ליגאַרע' מיינט 'בינדן' 'פאַרקניפּן'. דאָס וואָרט 'רעליגיאָ' אָדער 'רעליגיאָן', לכן, מיינט איבעראַנייס צונויפבינדן" (6).

די עובדא פון אמתער רעליגיע איז צו האַלטן דעם מענטשן צונויפגעבונדן מיט דער וועלט, מיט דער געזעלשאַפט און מיט זיך אַליין, אָבער צו דער זעלביקער צייט פאַרנעמט זיך רעליגיע מיט דעם אָפּטיילן, אויסקריסטאַליזירן דעם איך, מאַכן פון אים אַ „יש", עפּעס זעלבסטשטענדיקעס און גלייך איבעראַנייס אים צו פאַרבינדן, צונויפקניפּן מיטן קאָסמאָס, מיטן אין־סוף, מיט דער מענטשהייט, מיט זיך אַליין, מיט דער גאַנצער פולער פסיכיק און בזה־האופן פלייסן זיך אָפּצואווישן די השגה פון זינד, פון סעפּאַראַציע, פון איזאָלאַציע און התבודדות. אָנכי, אָנכי־הוא, מוחה פשעיך(נ"י), דער איך, דער איך־ער, מעקט אָפּ דעם זינד־געפיל, דעם ריס־באַגריף און פיין.

גמליאל ברעדפאָרד אין זיין בוך „לעבן און איך" שרייבט:

„די נאַטור, אַזוי באַטראַכט, אין איר באַשיידענער יאָר־איין יאָר־אויס שיינקייט, איז אויף־איין־מאָל פול מיט דעם איך, מחמת זי קריגט איר מאַגיק פון אַלע פאַרפלאָנטערטע פעדים פון זיכרון, וועלכע וויקלען זיך אַרום איר, און זי ליפערט אויך אַן אויסגעצייכנטן מיטל פון שכחה און אַנטרינונג פון דעם טיראַנישן קלעם פון דעם איך, ווען ער איז געפאַנגען אין טעגלעכע באַדערפעניש. דער צוי־בער, דער פאַרשקלאַפנדיקער רוף פון דער נאַטירלעכער וועלט איז אַזוי גרויס, אַז אין די יעניקע, וועלכע שפּירן עס אַמשטאַרקסטן, רופט עס ארויס אַ ליידנשאַפטלעכן כמעט אַ פאַרצווייפלענדיקן וואונטש צו מאַכן 'פליטה', אַרויסצורייסן זיך פון אָט־דער פאַרשנורעוועטער באַ־גרענעצטער קערפּערלעכער עקזיסטענץ, צו ווערן איינס מיט די ווינטן און ביימער און שטערן, און וויברירן און ציטערן און פולסירן מיט אַן אומדערשעפּלעכן נחת־רוח אין דעם אוניווערסאַלן לעבן פון אַלע קעגנשטאַנדן. צייטנווייז ווערט דער פאַרלאַנג געפילט אַממערסטן אין זיין אוממעגלעכקייט פון דערפילונג, און די זעל ווערט בלויז צע־ריסן מיט אַ בענקעניש צו דערגרייכן אַן אחדות מיט דער נאַטור, וועלכע קען קיינמאָל ניט מקויים ווערן" (7).

אָט־די אחדות און דבקות פלייסט זיך רעליגיע צו שאַפן און פאַרווירקלעכן אין איר גאַנצער פולקייט.

„רבי יוסי דער זון פון זמרא האָט אָנגעהויבן: ׳עס לעכצט נאָך דיר מיין לייב אין דעם וויסטעניש־לאַנד, וואָס איז מיד אָן וואַסער׳ (תהלים ס״ג, ב׳) . . . מיין זעל דאַרשט נאָך דיר, גאַרט נאָך דיר . . . מיט יענער גאַרעניש, מיט וועלכער מ׳וואַרט אויף וואַסער . . . די געז־לערנטע האָבן געזאָגט: אַזוי ווי מיין זעל דאַרשט נאָך דיר, פונקט אַזוי אַלע צוויי הונדערט און אַכט און פערציק גלידער, וועלכע זיינען דאָ אין מיר, דאַרשטן נאָך דיר. וואו? אין וויסטעניש־לאַנד וואָס איז מיד־פאַר׳חלש׳ט אָן וואַסער . . . דעריבער האָב איך דיך דערזען אין הייליקטום, דעריבער אין קדושה האָב איך דיך דערבליקט, דערזען ׳דיין מאַכט׳, דיין אויבערשטע פאַמיליע און ׳דיין ערע׳, ׳און אָט שטייט יהוה אויף אים׳ ״(נ״א).

אין דעם פּאַסאַזש הערט מען דעם מאָטיוו פון אויסגייען, לעכצן, חלש׳ן נאָך דבקות, באַהעפטונג מיט דעם גרויס־איך. אַ הזדווגות־לײדנשאַפט, אַ שטרעבונג נאָך אייניקייט רעדט אַרויס פון די דאָזיקע הייליקע ווערטער. ווי אַ מדבר לעכצט נאָך אַ טראָפּן וואַסער אַזוי גייט אויס אונדזער נשמה און גוף, אונדזער זעל און לייב, צו ווערן איינס, צו רעאַליזירן די אמתע אייניקייט און פולע אידענטיטעט, די פּערפעקטע פאַרשמעלצונג־סינטעטיזירונג פון סוביעקט און אָביעקט, סיי אין יחיד עגאָ און סיי אין ציבור־איכהייט.

„זיך צו באַהעפטן איינער מיטן אַנדערן, זיך צו פאַרפולקומענען איינער אין אַנדערן און דאָס איז די מיסטעריע פון ׳און יעקב האָט אַ קוש געטאָן רחל׳ען״ (נ״ב).

„און דאָס איז דער ליבע־טעמפּל זיך צו באַהעפטן זכר מיט נקבה״ (נ״ג).

„עס שטייט געשריבן, ׳אַ העלדישע פרוי איז די קרוין פון איר מאַן׳ (משלי י״ב, ד׳). די מיסטעריע פון גלויבן איז דאָס באַהעפטן זיך פון מענטשנקינד מיט זיין האַר און מורא האָבן פאַר אים תמיד. און ער זאָל זיך ניט אָפּקערן פון אים ניט רעכטס און ניט לינקס. און מיר האָבן דערקלערט אז אַ מענטשנקינד זאָל ניט נאָכגיין נאָך אַן אַנדער מורא (יראה), וועלכע הייסט אַ הורן־פרוי, און דעריבער שטייט טאַקע געשריבן, ׳דיך צו היטן פון אַן אומבאַקאַנטער פרוי, פון אַ פרעמדער, וועלכע רעדט גלאַטע רייד׳ (דאָרט, ז׳ ה׳) (נ״ד).

די מיסטעריע פון זעלבסט־באַגלויבט זיין, פון גלויבן איז דער פאַרזוך צו ברענגען צוזאַמען דעם סוביעקט מיט׳ן אָביעקט און קעגנ־

ווירקן אויף וויפיל מעגלעך דער צעשפּאַלטונג, וועלכע מאַניפעסטירט זיך אין זעלבסט־באַוואוסטזיין, אין 'דעת'.

„און מיר האָבן דאָך געלערנט, די אהבה־מיסטעריע איז די ליבע, וועלכע שטייגט אַריבער אַלע קולטן פון דער וועלט. דורך ליבע ווערט טייער געהאַלטן דער נאָמען פון קדוש־ברוך־הוא מער פון אַלץ" (נ"ה).

אין דער דאָזיקער ליבשאַפט ליגט די פאַראייניקונג פון סוביעקט און אָביעקט.

„די גאַנצע דינסט, וואָס אַ מענטש דאַרף דינען צום הייליקן־געבענטשט־איז־ער, זאָל ער דינען מיט ליבע, ווייל עס איז ניטאָ אַזאַ עבודה ווי די ליבשאַפט צום קדוש־ברוך־הוא" (נ"ו).

אידישקייט איז דער העכסטער אידעאַל פון פסיכאָלאָגיע, אַן אידעאַל, וועלכער, אַ דאַנק צו זיין פסיכישקייט, ווערט, ממילא, דער פאַן־אידעאַל, דער אידעאַל פון אַלע אידעאַלן, דער אידעאַל פון גאַנצן באַשאַף.

„גליקלעך זיינען די וועלכע באַהעפטן זיך אין דעם הייליקן־געבענטשט־איז־ער, און דערפאַר וואָס זיי זיינען באַהעפט אין אים, אין קדוש־ברוך־הוא, פאַראייניקן זיי זיך ווי איין וועזן, איינער מיט דעם אַנדערן" (נ"ז).

אָט די באַהעפטונג איז דער יסוד פון אַלע פאַראייניקונגען און באַהעפטונגען. אָט דער נאָסטאַלגיא־מאָטיוו, דאָס בענקען פון סוביעקט נאָכן אָביעקט, די גלוסטונג צו פסיכאָלאָגישער הזדווגות איז אויסגעדריקט אין ר' נחמן בראַסלאַווערס 'מעשה מהזיי"ן בעטלערס'.

„וואָרים עס זיינען פאַראַן צוויי פייגל. איינער איז אַן 'ער' און איינע איז אַ 'זי'. און די פייגל זיינען דאָ בלויז איין פאָר אויף דער וועלט. און די זי איז פאַרפאַלן געוואָרן. און ער גייט אַרום און זוכט זי, און זי זוכט אים . . . און אַז עס קומט די נאַכט, אַזוי הייבן אָן די פאָר פייגל צו קלאָגן מיט אַ זייער גרויס קול־יללה. וואָרים זיי קלאָגן ביידע אויף דעם זיווג זייערן. ער קלאָגט אויף איר און זי קלאָגט אויף אים" (נ"ח).

תורת־משה לערנט אונדז אחד'קייט־באַהעפטונג. די יהוה־לערע ווייזט אָן און באַשטייט אויף דעם, אַז עס איז דאָ בלויז איין איינקייט. און אַנבי־יהוה־לערע באַקעמפט די צוויי־געשטאַלטיקייט, די צוויי־פאַכיקייט, די צוויי רשות'יקייט פון דענקען, פילן און האַנדלען. תורת משה זאָגט: 'און איר וועט זיין הייליק, וואָרים הייליק בין

איך יהוה אייער אלהים" . . . דער מענטש דאַרף, וועט און מוז זיך אַריבערשטייגן און ער וועט דערלאַנגען צו דער דרגא פון יהוה. ער וועט זיין הייליק ווי יהוה איז הייליק. די קדושה פון אָנכי יהוה איז זיין קדושה, זיין אייגענע קדושה. מחמת יהוה איז דאָך ער אליין אין זיין דערהויבנקייט און זיין זיך-פאַראויסאַנונג.

## ב.

# איש-האלהים

משה איז דער 'איש האלהים' (נ"ט), דער מענטש וועלכער איז אַן אלהים. און תורת משה זאָגט אונדז אָן די וואונדערלעכע בשורה, אַז אין דער צוקונפט וועט דער 'מענטש', אַלס פשוט'ער בשר ודם אונטערגיין, און יהוה וועט פאַרנעמען זיין אָרט. מענטש וועט אַריבערגיין צו דער העכערער שטופע פון אָנכי-יהוה — מענטש וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם ריינעם איך-ער. דער מענטש וועט גובר זיין זיינע שוואַכקייטן, קראַנקייטן, אָבנאָרמאַלקייטן, מענטשלעכקייטן — און וועט זיך איבערפאַרמירן און ווערן אַ איך, אַ איך-ער.

עס איז צייט אָנצוזאָגן די בשורה פון דער דערגרייכונג פון דער יהוה-שטופע, וועגן וועלכער תורת-משה רעדט אין לשון-עתיד און וועגן וועלכער מיר דאַרפן נעמען ריידן בלשון הווה. און אָט די פּראָקלאַמירונג-פּראָפּעציאונג איז די גאַנצע תורה און דאָס איז די קווינטעסענץ פון אידישער נבואה . . . און די בשורה פון דער תורה און פון די נביאים באַשניידט די ערלה פון אונדזער טויבקייט, אומהאַרצלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט.

מיר דאַרפן און וועלן זיין פערפעקט! מיר דאַרפן און וועלן ווערן אַלמעכטיק, אַבסאָלוט! אַלוויסנדיק! מיר וועלן ווערן איין אייניקייט, איין אייניקייט און עדות-זאָגט וועגן דער דאָזיקער מעטאַמאָרפאָזע אונדזערער די אידייע וואָס מיר האָבן געשאַפן וועגן אָנכי-יהוה אַלס אַן אחד, די לערע וואָס מיר האָבן אַנטוויקלט, די תורה וואָס מיר האָבן אָנדערקענט. תורת-משה איז די בעסטע עדות-זאָגערין.

אַ לערע איז אַ כוח, אַ פאַקטאָר. און די נביאים האָבן אונדז אַנטפּלעקט ביסלעכווייז, טריט ביי טריט דעם גרויסן אומגעהויערן אמת, און זיך באַמיט, מיט כל הכוחות פון געמעלעכץ און בילד און אַנצוהערעניש, אונדז געבן צו פאַרשטיין און אונדז לאָזן באַגרייפן דעם קאַ-

לאַסאַלן, איין־איינציקן, אַלץ אומפאַסנדיקן אמת — אַז דער איך איז ער, און איך־ער איז יהוה. און איך ווילע איך בין איך, בין איך באמת אַ יהוה, אַ רבונו־של־עולם, אַן עגאָ, אַן אחד.

אין יעדן ספר פון רעליגיעזן דענקען און שפירן קען מען געפי־נען ליכט־שפורן, הגם פאַרווישטע, פאַרווירטע, אויבערפלעכלעכע און פאַרהוילענע, פון דער לערע מכוח איינקייט און איינציקייט, דער גרויס איכהייט, דעם מאַקראָ־עגאָ פון דער וועלט און מענטש. אָבער פון תורת־משה שיינט די לערע אַרויס ווי אַ זון אין איר גבורה פון אַ מיטנזומער־טאָג.

שמע ישראל יהוה אלהינו, יהוה אחד . . . הער, ישראל, דו גאָט־באַזיגער, דו מאַכט־באַקעמפער, יהוה איז אונדזער מוסטער און מאָדוס פון אַלע פאַרהעלטנישן, סיי פון מענטש צו מענטש, סיי פון קעגנשטאַנד צו קעגנשטאַנד, יהוה איז איינער, און מיר אַלע זיינען בלויז איינער, איין פערזענלעכקייט.

תורת משה באַדייט די לערע פון דערלייזער. משה מיינט אַ דערלייזער. „און ער האָט זיך דערמאָנט די פאַרצייטיקע טעג, דעם דערלייזער (משה) פון זיין פאָלק: וואו איז ער וואָס האָט זיי אַרויפ־געבראַכט פון ים, דער פאַסטוך פון זיין שאָף? וואו איז דער וואָס האָט אין זיי אַריינגעטאָן זיין הייליק גייסט? דער דערלייזער וועל־כער האָט זיי געפירט ביי דער רעכטער האַנט, דער אָרם פון זיין פראַכט, דער וואָס האָט צעשפאָלטן וואַסערן פאַר זיי בכדי צו מאַכן אים אַן אייביקן נאָמען?" (ס״).

„און פון־דאַנענט וועט אונדז קלאָר ווערן אז דורך רוח־הקודש איז געזאָגט געוואָרן 'און זי האָט גערופן זיין נאָמען משה'. און אָט־דער נאָמען האָט זיך איינגאַנצן ניט געענדערט, און אויב אזוי זאָגן־עדות די בוכשטאַבן פון נאָמען משה אויף זיין וואונדערבאַרער מיסטעריע". (ס״ 1)

די מיסטעריע באַשטייט אין דעם וואָס דער נאָמען 'משה' באַטייט דער 'דערלייזער'. דערפאַר האָט מען זיין נאָמען ניט געביטן, הגם דעם נאָמען האָט ער געקראָגן פון פרעה׳ס טאָכטער, לויט דעם חומש׳ס דער־ציילונג.

משה איז דער דערלייזער פון פאָלק ישראל און דער דערלייזער פון אַלע מענטשן, וואָס האָט דערהויבן דעם מענטשן אין זיך, אין זיין אייגענער פערזאָן צו דער שטופע פון אַן אלהים, פון אַ יהוה, פון אַ איך־ער . . .

„וועגן משהן ווערט געזאָגט: 'איש האלהים'. האָט רבי תנחומא געזאָגט: אויב ער איז אַ אלהים טאָ פאַרוואָס איז ער אַ מענטש און

אויב ער איז אַ מענטש טאָ ווי אַזוי איז ער אַ אלהים? נאָר . . . בשעת ער איז אַנטלאָפן פאַר פרעהן איז ער געווען אַ מענטש, און בשעת ער האָט די מצרים דערטרונקען אין ים־סוף — איז ער געווען אַן אלהים. האָט רבי אבין געזאָגט: פון זיין העלפט אַראָפּ צו איז ער אַ מענטש, פון זיין העלפט אַרויפצו איז ער אלהים" (ס"א).

„'איש האלהים', דאָס איז דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: 'יהוה איז אַ איש־מלחמה' (שמות ט"ו ג')" (ס"ב).

איש־האלהים איז יהוה און משה איז יהוה. זיי זיינען אידענטיפי־צירט. און אין דער דאָזיקער אידענטיפיקאַציע ליגט די אידייע און די מעגלעכקייט פון אויסלייזונג פון יעטווידן מענטשן פון זיין מצרים, פון זיין איגנשאַפט, באַגרענעצטקייט, שקלאַפעריי פון קערפּער, קנעכט־שאַפט פון לייב און קליינעם נפש'ל.

איש האלהים איז דער מענטש, וועלכער האָט זיך גובר געווען און איז אַרויס פון זיין בית-עבדים, פון זיין שקלאַפן־הויז, פון זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן, קערפּערלעכע פורעניות, לייב־יסורים און פלייש־פגעים, אַנשיקעניש, אַנטשעפּעניש. און משה טרעט אויס דעם וועג פאַר יעדן מענטשן. וואָס משה האָט געקענט באַווייזן קען יעדער בשר־ודם באַווייזן. דעם מענטשנס איך דאַרף אַ איך־ער ווערן און דעמאָלט וועט ער א כל־יכול ווערן.

ג.

# דער גרויסער אמת

די תורה איז פאַרפאַסט געוואָרן פון די בעסטע מוחות און הערצער פון ישראל, פון אידישן זשעני און געגעבן געוואָרן צום פאָלק ישראל, אַלס צו דעם אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט, מיט דער אויסגעשפּראָכע־נער כוונה צו ראַטעווען די מענטשהייט און די וועלט, אויסצולייזן די מענטשהייט און די וועלט. און דעריבער דאַרף און מוז די ביבל פאַר־לאָזן אירע ד' אמות פון פאַרמעט און געדרוקטן ספר און זיך אַריינקריצן אין די הערצער, אין די געפילן פון די מענטשן און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען די מענטשן אין אַ מאַקראָ־עגאָ, אין אַן אחד.

צו זיין באמת רעליגיעז, אַ מאמין, אַ גלויביקער הייסט זיך פּראָ־קלאַמירן אַלס אַ יהוה'יסט, אַלס אַ פּערזענלעכקייט. צו זיין אַ

מאמין הייסט גלויבן אין זיך, אין אייגענעם זעלבסט, אין אייגענעם איך און זיין וואוקס, אין זיין פּאָטענציאַל, דאָס הייסט, גלויבן באמונה שלמה אַז 'איך' איז מער פון אַ פּשוט'ן בשר־ודם, פון אַ פּשוט'ן מענטשן. די מענטשאָפט שטופּע איז נידעריקער פון דער ווערדע פון אַן עגאָ, פון אַ איך.

אידישקייט האָט איר אויפגאַבע דורכצופירן אָט־די טראַנספאָר־מאַטאָרישע אַרבעט, און דאָס איז אַרויסצושלאָגן פון דעם מענטשנס קאָפּ די אילוזיע, די פינצטערע איינרעדעניש, דעם אומגליקלעכן טעות, אַז ער איז בלויז אַ מענטש, בלויז אַ בשר-ודם. אין אידישקייט פלייסט זיך דער מענטש צו עפענען זיינע אויגן און דערזען זיך אין אַ נייעם ליכט, זיך דערקענען אַלס אַן עגאָ, אַלס אַן אחד, אַלס אַן איך. און ווען דער מענטש דערגרייכט צו דער דרגא, דעמאָלט הויבט זיך אָן אַ נייע ערא, עס שלאָגט די שעה פון אחרית־הימים. און די נבואות וועגן די לעצטע טעג וועלן מקויים ווערן, און אַ נייער לעבן, אַ העכע־רע פאָרמע פון לעבן, דענקען און פילן וועט ווערן דערגרייכט. די גאַנצע וועלט וועט ווערן ווי איין הויז פון יהוה, א ביתי בית תפלה. צו אָנערקענען אידישקייט הייסט אָננעמען דעם גרויסן אמת פון דער אחדות פון דער איכהייט, פון דעם אָנכי. דער איך פּרינציפּ דאָס איז דער אמת ויציב, די איינציקע וואָרהייט, די איינציקע אָפּנ־באַרונג, די גרויסע התגלות וועלכע ציט זיך פון אייביקייט צו איי־ביקייט.

'אשרי המאמין', גליקלעך איז דער וואָס גלויבט. אָבער דער כוח און די גבורה ליגט ניט אין גלויבן אַלס אַזעלכן, נאָר אין דעם אמת אין וועלכן מ'גלויבט. גלויבן, אין וואָס ? אין זיך, אין איך, אין אני־יהוה, אין דעם האַר פון אַלע האַרן און דעם קעניג פון אַלע קעניגן, דעם מלך מלכי המלכים פון דער אינערלעכער זעלן־מלוכה. אַ גרויסער גלויבן פאַרלאַנגט אַ גרויסע וואָרהייט. און גלויבן און אמת, ווען זיי פאַראייניקן זיך, דעמאָלט קענען זיי רוקן בערג פון זייער־ערע ערטער, מאַכן פון זיי טאָלן, און פון די טאָלן ארויפהויבן בערג. אמת'ער גלויבן קען זיך קיינמאָל ניט געפינען אין קאָנפליקט מיטן שכל, מיטן פאַרשטאַנד. מחמת ער הערשט אומבאַשטריטן, און ווער וועט עס גאָר די חוצפה האָבן זיך אַנטקעגן צו שטעלן זיין מאַיעסטעט, דעם אמת, און זיין באַדינער, דעם גלויבן. אויף וויפיל דער שכל איז שכל'דיק און פאַרשטאַנד איז פאַרשטענדלעך, אויף אַזויפיל העלפט ער אונדז אין אויסגעפינען און אויפהאַלטן און פּראָפּאַגאַנדירן און פאַר־שפּרייטן דעם אמת. ניט קאָנוויקציאָניזם, ניט פיסטיזם, נאָר ווערדיטיזם,

אמת, — דאָס איז דער כוח, דער גרויסער באַוועגער. און דער אמת איז איינער — דאָס איז דער איך, דער אני־יהוה, דער איך, וועלכער איז דער יאני-אני־הואי, דער יאנכי־אנכי־הואי. און וואו מיר דער־זעען נאָר איין איינציקן שטראַל פון אָט דער זון, דאָרטן זיינען מיר זיכער צו געפינען אַ באַדן אויף וועלכן עס וואַקסן מעשים טובים און גרויסע אַקציעס און חשוב'ע אויפטועונישן.

און אונדזער ציוויליזאַציע איז בלויז אַ וועג, אַ שטעג וועלכער פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן אידעאַל, דאָס איז דער מיין פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט און איבערהויפּט פון דער געשיכטע פון די אידן. גלויבן איז בלויז די עקזעקוטיווע מאַכט. אָבער צו איר און איבער איר מוז שטיין אַ לעגיסלאַטיווע מאַכט — און דאָס איז דער גרויסער אמת פון זעלבסטהייט, פון איכ־הייט, פון איך־ער'טום.

אמת, גרויסן גלויבן קען מען קריגן, קען מען דערוועררבן פון אַן אמת גרויסער װאָרהייט, פון דער גרעסטער, מעכטיקסטער וואָרהייט. און דעמאָלט וועט דער גלויבן אין דעם אמת באַוועגן און איבערגע־שטאַלטן גאַנצענע וועלטן, אָדער שאַפן נייע וועלטן, בעסערע, העכערע, פון אַן אויסגעהאַלטענער סיסטעם און א קאָנסעקווענטן סדר.

מיר הערן גאַנץ אָפט ווי מענטשן, נאָכזאָגנדיק דעם באַרימטן שפּרוך פון טערטוליאַן, דריקן זיך אויס בזה־הלשון: איך גלויב אין דעם הגם איך קען עס ניט באַגרייפן מיטן שכל. דאָס באַווייזט, אַז דער זאָגער גלויבט ניט ווי באַדאַרף־צו־זיין, ניט מיט זיין גאַנצן סך־הכל פון גייסטיקע, פּסיכישע כוחות. אַן אמת'ער גלויבן איז שכל, פאַרשטאַנד און אויפפאַס צוזאַמענגעשמאָלצן. אמת'ער גלויבן איז זעלבסט־גלויבן, גלויבן אין זיך אַליין, גלויבן אין דעם זעלבסט. און וואו נאָר מיר געפינען גלויבן און אויפטואונג, מעשים טובים, גרויסע אַקציעס, דאָרטן וועלן מיר אלע מאָל געפינען אַ טראָפּן פון איכיזם און אויב אַ טראָפּן, איין קאַפּעטשקע פון דעם שאַפט און צייגט וואונ־דער, הײנט שטעלט זיך פאַר וואָס דער גאַנצער פולער אָקעאַן פון גלויבן וועט בכוח זיין אויפצוטאָן. עס איז דאָ איין שכל, איין לאָגאָס — און דאָס איז דער אני־יהוה. אין אלעם ערשטן אָנהויב איז געוועזן דער איך. און דעריבער איז טאַקע קיינמאָל ניט געוועזן און עס וועט קיינמאָל ניט זיין קיין צוזאַמענשטויס, קיין קאָנפליקט צווישן דעם איך, צווישן יהוה און דעם שכל, צווישן אָנכי־יהוה און דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. יהוה איז אַלץ־פאַרשטאַנד, דורכאויס פאַרשטאַנד, אַן אַל־ווילן, אַל־מאָראַל. יהוה איז דער אַבסאָלוט, און דער אַבסאָלוט בין

איך. יהוה נעמט אַרום אַלע גערדאַנקען, אַלע געפילן, אַלץ און גאַנץ, אַלע וועזנס, אַלע אידייען, אַלע אידעאַלן און ער מאַכט פון זיי איין איינקייט. איין גאַנצקייט, איין אחד. מהמת זעלבסטהייט איז דאָך אחדות און איינציקייט, און עס קאָן אַנדערש ניט זיין.

עס קען זיין בנמצא נאָר איין אַבסאָלוט, ניט צוויי. עס קען זיין בנמצא נאָר איין אמת, און ניט קיין צוויי אמת'ן. עס קען זיין בלויז איין איך, איך־עו. עס איז דאָ בלויז איין איך און עס איז ניטאָ קיין ניט-איך. דער ניט־איך איז דער גרעסטער טעות פון וועלטלעכן דענקען. דאָס איז דער קוואַל פון בלאַנדזשעניש און מיספאַשטענדע־ניש, ניט פאַרשטענדעניש.

## ד.

# עקזיסטענץ — אינסיסטענץ

פאַרוואָס זיינען רעליגיעזע דיספוטן אַלעמאָל אַזוי היציק, טעמ־פעראַמענטפול? פאַרוואָס ווערן רעליגיעזע שטרייטן אַנגעפירט אַזוי ליידנשאַפטלעך?

פילאָזאָפיע איז קאַלט ווי אייז, זי פאַרפרירט אַלע די וועלכע רירן זיך צו איר צו. און רעליגיע איז פונקט דער היפוך, זי וואַרימט אָן אַלע אירע נאָכפאָלגער און באַהעפטער. פאַרוואָס איז עס אַזוי? דאָס איז דערפאַר וואָס רעליגיע רירט אָן דעם סאַמע שורש פון דער נשמה, דעם סאַמע עיקר פון דאַזיין. דאָ, אין רעליגיע, האָט איר ניט צו טאָן מיט קיין מעטאַפיזיק, עס איז ניט קיין חקירה צוליב חקירה, פאַרשעריי לשם פאַרשעריי, דאָס איז ניט קיין פוסטע קונסט, אַ דיס־ציפּלין וועלכע דינט איין צוועק און דאָס איז פאַרווייַלונג, אַמוזירונג און אונטערהאַלטונג. און אַזוי אַרום העלפט זי דורכצושטופּן די צייט, וועלכע וויל זיך ניט רירן פון אָרט. רעליגיעזע ענינים באַהאַנדלען די גאַנצקייט פון אַלץ, עס איז ניט קיין שכל־זאַך. עס איז ניט קיין קונסט־עניין, עס איז אויך ניט קיין האַרץ־עסק. דאָ ווערט באַהאַנדלט דער איך אַלס עפּעס גאַנצעס. און אַלע סטרונעס פון מענטשלעכן זיין וויברירן, לאָזן אַרויס די טיפסטע קרעכצן פון טרויער און די העכסטע שאַלונגען פון יובל. רעליגיע איז אַן עגאָטיק צוזאַמענ־געפאַרט מיט אַ קולט, מיט אַ פּראַקטישער פּסיכאָלאָגיע, מיט אַ סאָצי־אָלאָגיע, מיט אַן עטיק: מיט איין וואָרט, מיט עפּעס גאַנצעס, מיט

אַלע מענטשלעכע אַקטיוויטעטן, שפּירונגען און דענקונגען. „רעליגיעזע עקזאַלטאַציע קען זיך פאַרגלייכן מיט סעקסועלן ברען און עקסטאַז. מחמת דאָ פאַרטשעפּעט מען דעם סאַמע דנאָ, דעם סאַמע גרונט פון דאַזיין. דאָ געפינט זיך דער מקור ניט בלויז פון ביאָלאָגישן שאַפן, וואָס הייסט רעפּראָדוקציע, נאָר פון אמת׳ן שאַפן, פון אמת׳ער יצירה, דאָס באַשאַפן פון אַן אומענדלעכער צאָל פון וועלטן. רעליגיעזער עקסטאַז איז דער טיפסטער, העכסטער טראַנס פון התלהבות, דבקות אויף וואָס אַ מענטש איז מסוגל און צו וואָס ער איז ראוי. מחמת זיין איז באמת מיין, מיינט זיך־איכ׳ן, זיך־יהוה׳זירן. צו זיין, צו עקזיס־טירן מיינט צו זיין אַן איך, זיך־זיכ׳ן, זיך־איכ׳ן, זיך־זעלבסט׳ן. און מיר עקזיסטירן, איכ׳ן זיך און פילן דורך, לעבן איבער די הנאות פון לעבן, דעם ציטער און פלאַטער פון דאַזיין, די שמחה פון יש, די גבורה פון קיים, די גדולה פון ממש, דעם אין־סוף פון דעם אַלעמען — נאָר אויף אַזויפיל אויף וויפיל מיר זיינען רעליגיעז, דאָס הייסט, אויף וויפיל מיר זיינען זיכ׳יש, איכיש, אַריינגענומען אין כלל פון יהוה. אמת׳ע עקזיסטענץ איז איכהייט, איז אינסיסטענץ, איז אַנכי־יהוה׳שאַפט.

„די וועלט וואָס וועט קומען איז דאָס וואָס מ׳האָט הנאה פון דעם שיין פון דער שכינה וואָס איז דער פאַרגעניגן פון באַגרייפן״ (ס״ג).

„די וועלט וואָס וועט נאָך ערשט קומען אַנטהאַלט גאָרניט נאָר בלויז צדיקים זיצן און קרוינען אויף זייערע קעפּ און זיי קוועלן אַן פון נחת פון דעם שיין פון דער שכינה״ (ס״ד), וועלכע איז אַן עמאַ־נאַציע פון איך, פון דעם אַנכי־יהוה.

די רעליגיעזע פּראָבלעמען זיינען געווען אַלעמאָל פּראָבלעמען פון לעבן און טויט. דער ריכטיקער וועג פירט צו אייביקייט, צו אַל־מאַכט, פירט אונדז צו דעם כל־יכול וואָס אין אונדז, ברענגט אונדז צו זיך אַליין, צו דעם שעפער פון אַלע וועלטן וועלכע זיינען אַרום אונדז, וועלכע געפינען זיך אין אונדז, צו דעם שאַפער פון אַלע וועלטן וועלכע וועלן ערשט אַנטשטיין, וועלכע מיר, אַלס אַן איך, וועלן נאָך שאַפן אַ יש־מאין, פון דעם גאַנצן וואָס איז אַנטהאַלטן אין דעם גאַנצן, פון דעם אַלץ וואָס אין דעם אַלץ, פון דעם אחד, פון דעם זעלבסט. דער פאַלשער וועג, דער פאַרפירערישער וועג פירט אונדז צוריק צו דעם זומפּ, צום טיט־היון, צום גיהנום פון מיזעראַבעלן לעבן, צום וואָרם־עקזיסטענץ, בייטאָג וואַרטן מיר אַז עס זאָל ווערן נאַכט, און ביידערנאַכט קוקן מיר זיך אויס די אויגן וואַרטנדיק אויפן אַנקום פון דעם טאָג. און די טעג רוקן זיך אַוועק, און די שוואַרצע

גרוב שרעקט אונדז, קומט צו אַלץ נעענטער און נעענטער מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט און סעקונדע. און אַלע אונדזערע הנאות זיינען צעווערימט, צע׳מזיק׳ט, צעקאַלעטשעט. זיי זיינען קיינמאָל ניט פול. זיי שוימען, רוישן אַ רגע און גלייך פאַרשווינדן זיי ווי מיטן רויך אַוועק, פאַרלאָרן געגאַנגען מיטן איבערקאָך און איבערזאָד. ווי נאָר באַפרידיקונג ווייזט זיך, אַזוי גלייך קומט די אַנטוישונג. באַפרי־דיקונג איז באמת אַן אילוזיע אין אַ לעבן אין וועלכן עס איז ניטאָ קיין מאָראַלע סאַטיספאַקציע: דאָס באַוואוסטזיין פון שולדיקייט שטייט אַלע מאָל אויפן וואָך ביים טיר פון האַרצן; וואו עס איז ניטאָ קיין אינטעלעקטועלע באַפרידיקונג: אַלעמאָל שטייט פאַר די גייסטיקע אויגן דער פחד פון טעות־מאַכונג, פעלערן־באַגייאונג צי פון אונדז צי פון אַנדערע.

מ׳פלעגט אַמאָל דראָען מיט דער „פעקלע״, מיטן אינפערנאָ, מיטן שאול־תחתיה. צו וואָס טויגן אונדז די אויסטראַכטונגען! דער גיהנום איז דאָ אויפן אָרט, אין לעבן, אין ממשות׳דיקן לעבן פון יעדן מענטשן.

גערעכט, אינגאַנצן גערעכט וואָלטן געווען די פעסימיסטן, ווען מיר וואָלטן ניט דערהערן אין מיטן דעם וואָיען און סקאַוואָטשען, צייך־סקריטשן און נעגל־דראַפּען, דעם קול־דממה דקה פון יהוהן, דעם שטילן דינעם קול׳כעלע פון דעם איך, וואָס קלאַפּט קוים־קוים אין האַרצן.

ה.

## דער סטאַדע־מענטש — אַ דרוק־פעלער

וואָס איז דער מענטש אין זיין היינטיקער צורה? אַ מיספאַר־שטענדעניש. ער איז ניט קיין בהמה, ער איז ניט קיין חיה און ממילא קען ער אויך ניט זיין קיין „מענטש״, ווײַלע אַ מענטש איז בלויז אַן איבערגאַנג פון אַ חיה צו אַ כביכול. אַ פלאַם פייער ברענט אין אונדז און קען אונדז ניט פאַרצערן. אַ שרפה פלאַקערט און צינדט זיך אין אונדזער געביין אַן אַן אויפהער, אָן אַן אָפּשטעל, אָן אַן אָפּ־האַלט. אַ וואָרעם טאָטשעט אונדז, מאַטערט אונדז, פייניקט אונדז און לאָזט אונדז ניט הנאה האָבן פון לעבן, לעבן און וועבן דעם פאָדים פון עקזיסטענץ ווי אַ בוים ווי אַ בהמה. סאַטיספאַקציע איז גאָר ניטאָ

בנמצא אין מענטשלעכן ווערטערבוך, אין דער מענטשלעכער פּסיכאָ־לאָגיע. עפּעס ווי איבערגעוואַלד לעבן מיר און איבערגעוואַלד שטאַרבן מיר. מיר זיינען ניט באַלאַנסירט. כוחות איינגעטאַמעוועטע, איינגע־קלעמטע רייסן זיך און שליידערן זיך אַרום ,ווי אין קדחת, אין אונד־זער כוואַליעדיקן בוזעם, אין אונדזער שטורעמדיקער ברוסט, אין אונ־דזער צאַפּלדיקן האַרצן. זיי בושעווען, זיי פּילדערן, זיי שלאָגן זיך אָן די ווענטלעך פון אונדזער כאַטקע וואָס הייסט גוף.

יעדער מענטש טראָגט אין זיך פאַר׳חתמ׳עט אַ טרוים וועגן שלימות, וועגן בעסערעס, העכערעס, יעדער מענטש האָדעוועט דעם חלום וועגן פּערפעקציע און קען זיך ניט פאַר׳שלומ׳ען מיט דער פּשוט׳ער רעאַליטעט. ער וויל, ער גאַרט נאָך עפּעס אַנדערש. יעדער מענטש שטעלט זיך פאָר עפּעס שענערעס ווי די גרויע מציאות, די שאַרעווירקלעכקייט, וועלכע האַלט אים אין אירע אָרעמס.

דער מין מענטש איז אַ דרוק־פעלער אין דעם בוך פון לעבן. דער מענטש איז אַ טעות, אַ גרייז און אַ שלים־מזל און נאָך דעם טעות קומט דער תיקון־טעות, די אויסבעסערונג פון דעם דרוקפעלער אָנגעצייגט אויף דעם לעצטן בלעטל פון ספר־החיים.

דער מענטש גוסס׳ט, גייט אויס ווי אַ צאַנקענדיק פלעמל, פאַר אונדזערע אויגן, אין אונדזער צייט, אין אונדזער דור, און אין אונדזער אָרט. דער עגאָסאָף איז אַ קברן, ער קומט באַגראָבן דעם אַלטן אָדם, וואָס איז אַ פּרא־אָדם, ברענגען צו קבר־ישראל דעם פאַרצייטיקן מענטשן, און דער עגאָסאָף איז אויך אָן אָנזאָגער, אַ פּראָקלאַמירער פון דער געבורט פון דעם איך, פון דעם אָנכי־יהוה.

וואָס פאַר אַ פאַטעטישע געשטאַלט שטעלט מיט זיך פאָר דער מענטש! ער שטרעבט צו די הויכן און איז צוגעבונדן מיט זיין נאָפּל צו די אונטנס. און וואָס פאַר אַ קוואַל פון גליקזעליקייט וועט זיך עפענען פאַר דעם מענטשן אין דעם מאָמענט, ווען ער וועט אָוועק־וואַרפן זיינע געטשן, זיך אויסגלייכן און נעמען גיין בקומה־זקופה אין דעם פולן באַוואוסטזיין פון זיין איכהייט. ווען דער מענטש באַפרייט זיך פון אַלע אילוזיעס מכוח זיין מענטשטום, און אַנדערקענט זיך אַלס מענטש־מענטשהייט, אַלס מענטש־וועלטהייט, מענטש־געדאַנקענהייט, מענטש־יהוה, מענטש כל־יכול, מענטש מעג־אַלץ, מענטש קען־אַלץ.

ו.

# דער איד־מענטש

„דעם מענטשנס דערפינדונגען זיינען שאַפונגען. דער מענטש האָט דערפונדן דעם אַקעראייזן, די פּאָמפּע, דעם וואָגן, די שיף, דורך דעם וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט דאָס וואָס מיר רופן אָן די געזעצן פון נאַטור" (8).

אויב דער צעברעקלטער שטיקל־שכל פון מענטשן האָט געקענט אַזויפיל אויפטאָן, אַזויפיל דערפינדן, היינט שטעלט זיך פאָר וויפיל די פולע אינטעליגענץ פון זעלבסטהייט וועט מחדש־זיין.

דער אמת'ער מענטש, דער איד האָט זיך דערפונדן, האָט זיך באַשאַפן אַלס אַ מאָראַלישעס וועזן, און מהאי־טעמא גלויבט ער אין אַ וועלט־באַשאַף און באַניי. אין דעם פרט איז די עטישע פּערזענלעכ־קייט געגליכן צום אידישן צבור, וועלכער איז אַן אינווענטיוער און דעריבער האָט ער געלערנט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, דאָס הייסט דערפונדן געוואָרן.

„איך גלויב אין דער דאָזיקער צוקונפט, איך גלויב אין דעם זיג פון גוטס. איך גלויב אין מענטשן. דווקא דערפאַר, וואָס איך בין געקומען צו אָנדערקענען ווי ווייט זיינע פּרימיטיווע אינסטינקטן דערלאַנגען אין דאָס ווילדע, חייהשע, אומקאָנטראָלירטע, גרענעצלאָזע און שרעקלעכע, דווקא פון אָט־דעם פאַקט זע איך אַ בעסערע צו־קונפט" (9).

דער מענטש וועט אָפּטרייסלען פון זיך דעם שטויב פון פחד. ער וועט אָפּשאָקלען דעם פּול פון אומגלויבן. ער וועט אַראָפּוואַרפן די משא פון כפירה. ער וועט זיך אָפּזאָגן פון דער טייוולשער אמונה, דער געפּערלעכסטער רעליגיע פון שלעכטס, פון רשעות, פון באַגרע־ניצונג, פון פאַרביילויפנדיקער ציטווייליקייט, פון אָרט־לאָקאַליטעט, פון חולשה. דעמאָלט וועט ער ווערן אויס־מענטש . . . תורת־משה זאָגט און פאַרזיכערט, אַז דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, די אויסלייזונג איז נאָענט, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, אַז נאָך דער סטאַדיע פון דעם סטאַדע־מענטשן, פון דער מאַסע, קומט די שטופע פון דעם גרויסן איך, פון יהוה. און אויף דער דערגרייכטער שטופע פון אַ כביכול — ווערט אַלץ אַנדערש:

אַקעאַנען פול מיט ברכות און הצלחות, מיט בענטשונגען און זעג־נונגען רינגלען אונדז אַרום. אונדזערע אָפענע אייטערדיקע וואונדן

ווערן פאַרוואַנדלט אין קוואַלן פון געזונט, און אונדזערע פּאַראַגאַסענע און פאַרגליווערטע טרערן ווערן דימענטן און ברילִיאַנטן וואָס בלי־שטשען און בליאַסקען אויף דער זון פון אונדזער אויפקום און אויפ־ריכטונג.

דער סטאַדע־מענטש, דער בהמה־חיה מענטש גייט אונטער, און דער איש־האלהים, דער כביכול־מענטש, דער יהוה־מענטש גייט אויף. דער אונטערשטער מענטש אין אונדז שטאַרבט אָפּ, און דער אויבערשטער אין אונדז בליט און שמעקט, שפּילט זיך מיט אַלע פאַרבן פון כל־יכול, געזרוכט מיט אַלע ריחות פון אַלץ־אומפאַנג. דאָס איז דער טויט און דער תחית־המתים אויפשטיין אין אונדזער אינגערלעכ־קייט. מענטש איז שוואַכקייט, אָרימקייט, גאָרניט מיט גאָרניט . . .

„איך בין אַ גליבע און אַ וואָרים, שטויב פון דער ערד, אַ געשיר פול מיט שאַנדע, אַ שטומענדיקער שטיין, אַ פאַרביילויפנדיקער שאָטן, אַ ווינט וואָס גייט אַוועק און קערט זיך ניט אום, גיפט פון אַ שלאַנג, אַ האַרץ־צעדרייטער, אַ האַרץ־אומבאַשניטענער, גרויס אין צאָרן, אַ טראַכטער פון אומרעכט און לוסטיקייט, אַ פּוסטער בעל־גאווה, אַן אומגעדולדיקער, מיט טמא ליפּן, אַ בלאַנדזשער אויף אומוועגן, אַ פּוס־שנעלער. וואָס בין איך? וואָס איז מיין לעבן? וואָס איז מיין גבורה און וואָס פאַר אַ ווערדע האָט מיין גערעכטיקייט? איך בין אַזוי גוט ווי ניטאָ, כל־זמן איך בין דאָ, אַפשיטא שוין נאָך מיין טויט. פון וואַנען איז מיין אַרויסגאַנג? וואוהין איז מיין אַריינגאַנג" (ס״ה).

אָבער איך בין מער קיין מענטש ניט. איך בין דער אנכי־יהוה, דער וואָס טראָגט די קרוין פון מלכות. מיט מיין אָנדערקענען די מענטשלעכע נישטיקייט, זאָג איך בפה־מלא, אַז איך בין שוין אַריבער־געגאַנגען די מדרגה פון דעם פּשוט׳ן בשר־ודם — און דאָס איבער־וואַקסן אַריבערשפּרייזן דעם רוביקאָן, וואָס טיילט אָפּ דעם מענטשן־חיה פון דעם אָנכי איז געווען דער טרוים פון אַלע נביאים.

„׳און ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן׳. וואָס מיינט חיים? דאָס איז יה און אויף דעם איז גע־זאָגט, ׳כל הנשמה תהלל יה׳ (תהלים ק״נ), (דער אָטעם וועט לויבן דעם יה, דעם איך) אין אים ווערט פּערפעקטירט דער יהוה. האָט ער מער זוכה געווען און האָט באַגריפן דעם יהוה אין שלימות פון די אותיות יו״ד, ה״א, וא״ו, ה״א, וועלכער איז דער מענטש אין שטייגער פון אצילות, וועלכע ווערט אָנגערופן די געשטאַלט פון האַר. און אויף אָט־דעם איז געזאָגט געוואָרן: ׳וירדו בדגת הים׳ (בראשית א׳) . . . און דאָס איז דעם מענטשנס הערשאפט אין אַלע רוימען,

אין די אופנים און שרפים און די חיות הקודש, איבער אַלע קרעפטן און ענערגיעס פון אויבן און אונטן (ס״ו).

דער זהר רעדט דייטלעך וועגן דער אידענטיפיקאַציע פון יהוה, פון יה מיט דעם מענטשן, ווען ער איז אין א הויכער בחינה.

ז.

# אידישקייט איז אָפּטימיזם

לויט לאָרד קעלווינס אינטערפּרעטאַציע פון דעם געזעץ פון ענער־גיע־דעגראַדאַציע, גייט, ניט בלויז אונדזער פּלאַנעטע, נאָר דער גאַנ־צער אוניווערס פּאַמעלעך אָבער אומפאַרמיידלעך צו זיין אולטימאַטי־ווער פאַרניכטונג. דער נאַטור־זייגער גייט ביסלעכווייז אויס, און אויף וויפיל אונדזער וויסן דערגרייכט איז ניטאָ אַזאַ נאַטירלעכער פּראָצעס, וועלכער וואָלט זיין בכוח אים אָנצוציען איבעראַנייס״. (10).

דער איד האַלט פונקט פאַרקערט: דער קאָסמאָס איז אַן אַחדות־סיסטעם. און ווען אַ מענטש טוט אַן עטישע טאַט, דעמאָלט שטאַרקט ער דערמיט די אחדות אין זיין נשמה, און ממילא, אין דעם אינטער־אינדיווידועלן עגאָ, און, ממילא, אויך אין דעם קאָסמישן עגאָ, וועל־כער איז פאַרמירט פון גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט. אַן אומעטישע אַקציע, ווען זי ווערט אָקומולירט, וועט מוזן, סוף־כל־סוף, ברענגען צום אונטערגאַנג פון דער וועלט. ווילע די נעגאַטיווע, די צעשיידנ־דיקע פאַקטאָרן וועלן בזה־האופן בייקומען און אַריבערוועגן די באַ־העפטנדיקע אַגענטן. אָבער די מצוות זיינען שטאַרקער פון די עבירות. און דער יצירה־פּראָצעס וועט זיך ניט אָפּשטעלן.

אידישקייט איז אַן אָפּטימיסטישער וועלט־באַנעם.

„פון דאַנען נעמט זיך עס וואָס דער וועלט־פאַראַכטנדיקער פּעסי־מיזם פון די סטאָאיקער איז אַלעמאָל גרייט צו פאַראַכטן און אַוועק־צוואַרפן אפילו דאָס אינדיווידועלע לעבן אַלס עפּעס וואָס איז גלייך ווערטלאָז ווי אַלדאָס איבעריקע אין דער וועלט. אַזוי ווי די וועלט איז צום אָנהויב נעגירט געוואָרן צוליב דעם זעלבסט, אַזוי איז אויך דער זעלבסט, צום סוף, נעגירט געוואָרן מיט דעם רעשט פון דער וועלט. אין אַזאַ אַבסאָלוטן פּעסימיזם און אילוזיאָניזם האָט געענדיקט דער אָנהויבערישער אַבסאָלוטער אָפּטימיזם פון די גריכן . . . אַלדאָס וועלן און דענקען מוז שטאַרבן און אויסגיין פון מאַנגל פון גייסטיקער

נערונג, און דעמאָלט קומט דער פרידן און רו פון נירוואַנאַ, אַ פרידן צו וועלכן קיין אָטעם-צוג פון שלעכטס רירט זיך ניט צו. דאָס איז דער עכטסט עקסטרעמער פעסימיזם, וועלכן מ'קען זיך נאָר פאָרשטעלן. אָבער ער אַנטהאַלט אין זיך זיין אייגענע רעדוקציע צום אַבסורד, מחמת עס איז אַ זעלבסט-ווידערשפרוך, אַז דער זעלבסט פון באַוואוסטזיניקן עגאָ זאָל טראַכטן פון זיך זעלבסט אַלס פון עפּעס, וואָס עקזיסטירט ניט, און ער זאָל וועלן ווי ניט ווילנדיק. אַזוי אַרום זעען מיר ווי ביי די גריכן און די הינדוסן האָט דער אַנפאַנגלעכער אָפּטימיזם פון אַ גראָבער פאַרערונג פון דער וועלט זיך פאַרוואַנדלט, צום סוף, אויף אַ כמעט-ענלעכן שטייגער, אין אַן עקסטרעמען פעסימיזם, וועלכער צייגט זיך אַרויס צו זיין אומאַנהאַלטבאַר, ווייל מ'קען אים ניט דורכזעצן, ניט אַריינפאַלנדיק אין אַ זעלבסט-סתירה . . . אָבער היסטאָריע האָט באַוויזן דאָס פּאָזיטיווע בייקומען פון ביידע טעות'ן אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע פון ישראל" (11).

„פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אַט-די פילאָסאָפיע (פון שאָפּענהויערן) איז אין אַ געוויסער הינזיכט אַ קאָנסעקווענץ פון קאַנטישן דואַליזם, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז דאָס גוטע איז אומדערגרייכבאַר און דאָס אמת'ע איז אומדערקענבאַר.

מיר מוזן דאָך האַנדלען, זיך אויפפירן צו גוט צו שלעכט, צו שיין, צו מיאוס. אויב מיר ווייסן ניט צו מיר ווייסן; אָדער, רכטיקער, אויב מיר ווייסן ניט צו מיר ווייסן טאַקע באמת ניט אָדער אפשר ווייסן מיר יאָ. אָדער, נאָך ריכטיקער, אויב מיר ווייסן, מיר זיינען זיכער אַז מיר ווייסן גאָרנישט ניט — וואָס פאַר אַ פאָרמע פון פירעכץ קען מען דערוואַרטן פון אונדז! ווי קענען מיר אויפבויען אויף אַזאַ זיך וואַקלענדיקן פונדאַמענט אַ געזונטע ציוויליזאַציע, אַ שטרענג-אויסגעהאַלטענע עטיק ? ! און וואָס איז דער חידוש דאָס דער גריכישער רענעסאַנס האָט אונדז געבראַכט אַ רעסטאַוורירונג פון די לייב-רעכט, אַן אידעאַליזירונג פון רייסערייען, צעשפּליטערונג, פאַלשן נאַציאָנאַליזם, מיט איין וואָרט, פּאַגאַניזם. און אַנדערע האָבן נאָך שטאָלצירט מיט זייער עבודה-זרה'שע בייגונגען, ווי, דהיינו, געטהע, וועלכער האָט מיט באַרימערײַ זיך באַציכנט אַלס 'דער גרויסער היידע'. מיר שניידן איצטער וואָס מיר האָבן געזייט אַפן פאַרפעסטעטן באָדן פון געטשנדינערײַ. מיר האָבן זיך אַרומגעשליידערט, ווי מיט פּילקעס, מיט טויזנטער סיסטעמען. אָדער מיר האָבן זיך גאָר גע'חנ'דלט, קאָקעטירט מיטן אַגנאָסטיציזם. און אויף אַזאַ שטייגער, מיט אַזעלכע אומפאַסיקע אַנטי-אינטעלעקטועלע מיטלען האָבן מיר עס בדעה געהאַט

מדריך צו זיין די אויפשטייענדיקע דורות און מנהיג־זיין די אויפ־וואַכנדיקע פעלקער.

און וואָס איז געווען און איז דער רעזולטאַט ?

פעסימיזם, אַגנאָסטיציזם, וכדומה נעגאַטיווע סיסטעמען און שעד־לעכע וועלט, מענטש, שכל־באַנעמען, האָבן אונדז אויפגעפרעסן, האַרץ, קאָפ, געפיל און פאַרשטאַנד. אויב מיר ווייסן בפועל־ממש גאָרניט, אויב מיר זיינען ניט ביכולת צו געבן פּאָזיטיווע ענטפערס אויף די אויפרודערנדיקע פראַגן וועלכע מאַטערן אונדז, אם כן, למה זה אנכי, אויף וואָס טויגן אונדז אַלע אונדזערע חכמות, אויף וועלכע כפרות דאַרפן מיר האָבן אַלע אונדזערע חקירות און פלפולים ? ! צוליב וועלכן צוועק האָבן מיר אויפגעבויט דעם גאַנצן בבל־טורעם פון ספּע־קולאַציע און מעטאַפיזיק ?

די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע איז אַ בית־עלמין, און עס שמעקט מיט טויט פון אַלע ווינקעלעך, פון אַלע בערגעלעך, פון אַלע אירע פלאַנצונגען, בלומען, גראָזן און אפילוביימער. אַרום אונדז גייען אַרום, בלאָנקען זיך אַרום מיליאָנען מענטשן שוין טויטע אָדער נאָר פאַר׳משפט׳ע צום טויט. זיי פאַרמאָגן ניט קיין כוח צו טאָן עפּעס גרויסעס, סיידן איינער דעם אַנדערן שלעכטס צו טאָן, אויף דעם אַליין סטאַיעט זיי נאָך ווילנסקראַפט. זיי האָבן ניט קיין כוח צו לעבן. זיי פאַרמאָגן אָבער גענוג כוח צו שטאַרבן, אָדער צו הורג׳ן, צו מזיק׳ן איינער דעם אַנדערן. אומעטום הערשט כאַאָס און צעשפּליטערונג. גיט אַ קוק אויף דער קולטור־וועלט ! וואָס זעען מיר דאָרטן ? אַ מלחמה פון אַלעמען קעגן אַלעמען, אַן אייביק־דויערנדיקע מלחמה. די לערע פון האבבעס׳ן, אַז ׳דער מענטש פאַר דעם מענטשן איז אַ וואָלף׳ איז דאָ, אויפן געביט פון קולטורעלן אויפטו, אַ שטיקווירקלעכקייט. פּראָדוקטן ווערן פאַלסיפיצירט. יעדער פאַרטיידיקט מיט אַלע מיט־לען, סיי כשרע און סיי ניט־כשר׳ע, זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט און זיין אייגענע לערע ניט דערפאַר וואָס עס איז אמת, נאָר דערפאַר וואָס עס איז אייגן, און, ממילא, איינפלוס־געבנדיק, אויטאָריטעט־אויסברייט־טערנדיק. עס איז ניטאָ קיין שום סיסטעמאַטיזאַציע, קיין שום קאָאָפּע־ראַציע, עס איז ניטאָ קיין שום אָנהויב, קיין זכר פון קאָאָרדינאַציע פון אַרבעט.

און די לערן, די דאָקטרינס, וואָס איז מכוח זיי ? זיינען זיי אויף דער הויך פון זייער באַשטימונג ? זיי זיינען פאַרנומען מיט פּרטים, מיט דעטאַלן און איינצלהייטן. אָבער ווען עמיצער וואָגט צו פרעגן וועגן דעם ענדציל, וועגן דעם סוף־פסוק, וועגן דעם תכלית פון דעם

אַלעם — דעמאָלט קריגט ער אַן ענטפער מיט אַ צוק פון אַקסלען און אַ זיי דורך די ציין מיט מורמלענדיקן פאַרדרוס: מיר ווייסן ניט, דאָס געהערט צו מעטאַפיזיק, ס'איז אוממעגלעך עס צו ווייסן.

מיר ווייסן ניט, מיר קענען ניט ווייסן די ערשטע סיבה פון די דערשיינונגען, פאַרזיכערט מען אונדז, אָבער אויב אַזוי, אויב מיר לאָזן אָפּן, לאָזן איבער לעכער, לאָקונעס די לענג און די ברייט פון אַ גוט־היקפ'דיקן טויער, צו וואָס טויג אונדז דאָס נאַריש־מאַכן זיך, דאָס אַרומצוימען דעם געביט, ווען די דורכברעכונגען, די פּרצים אין דעם פּאַרקן זיינען ברייטער פון דעם שטח וועלכן מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי און אָנשטרענג כלומר'שט ווי אַרומגעכאַפּט מיט אַ פּלאַנקן.

אַגנאָסטיציזם טראָגט אין זיך אַלע זאָמען פון פאַנאַנדערפאַל, פון אַנטאַרטונג פון אונדזער שכל, פון דעגענעראַציע פון אונדזער פאַר־שטאַנד. ווי קען עמיצער בויען דעם טעמפּל פון עטיק אויף דעם זאַמד־יסוד פון ניט־וויסעניש.

די אַלע „צרות" קומען פון גריכנלאַנד, פון סאָקראַטעסעס שפּרוך: „איך ווייס, אַז איך ווייס ניט". אַגנאָסטיציזם איז פעסימיזם אין תחום פון דענקען. און מיט דעם אַריינקום פון העלעניזם אין דער אידישער טעאָלאָגישער ליטעראַטור, צוליב אַ פאַטאַלער פאַרבלענדעניש, איז אַריינגעגאַנגען אין אידישן געדאַנקען־גאַנג דער פאַלשער רעיון מכוח דעם, אַז מיר קענען ניט באַגרייפן, משיג־זיין, תופס־זיין די אלהות. דאָס איז אַלץ העלעניסטישער פעסימיסטישער אָפּפאַל, איבערגעבלייבענ־טער שטאָף פון דעגענערירנדיקע נשמות פון אַ דעגענערירטער גרופּע.

העלעניזם איז דעקאַדענץ, עס שמעקט מיט אונטערגאַנג, מיט פּחד פאַר'ן אונטערגאַנג.

דער אידישער באַנעם איז פּונקט דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט דעם גריכישן אַגנאָסטיציזם. דער איד ווייס אַז ער ווייס. דער איד איז 'זיכער', ווייל ער דערקענט און גלויבט אין 'איך-ער'.

„זיבן זיטן דינען פאַר'ן כסא־הכבוד און דאָס זיינען זיי: גלויבן, גערעכטיקייט, געריכט, גנאָד, באַרמהאַרציקייט, וואַרהייט און פרידן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: 'און איך וועל דיך פאַרלאָבן צו מיר אויף אייביק, און איך וועל דיך פאַרלאָבן צו מיר מיט גערעכטיקייט און מיט געריכט און מיט גנאָד און מיט באַרמהאַרציקייט, און איך וועל דיך פאַרלאָבן צו מיר מיט גלויבן און וועסט ווייסן יהוה (הושע ב', כ"ב).

רבי מאיר האָט געזאָגט: וואָס לערנט אונדז דער 'און דו וועסט ווייסן יהוה'? ער לערנט אַז יעטווידער מענטש וועלכער פאַרמאָגט די דאָזיקע זיטן ווייס דאָס ווייסן פון אויבערשטן". (ס"ו 1)

„דער פחד פאַר אומזיכערקייט און אומבאַשטימטקייט כאַפּט אים (דעם מענטשן) אָן. פאַרשיידענע סכעמעס, פּלענער און טעאָריעס זיי־נען פאַרגעלייגט געוואָרן מיט דעם צוועק אים צו באַפרייען פון אָט־דער אומזיכערקייט, אָבער אומזיסט.

'דער רעזולטאַט איז געווען ניט גליקלעכקייט . . . די מענטשהייט זעט אויס צו ווערן געטריבן אַהין און אַהער אין אַ ים פון קעגנזייטיקע פאַרלאַנגען. איין אימפּולס איז גובר און שטעלט אָפּ דעם צווייטן . . . דער פחד איז געוואָרן איינער פון די באַשטאַנדטיילן פון מענטשלע־כער עלנט' "(13).

„דער אמת פון גלויבן און אומפרעגבאַרע רעליגיע זיינען אַוועק און זיי האָבן ניט געקענט דינען אַלס אַ באַזיס פון זיכערקייט און פאַרזיכערקייט. אידעאַליסטישער ראַציאָנאַליזם איז געפאַלן" (14).

און מיטן פאַל פון אמת'ער רעליגיע פאַלט דער מענטש, זינקט דער קאָעפיציענט פון זיין זעלבסט־באַגלויבטזיין, זיין בטחון, זיין פאַר־לעסלעכקייט, ווייל בלויז עגאָ, יהוה, איז דער דערהויבער פון דער מענטשהייט, ער איז דער אַרויפהויבער פון אַלע נידעריקע ברואים, פון אַלע שפל'דיקע באַשעפענישן.

„יהוה בינדט פאַנאַנדער די פאַרבונדענע, יהוה עפנט די אויגן פון די בלינדע, יהוה גלייכט אויס די איינגעבויגענע. (ס"ז).

„יהוה האַלט אונטער די וואָס פאַלן" (ס"ח).

יהוה איז דער אויסלייזער, דער זעלבסט־אויסלייזער פון מענטשן און פון דער וועלט.

די טיפקייט פון אונדזער קענטעניש איז אָן אַ דעק, די עמקנות פון אונדזער וויסעניש וויס ניט פון קיין גרונט. מיר פאַרמאָגן אַ שטאַרקע זיכערקייט וועגן אָן אַ שיעור לימיטאַציעס, וועגן אָן אַ צאָל נעגאַטיווע אידייען. אָבער מענטשן כאַפּן זיך ניט, אַז אָט די זיכער־קייט זייערע איז דאָס דער גורם פון דער נעגאַציע און לימיטאַציע. מיר זיינען ניט נאָר חכמים־להרע, קלוג געווגוג זיך צו טאָן שלעכטס, נאָר אויך מאמינים־להרע, גלויבן געווגוג זיך צו דערנידערן, זיך צו־נישט צו מאַכן, זיך צו פייניקן, זיך צו צעטרעטן אונטער די פיס פון כפירה.

מענטשן זיינען זיכער אַז זיי קענען ניט פליען — און זיי קענען עס טאַקע ניט באַווייזן. ווען מיר וואָלטן זיי סוגעסטירן און איינריידן, אַז זיי קענען זיך ניט באַוועגן — וואָלטן זיי מיט דער צייט פאַרלאָרן זייער פייאיקייט פון לאָקאָמאָציע. ווען זיי איבערצייגן זיך אַז זיי קענען לענגער ניט לעבן, דעמאָלט הערן זיי אויף צו לעבן, און זיי

לייגן זיך אַוועק, ציען זיך אויס, און שטאַרבן אַוועק אָן חכמות און קונצן. זיי זיינען איינגעגלויבט, אַז שטערבלעכקייט איז אַן אומפּאַר־לעצבאַרער געזעץ, אַ חוק ולא יעבור, פון דער נאַטור.

„און ניט פון דער נאַטור, נאָר פון מענטשנס אויפטואונג־כוח און לעבעדיקן געפיל פאַר גערעכטיקייט דאַרף דער מענטש אויסקוקן און דערוואַרטן לינדערונג. דער מענטש דאַרף אַריינבויען אין דער נאַטור פון די קעגנשטאַנדן, דער מענטש דאַרף אַזוי מאָדיפיצירן זיין אַרומגעבונג, אַז ער זאָל מאַכן פון לעבן דאָס וואָס ער וואָלט אַליין וועלן, אַז דער לעבן זאָל זיין" (16).

נאַטור איז מיין איך. אנכי־יהוה איז דער בעל־הבית פון דער נאַטור. און דער ערשטער געזעץ פון אָנכי־יהוה, פון נאַטור איז קרעאַציע, און קרעאַציע איז אַלמעגלעכקייט. אָנכי־יהוה איז דער כל־יכול. דאָס לעבן איז אַן אָנשטרענגונג. דאָס לעבן איז אַ גלויבן אין לעבן. עס איז אַ זיכערקייט, אַן איינגעגלויבטקייט אין אונדזער פייאיקייט צו לעבן און געניסן פון לעבן.

ח.

## זעלבסט־פּאָזיטיוו

„צו ערשט מוזן מיר האָבן אמונה. מיר מוזן גלויבן, אויף־צו־להכעיס אַלע טעות'ן, פאַרברעכנס, שמוץ פון דער וועלט, אַז אין מענטשן זיינען דאָ אומענדלעכע פּאָטענציאַליטעטן, אַזעלכע אומאָנגע־רירטע רעסורסן וועלכע, אונטער גינציקע אומשטענדן, וועלן עווענ־טואירן אין דעם גאָלדענעם צייטעלטער, צו וועלכן אַנדערע נאַציאָנען האָבן געקוקט מיט ליבשאַפט אויף צוריקווילעכטס און אַנדערע פעלקער — פּאַרויס" (17).

„רעליגיע . . . זאָגט . . . איך בין די אומצעשטערבאַרע אַספּי־ראַציע פון דעם מענטשלעכן האַרצן. איך בין די שטימע פון די טיפענישן פון דער נשמה. איך בין דער קניפּל, וועלכער בינדט צו מענטשן־שטויב צום אַבסאָלוטן געדאַנק. און אין דעם גרונטלאָזן תהום . . . באַנעם איך די דערהויבענע ווירקלעכקייט, דאָס וואָס עק־זיסטירט באמת. איך הער פון דעם . . . אָפּגרונט אַרויס אַ שטימע, וועלכע רופט מיך. איך זע אַ ליכט, וואָס ציט מיך צו" (18).

אמת'ע רעליגיע איז די זיכערקייט אליין, די איינגעגלויבטקייט, זעלבסט־באַגלויבטקייט דערפירט צו אַבסאָלוטקייט, אָן קיינע ראיות, אָן קיינע באַווייזן, אָן קיין שום אַרגומענטאַציע. און יעדע אויסערונג, יעדע אַקציע פון קרעאַציע איז בלויז אַ זיכערקייט, אַ גלויביקייט, אַן אמת. לעבן איז אמת, טויט איז אַ ליגן. און ווי שוואַך און וואַקלדיק זיינען די טריט פון מענטשלעכן געדאַנק, ווען ער גייט צו דער באַהויפּטונג פון לעבן: אַ יענע וועלט, אַן אויפשטיין צו תחית המתים. דער מענטשלעכער רעיון וועט ניט און קאָן ניט בלייבן רואיק ביז ער וועט ניט געפינען דעם אויסוועג פון דעם פאַר'כישופ'טן קרייז, ביז ער וועט דורכברעכן די בלאָקאַדע פון טויט. און ווי פאַרזיכטיק, ווי פאַר־וואַלינקע, טריט ביי טריט, דערנענטערט זיך די מענטשלעכע מחשבה, דער מענטשלעכער דמיון צו אָט־דעם געוואַגטן פאַרנעם, צו דער באַ־הויפּטונג פון אייביקן לעבן.

דאָס לעבן איז אַ באַיאַונג, אַן אָנשטרענג. יעדע אַקציע איז אַן אַקט פון דער קרעאַציע־דראַמע. די וועלט, עקזיסטענץ איז אַן אויס־איבונג פון זעלבסט־אַקציע, פון זעלבסט־קרעאַציע. און דאָס אייביקע לעבן פונקט אַזוי ווי מחשבה און הכרה, געדאַנק און באַוואוסטזיין, קענען ניט דערקלערט ווערן דורך דעם פוסטן בעל־גאווה, 'ראַציאָ־נאַליזם'. מחמת 'ראַציאָנאַליזם' ווען מ'פאַרשטייט אים פּחדנות'דיק, באַגרענעצטערהייט, איז ניט קיין שעפערישער כוח, שאַפט ניט קיין נייע אַקציע, נאָר באַנוגנט זיך מיט דער עקספּליקאַציע פון דער אַלטער טואונג, פון די אַלטע אָפּגעלעבטע מעשים.

„'דער קעניג איז געפאַנגען אין די פאַרפלעכטונגען (שיר השירים ז', ו') אין די פאַרפלעכטונגען פון פאַרשטאַנד א. א. וו. און דאָס איז די בחינה פון גלות־השכינה" (ס"ח 1)

און דעריבער טאַקע איז ראַציאָנאַליזם, גענומען אין ענגן פשט פון וואָרט, אי נוצלאָז אי אימפּאָטענט. און, באמת ריידנדיק, איז אַזאַ ראַציאָנאַליזם פון דעם פּיליסטערישן טיפּ אינגאַנצן אומראַציאָנאַל, און ער איז ניט בנמצא אין פילאָסאָפישער אַריינטראַכטונג.

ראַציאָנאַליזם ברייטער פאַרשטאַנען און רחבות'דיק אויסגעטייטשט, איז אַ פאַקטאָר אין דער אומגעשטאַלטונג, ריכטיקער, אין דער באַ־שאַפונג פון אונדזער עגאָ, פון אונדזער זעלבסטהייט און דער זעלבסט־הייט־זעלביקייט פון דער וועלט, דעם אינטראַ־עגאָ און עקסטראַ־עגאָ. אָבער ראַציאָנאַליזם, אפילו אין דעם ברייטסטן אויסטייטש, איז בלויז איינער פון די פאַקטאָרן, אָבער ניט אַלע פאַקטאָרן צוזאַמענגענומען.

דער איך איז דאָס גאַנצע, איז דער כל־וכל. און אין עגאָ, אין אָנכי-יהוה זיינען פאַראַנען כוחות אָן אַ צאָל און אָן אַ מאָס ; אין מענטשן זיינען דאָ אָן אַ שיעור קרעפטן. דער איך אַנטהאַלט אָן אומ־איבער־ציילבאַרע סומע פון סיסטעמען און מעטאָדן פון פאַרשטענדעניש, ווייסעניש, דערקענטעניש, שאַפעניש, אַרויסוואַקסעניש און אויפקומע־ניש. יהוה איז אָריגינאַליטעט, דער מקור פון אַלע אַנפאַנגלאָזע אָנ־הויבן און אַלס אַזעלכער איז ער פול מיט אומדערוואַרטענישן, אלמעג־לעכקייטן, זעלבסט-מעגלעכקייטן.

אַלע אידייען קענען, מוזן און וועלן פאַרווירקלעכט ווערן, מחמת זיי זיינען די אמת'ע רעאַליטעט ,די ראַיעלע ווירקלעכקייט. אַ סדר, אַ שטייגער, אָן איינשטעל, ווען ער ווערט קריטיקירט, ווייזט ער אַרויס זיין חסרון, צייגט אָן אַז ער איז אומצופרידנשטעלנדיק, ניט באַגנוגנ־דיק, און דורכדעם זאָגט ער אונדז אָן, אַז עס איז שוין דאָ אַ מעגלעכ־קייט אים צו פאַרבייטן. און די מעגלעכקייט פון טויש טראָגט ארויס זיין ווערדיקט, גיט אַרויס זיין פאַר'משפט'ונג.

אַלץ וואָס איז מענטשלעך און איבער־מענטשלעך איז באמת דורכאויס און שוין כמעט צופיל־מענטשלעך. מחמת קיין זאַך איז ניט איבער דעם מענטשן, העכער פון מענטשן, ווי קיין זאַך איז ניט איבער דער נאַטור אָדער אויסער דער נאַטור. קרעאַציע איז זעלבסט אין זעלבסט, זעלבסט אין זעלביקייט. פאַרפולקומענונג, פאַר'שלימות'ונג, פערפעקטירונג איז זעלבסט אין זעלבסט. ווי נאָר דער געדאַנק דער־וועקט זיך, און קריגט וועלכן ניט איז אויסדרוק, אַז דער מענטש איז ווייט פון צו זיין פערפעקט, אין דעם זעלביקן מאָמענט ווערט ער שוין פערפעקט במחשבה ,אין פאַרשטעלונג, אין פאַרלאַנג, אין באַגער. מחמת די דערקענטעניש פון אונדזערע חסרונות איז די גאַראַנטיע פאַר זייער פאַרריכטונג, איז די פאַרזיכערונג, אַז זייער אָפשאַפונג איז נאָענט, און אַז במחשבה זיינען זיי שוין אָפגעשאַפט, בייגעקומען. און סקעפטיציזם, אַלס אַ פילאָסאָפישע שול, איז באמת אַ פאָזיטיווער וויכ־טיקער פאַקטאָר. ער העלפט אונדז אָנצודייטן די אומצופרידנשטעלנ־דיקייט פון אונדזער טראַכטונגס־קראַפט. און אַזוי אַרום הויבט עס אונדז אויף איבער די באַגרעניצונגען, און עפנט אויף נייע קוואַלן פון פאַרשטענדעניש און דערקענטעניש. אפילו פעסימיזם קען און דאַרף ווערן אויסגענוצט אויף אַן אָפטימיסטישן שטייגער. מחמת ער צייגט אָן, אַז אונדזער פערצעפציע, עמפינדונג און קאָנצעפציע פון לעבן און עקזיסטענץ קענען אונדז ניט צופרידנשטעלן. און בזה האופן, ניט ווילנדיקערהייט, ניט אויסנזייענדיקערהייט ,אומבאַמערקטערהייט, פרו־

בירט ער אויפצורייסן פאַרשלאָסענע טויערן, אויפצופראַלן פאַרריגלטע טירן און אונדז ארויספירן אין פרישע גרינע פעלדער פון לעבן און קיום.

די לימיטאַציעס פון לעבן, פון אונדזער לפנים- און מחוץ־וועלט, זיינען בלויז פראָדוקטן פון שיטות, פון דאָקטרינעס, פון איבערצייגונ־גען, פון גלויבענישן, פון אָנגענומענע „קאָנווענציאָנעלע ליגנס". די וועלט איז אַ רעאַליזירטע אידייע, אַ מאַטעריאַליזירטער רעיון. און די שטופּע פון איר שלימות הענגט אָפּ פון אונדזערע אידייען, פון אונדזערע לערעס. עס זיינען דאָ לערעס, וועלכע גיבן לעבן, שענקען גליק. און עס זיינען, ווייטער, דאָ לערעס, וועלכע זיינען ווי סם־המות, ווי גיפט. זיי פאַרמעסטן זיך צו צעברעכן די וועלט און רואינירן דעם מענטשן. זיי קענען זייערע בייזע כוונות ניט דורכפירן. אָבער זיי באַוויזן צו ברענגען דעם מענטשן און דער וועלט שאָדן. זיי פאַרפאַמעלעכן זיין גאַנג צו שלימות, זיי פאַרשוואַכן זיין דראַנג נאָך פערפעקציע.

דער איך איז אַ זעלבסט־פּאָזיטיוו. דער מקור פון איכהייט איז איינגעשלאָסן פון אינעווייניק. און עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ דרויסן, אַזאַ מאָדוס ווי 'פונדרויסן'. די זעלבסטהייט, דער זעלבסטום איז באַשאַפן פון גאָרניט, איז אַ יש מאין. שטראַלן, געדאַנקען פון עגאָ, די עמאַנאַציע פון אָנכי־יהוה דאָס איז די וועלט און דער אַלץ אין אַלץ, וועלכער איז אין אונדז, איבער אונדז, הינטער אונדז, אויסער אונדז איז פאָרט אין אונדז. אָנכי־יהוה איז דער פרייער ווילן, די אמת'ע פרייהייט. עס איז ניטאָ קיין פרייהייט אויסער דעם אָנכי־יהוה.

אַ מענטש איז ניט דאָס, וואָס ער עסט, איז ניט דאָס וואָס ער איז, נאָר ער איז דאָס, וואָס ער טראַכט אַז ער איז, וואָס ער פאַר־לאַנגט צו זיין. זיין געדאַנק, ווי זיין פאַרלאַנג, ריכטעט אים אויף און דערנידערט אים, ברענגט אים אום. דער גלויבן אין טויט ברענגט צו די מענטשן־קינדער דעם מלאך־המות. און ווי שיין און אינסטרוק־טיוו איז דער ביבלישער מיטאָס מכוח דעם טויט. עס איז אַ מעשה מיטן אַן עפּל און אַ קללה; אַ סוגעסטיע, אַ שילטונג, אַ בייזער וואָרט האָט געבראַכט דעם טויט.

און אַזוי ווי די מענטשהייט איז געגאַנגען, — מיט גרויסע שווע־ריקייטן, מיט פילע אָפּהאַלטונגען, מיט פילע בלאָנדזשענישן, — פאַר־אויס פון פאַגאַניזם צו טעאיזם. אַזוי וועט עס אויך ווייטער גיין, און אַריבערגיין פון טעאיזם צום מאָנאָעגאָאיזם, צו דעם אָנכי־יהוה.

3

# אידישקייט אַלס פילאָסאָפיע פון עטיק

א.

## פאגאניזאַציע פון אידישקייט

פרודאָן שרייבט:

„גאָט איז דער סואווערענער אידעאַל, די סואווערענע פערפעקציע, די סואווערענע שיינקייט, די סואווערענע גליקזעליקייט" (19).

„גאָט, באמת, איז ער דען ניט דער אידעאַל פון דאָזיין, פון גבורה, פון חכמה, פון גוטסקייט, פון גערעכטיקייט, דער אוניווערסאַלער אידע־אַל ?" (20).

גאָט, אָדער, ריכטיקער, די געטין, איז עס געוועזן, און ער, אָדער, ריכטיקער, זי איז עס נאָך אַלץ פאַר אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט, וועלכער איז נאָך ניט דערוואַקסן צו דעם, אַז ער זאָל קענען תופס־זיין די דערהויבנקייט און ריינקייט פון דער אָנכי־יהוה־לערע, פון אידישקייט.

טעאיזם, איבערהויפּט מאָנאָטעאיזם, איז אַ מיספאַרשטענדעניש, אַ מיסאינטערפּרעטאַציע און מיסקאָנצעפּציע פון דעם איך־פּראָבלעם, עס איז אַ פאַגאַניסטישע עקספּרעסיע פון דער אָנכי־יהוה־אָנשויאונג.

„קאָנפוציאָניזם, די עטאַבלירטע רעליגיע פון כינע, איז אַ פילאָ־סאָפישע סיסטעם, וועלכע באַהערשט דעם געדאַנק פון כינע. אַ פּער־זענלעכער גאָט איז געוועזן אומבאַקאַנט צו קאָנפוציען — זיין קולט איז געווען געריכטעט ניט צו גאָט, נאָר צו אַקטיוויטעט, צו די אָבות, צו עטיקעט און מנהג . . .

בודהיזם איז אַ פילאָסאָפיע פון לעבן, גיכער אַ דעאיפיקאַציע פון דער מענטשלעכער נשמה איידער אַ רעליגיע. ער איז אַ גרויסע מאַסע פון מעטאַפיזיק, ריטואַל און אויסערלעכע פאָרמען. ער איז אַ פשוט'ע געהאָרכזאַמקייט צו דעם נאַטירלעכן געזעץ . . . עס ווערט באַריכטעט אַז ער (בודהאַ) האָט געזאָגט: מעגלעך אַז עס איז דאָ אַ יענע וועלט,

אָבער מיר הויבן גאָר ניט אָן צו וויסן וועגן איר. פטר'ט ניט אייער צייט אויף די געטער, בויט אין ליבשאַפט!

יודאַאיזם — דער גרינדער פון אָט־דעם סיסטעם, משה, האָט גאָרניט געזאָגט מכוח אַ יענער וועלט אין זיינע פינף ספרים, וועלכע שטעלן צוזאַמען די תורה, דאָס אומענדערלעכע געזעץ פון יודאַ־איזם״ (21).

מאָזאַאיזם, תורת־משה, געהערט צו דער משפחה פון אמונות, צו וועלכע לאַאָ-טזע לערע, טאַאָאיזם, קאָנפוציאַניזם און בודהיזם געהערן. אידישקייט איז קאָרופטירט געוואָרן און פאַרגרייזט געוואָרן דורך דעם איינפלוס פון גריכנלאַנד און די גריכישע און לאַטיינישע איבערזעצונ־גען פון דער ביבל. מיטאָלאָגיע און טעאָלאָגיע האָבן זיך איבערגע־וואָלד אַריינגעריסן אין אידנטום און האָבן עס אינגאַנצן געשעדיקט, פאַר'עבודה־זרה'ט, פאַגאַניזירט.

„צו דער פאַטאַלער פאַלסיפיקאַציע און היידעניזירונג פון אידנטום האָבן איבערהויפּט גורם געווען די אומפּינקטלעכע איבערזעצונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער ביבל.

די פּרואוון איבערצוגיסן פון איין שפּראַך־געשיר אין אַ צווייטן דעם עכט-אידישן, אידל אייגנאַרטיקן און הויך־אַבסטראַקטן אינהאַלט זיינען געווען אַ מיאוס'ער דורכפאַל. די קווינטעסענץ פון אידיש־עטי־שער פילאָסאָפיע, וועלכע איז אַ פּראָדוקט פון קאָאָפּעראַציע, פון שעפע־רישער מיטאַרבעט אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט צוגלייך דאָס אידישע האַרץ און דער אידישער מוח, אידישע אינטואיציע און אידי־שער פאַרשטאַנד, איז ניט אַזוי גרינג איבערצוגעבן אין אַ פרעמדער שפּראַך. אָט-די אויפפאַסונג, וועלכע איז דערגרייכט געוואָרן דורך אַ גלייכצייטיקער עמאָציאָנאַליזירונג און ראַציאָנאַליזירונג, פון די קעגנזייטיקע שייכות'ן, וואָס ווערן געפלאָכטן צווישן איד, אידישן צי־בור, מענטשהייט און אוניווערס, און וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרן אין ביבל־שפּראַך, אין ביבלישער השגה, איז ניט אַזוי לייכט איבערצו־צוזעצן אין אַ פרעמדן פּסיכאָלאָגישן באָדן. יעדנפאַלס קען עס ניט געטאָן ווערן מעשה־פּאַרטאַטש, דורך וואָרט פאַר וואָרט, זאַץ פאַר זאַץ רענדיציע און אויבערפלעכלעכער אינטערפּרעטאַציע. און די דאָזיקע טאָלמאַטשעריי־עקספּערימענטן האָבן זיך באַוויזן צו זיין אין העכסטן גראַד אומגעלונגען, לחלוטין אַבאָרטיוו.

דער אידישער ספר־הספרים איז פאַרטייטשט געוואָרן, דאָס הייסט, מען האָט אים אונטערגעוואָרפן אַ פייניקדיקן פּראָצעס פון העלעניזי־רונג א. אַ. וו. און דורכדעם האָט מען אים אויף דורות־לאַנג פאַר־

פרעמדט, אָפּגעריסן פון אידיש-גייסטיקן שטאַם, מיט איין וואָרט — פּאַגאַניזירט.

די ניט־אייגענע, ניט־אָרגאַניש צוזאַמענגעוואַקסענע אויסדרוק־פאַר־מען האָבן, ווילנדיק, ניט-ווילנדיק, געמוזט אַרויספּרעסן אויף אים זייער מגושמ׳דיקן, פאַרגרעבטן שטעמפּל און אַנדערשן, צו אַ געוויסער מאָס, דעם עצם־מהות, דעם סאַמע תוך פון דער אידיש־עטיש פילאָסאָפישער מענטש־געזעלשאַפט וועלט־קאָנצעפּציע.

אָט די פאַרפרעמדונג איז ניט קיין רעזולטאַט פון אַ בייזווילליקער מיסברויכונג. דאָס קומט פון דעם, וואָס די אויסלענדישע באַגריף- און עקספּרעסיע־דיסציפּלינען האָבן, פּשוט, ניט פאַרמאָגט די גענויע טער־מינאָלאָגיע, די אַנדערשפּעלקערישע לשונות האָבן ניט געהאַט די פאַ־סיקע ווערטער, וועלכע וואָלטן זיי געקאָנט געבן אַ מעגלעכקייט איבער־צוליפערן די אידש-עטישע אַריינקלערונגען און אַרויסקלאָרונגען מיט געפאָדערטן דיוק און פולמאָסיקער פּינקטלעכקייט. זיי האָט געפעלט די עקזאַקטע אויסדרוקן מיט וועלכע זיי וואָלטן געווען ביכולת אַריבער־צוטראָגן די אידיש־עטישע נשמה און וועלט־אַריינדרינגונגען און אַרויס־דרינגונגען, פאַראויסזעצונגען און שלוס-ציאונגען, און ניט פאַרפלאַ־טשיקן, בשעת מעשה, די טיפקייט פון דער ביבלישער מחשבה, ניט דערנידערן די הויכקייט פון איר געדאַנק, ניט פאַרגרעבן די איידלקייט פון איר געפיל.

בקיצור, די פרעמדע און ממילא פיינטלעכע פילאָלאָגיע האָט גע־שעדיקט די שלימות, פּוגם־געווען די שאַרפקייט פון דער אידישער פּסיכאָלאָגיע״ (ס״ט).

דאָס גיט אַ דערקלערונג פאַר דעם פאַל פון אידנטום, פאַר דער פאַרגעטשונג פון דעם ביבלישן אני־יהוה.

די ׳פאַרגרעבונג׳ האָט זיך אויך באַוויזן אין די השגות מכוח ׳עולם הזה׳ און ׳עולם הבא׳.

„באַלוינונגען און באַשטראָפונגען אין דעם פריען העברעאישן גע־דאַנק זיינען אַלע געווען פאַר אָט־דעם לעבן און זיי האָבן זיך געקענט אויסשפּרייטן אויף יענער זייט פון דער געגעבענער גענעראַציע״. (22).

„׳וואָס איך באַפעל דיך היינט . . . היינט צו טאָן אָבער ניט היינט צו באַקומען שכר״ (ע׳י).

דער שכר קומט אין דער צוקונפט, אמאָל אין דעם גאָר וויטן עתיד, אָבער אַלץ אויף דער וועלט, ניט אויף יענער.

אַנדערש קען מען די ביבל-לערע מכוח באַלוינונג ניט פאַר־שטיין. און אין דעם זעלביקן גייסט דאַרף מען אינטערפּרעטירן די

בעסטע אויסדרוקן פון תלמוד בנוגע שכר, אויב, נאַטירלעך, מ׳וויל ניט אויסגראָבן אַן אָפּגרונט צווישן חומש און תלמוד בנוגע אָט־דער קאַרדינאַלער פראַגע פון שכר ועונש.

די וועלט וועלכע איז אינגאַנצן גוט, איז די וועלט פון דער ווייטער, ליכטיק־לויטערער, יושרדיקער צוקונפט. אידישקייט דאַרף ניט האָבן די היפּאָטעזע פון אַ יענער וועלט פאַר דער באַשטראָפונג־און באַלוינונג־סיסטעם, ווי זי דאַרף אויך ניט האָבן דעם באַגריף אָדער היפּאָטעזע פון אַ געטש־גאָט, בכדי אויפצובויען איר מאָראַל־פילאָסאָפיע.

„בודהיזם האָט זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו בראַהאַמאַניזם אַלס אַ מאָראַל־סיסטעם אָן אַ גאָט און אָן אַטעאיזם אָן אַ נאַטור" (23).

„ער (בודהאַ) אָנדערקענט ניט אַ גאָט פון וועמען דער מענטש העַנגט אָפּ, זיין לערע איז אבסאָלוט אַטעאיסטיש" (24).

„אַ רעליגיע (בודהיזם) אָן אַ גאָט" (25).

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן תורת־משה, עס איז אַ רעליגיע אָן אַ גאָט־געטש.

תורת־משה איז אַ שאַפונג פון אַ פערזענלעכקייט, פון אַ געניאַלן יחיד, פון אַ גרויסן, טיפן און הויכן דענקער ,און דעריבער איז עס פריי פון געטשנדינערישע עלעמענטן, פון די מיטאָלאָגישע אבערגלוי־בערייען אין וועלכע די פינצטערע מאַסן זינקען און טויכן און פון וועלכע זיי קענען זיך ניט באַפרייען.

„איך האָב זיך שוין פריער פאַררופן אויף דער באַציאונג פון דער פאַגאַניסטישער געזעלשאַפט צום אידנטום און קריסטנטום, און איך האָב אָנגעוויזן, אַז די אַנהענגער פון די צוויי רעליגיעס זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס אַטעאיסטן" (26).

די פאַגאַניסטן זיינען געווען אַבסאָלוט גערעכט: פאַרניינונג פון געטשנדינעריי, געטשנטום און געטשטום איז, באמת, אַ פאַרניינונג פון געטערטום און גאָטום.ביידע זיינען איין זאַך.

## ב.

# פּאָליטעאיזם און מאָנאָטעאיזם

מ׳קען בשום אופן ניט זאָגן, אַז דער אונטערשייד פון אידנטום און געטשנטום באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער איז מאָנאָטע־איסטיש און דער צווייטער איז פּאָליטעאיסטיש. ערשטנס, איז דער

חילוק גאָר אַן אום׳חשוב׳ער. און אויף וויפיל דאָ איז יאָ פאַראַן אַ חילוק מוזן מיר זאָגן, אַז אַלע מעלות ליגן אויף דעם צד פון פּאָלי־טעאיזם און געטשנדינסט.

די הויפּט־זאַך איז דאָך דער תהום, וועלכער ליגט צווישן מענטשן און גאָט. אַן אָט־דער אָפּגרונט ווערט דאָך ניט פּלאַכער, ווערט דאָך ניט פאַרשאָטן אָדער איבערגעבריקט דורך דעם וואָס דער גאָט ווערט שטאַרקער, מעכטיקער און אַלץ־ארומנעמענדיקער, פון דעם וואָס פון אַלע געטשן און געטער ווערט איין גרויסער ריזיקער געטש־גאָט. ריכ־טיקער, פאַרקערט. דער מענטש פאַרלירט נאָך דערביי. דער מענטש ווערט נאָך קלענער, דערנידערטער, דערשלאָגענער, אין אַ געוויסן פּרט.

מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע דער טשיקאַווער אומשטאַנד, וואָס אין די מיטלאַלטער־צייטן, ווען דער קריסטנטום האָט באַהערשט די מוחות, האָט זיך אַ חשכת־מצרים, אַ שטאָק־פינצטערניש אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט און דאָס דענקען און פאָרשן פריי און דרייסטיק האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. און ווען מ׳האָט געוואָלט באַפרייען דעם מענטשלעכן גייסט און ברענגען צוריק אומגעפענטעטע געלערנטקייט, האָט מען געמוזט אָנקומען צו אַ געטשנדינערישן רענעסאַנס, און מ׳האָט, צו אַ געוויסן גראַד, רעסטאַוורירט העלעניזם און היידנטום. מחמת אויב אַ גאָט־געטש איז יאָ דאָ, איז אַ סך בעסער און געזינטער פאַרן מענטשן, אַז ער, דער געטש־גאָט, זאָל ניט זיין גרויס און מעכטיק, און דער מענטש זאָל זיך קענען שטעלן אים אַנטקעגן, זיך אויס־טענה׳ן מיט אים, אפילו זיך פאַרהערן מיט אים, זיך צוזאַמענשטויסן און אים באַקעמפן. אָבער ווען דער גאָט-געטש וואַקסט אויס צו מאוים׳דיקע פּראָפּאָרציעס, דעמאָלט גייט דער מענטש, און זיינע שאַפנ־דיקע כוחות, בפועל־ממש אונטער.

די זעלביקע מיינונג טיילט אויך קאַנט, וועלכער האַלט אַז פּאָלי־טעאיזם אַלס אַ פאָרם פון פּלוראַליזם, רעפּובליקאַניזם, פעדעראַליזם איז בעסער פון מאָנאָטעאיזם אַלס אַ פאָרם פון צענטראַליזם און דיק־טאַטור פון איין אויטאָקראַט, אַ גאָט-געטש.

„אין זיין ׳פּאָליטי׳ זאָגט ער (קאַנט):

„פּאָליטעאיזם איז די עכט כאַראַקטעריסטישע, עכט וויכטיקע, עכט דויערהאַפטע און עכט ווירקזאַמע פאָרם, וועלכע דער טעאָלאָגישער רעליגיע־טיפּ האָט ווען עס איז אַנגענומען. דאָס דינען צו איין גאָט־הייט האָט קיינמאָל ניט, און קען קיינמאָל ניט שאַפן אַזאַ מעכטיקן טיפּ פון רעליגיע ווי דאָס דינען צו פילע געטער. מאָנאָטעאיזם אין

אַלע זיינע פאַרמען . . . איבט ניט אויס איבער דער גאַנצער נאַטור און לעבן פון מענטשן אַן איינפלוס, וועלכער זאָל זיין אַזוי אויסגע־האַלטן, אַזוי וואַריאירט, אַזוי דירעקט ווי פּאָליטעאיזם, ווען ער איז אין זיין פולער שטאַרקייט און פערפעקציע״ (27).

צו אונדזער גרויסן גליק און ניט קלענערער פרייד איז אידיש־קייט ניט אידענטיפיצירט מיט מאָנאָטעאיזם, אַ ניט וואָלט דאָס אידנ־טום געווען בכלל אַ רעאַקציאָנערע דיסציפלין און אַ שעדלעכע מענטשן־פאַרשקלאַפנדיקע לערע.

מאָנאָטעאיזם, ווי מאָנאָ־קאַפּיטאַליזם, איז ערגער, אין געוויסע פּרטים, פון פּאָליטעאיזם.

דער געטש איז געווען באַגרענעצט אין יוריסדיקציע און טערי־טאָריע. דער מענטש האָט זיך געקענט פון אים אויסבאַהאַלטן, אַנט־לויפן פון אים, זיך ראַטעווען פון זיין אַכזריות און נקמה־דאַרשט דורך דעם וואָס ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין רשות פון אַן אַנדער געטשל־געטל. ווען דער גאָט־געטש איז אָבער געוואָרן אַלמעכטיק און אומ־מעטום־זייענדיק דעמאָלט איז ער געוואָרן דער פאַטאַלער אומגליק פון מענטש און מענטשהייט.

דייוויד יוהם שרייבט:

„וואו די גאָטהייט איז רעפּרעזענטירט אַלס אומענדלעך מער־ווערטיק פון דער מענטשהייט, דאָרטן איז אָט דער גלויבן, הגם לגמרי גערעכט, מסוגל, ווען פאַרבונדן מיט אָבערגלויבערישע שרעקן, אַראָפּ־צודריקן דעם מענטשלעכן שכל אין דער נידעריקסטער אונטערוואָרפנ־קייט, און פאַרצושטעלן די נזיר׳שע טוגנטן פון מאָרטיפיקאַציע, חרטה־תשובה, דערנידערונג און פּאַסיוו ליידן אַלס די איינציקע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען אָננעמבאַר צו אים. אָבער וואו די געטער ווערן אויפ־געפאַסט צו זיין בלויז אַביסל מערווערטיקער פון דער מענטשהייט און אַלס אַזעלכע, וועלכע, פילע פון זיי, האָבן זיך אויפגעהויבן פון אָט־יענער נידעריקער דרגא, דאָרטן פילן מיר זיך בעסער, ווען מיר ווענדן זיך צו זיי, און מיר מעגן אפילו, אָן חילול־השם, אַספּירירן צו ריוואַליטעט און קאָנקורענץ מיט זיי. פון דעם נעמט זיך די אַק־טיוויטעט, דער גייסט, דער דרייסט, גרויסמוטיקייט, פרייהייט־ליבע און אַלע טוגנטן, וועלכע מאַכן גרויס אַ פאָלק״ (48).

יוהם איז לגמרי גערעכט. דער צוועק פון אמת׳ער רעליגיע איז ניט צו דערנידערן, אַראָפּוואַרפן דעם מענטשן, אים פאַר׳מיאוס׳ן אין זיינע אייגענע אויגן, נאָר, פונקט פאַרקערט, אים אויפצוהויבן,

דערמונטערן, באַגייסטערן, אינספּירירן און מאַכן אים דרייסטיק, גייס־טיק-אונטערנעמעריש. און דאָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו טאָן תורת־משה, וועלכע איז ניט טעאיסטיש, נאָר מאָנאָעגאָאיסטיש.

ג.

# אידנטום דער שטאָם-פאָטער פון רעליגיעס

תורת־משה איז דער שטאָם־פאָטער פון דער יחוס'דיקער משפּחה פון רעליגיעס — צי זיי האָבן טאַקע אַנטליען זייערע סיסטעמען פון אידנטום צי ניט איז אזוי וויכטיק — וועלכע זיינען אויפגעקומען אַרום זעקס הונדערט יאָר פאַר אונדזער ערא, און וועלכע זיינען אויס־געשפּראָכן אַטעאיסטיש ד. ה. אַפּאגאניסטיש, אין זייער ריינעם ארויס־קוועל, גאָטלאָז אין זייער ערשטן ארויסשפּרודל.

צווישן די אַטעאיסטישע ד. ה. אפּאגאניסטישע רעליגיעס פאַרנעמט אַ חשוב'ן פּלאַץ טאַאָאיזם.

„טאַאָאיזם באַהויפּטעט, אַז עס עקזיסטירט ניט קיין דערהויבענער פּערזענלעכער גאָט, און ניט אַ פּערזענלעכער טייוול . . . אַ מענטש־לעכער וועזן קען זיין אַ נאַר און אַ בעל-יסורים, ער קען אָבער ניט זיין קיין בעל־עבירה" (29).

טאַאָ איז דער זעלבסט. עס איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכ־קייט אַז טאַאָ איז בלויז אַ פאַרענדערטער יהו.

„אַל־עקזיסטענץ אין דעם אוניווערס קומט אַרויס פון דאָזיין (טאַאָ אַלס אַקטיוו), דאָזיין אַליין קומט אַרויס פון ניט־זיין (טאַאָ אַלס דער אַבסאָלוט)" (30).

**„דער מענטש קריגט זיין נאָרם פון דער ערד; די ערד פון דעם הימל; דער הימל פון טאַאָ; דער טאַאָ פון זיך זעלבסט"** (31).

„לאַאָ-טזע האָט ניט אַנדערקענט קיין פּערזענלעכן גאָט, אויף־ווי־פיל מיר קענען אורטיילן פון דעם טאַאָ־טיה־קינג; און, באמת, אַ גלויבן אין אַזאַ גאָט וואָלט געווען זיין אין אָפּאָזיציע צו דעם גאַנצן גייסט פון זיין פילאָסאָפיע" (32).

„עס דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס די מוטער פון דעם אוניווערס. זיין נאָמען ווייס איך ניט. צו באַצייכענען עס רוף איך עס טאַאָ. ווען איך פלייס זיך עס צו באַשרייבן, רוף איך עס גרויס. ליבע איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי דער ריטם פון טאַאָ. איך האָב אייך געזאָגט:

איר קומט אַרויס פון טאַאָ און צו טאַאָ וועט איר זיך אומקערן" (33).

לאַאָטזע רעדט וועגן טאַאָ ווי אַ אידיש רעליגיעזער פילאָסאָף וואָלט גערעדט וועגן יהו, וועלכער קלינגט אַגב ווי טאַאָ.

„דאָ זיינען מיר בלויז דירעקט פאַרנומען מיט דער פראַגע מכוח אַ מעגלעכער אינדיאַנער השפעה אויף טאַאָאיזם. די וואַרשיינלעכ־קייט פון אַזאַ השפעה ווערט, פונדעסטוועגן, אַסך שטאַרקער, אויב עס קען באַוויזן ווערן, אַז אַנדערע צווייגן פון כינעזישן געדאַנק זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַן אויסערלעכער השפעה אין דעם זעלביקן פעריאָד" (34).

אויב שוין ריידן וועגן אַן אויסערלעכער השפעה שיקט זיך בע־סער צו היפּאָטעזירן אַז תורת־משה האָט אויסגעאיבט אַ ווירקונג אויף דער לערע און פילאָסאָפיע פון לאַאָ־טזע. די השפעה האָט געקענט אָנקומען דורך פאַרשיידענע רערן, דורך דער פאַרמיטלונג פון די פי־ניציער אָדער, אפשר גאָר, פאַרצייטיקע אידישע רייזנדע סוחרים.

„דער טאַאָ, וועלכער קען ווערן גע'טאַאָט איז ניט דער אייבי־קער טאַאָ. דער נאָמען, וועלכער קען אָנגערופן ווערן איז ניט דער אייביקער" (35).

„וואו גוטס ווערט אָנדערקענט אין דער וועלט צו זיין גוט, גלייך מוז דאָרטן זיין שלעכטס. און אַזוי אַרום, אויף דעם זעלביקן שטיי־גער, ווערן קעגנזייטיק געשאַפן עקזיסטענץ און ניט־עקזיסטענץ" (36).

פון די געבראַכטע עטלעכע ציטאַטן איז צו זען קלאָר און דייט־לעך אַז טאַאָאיזם האָט גאָרניט צו טאָן מיט טעאיזם.

„טאַאָאיזם האָט, וואַרשיינלעך, אָנגעהויבן אַלס אַ גייסטיקע סיס־טעם, זי האָט אָבער ניט אַפּעלירט צו דעם כינעזישן געפיל און זי האָט זיך גאַנץ גיך אַנטאַרטעט אין אַ סיסטעם פון מאַגישע פּאָ־קוסן (37).

אויך אין דעם פּרט טיילט טאַאָאיזם דעם שיקזאַל פון מאַזאַאיזם. תורת־משה אַלס אַן אָנכי־יהוה־לערע איז געוועזן צו אַבסטראַקט, צו דערהויבן, און די מאַסן האָבן זיך געמאַכט אַ „גאָלדענע קאַלב", און פון תורת־משה אלס א מאָנאָטעאיסטישע לערע איז ארויסגעקומען א כמעט־פּאַגאַניסטישע גאָט־געטש־דינערישע רעליגיע.

און עס איז טאַקע פאַראַן א יש־אומרים, אַז טאַאָאיזם איז אַן אָפּשפּראָצונג פון תורת־משה.

„אויפפאַלנדיקע אַנטדעקונגען זיינען געוועזן צוגעגרייט, דער עכסט באַרימטער כינעזישער געלערנטער פון זיין צייט אָבעל רעמוזאַט, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם געגנשטאַנד, און נאָכדעם ווי ער האָט באַ־

וויזן אַז דעם ערשטן פון די דריי נעמען דאַרף מען ארויסריידן „י״, האָט ער באַהויפּטעט אַז די דריי אותיות, י׳ ה׳ ו׳ מיינען יהו. לויט אים נאָך האָבן די דריי בוכשטאַבן, וועלכע ווערן געברויכט אין אָט דעם נאָמען, קיין מיין ניט אין כינעזיש; זיי זיינען בלויז צייכנס פון קלאַנגען, וועלכע זיינען פרעמד דעם כינעזישן לשון, און זייער עובדא איז איבערצוגעבן דעם . . . יהו . . . דעם נאָמען וועלכן . . . די אידן האָבן גערופן זייער גאָט . . . באמת, ער האָט ניט געצווייפלט אַז דאָס וואָרט (יהו) וועלכן מ׳געפינט אין לאָאָ־טזע׳ס ווערק, באַווייזט אַז עס האָט עקזיסטירט אַן אינטעלעקטועלע קאָמוניקאַציע צווישן דעם מערב און כינע אין דעם זעקסטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוס. צום גליק האָט די פאַניק, וואָס די אַנטדעקונג האָט אַרויסגערופן, ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. מר. סטאַניסלאַס דזשוליען האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1842 אַ פולע איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן בוך, און דאָ זיינען אַלע שפורן פון דעם שם פאַרשוואונדן . . .

דעריבער ביז וועלכע עס איז אַנדערע שפורן וועלן אַנטדעקט ווערן אין דער כינעזישער ליטעראַטור, וועלכע וועלן באַווייזן אַז אַ פאַרקער האָט עקזיסטירט צווישן כינע און דאָס לאַנד פון יהודה אין זעקסטן יאָרהונדערט פ. ק. קען מען פון אונדז קוים פאַרלאַנגען אַז מיר זאָלן גלויבן, אַז די אידן האָבן איבערגעגעבן דעם דאָזיקן שם, וועלכן זיי האָבן אַליין קוים זיך דערלויבט אַרויסצוריידן, צו אַ כינעזישן פילאָסאָף, און מיר מוזן באַהאַנדלען די וואַרשיינלעכע ענלעכקייט פון י״־ה״־ו׳ און דעם שם המפורש אַלס אַ צופאַל״ (38). — אַזוי וויל מאקס מילער. ער שטיצט זיך אויף דעם פאַרבאָט ארויסצוריידן דעם הייליקן שם.

די סברא איז אָבער ניט ריכטיק: ווייל אין די נביאים׳ס צייטן האָט מען דעם נאָמען יאָ אַרויסגערעדט. דאָס פאַרהוילן פון דעם נאָ־מען איז איינגעפירט געוואָרן ערשט אַסך שפּעטער, ווי די גמרא זאָגט: „משרבו הפרוצים״. דעריבער איז די אויסזעצונג פון מאַקס מילער׳ן גאָר ניט אַזוי איבערצייגנדיק. אויף סטאַניסלאַס דזשוליען קען מען זיך צופיל ניט פאַרלאָזן. דאָס ניט־פאַרגינען דעם אידן שפּילט אין אַזעלכע ענינים אַ היפשע ראָלע . . . און פאַרדרייען דאַטן, זאַצן, געדאַנקען איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג בנוגע אידן... גאָט אייך אַ באַווייז: „לויט מאַקס מילער׳ן . . . איז דער י״־ה״־ו פון די כינעזער אַפּראָפּריאירט געוואָרן פון די העברייער פאַר דעם שם פון דעם גאָט יהוה, וועלכער באַדייט דאָס אייגענע״ (39) אַזוי שרייבט קעללי, ווען באמת זאָגט דאָך מאַקס מילער פונקט פאַרקערט, אַז די

כינעזער האָבן גענומען דעם שם יהו פון די אידן, אָבער עס איז דאָך אַן אַלטער כלל, אַז שנאה פאַרווישט די ליניע, דעריבער איז אַזוי שווער זיך צו פאַרלאָזן אויף די ביבל־קריטיקער . . .

די וואָס מאַכן ניט קיין פאַגראָמען אויף די אידן, פּרובירן עס מאַכן אויף אידישקייט . . . מען ראַבירט אָדער דעם אידן אָדער דאָס אידישקייט־פאַרמעגן. ווי אַזוי קען מען עס גאָר צולאָזן, אַז אידנטום זאָל האָבן אויסגעאיבט אַזאַ גרויסע השפעה אויף דעם רע־ליגיעזן געדאַנק פון כמעט דער גאַנצער מענטשהייט. אויך מילערס אויסדריקן זיך איז כאַראַקטעריסטיש: „צום גליק האָט די פּאַניק . . . ניט לאַנג אָנגעהאַלטן” . . . צום גליק . . .

## ד.

# אידישקייט קעגן געטשנדינסט

צי די השערה, אַז בודהיזם, קאָנפוציאַניזם און טאָאאיזם זיינען אָפּלייטונגען, אָפּשפּראָצונגען פון אידנטום, איז ריכטיק צי ניט, איינס איז קלאָר און דאָס איז, אַז תורת משה געהערט צו דער אייגענער קאַ־טעגאָריע פון רעליגיעס צו וועלכע די דריי געהערן, דאָס הייסט תורת־משה איז הויפּטזעכלעך אַ מאָראַל־פילאָסאָפיע, און ניט קיין קולט־רע־ליגיע. און דאָס צו באַגרייפן גרינטלעך איז פון אומגעהויער חשיבות פאַר דער ריכטיקער אָפּשאַצונג פון אידנטום און דער מאָראַליזירנדיקער ראָלע וועלכע ער האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון קולטור.

תורת־משה איז ניט, ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן על־פּי־טעות, אַ טעאיסטישע, מאָנאָטעאיסטישע אמונה, נאָר אַ מאָנאָעגאָאיסטישע מאָ־ראַל־פילאָסאָפיע, אַן עגאָסאָפיע, אַן עגאָלאָגיע, אַ זיטנלערע און אַ ריטואַליסטיק, וועלכע באַצוועקט איין תכלית, און דאָס איז דער קיום פון אידישן קיבוץ אַלס אַן עטיש-איניציאַטיווע מינאָריטעט, אַלס אַן אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט.

די היינט־צו־טאָג עקזיסטירנדיקע רעליגיעס זיינען בלויז צוגריי־טונג־שטופן פאַרן אָנקום פון מאָנאָעגאָאיזם, פאַר דער אָנכי־יהוה לערע, פאַר דעם טריאומף פון אידישקייט.

„ . . . אַזוי ווי אונדזערע רעליגיעזע קאָנצעפּציעס האָבן זיך גע־ביטן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי קענען מיר דערוואַרטן, אַז זיי וועלן זיך בייטן אין דער צוקונפט, אָט־יענעם צענטראַלן אמת האָט

מען אַנטדעקט אין דער פאַרגאַנגענהייט, מ'אַנטדעקט אים איצט און מ'וועט אים פאַרטזעצן צו אַנטדעקן" (40).

די גרעסטע און צענטראַלסטע אַנטדעקונג איז די זעלבסט־אַנט־דעקונג, די איך־אַנטדעקונג. דאָס איז אַן אייביקער אומאויפהערלע־כער אַנשטרענג, וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין אָנהויב און וועט קיין סוף ניט פאַרמאָגן.

„דער אַרויסקום פון דער אידייע פון גאָט ווערט ניט פאַראור־זאַכט פון אַן עוואָלוציע-פּראָצעס . . . נייערט פון אַביעקטיוו־סוביעק־טיוו רעלאַציע" (41).

די גאָט־אידייע טויכט אַרויף דעמאָלט ווען דער סוביעקט ווערט באַהאַנדלט ווי אַן אָביעקט, דאָס איז אייגנטלעך געטשנדינסט, פּאַגאַ־ניזם. עס איז ניט גרינג זיך אויסצוהיטן פון דעם.

„רעליגיע איז די צונויפשמעלצונג פון דער נשמה מיט דער אוניווערסאַלער אָרדנונג" (42).

אַנשטאָט דעם וואָרט נשמה וואָלט איך גערן שטעלן דעם וואָרט פּערזענלעכקייט, מחמת די נשמה איז דער סך־הכל און קווינטעסענץ פון דער פּערזענלעכקייט, פון אַלע אירע פּסיכישע אַקטיוויטעטן און פּראָצעסן, און אַנשטאָט דעם אויסדרוק „אוניווערסאַלע אָרדנונג" וואָלט איך געשטעלט דעם איכטום, וועלכער ווערט אויסגעברייטערט ביז צום „אין־עוד" אָדער אין-סוף.' מיט אַנדערע ווערטער, רעליגיע איז די טעאָריע און פּראַקטיק פון איכטום.

אָבער דאָס צו באַגרייפן קומט ניט אָן גרינג. און דעריבער דינען די מענטשן געטשן, אָביעקטן, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן פון מענטשנקינדער, פון זיי אַליין, פון זייער איכהייט.

רייד צו די קינדער פון די גבולים און גדרים, רייד צו די זין און טעכטער פון די צוימען און איינצוימונגען, צו די בלינדע און לאָמע, צו די שטאַמלער און שטומע, צו די טויבע און טויטע — רייד צו זיי וועגן זייערע כוחות, וועגן זייערע ענדלאָזע פייאיקייטן, און זיי וועלן ניט גלויבן אין דיינע רייד, אין דיינע הבטחות. זיי וועלן קוקן אויף די רייד, אויף דעם אָנזאָג פון דער גרויסער בשורה, פון אויבן אַראָפּ, פון דער הויך פון די סמעטניקעס אויף וועלכע זיי טראָגנען, פון די קופּעס מיסט און בערגלעך בלאָטע אויף וועלכע זיי פּיעדעסטאַלעווען, זיי וועלן קוקן אין זייער בלינדקייט און נידעריקייט, אין זייער שרצ'דיקער שיפלות און זשאַבע־פאַרשאָלטנקייט, פון אויבן אַראָפּ אויף די ווערטער פון ישועה. זיי וועלן אָבער גלויבן, און נאָך ווי גלויבן, אין זייער באַגרענעצטקייט, אין זייער צעבראָכנקייט,

אין דעם אַז זיי זיינען גאַרניט מיט גאַרניט, געפורעמט פון שטויב און אַש — און צו שטויב און אַש מוזן זיי זיך צוריקקערן.

מיר זיינען אַזוי שטומפיק אויף עברי אין וועלט־סדור, אַז מיר זעען ניט איין די גאַנצע אומגעלומפּערטקייט פון אונדזערע האַנדלונגען, פון אונדזער זעלבסט־דערנידערונג, זעלבסט-אונטערשאַצונג. דער אָנכי־יהוה איז ניט אָנדערקענט, איז איגנאָרירט.

די מענטשהייט האָט זיך לכתחילה געבוקט צו איר־האַנט־ווערק, און שפּעטער־צו האָט זי זיך געקניט צו אירע אייגענע פיקציעס, צו די שלעכטע אויסטראַכטונגען פון שלעכטן פאַרשטאַנד. איצט איז געקומען די צייט ווען אַ פּראָפעט דאַרף אויפשטיין און אויסהיילן די מענטשהייט פון אָט דער גייסטיקער קראַנקהייט אירער. דער סאַרקאַזם פון ישעיה און תהלים וואָלט אונדז שטאַרק צונוץ־געקומען בכדי אויסצולאַכן די נאַרישקייטן און אָפּצושפּעטן פון די הבלים פון דעם געטש־געדאַנק אין אלע זיינע ראַמיפיקאַציעס אויף אלע געביטן פון יחיד און ציבור־לעבן. אָנכי־יהוה איז אַלץ אין אַלץ — אָט די באַהויפּטונג וועט איבערגעשטאַלטן דעם פּנים פון דער מענטשהייט, וועט איבערצייכענען דאָס געזיכט פון דער גאַרער וועלט. ווען דער מענטש וועט ווערן אַ גלויביקער, אַ זעלבסט־גלויביקער אין פולן זינען פון וואָרט, ווען ער וועט נעמען גלויבן באמונה שלמה אין זיך, אין אָנכי־יהוה, אין זיין אייגענעם זעלבסט — דעמאָלט וועט ער זיך ראַטעווען, דעמאָלט וועט ער זיך אויסלייזן. אָט־די איבערצייגונג, אַז דער מענטש איז דער אָנכי־יהוה, איז אַ מאַכט, איז אַ גבורה, אָט־די לערע פון אָנכי־יהוה, די תורת־משה, איז דער גרעסטער טראַנספאָרמאַטאָרישער כוח.

„דו ביסט באַוויזן געוואָרן צו וויסן אַז יהוה איז דער אלהים און עס איז מער ניטאָ אויסער אים" (ע״א).

„און דו זאָלסט וויסן היינטצוטאָג, און דו זאָלסט זיך אומקערן צו דיין אייגן האַרצן, אַז יהוה איז דער אלהים, אין הימל פון אויבן און אויף דער ערד פון אונטן, און עס איז ניטאָ מער" (ע״ב).

„איך־יהוה און עס איז ניטאָ מער" (ע״ג).

בכדי זיי זאָלן וויסן פון זון־מזרח ביז מערב אַז עס איז גאָרניטאָ אויסער מיר, איך־יהוה און עס איז ניטאָ מער" (ע״ד).

„איך יהוה און עס איז ניטאָ מער, אויסער מיר איז ניטאָ קיין אלהים" (ע״ו).

„און דאָס איז וואָס דער נביא זאָגט: 'און יהוה אלהים איז אמת', ער אַליין איז אמת, און עס איז ניטאָ קיין אַנדער אמת ווי זיין אמת, און דאָס איז וואָס די תורה זאָגט: 'עס איז ניטאָ מער אויסער אים', עס

איז ניטאָ קיין וועזן, קיין אָביעקט וואָס זאָל זיין אמת ווי ער" (ע"ז).

איך, אָנכי־יהוה, און קיין זאַך ניט מער און קיין זאַך ניט אַנדערש. ווען דער מענטש וועט תופס־זיין, אַז אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט מכוח געטש־גאָט, האָט ער באמת געזאָגט פון זיך אליין. מחמת ער אליין איז דאָך דער באַשאַפער פון דער וועלט און פון געטש, ווען ער וועט באמת פאַרשטיין אַז עס איז ניטאָ קיין אלהים אויסער דעם אָנכי־יהוה, אויסער דעם עגאָ, און קיין אנדער אמונה אויסער זעלבסט־גלויבן, דעמאָלט וועט ער אויפהערן צו זיין אַ בשר־ודם, אַן איינפאַכער מענטש, און ער וועט אויך אויפהערן זיך צו פלייסן צו ווערן אַן אויבערמענטש — ער וועט ווערן אַ אָנכי־יהוה, אַן עגאָ, אַ כל־יכול, אַן אַלמעכטיק וועזן; מע־רער, ניט קיין וועזן, נאָר אַלמאַכט פערזאָניפיצירט, אַלמעגלעכקייט רע־אַליזירט.

„און דער גייסט פון אלהים שוועבט איבער דער אויבערפלאַך פון די וואַסערן' דאָס איז די זעל פון אדם'ען. (ע"ח)

אדם'ס גייסט שוועבט אומעטום און ער, אָט־דער אנכי, שאפט די וועלט, ווייל ער איז געווען פאַר דער וועלט און ער וועט זיין נאָך דער וועלט און אין דער וועלט.

„האָט דער מענטש זוכה־געווען זאָגט מען אים: דו ביסט געווען פאַר די טוואונגען פון בראשית". (ע"ט).

דער מענטש איז געווען פאַר'ן באשאף, דער מענטש איז דער באַשעפער.

ה.

## אנכי־יהוה

די עשרת הדברים האָבן אויסגעדריקט און פאָרמולירט גאַנץ דייט־לעך די אָנכי־יהוה־לערע, די איכהייט־באַנעמונג. אָבער אָט דעם ברי־ליאַנט פון געניאַלן געדאַנק דאַרף מען אויסגראָבן פון אונטער די בערגלעך אָפּפאַל און קופּעס פסולת, וועלכע עס האָבן אָנגעוואָרפן אויף דעם חומש און די נביאים די העלעניזירטע מפרשים, די פאַגאַניזירטע אויסטייטשער פון תורת־משה. אָט־דער פונק פון דעם פייער־פלאַמענדיקן אמת, 'אש־דת' דאַרף געראַטעוועט ווערן פון דעם פאַרשטיקנדיקן אַש, וועלכן עס האָבן אָנגעהויפט אויף דער ביבל די פאַלשע אינטערפּרע־טאַטאָרן, די עבודה־זרה'ניקעס, די געטשנדינער.

יעדע אמת'ע אמונה פאַרפאָלגט איין צוועק און דאָס איז צו ברענגען דעם מענטשן וואָס נעענטער צו דעם אידעאַל פון אַלע אידעאַלן, צו פאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין אַ כל-יכול, אין אַ כביכול מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקערהייט.

„און דער צוועק פון דער עקסעלענץ פון מענטשן און זיין דערהויבונג איז זיך צו פאַרגלייכן צום באַשעפער לויט זיין מעגלעכקייט, ד. ה. צו צוגלייכן אונדזערע האַנדלונגען צו זיינע האַנדלונגען, ווי זיי האָבן אויסגעטייטשט דייטלעך דעם פסוק 'הייליק וועט איר זיין' (ויקרא י"ט, ב'), זיי האָבן געזאָגט: ווי דער באַשעפער איז גנאָדיק אַזוי זאָלסטו זיין גנאָדיק און ווי דער באַשעפער איז באַרמהאַרציק, אַזוי זאָלסטו זיין באַרמהאַרציק". (9)

עס איז צייט צו פראָקלאַמירן דעם גאַנצן אמת אין זיין פּראַקטיקולער, אָטעם פאַרכאַפּנדיקער באַקעטקייט. אויב דער מענטש האָט באַשאַפן זיין בורא אין זיין געשטאַלט באַוואוסטזיניקערהייט, האָט ער עס באַוויזן צו טאָן בלויז אַ דאַנק דעם וואָס דער מענטש איז אַן אָנכי־יהוה, אַ רבונו-של־עולם. ניט יעדער מענטש באַגרייפט עס און דעריבער קען ער עס ניט זיין, מחמת אַזאַ זיין איז דערווייל בלויז אַ פאָרמע פון באַגרייפן. דער מענטש מיט דער אָנכי־יהוה'יסטישער איבערצייגונג, זיכערקייט און גלויבן, איינגעגלויבטקייט און איינפאַרטרויטקייט אין זיינע אייגענע כוחות איז דער כביכול, מחמת ער באַגרייפט דאָס די מענטשהייט וועלטהייט, אלס דער סך־הכל פון איכהייט־באַוואוסטזיין, האָט באַשאַפן דאָס דאַזיין פון גאָרניט, פון זיך אליין ארויסגעשפּונען, פון זעלבסטהייט אַרויסגעטרוימט. און איצט טאָר ער זיך ניט אָפּטיילן און קען זיך ניט אָפּטיילן פון דעם אַלגעמיינעם איך דעם וועלט־בויער, דעם וועבער פון דעם דאַזיין־קלייד, און אַלס אזעלכער, אַלס אַ איך, אַ גאַנצקייט, וואָס איז אַ חלק פון דער גאַנצער איכהייט, איז ער דער כביכול אַליין. דער אמת'ער רבונו-של־עולם איז דער עגאָ, דער אָנכי־יהוה. אָט די איבערצייגונג וועט דורכברעכן אַלע ווענט פון אַבערגלויבעריי, וועלכע רינגלען אונדז אַרום, און זי וועט אַנטפּלעקן דעם איך־יהוה אין זיין גאַנצער מאַכט פון פּראַכט, פּראַכט פון טראַכט.

מיר זיינען אומגליקלעך, נעבעכדיק, צרה'דיק, רחמנא־לצלנ'דיק, מחמת דעם וואָס מיר גלויבן ניט אין אָנכי־יהוה. אונדזערע צרות און ליידן, פורעניות און רדיפות זיינען אַן אָפּקומעניש פאַר אונדזערע זינד, די זינד פון ניט גלויבן אין אונדזערע פייאיקייטן און אומבאַשרענקטע מעגלעכקייטן. דער מענטש איז פאַרקאַוועט אין קייטן; ער איז פאַר־

שמידט אין אייזנס פון פאַראורטיילן, פון הבלים. זיינע כוחות זיינען גע־העמט, געליימט, פאַרקלעמט. דער מענטש מוז זיך ראַטעווען, וועט זיך ראַטעווען, וועט זיך אויסלייזן. פאַרברעכנס באַגאַנגען פון מענטשן, ליידנשאַפטן וואָס טרייסלען אויף די גאַנצע מענטשלעכע געביידע זיינען פועל־יוצא׳ס פון אַן ענערגיע־איבערגוס, וועלכער געפינט ניט קיין אַרויס־גאַנג, זיינען רעזולטאַטן פון אונדזער ניט אַנדערקענען די לערע פון אָנכי־יהוה. אַלע טעות׳ן, פאַרווירעענישן, אַלע גרייזן און פעלערן, אַט־דער גאַנצער הויפן פון נעגאַטיוון, נעמען זיך פון איין סיבה און דאָס איז די זינד, די מוטער פון אַלע זינד, דער אורערשטער פאַרבראַך — דאָס אָפּלייקענען די אינעוויניקסטע גאַנצקייט אונדזערע, דאָס ניט גע־הערכן די אייגענע שטימע, וועלכע פראָקלאַמירט דאָס אינערלעכע גע־זעץ. אין אונזער חולשה ליגט די גבורה, און דאָס איז אונדזער אומפּי־איקייט צו זיין אַ פשוט׳ער בעל־חי, אַ געוויינטלעכע באַשעפעניש און שטיין אויף איין ניווא מיט אַלע ברואים, וועלכע געפינען זיך אַרום אונדז.

אַט־די אידייע פון דעם אַלקען און אַלצמעג, אַט דער געדאַנק מכוח דער מענטשלעכער כל־יכול׳דיקייט דאַרף ווערן באַטאָנט, באַטראַפּט און אונטערגעשטראָכן אַזוי אָפט און אַזוי עמפאַטיש, אַז זי זאָל זיך אַריינ־קריצן אין יעדער אַקציע, אריינברענגען אין יעדער מחשבה, זיך אריינ־שניידן אין יעדן קאָפּ־שאָקל, זיך אַריינטאָן אין יעדן האַנט־מאַך אונדזערן. אַט די אידייע באַזיצט אַ קרעאַטיווע אייגנשאַפט. אַט די לערע איז אַ מאָטאָר. אַט די דאָזיקע תורה איז אַ ראַקעטע, וועלכע איז אימשטאַנד אונדז אויפצוהייבן און אַוועקטראָגן אין די העכסטע ספערן פון די גרעסטע מעשים, אין די לויטערסטע הימלען פון די וויכטיקסטע אויפ־טואונגען.

עס זיינען ניטאָ קיינע צוימען, קיינע גדרים. אַט־די איינצוימונגען זיינען אַן אויסטראַכטעריי פון שמאָל־קעפּלדיקייט, וועלכע שטעלט ארויס צום זען און באַטראַכטן בלויז אונדזערע מפּלות, און פאַרשווייגט, פאַר־באַהאַלט אונדזערע נצחונות, וועלכע וועגט די שטויבעלעך פון אונדזערע פאַרלוסטן און מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון די בערג פון אונדזערע געפינענישן. יאוש איז דער ביטערסטער שונא פון מענטשן, און מ׳מוז זען אים צו פאַרטרייבן מיט כל־הכוחות. ניט קיין קלענערער שונא איז שרעק, מורא.

אַן אַרמיי באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, אויסגעשטעלט אין שע־רענגעס, אין שלאַכט־פאָרמאַציע, פיקס־פאַרטיק פאַר אַן אָפענסיווע. אַ

שאַרף פון בלעטער פאַראורזאַכט פון אַ פאַרביילויפנדיקן ווינטל, אַן האַלו־צינאַציע פון קלאַנגען, אַן אַפּטישער אַפּנאַר — און אַן אימה פאַלט אויף זיי אַן, און זיי קערן זייער רוקן פאַר אַ הייפעלע פון בראַווע קריגער. אַט פונקט אַזוי איז דער מענטש, דער ניט-גלויביקער, דער אַנטי־מאָנאָ־טעאַאיסט. עפּעס אַ שטיקל שטערעניש די גרויס פון אַן אַרבעס — און ער קערט זיך צוריק פון זיין געשטעלטן ציל, פאַרקירעוועט אַן־אַ־זייט פון דער וואַגזאַמער קאָנסעקווענטער אונטערנעמונג.

דער עגאָסאָף זאָגט:

יעדער ווילן וועט זיין שטאַרק ווי שטאָל. יעדער ווילן וועט זיך דורכזעצן. אויפן פּאָליצע פון רוים־און-צייט ביים קיום איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר יעדן מענטשן און יעדן צוועק. אין נאָמען פון אַנכי־יהוה וועט אַלץ דערכגרייכט און געוואונען ווערן.

די לערע פון משה׳ן און די נביאים פּראָקלאַמירן דעם צושטאַנד פון עגאָקראַטיע, יהוה־מלכות. משה רבנו איז געווען דער ערשטער עגאָקראַט. יעדערער ווער עס קומט צו תורת־משה קומט צו זיך, צו זיין אייגן זעלבסט, צו זיין איכהייט. תורת-משה איז מער ווי בלויז אַ לערע. עס איז אַן אַפּנבאַרונג, אַן התגלות ,וועלכע שפּרודלט אַרויף פון די תהומות פון זעלבסט־באַוואוסטזיין, פון די טיפעניש פון זעלבסט־באַגלויבטזיין. אַט די לערע ווערט געבוירן אין קדושה, אין טהרה, אין גלות־אַפּריכטן, ווי דער פאַל איז געווען מיט משה׳ן. און אַט די תורה איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון גליקזעליקייט און איי־ביקער אומדערשעפּלעכער ברכה. דער מענטש וועט אַראָפּוואַרפן פון זיינע אויגן די שווערע בעלמעס פון אַבערגלויבערײ, פון געטשנ־דינערײ, פון אַביעקטנפאַרערונג, פון קעגנשטאַנד־פאַרהערלעכונג און ער וועט נעמען גלויבן דורכאויס אין זיך אַליין, אין זיין אייגן זעלבסט, און ער וועט נעמען דינען זיין אייגן דינסט, ניט קיין פרעמדע דינסט, ניט קיין עבודה זרה — און ער וועט ווערן אַן אָנכי־יהוה, אַ איך. עס איז ניטאָ אַזאַ כוח אויף דער וועלט, וועלכער זאָל אימשטאַנד זיין אָפּצושטעלן דעם זעלבסט־מארש, מעכב־זיין אַט די גרויסע זעלבסט־גאולה, די זעלבסט־אויסלייזונג פון אָנכי־יהוה.

„אָז ישיר משה״ . . . דעמאָלט וועט משה זינגען, ער זינגט מיט יעדן דיכטער, מיט יעדן זינגער . . . אַלע גרויסע דיכטער פון אַלע פעלקער און אַלע צייטן האָבן אַט דעם מאָטיוו איבערגעזונגען אויף טויזנטער אופנים. זיי האָבן נאָכגעזונגען משה רבנו׳ן. מחמת עס איז דאָ איין זינגער און איין געזאַנג, — עזי וזמרת יה — דאָס איז

דער יהוה-געזאַנג. און עס איז דאָ איין דענקער און איין געדאַנק און דאָס איז דער אָנכי־יהוה געדאַנק.

ווען דער מענטש, דער דורכשניט־מענטש, דער פּשוט׳ער בשר־ודם וועט פאַרשטיין און פילן, אַז צו קריגן אַ קאַטאַר, זיך צוצוקילן, האָט אַזויפיל זינען, ווי צו זאָגן אַז דער אלהי־ישראל לײדט פון אַ קאַטאַר, פון אַ פאַרקילונג, אָדער פיבערט פון קדחת, ערשט דעמאָלט, ניט פריער, וועט ער אויפהערן צו זיין אַ מענטש, און וועט זיך נעמען דערנענטערן צו דער מדרגה פון אַן אָנכי־יהוה.

ווען דער מענטש וועט תופס־זיין און שפּירן, פילן־בחוש אַז צו זאָגן: ׳איך בין מיד, איך בין שלעפעריק, איך וויל עסן׳, איז פּונקט אַזוי אומגעלומפּערט ווי צו זאָגן, אַז אָנכי־יהוה איז מיד, שלעפעריק, הונגעריק, דאָרשטיק און דעריבער דאַרף מען קיילענען פאַר אים שעפּסן, לעמער און גיסן פאַר אים ווײן — ערשט דעמאָלט וועט דער מענטש פאַרלאָזן לחלוטין דעם באָדן פון געטשנדינערײ, פון עבודה זרה און וועט ווערן אַן עגאָ.

מענטשלעכקייט, מענטשהייט—וועלט וועלטלעכקייט—אַלץ, אַלץ דאַרף אַריינגעזויגן ווערן אין אָנכי-יהוה. און דאָס איז די פאַראויסזאָגונג וואָס תורת־משה אַנטהאַלט. די מענטשהייט און דער קאָסמאָס — זיינען איין איך — אני יהוה.

וואו זאָלן מיר נעמען די גבורה פון אויסדרוק און איינדרוק בכדי איינצוקריצן אין יעדער מחשבה, אין יעדן באַוואוסטזיין רונצל, וואָס לויפט אַדורך איבערן פּנים פון פּסיכישן ים, די גרויסע איבערצייגונג אַז קרע־אַציע קען ניט האָבן קיינע באַגרעניצונגען, און דעריבער איז די וועלט אַ אין־סוף, אַן אומענדלעכקייט פון יכולת׳ן. און מחמת דעם זיינען די כוחות פון דער איכהייט, פון דער פּערזענלעכקייט אָן אַן אָנהויב, אָן אַן ענד און אָן אַ מיטן.

און דאָס איז די בשורה טובה פון אחרית הימים. אָט־די בשורה טובה פון זעלבסט-אויסלייזונג זאָגן אונדז אָן די שטערן אין הימל, די בלימעלעך אויף די ביימן, די פּירות אין די סעדער, די גרעזעלעך אויף די לאָנקעס, די ביימער אין די וועלדער, די כוואַליעס אין ים. עס איז ניטאָ קיין צונג, וואָס רעדט ניט פון דעם. עס איז ניטאָ קיין האַרץ, וואָס קלאַפּט ניט מיט דעם. עס איז ניטאָ קיין מוח, וואָס וויל עס ניט באַגרייפן. עס איז ניטאָ קיין קני, וואָס וויל זיך ניט בויגן פאַר אָט דעם געדאַנק פון זעלבסט־אויסלייזונג, אויטאָ-סאַלוואַציע. עס איז ניטאָ דאָס מויל, וואָס וועט ניט ווערן אַ טרומייטער אַריינצושאַלן אין די אויערן

פון דער וועלט: די שעה פון זיך־ישועה קומט אָן. עס איז גיטאָ דער שכל, וועלכער וועט ניט ווערן די לוחות וואו עס שטייט אָנגעשריבן דער שם־המפורש:

אָנכי יהוה . . .

מאָסקווע 1919 — ניו־יאָרק 1939

**תקון־טעות: ז. 121, קעפּל**

דארף זיך לייענען: אינטערסעקסואליזם אלס איינלייטונג צום אינטערנאַציאָנאַליזם און אינטערקלאַסיזם.

# מראה מקומות

אַלע טעקסטן, וועלכע ווערן ציטירט, סיי העברייאישע, אַראַמייאישע
אָדער אַנדער־שפּראַכיקע, זיינען איבערזעצט געוואָרן פון מחבר.

# ארײנפיר

א. תמורה י״ד, ע״ב ; גיטין ס׳, ע״א.
ב. שמות ל״ד, ל״א.
ג. דאָרט, ל״ד, ל״ב.
ד. דברים ל״א, כ״א.
ה. דאָרט, ל״א, י״ט.
ו. דאָרט, ל״א, כ״ב.
ז. בראשית רבה, פרשה מ״ט.
ח. דאָרט, פרשה ס״ד, אָנהויב פרשה.
ט. זהר ואתחנן, רס״ח, ע״א.
י. מדרש רבה איכה, כ״ה.
י״א. מדרש שיר השירים, ד׳ ; מדרש רות, ויהי בימי שפוט השופטים.
י״ב. מגלה, י״ד.
י״ג. דברים ה׳, י״ב.
י״ד. דאָרט, ה׳, ט״ז.
ט״ו. דאָרט, ה׳, י״ב.
ט״ז. דאָרט, ה׳, ט״ז.
י״ז. שבת, פ״ז, ע״ב.
י״ח. סנהדרין, נ״ו, עב״.
י״ט. הוריות, ח׳, ע״א.
כ. בראשית רבה, פרשה א׳.
כ״א. בראשית ה׳, א׳.
כ״ב. בראשית רבה, פרשה כ״ד.
כ״ג. זהר בראשית, נ״ה, ע״ב.
כ״ד. דאָרטן, ל״ז, ע״ב.
כ״ה. עבודה זרה כ״ה, ע״א.
כ״ו. דברים ד׳, ב׳. — דאָרט, י״ג, א׳.
כ״ז. זהר בראשית, נ״ח, ע״ב.
כ״ח. שמות כ׳, ז׳.
כ״ט. שמואל א׳, ט״ו, כ״ט.
ל. ירמיה ב׳, ג׳.
ל״א. אבא גאָרדין, גרונטפּרינציפּן פון אידישקייט, ז. 99.
ל״ב. זהר פנחס, רנ״ג, ע״א.
ל״ג. בראשית רבה, פרשה ס״ג.
ל״ד. אבות א׳.
ל״ד 1. רמב״ם. מורה נבוכים, חלק א׳, פרק ע״א, אָנהויב פרק.
ל״ה. דר. ש. א. הורודצקי, החסידות והחסידים, ספר שלישי, עמוד מ׳. ברלין תרפ״ג.

# I

א. בראשית ב׳, י״ח.
ב. דאָרט, א׳, כ״ז.
ג. בראשית רבה, פרשה נ״ד, אָנהויב פרשה.
ד. אבא גאָרדין, פרינציפּן און צוועקן דערקלערונג פון דער אידיש־עטישער קול־טור געזעלשאפט, ז. 1, ניו־יאָרק, 1936.
ה. בראשית רבה, פרשה י״ז.
ו. זהר אחרי מות, ע״ד, ע״ב.
ז. דאָרט, קדושים, פ״א, ע״ב.
ח. דאָרט, בראשית, מ״ד, ע״ב.
ט. דאָרט בראשית, מ״ז, ע״א.
י. משלי, ג׳, י״ז.
י״א. במדבר רבה, פרשה י׳.
י״ב. סנהדרין, ס״ד, ע״א.
י״ג. ירושלמי ברכות, פרק ט׳.
י״ד. בראשית רבה, פרשה ט׳.
ט״ו. זהר פנחס, רכ״א, ע״ב.
ט״ז. אבא גאָרדין, גרונטפּרינציפּן פון אידישקייט, זז. 67־68.
י״ז. יהודה הלוי, כוזרי, מאמר שני, סימן ל״ו. — אבא גאָרדין, אידישע עטיק, ז. 275.
י״ז 1. פּוילוס. ערשטער בריוו צו די קארינטער. קאַפּיטל י״ב, 21־27.
י״ח. זהר ואתחנן רעיא מהימנא, רס״ג, ע״א.
י״ט. ישעיה, ה׳, כ׳.
כ. ויקרא רבה, פרשה ט׳, ב׳.
כ״א. דאָרטן.
כ״ב. גיטין, נ״ט, ע״ב.
כ״ג. זהר קרח, קע״ו, ע״ב.
כ״ד. זהר בראשית, י״ב, ע״ב. ראָזענבערג׳ס אויסגאַבע.
כ״ה. זהר בראשית, הקדמת הזהר, י״ב, ע״ב.
כ״ו. דאָרט, חקת, קע״ט, ע״ב.
כ״ז. אבא גאָרדין, גרונטפּרינציפּן פון אידישקייט, ז. 192, נויארק, 1938.
כ״ח. זהר בשלח, ס״ד, ע״ב. — גרונטפּרינציפּן פון אידישקייט, ז. 191.
כ״ט. אבא גאָרדין, אידישע עטיק, ז. 43, נ. י., 1937.
ל. זהר בראשית, ט״ז, ע״ב.
ל״א. דאָרט ואתחנן, רס״ד, ע״א.
ל״ב. אבא גאָרדין, גרונטפּרינציפּן פון אידישקייט, ז. 192.
ל״ג. בראשית רבה, פרשה י״ז.
ל״ג 1. יבמות, ס״ב, ע״ב.
ל״ד. בראשית, ב׳, כ״ג.
ל״ה. דאָרט, ג׳, ט״ז.
ל״ו. דאָרט, ג׳, ט״ו.
ל״ז. זהר בראשית, הקדמת הזהר, י״ג, ע״ב.
ל״ח. בראשית, ב׳, כ״ד.

## II

א. בראשית, ג׳, ט״ז.
ב. דארטן, ד׳, ז׳.
ג. בראשית רבה, פרשה כ״ג, אנהויב פרשה.
ד. שמואל א׳, י״ב, ג׳.
ה. זהר כי תצא, רפ״א, ע״ב.
ו. בראשית רבה, פרשה ו׳, אָנהויב פרשה.
ז. שבועות, ט׳, ע״א.
ח. שמות, ל״ב, ב׳.
ט. ויקרא, י״ז, ד׳.
י. סנהדרין, נ״ד, משנה.
י״א. דאָרטן, נ״ה, ע״א.
י״ב. רש״י, דאָרטן.
י״ג. קידושין, פ״ב, ע״א.
י״ד. עבודה זרה, כ״ב, ע״ב.
ט״ו. סנהדרין, ק״ח, ע״א.
ט״ז. ויקרא, י״ח, כ״ג.
י״ז. יומא, פרק א׳, משנה א׳.
י״ח. שמות רבה, פרשה כ״ח. אָנהויב פרשה.
י״ט. מלכים, ב׳, י״ז, כ״ו.
כ. בראשית, י״ח, א׳.
כ״א. שמות, ג׳, ד׳.
כ״ב. שופטים, ד׳, מ״ה.
כ״ג. דברים, י״ב, ב׳־ג׳.
כ״ד. דאָרטן, ט״ז. כ״א.
כ״ה. שופטים, ו׳, כ״ה.
כ״ו. דברים, כ״א, י״־י״ד.
כ״ז. במדבר, ל״א, ח׳־ט׳.
כ״ח. שופטים, ה׳, ל׳.
כ״ט. דאָרטן, כ״א, כ״ג.
כ״ט 1. בראשית, י״ח, ו׳־ז׳.
כ״ט 2. דאָרטן, כ״ד, י״ג, י״ד.
ל. בראשית רבה, פרשה כ׳, סוף פרשה.
ל״א. יבמות, ק״ג, ע״ב.
ל״ב. זהר אחרי מות, ע״ט, ע״א.
ל״ג. שבת, קמ״ו, ע״א.
ל״ד. זהר בראשית, ל״ה, ע״ב.
ל״ה. דאָרטן, תרומה, קע״ח, ע״א.
ל״ה 1. דאָרט, בראשית, ל״ה, ע״ב.
ל״ו. דאָרטן, נשא, קמ״ז, ע״א.
ל״ז. בראשית, ב׳, ז׳.
ל״ז 1. מדרש תנחומא, כי תזריע, א׳.
ל״ז 2. ויקרא רבה, פרשה י״ד. אָנהויב פרשה.

ל״ח. בראשית רבה, פרשה י״ח.
ל״ט. דאָרטן, פרשה י״ט.
מ. מתנות כהונה, דאָרטן.
מ״א. זהר בראשית, מ״ט, ע״א.
מ״ב. בראשית, ג׳, ט״ו.
מ״ג. זהר בראשית, נ״ה, ע״א.
מ״ד. בראשית, ו׳, א׳.
מ״ה. בראשית רבה, פרשה כ״ו.
מ״ה 1. מדרש תנחומא, פרשה כי תזריע, ג׳, ויקרא רבה, פרשה י״ד, סוף פרשה.
נדה ל׳א, ע״א. סוף עמוד.
מ״ו. בראשית, ו׳, ב׳.
מ״ז. זהר ואתחנן, רס״ז, ע״ב.
מ״ח. דאָרטן.
מ״ט. דאָרטן, בראשית, נ״ה, ע״ב.
נ. דאָרטן.
נ״א. דאָרטן, נשא, קמ״ה, ע״ב.
נ״ב. דאָרטן, אחרי מות, ע״ג, ע״א.
נ״ג. דאָרטן, שמות, קכ״ו, ע״א.
נ״ד. דאָרטן, בראשית, כ״ח, ע״א.
נ״ה. דאָרטן, אחרי מות, ע״ז, ע״ב; ע״ח, ע״א.
נ״ו. דאָרטן, קדושים, פ״א, ע״א און ע״ב.
נ״ז. דאָרטן, תזריע, מ״ה, ע״ב.
נ״ח. ירמיה, ב׳, ב׳.
נ״ט. ישעיה, נ״ד, ט׳.
ס. דאָרטן, נ״ד, ו׳.
ס״א. ירמיה, ג׳, א׳.
ס״ב. דאָרטן, ג׳, ה׳.
ס״ג. דאָרטן, ג׳, ח׳.
ס״ד. מדרש שיר השירים, ד׳.
ס״ה. זהר פינחס, רל״ב, ע״א.
ס״ו. דאָרטן.
ס״ז. רבי סעדיה גאון, האמונות והדעות, עמוד כ״א, ע״א, יוזעפאף 1894.
ס״ח. זהר בשלח, נ״ה, ע״א.
ס״ט. בראשית רבה, פרשה י״ט.
ע. זהר במדבר, קי״ז, ע״א.
ע״א. דאָרטן.
ע״ב. דאָרטן, בראשית, ל״ו, ע״ב.
ע״ג. קידושין, פ״ב, ע״ב.
ע״ד. זהר יתרו, צ׳, ע״ב.
ע״ד.[1] דאָרטן, צ״א, ע״א.
ע״ד.[2] במדבר רבה, סדר שלח, פרשה ט״ז.
ע״ה. עבודה זרה, ה׳, ע״א.
ע״ו. שמות רבה, פרשה ל״ב, אָנהויב פרשה.

ע״ז. אבא גאָרדין, גרונטפרינציפּן פון אידישקייט, ז. 76.
ע״ח. זהר בראשית, קכ״ב, ע״ב.
ע״ט. ויקרא רבה, פרשה י׳.
פּ. תהלים, ק״ו, י״ט־כ׳.
פ״א. זהר פיקודי, רל״ז, ע״א.
פ״ב. ירמיה, ב׳, י״א.
פ״ג. זהר, כי תשא, קצ״א, ע״א.
פ״ד. דאָרטן, שמות, רל״ו, ע״ב.
פ״ה. יחזקאל, א׳, י׳.
פ״ו. דאָרטן, א׳, ז׳.
פ״ז. דאָרטן, א׳, י״ח.
פ״ח. אבא גאָרדין, גרונטפרינציפּן, ז. 77.
פ״ט. יחזקאל, א׳, כ״ז.
צ. זהר, תזריע, מ״ח, ע״א.
צ״א. דאָרטן, ויקהל, רי״א, ע״ב.
צ״ב. דאָרטן, פנחס, ר״ס, ע״א.
צ״ג. בראשית, ו׳, י״ט־כ.
צ״ד. זהר בראשית, נ״ט, ע״ב. — אבא גאָרדין, אידישקייט, ז. 77.
צ״ה. שמות, ל״ז.
צ״ו. דאָרטן, י״ב, מ״ג.
צ״ז. דאָרטן, י״ב, מ״ח.
צ״ח. דאָרטן, י״ב, מ״ו.
צ״ח 1. שמות רבה, פרשה ט״ז.
צ״ח 2. זהר תרומה, ק״ע, ע״ב.
צ״ט. זהר, פנחס, רמ״ג, ע״ב.
ק. דאָרטן, פקודי, רל״ז, ע״א.
ק״א. שמות רבה, פרשה י״ט.
ק״א 1. קהלת רבתי, פרשה ח׳.
ק״א 2. במדבר רבה, פרשה י״ט, סדר חקת.
ק״ב. במדבר, י״ט, ב׳.
ק״ג. שמות, י״ב, מ״ג.
ק״ד. ספרי דבי רב, עקב, פיסקא מ״ט, דף פ״ה, ע״א, ווינא 1864.
ק״ה. שבת, קל״ג, ע״ב.
ק״ו. דברים, י״ח, י״ג.
ק״ז. זהר שלך לך, קס״ו, ע״א.
ק״ח. מאטטהעאוס, 6.48.
ק״ט. דברים, י״ד, א׳.
ק״ט 1. סנהדרין צ׳, ע״ב.
ק״י. מאיר בן גבאי, עבודת הקודש, חלק התכלית, דף ע״ח, ע״א. לעמבערג 1848.
קי״א. מגילה, כ״ט, ע״א. — מדרש רבה איכה, פרשה א׳.
קי״ב. זהר ויקרא, ד׳, ע״ב.
קי״ג. דאָרטן, כ״ב, ע״א און ע״ב.
קי״ג 1. דאָרט, אמור, צ׳, ע״ב.

קי״ג 2. דאַרט, בלק, רי״ב, ע״ב.
קי״ד. מאיר בן גבאי, עבודת הקודש, פרק ס״ב, סוף פרק.
קי״ד 1. זהר, אחרי־מות, ע״ה, ע״א.
קי״ד 2. דאַרט, נשא, קכ״ו, ע״ב.
קט״ו. אבות, פרק ד׳.
קט״ז. זהר אחרי מות, ע״ד, ע״ב.
קי״ז. דאַרטן, ע״ז, ע״א.
קי״ח. דאַרטן ואתחנן, רס״ב, ע״א.
קי״ט. דאַרטן, דרך האמת.

## III

א. דברים, ל״ב, כ״א.
ב. שמות, י״ג, י״ד.
ג. זהר שמות, ד׳, ע״א.
ד. שמות רבה, פרשה ל״ב, סוף פרשה.
ה. זהר ויקרא, י״ז, ע״ב.
ו. דאַרט, בהעלותך, קמ״ט, ע״א.
ז. דאַרט, ואתחנן, ר״ס, ע״ב, רס״א, ע״א.
ח. דאַרט, האזינו, רצ״ח, ע״ב.
ט. דאַרט, האזינו, רפ״ו, ע״ב.
י. דאַרט, האזינו, רצ״ח, ע״ב.
י״א. דאַרט, תרומה, אָנהויב פרשה.
י״ב. ירמיה, ל״ג, כ״ה.
י״ג. זהר האזינו, רצ״ח, ע״ב.
י״ד. עבודה זרה, ג׳, ע״א.
ט״ו. פתיחתא דרות רבה.
ט״ז. זהר בראשית, כ״ו, ע״א.
י״ז. בראשית רבה, פרשה י״ט.
י״ח. מכות, סוף גמרא.
י״ט. בראשית רבה, פרשה כ״ב, סוף פרשה.
כ. תהלים, קכ״ו, ה׳, ו׳.
כ״א. דאַרט, קכ״ו, ב׳.
כ״א 1. פסחים, פ״ז, ע״ב.
כ״ב. שמונה עשרה „ותודיענו״, און אין מוצאי־שבת־דיקן־יום־טוב־דיקן קידוש.
כ״ג. אבות דרבי נתן, פרק ל״ד, ט׳.
כ״ד. זהר, ראשי המטות, רנ״ט, ע״ב.
כ״ה. דאַרט, אחרי מות, ע״ב, עמוד ב׳.
כ״ו. דאַרט, וילך, רפ״ד, ע״ב.
כ״ז. דאַרט, האזינו, רפ״ח, ע״ב.
כ״ז 1. זהר בראשית, ס״ו, ע״א. ראזענבערג׳ס אויסגאבע.
כ״ח. דאַרט, ואתחנן, רס״ח, ע״א.
כ״ח 1. ספרי עקב, פ״י, מ״ז.
כ״ח 2. ברייתא דפרק השלום.

כ״ח 3. מנחות, נ״ג, ע״ב.
כ״ח 4. אבא גאָרדין, אידישקייט, ז. 114.
כ״ח 5. סוכה, נ״ה, ע״ב.
כ״ט. ירמיה, ל״א, ל״ד־ל״ו.
ל. ישעיה, ס״ו, כ״ב.
ל״א. דאָרט, ב׳, ב׳.
ל״ב. דאָרט, ב׳, ה׳.
ל״ג. דאָרט, ס״ה, י״ט.
ל״ד. דאָרט, ס״ה, כ״ה.
ל״ה. זהר ואתחנן, רס״ו, ע״א.
ל״ו. איכה, ג׳, י״ח.
ל״ז. דאָרט, ג׳, כ״א.
ל״ח. דאָרט, ג׳, כ״ג.
ל״ט. דאָרט, כ״ה־כ״ז.
מ. קידושין, ל״ט, ע״ב — חולין, קמ״ב, ע״א.
מ״א. במדבר, כ״ד, י״ז.
מ״א 1. מנחות, נ״ג, ע״ב.
מ״א 2. דאָרט, רש״י.
מ״ב. אבות דרבי נתן, פרק ט״ז, ג׳.
מ״ג. סוכה, נ״ב, ע״א.
מ״ד. דאָרט, נ״ב, ע״ב.
מ״ה. אבות דרבי נתן, פרק ט״ז, ג׳.
מ״ו. קידושין, ל׳, ע״ב.
מ״ז. סוכה, נ״ב, ע״ב.
מ״ח. מיכה, ד׳, ו׳.
מ״ט. דברים, ל״ב, ל״ט.
נ. ישעיה, מ״ג, כ״ה.
נ״א. בראשית רבה, פרשה ס״ט.
נ״ב. זהר בראשית, מ״ה, ע״א.
נ״ג. דאָרט, מ״ד, ע״ב.
נ״ד. דאָרט, ל״ח, ע״ב.
נ״ה. דאָרט, ואתחנן, רס״ג, ע״ב.
נ״ו. דאָרט, רס״ז, ע״א.
נ״ז. דאָרט, קדושים, פ״ב, ע״א.
נ״ח. וואונדער מעשיות פון רבי נחמן בראסלאווער, מיט אן איינלייטונג פון ש. צ. זעצער, זז. שכ״א, שכ״ב. ניו־יאָרק תרפ״ט.
נ״ט. דברים, ל״ג, א׳; — תהלים צ׳, א׳.
ס. ישעיה, ס״ג, י״א, י״ב.
ס. 1. מאיר בן גבאי, עבודת הקודש, ס״ח, ע״א.
ס״א. דברים רבה, פרשה י״א, ד׳.
ס״ב. דאָרטן.
ס״ג. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, ז. 17.
ס״ד. ברכות, י״ז, ע״א.

ס״ה. שלמה בן גבירול, כתר מלכות.
ס״ו. זהר שמות, צ״ד, ע״ב.
ס״ו 1. אבות דרבנו נתן, פרק ל״ז, ח׳ — אבא גאָרדין, עטיק, ז. 268.
ס״ז. תהלים, קמ״ו, ז׳, ח׳.
ס״ח. דאָרט, קמ״ה, ט״ו.
ס״ח 1. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, ז. 192.
ס״ט. אבא גאָרדין, פרינציפן און צוועקן דערקלערונג פון דער א. ע. ק. ג. ז. 3, ניו־יאָרק, 1936, ז. 3.
ע. עבודה זרה, ג׳, ע״א.
ע״א. דברים, ד׳, א׳.
ע״ב. דאָרט, ד׳, ל״ט.
ע״ג. ישעיה, מ״ה, י״ח.
ע״ד. דאָרטן, מ״ה, ו׳.
ע״ה. דאָרט, מ״ה, ז׳.
ע״ו. דאָרט, מ״ה, כ״א.
ע״ז. רמב״ם, משנה תורה, הלכות דעות, פרק א׳, הלכה ד׳.
ע״ח. מדרש תנחומא, פרשה כי תזריע, א׳.
ע״ט. ויקרא רבה, פרשה י״ד, אָנהויב פרשה.
פ. רמב״ם, מורה נבוכים, חלק א׳, פרק נ״ג, סוף פרק.

# I.

1. Walder Clyde Allee, Animal Life and Social Growth, p. 147. Baltimore, 1932.

1*a*. F. Engels, Origin of the Family, p. 79. Chicago, 1920.

2. Wyndham Lewis, The Art of Being Ruled, p. 163. London, 1926.

2*a*. Abba Gordin, "Class Struggle," Clarion, Oct. 1932, N. Y.

3. Crafft-Ebing, Psychopathia Sexualis, p. 81, 1935, N. Y.

3*a*. Robert Briffault, Mothers, Vol. I, p. 194.

4. August Comte, Positive Philosophy, Vol. III, Social Physics, book vi, p. 313. London, 1896.

5. A. D. Lindsay, Karl Marx's Capital, pp. 45-46, Oxford, 1931.

6. George Sorel, Reflections on Violence, p. 201.

7. Henry de Man, The Psychology of Socialism, pp. 202-03. Henry Holt Pub., New York.

8. Ibid. p. 27.

9. Ibid. p. 28.

10. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, p. 27. Chicago, 1908.

11. Sir Walter Raleigh, Works, Vol. II, p. 55, London, 1751.

12. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, p. 39. Essentials of Marx. New York, 1926.

13. Karl Marx, Nachlass, Vol. II, pp. 469-70.

14. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, p. 36.

15. N. Bukharin and Preobrazhensky, ABC of Communism, p. 375.

16. Communist Manifesto, p. 41.

17. Ibid. p. 54.

18. Ibid. p. 55.

19. Ibid. p. 56.

20. Ibid. p. 60.

21. Ibid.

22. Ibid. p. 61.

23. Ibid. p. 64.

24. Rexford G. Tugwell, The Industrial Discipline, pp. 14-15. New York, 1933.

25. Johann Kaspar Bluntschli, The Theory of the State, p. 175. Oxford, 1885.

26. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, p. 42.

27. Ibid. p. 65.

28. Ibid.
29. Edward Bagnal Poulton, art. "Mimicry," Enc. Brit., Vol. XV, ed. XIV.
30. Charles Darwin, Descent of Man, pp. 329-30, 2nd ed. New York, 1930.
31. E. A. Ross, The Outline of Sociology, p. 154. New York, 1923.
32. Ibid. p. 155.
33. Jean Massart and Emile Vandervelde, Parasitism, Organic and Social, tr. by William Macdonald, revised by Arthur Thompson, pp. 33-34. London, 1895.
34. Herbert Spencer, Principles of Sociology, Vol. I, p. 225, 777; Vol. II, pp. 10-11. London, 1919.
35. F. Engels, Preface to the Communist Manifesto, p. 28. New York, 1926.
36. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, p. 31.
37. F. Engels, Anti-Duehring, p. 33. International Publishers.
38. Karl Marx, Letter to Dr. Kugelman, London, 27 June, 1870, p. III. New York, 1934.
39. Charles Darwin, The Origin of the Species, pp. 59-60. New York, 1927.
40. Edmund Kelly, Twentieth Century Socialism, p. 341. London, 1910.
41. F. Engels, Anti-Duehring, p. 307. Intern. Publ.
42. Ibid.
43. Karl Marx, Wage-Labor and Capital, Essentials of Marx, p. 96.
44. Enrico Ferri, Socialism and Modern Science, p. 74, 2nd ed. New York, 1904.
45. Karl Marx, Capital, Vol. I, p. 709. Chicago, 1906.
46. F. Engels, Anti-Duehring, p. 308. Intern. Publ.
47. F. Engels, The Condition of the Working Class in England, in 1844, pp. 75-76. London, 1892.
48. George Plekhanov, Anarchism and Socialism, p. 35. Kerr Publ., Chicago.
49. Charles Fourier, Le Nouveau Monde Industriel et Societaire, Vol. I, p. 324, 3rd ed. Paris, 1848.
50. F. Engels, Anti-Duehring, p. 291. New York, 1935.
51. Bazard, Doctrine Saint-Simonienne, pp. 114-23. Paris, 1854.
52. Robert Owen, Three Letters Addressed to David Ricardo, p. 7. London, 1819.

53. Charles Fourier, Social Destinies, p. 153, Sociological Series, No. 1, Part 2. New York, 1876.

54. Ibid. p. 157.

55. Newton Mann, Import and Outlook of Socialism, p. 20. Boston, 1910.

56. Charles Fourier, Oeuvres Completes, Vol. I, p. 266.

57. W. Tcherkesoff, Pages d'histoire socialiste, p. 40. Paris, 1896, ed. "Temps Nouveaux."

58. V. I. Lenin, State and Revolution, p. 140. N. Y., 1926.

59. Ibid. p 141

60. Max Eastman, Marx, Lenin and the Science of Revolution, p. 66. London, 1926.

61. A. W. Humphrey, The Modern Case for Socialism, p. 57. London, 1928.

62. F. Engels, Anti-Duehring, p. 122, New York, 1935.

63. Ibid. p. 29.

64. Oswald Spengler, The Decline of the West, Vol. II, p. 334. New York, 1932.

65. F. Engels, Anti-Duehring, p. 24.

66. Karl Marx and Frederick Engels, Communist Manifesto, Essentials of Marx, p. 31.

67. Rudolf Eucken, Socialism, An Analysis tr. by Joseph McCabe, p. 157. New York, 1922.

68. Lazarus Geiger, Der Ursprung der Sprache, S. 199. Stuttgart, 1869.

69. Thomas Hobbes, Leviathan, English Works, Vol. III, p. 159. London, 1839.

70. Ibid. Vol. IV, pp. 121-22. London, 1840.

71. Samuel von Pufendorf, The Law of Nature and Nations, done into English by Basil Kennett, pp. 639-40. London, 1729.

72. Wells, The Life and Public Service of Samuel Adams, Vol. I, p. 502.

73. John Locke, On Civil Government, p. 224. Everyman's Library.

74. J. J. Rousseau, Social Contract, tr. by Harrington, p. 22.

75. Adam Ferguson, An Essay on the History of Civil Society, p. 6. Basel and London, 1789.

76. H. J. W. Hetherington and J. H. Muirhead, Social Purpose, p. 117. New York, 1918.

77. Tom Swan, Fraternity and Evolution, p. 21. London, 1926.

78. E. T. Campagne, Society and Solitude, p. 199. Cambridge, 1922.

79. J. A. Thomson, What Is Man? p. 62. London, 1924.
80. Ernest R. Groves, An Introduction to Sociology, p. 22. New York, 1928.
81. Grove Samuel Dow, Society and Its Problems, p. 491. New York, 1929.
82. Ibid. p. 8.
83. Russell Gordon Smith, Fugitive Papers, p. 116.
84. R. M. Maciver, Society, Its Structure and Changes, p. 20. New York, 1931.
85. Karl Jaspers, Man in the Modern Age, p. 42. London, 1933.
86. C. N. Starke, Laws of Social Evolution and Social Ideals, p. 222. Copenhagen, 1932.

## II.

1. Krafft Ebing, Psychopathia Sexualis, p. 14. N. Y., 1935.
2. Robert Briffault, Mothers, Vol. I, p. 143, note.
3. Krafft Ebing, Psychopathia Sexualis, p. 7, note.
4. Abel Hovelacque, L'Avesta Zoroastre et le mazdeisme, pp. 344 sq. Paris, 1880.
5. E. B. Tylor, Primitive Culture, p. 231, Vol. II. London, 1929.
6. Sacred Books of the East, Vol. IV, p. 231.
7. Ibid. pp. 86-87.
8. Abraham Hyacinthe, Anquetil du Perron, Zend-Avesta, Vol. I, Part II, p. 201. Paris, 1771.
9. Rig-Veda, I, i40—VIII, 49—X, i55. Satapatha Brahmana. Sacred Books of the East, Vol. XXIV, p. 162.
10. Jean Antoine Dubois, Hindu Manners, Customs and Ceremonies, Vol. I, p. 21; Vol. II, p. 634. Oxford, 1897.
W. Crooke, The Popular Religion and Folklore of Northern India, Vol. II, pp. 156, 230-34. Westminster, 1896.
11. A. Jeremias, Handbuch d. Altorientalischen Geisterkultur, S. 242. Leipzig, 1913.
12. A. H. Sayce, On the Origin and the Growth of Religion as Illustrated by the Religion of the Babylonians, p. 289.
13. H. K. Brugsch, Religion und Mythologie d. alten Aegypter, pp. 360 sq. Leipzig, 1889.
14. E. A. Thompson Wallis Budge, Osiris and the Egyptian Resurrection, Vol. I, p. 399. New York, 1911.
15. Strabo, XVII, 1, 22.
16. Adolf Erman, Handbook of Egyptian Religion. London, 1907.

17. Plutarch, De Iside et Osiride, XXXVI.
18. K. O. Mueller, Denkmaeler der alten Kunst, Vol. II, Pl. XXXIII.
Charles Daremberg et E. Saglio, Dictionnaire d. antiquites grecques et romaines, Vol. I, pp. 619 sq. 631.
W. H. Roscher, Ausfuehrliches Lexikon, Vol. I, pp. 1149 sq.
19. Euripides, Bacchae, 1017.
20. Janus Gruterus, Inscriptiones Antiquae totius Orbis Romani, No. XVII. Amstel 1707.
21. Scholias on Lycophron. Alexandria, 1237.
22. Demosthenes, Neaeram, 1369 sq. — Jane Ellen Harrison, Prolegomena to the Study of Greek Religion, p. 537.
23. H. E. Rouquette, A Few Notes on Farming . . . of the Kafirs and Basutos, Journal of the Anthrop. Inst. XVI, p. 134.
24, Diodorus Siculus, I, 85.
25. Louis Charles Lortet et C. Gaillard, La faune momifiee de l'ancienne Egypte, Archives du Museum d'Histoire Naturelle de Lyon, Vol. IX, pp. 67 sq.
26. Cairo Museum, No. 115 — E. H. Naville, the XIth Dynasty Temple at Deir El-Bahri, pp. 46-50. Memoirs of the Egypt Exploration Fund, Nos. XXVIII, XXX, XXXII.
27. Herodotus, II, 29.
28. Karl Richard Lepsius, Die Chronologie d. Aegypter, p. 309, n. 3. Berlin, 1849.
29. E. Naville, the XIth Dynasty Temple at Deir el Bahri, Part I, p. 65.
30. Ovid, Fasti, II, 410 sq.—Juvenal, VI, 233 sq.
31. Country Folk-lore, Vol. I pp. 124 sq.
32. Rig-Veda, I, 162, 163.—Satapatha-Brahmana, XIII, i-5—Taittiriya-Brahmana, III, 8-9—Mahabhrata, XIV, 7i, i4 ff.
33. Satapatha-Brahmana, XIII, 2-8 — Sacred Books of the East, Vol. XLIV, p. 324 — Alfred Hillebrandt, Ritual Litteratur. Vedische Opfer und Zauber, p. 152, 149. Strassburg, 1897 — Julius Eggeling, Sacred Books of the East, Vol. XLIV, Intr. p. xv. — E. R. E. art. "Asvamedha".
34. Pliny, Nat. Hist VIII, 155.
35. R. Briffault, Mothers, Vol. III, p. 188.
36. W. Webster, Basque Legends, p. 167, sq. 1879.
37. J. A. MacCulloch, Childhood of Fiction, p. 253, London, 1905.
38. M. P. Toeppen, Aberglauben aus Mansuren, p. 142. Danzig, 1867, 2nd ed.

39. W. H. Jones and L. L. Kropf, Folk-tales of the Magyars, p. 130, 1889.

40. Angelo de Gubernatis, Zoological Mythology, 2 Vols., No. 14, 1870.

41. James Hinton Knowles, Folk-lore of Kashmir, p. 491, 1888.

42. J. Jacobus, English Fairy Tales, p. 215, 1898.

43. George M. Theal, Kafir Folk-lore, p. 29; 32.

44. William Forsell Kirby, The Hero of Esthonia, Vol. I, p. 308. London, 1895.

45. W. R. S. Ralston, Songs of the Russian People, p. 174.

46. Scott, Minstrelsy, p. 345.

47. W. R. S. Ralston, Songs of the Russian People, p. 173.

48. F. H. Cushing, Zuni Folk-tales, p. 93. New York, 1901.

49. W. H. Brett, Legends and Myths of the Aboriginal Tribes of British Guiana, p. 64.

50. J. A. MacCulloch, Childhood of Ficiton, p. 243, 273. London, 1905.

51. Ibid. p. 260.

52. W. W. Gill, Myths and Songs from the South Pacific, p. 77. London, 1876.

53. Basil Hall Chamberlain, Aino Folk-tales, p. 45, 1888.

J. Batchelor, The Ainu of Japan, p. 8, 1892.

54. Herbert Allen Giles, Strange Stories from a Chinese Studio, Vol. I, p. 182. London, 1880. — L. Hearn, Unfamiliar Japan, I, p. 312 sq.

W. E. Griffis, Japanese Fox Myths, in Lippincott's Mag., 1873.

55. J. A. McCulloch, Childhood of Fiction, pp. 273-74. London, 1905.

56. J. H. Knowles, Folk-lore of Cashmir — F. H. Cushing, Zuni Folk-tales. New York, 1901. — E. S. Hartland, The Legend of Perseus, Vol. I, p. 48. 1894-96. — A. Schiefner, Awarische Texte, No. 12. St. Petersburg, 1873. — A. Dozon, Contes Albanais, p. 101. Paris, 1881. — J. B. Grinnell, Pawnee Hero Stories and Folk-tales, p. 190, 1893.

57. J. Batchelor, The Ainu of Japan, p. 484, 1892.

58. H. L. Roth, The Aboriginies of Tasmania, p. 162. London, 1890.

59. F. W. Fitzsimons, The Natural History of South Africa, Mammals, Vol. I, p. 58.

60. Enc. Granat, Art. "Skotoloshestwo" (Russian).

61. Ibid.

62. Briffault, Mothers, Vol. III, p. 186.
63. Ibid. p. 187.
64. M. A. Murray, The Witch Cult in Western Europe, pp. 175 sq.
65. A. W. Cardinall, The Natives of the Northern Territories of the Gold Coast, p. 66.
66. Grote, History of Greece, Vol. II, p. 22; Vol. III, p. 104.
67. E. B. Tylor, Primitive Culture, Vol. I, p. 286.
68. Ibid. pp. 286-87
69. Krafft-Ebing, Psychopathia Sexualis, pp. 561-571.
70. S. Freud, Basic Writings, p. 904.
71. G. A. Barton, Art. "Sodomy", E. R. E., p. 672-c.
P. Haupt, Die Babylon. Nimrod-epos, p. 9, line 39 ff. Leipzig, 1884.
72. Keilenschriften Bibliothek, Schrada, Bk. VI, 125-127, 1889.
E. A. Barton, "Bestiality", E. R. E.
Jastrow, Amer Journ. of Semitic Language and Literature, XV, 207 ff.
73. E. R. E., "Bestiality."
74. Metamorphoses of Apuleius.—Arabian Nights, tr. Payne, Vol. IV, 137-143. London, 1882-84.
75. C. G. Leland, Algonquin Legends of New England, p. 31, 1892.
76, MacCulloch, Childhood of Fiction, p. 277. — Pliny, N. H., VIII, 42. — Virgil, Eclog., III, 8. — Mackenzie, Voyages, p. xcvii. — Krafft-Ebing, Psych. Sex., pp. 561-571.
77. Seutonius, Augustus, XCIV.
78. MacCulloch, Childhood of Fiction.
79. Th. Waitz, Anthropologie der Naturvoelker, Vol. V, p. 33. Leipzig, 1859-72.
80. MacCulloch, Religion, Its Origin and Forms, p. 183.
81. Ibid.
82. W. W. Rockhill, Notes on Ethnology of Tibet, p. 677.
Du Chaillu, Equatorial Africa, p. 308.
83. E. Petitot, Traditions Indiennes du Canada, Nord-Ouest, 1886, p. 262, 311.
84. MacCulloch, Childhood of Fiction, p. 263.
85. H. Liebrecht, Zur Folkskunde. Heilbroun, 1879, p. 17 sq.
H. Rink, Tales and Traditions of the Eskimo, p. 471, 1875.
Nansen, Eskimo Life, pp. 71-77.
86. E. Jacottet, Contes populaires de Basouttos, p. 214. Paris, 1895.

87. Baldassare Bonifacio, Historia Ludicra. Bruxellae, 1656.
88. MacCulloch, Childhood of Fiction, p. 266.
89. The Rajavaliya: or an Historical Narrative of the Sinhalese Kings, ed. by R. Gunesekara, pp. 14 sq. Colombo, 1900.
90. E. T. Dalton, Descriptive Ethnology of Bengal, pp. 165 sq. Calcutta, 1872. — R. Briffault, Mothers, III, p. 188.
91. J. F. D. Bloete, Das Aufkommen der clevischen Schwannritters, Zeitschrift fuer deutschen Alterthums. Leipzig und Berlin, 1885, Vol. XLII, pp. 1 sq.
Ph. S. Barto, Tannhauser and the Mountain of Venus, pp. 58 sq. New York, 1916.
92. Saxo Grammaticus, Gesta Danorum I, x, p. 345. — R. Briffault, Mothers, p. 188, Vol. III.
93. J. G. Mueller, Geschich. Amer. Urreligionen, pp. 108 sq.
94. A. L. Kroeber, Journ. of the Amer. Folklore, XII, p. 176. Art. "Tales of Smith Sound Eskimo."
95. H. J. Rink, Tales and Traditions of the Eskimo, p. 186.
96. A. Krause, Der Tlinkit-Indianer, p. 269. Jena, 1885.
97. H. H. Bancroft, The Native Races of the Pacific States, Vol. III, p. 507. New York, 1875-76.
98. I. S. Bird, Unbeaten Tracts in Japan, pp. 250, 255, 315.
H. C. St. John, Notes and Sketches from the Wild Country of Nipon, pp. 29, sqq.
99. G. W. Steller, Beschreibung von dem Lande Kamtschatka, p. 289. Leipzig, 1774.
100. W. Radloff, "Observations Sur les Kirghis," Journal Asiatique, VI. Serie, Vol. II, pp. 311, sqq. Paris, 1863.
101. Hon. Ch. Dundas, History of Kitui, Journal of the Royal Anthropological Institute, XLIII, p. 546. London, 1913.
102. C. W. Hobley, Kikuyu Customs and Beliefs, Journal of the Royal Anth. Inst., XL (1910) p. 431. London.
103. J. G. Frazer Folk-lore in the Old Testament, Vol. II, pp. 7-10.
104. R. Briffault, Mothers, Vol. I, p. 252, 374.
105. Tully, First Book of Offices, C. 7.
106. W. G. Sumner and A. G. Keller, Science of Society, Vol. I, pp. 250-51.
107. Robert H. Lowie, Primitive Society, p. 213. N. Y., 1920.
108. John Lubbock, Origin of Ciivlization, pp. 278-79. London, 1875.
109. Ibid. 111. — Botticher, Baum Cultus der Hellenen, 1856. Olaus Magnus, Bk. III, Ch. I. Tacitus, Germania, IX. Early Races

of Scotland, Vol. I, p. 171, Journ. Anthrop. Institute, 1873, p. 275. De Brosses, Du Culte de Dieux fetiches, p. 175, 169, 51. Burckhardt, Travels in Arabia, Vol. I, p. 290. Park, Travels, Vol. I, p. 64, 106. Astley's Collection of Voyages, Vol. II, pp. 95-87, 26. Tuckey's Narrative, p. 181. Livingstone's South Africa, p. 495. Oldfield, Expedition, Vol. II, p. 26. Chapman, Travels, Vol. II, p. 50. Ferguson, Tree and Serpent-Worship, p. 56 et seq. Thompson, Travels in W. Himalaya, p. 19. Levin, Hill Tracts of Chittagong, p. 10. Dalton, Trans. Ethn Soc., Vol. IV, p. 34. Hunter, Annals of Rural Bengal, p. 131, 1868. Dalton, Des. Ethn. of Bengal, p. 115. Stahlenberg, Travels in Siberia, p. 381. Pallas, Voyages, Vol. IV, p. 79. Erman, Travels in Siberia, Vol. I, p. 464. Marsden, History of Sumatra, p. 301. F. G. Mueller, Geschichte der Amer. Urreligionen, p. 59, 125, 491, 494. Franklin, Journeys to the Polar Sea, Vol. I, p. 221. Tylor, Anahuac, p. 215, 265. Ch. Darwin, Researches in Geology and Natural History, p. 79. Lafitau, Moeurs des Sauvages Americans, Vol. I, p. 146.

110. Theodor Mommsen, History of Rome, Vol. I, pp. 186-87. Everyman's Library.

111. Ibid. p. 153.

112. Herbert Spencer, Principles of Sociology, Vol. II, p. 540, 545.

113. Lester F. Ward, Pure Sociology, p. 275, 2nd ed. New York, 1911.

114. W. G. Sumner, Folkways, p. 262.

115. Julius Lippert, The Evolution of Culture, p. 284. New York, 1931.

116. W. L. Westerman, Art. "Slavery", Enc. Soc. Science, Vol. XIV., p. 75.

117. Victor Duruy, History of Rome, Vol. II, p. 365. Boston, 1883.

118. Melvin M. Knight, Art. "Slavery," Enc. Soc. Science, Vol. XIV, p. 80.

119. Ratzel, Voelkerkunde, I, c. II, p. 555, 2nd ed. Vienna, 1894-95.

120. Herbert Spencer, Principles of Sociology, Vol. III, p. 466.

121. F. Oppenheimer, The State, p. 39.

122. Iliad, XXIV, p. 752.

123. August Comte, Positive Philosophy, Vol. III, p. 50.

124. Edward Gibbon, Decline and Fall of the Roman Empire, Vol. VI, pp. 131-32, 7th ed. London, 1925.

125. R. T. Evans, Aspects of the Study of Society, p. 45. New York, 1923.

126. Lester F. Ward, Pure Sociology, p. 275.

127. Od. IX, 40.

128. Enc. Brit., Art. "Slavery," p. 261 d., Vol. XXV, ed. XI.

129. Albert N. Gilbertson, Art. "Slavery" in Enc. of Rel. and Eth., Vol. XI, p. 597 b. New York, 1922.

130. G. Turner, Nineteen Years in Samoa, p. 320. London, 1860.

131. Petrus Martyn Anglerius, De Rebus Oceanics, p. 6. Colon, 1574.

122. Herbert Spencer, Sociology, Vol. I, pp. 631-34.

133. E. A. Ross, Outlines of Sociology, p. 106. N. Y., 1923.

134. R. Briffault, Mothers, Vol I, pp. 231-32, 1931.

135. T. D. Seymour, The Homeric Age, pp. 270-71, New York, 1907.

136. Laws of Manu, III, 33, 26. Oxford, 1886.

137. John Lubbock, Origin of Civilization, p. 125, 3rd ed. London, 1875.

138. F. Oppenheimer, The State, p. 56. New York, 1926.

139. Sumner and Keller, Science of Society, Vol. IV, p. 888.

140. Julius Lippert, The Evolution of Culture, p. 286. New York, 1931.

141. Ibid. p. 286, 287, 293, 295.—Vinogradoff, Historical Jurisprudence, Vol. I, p. 209. — Williams and Calvert, Fijians, Vol. I, p. 174. — Rossbach, Roemische Ehe, p. 215. — Jamblichus, De Vita Pythagorae, IX, 48, XVIII, 48. — Musters, Unter den Patagonieren, p. 255. — Briffault, Mothers, Vol. II, p. 230. — Grimm, Deutsche Rechtsalterthuemmer, pp. 450-55.

142. Art. "Domestication," E. R. E., p. 843 c.

143. Enc. of Soc. Sc., Art. "Domestication," p 207.

144. A. Ceresole, Legendes des Alpes Vaudoises, p. 188. Lausanne, 1885.

145. Cato, De Re Rustica, LXXXIII, p. 33.

146. E. S. Hartland, Ritual and Belief, p. 203, Note. London, 1914.

147. J. F. McLennan, Studies in Ancient History, pp. 79-90, p. 115, 160.

148. C. P. Tiele, Science of Religion, Vol. II, p. 106. London, 1899.

149. S. Freud, Basic Writings, p. 66.
150. Ibid. p. 381.
151. Samuel Harris, The Kingdom of Christ, p. 49.
152. E. Griffiths Jones, The Dominion of Man, p. 61.
153. S. Reinach, Orpheus, p. 16. New York, 1930.
154. W. Youatt, The Dog, p. 107. London, 1845.
155. Briffault, Mothers, Vol. I, p. 77.
J. J. Rousseau, Discours Sur l'origine et les fondements de l'inegalite, Ouevres I, p. 540.
156. G. J. Romanes, Mental Evolution in Animals, p. 291. New York, 1900.
157. August Comte, Cours de Philosophie positive, Vol. V, p. 30 ff.
158. Edward von Hartman, Das Religioese Bewusstsein der Menschheit, S. 5.
159. Van Ende, Histoire Naturelle de la Croyance, pt. I, L'Animal, Paris, 1887.
160. D'Alviella, Concept of God, p. 50.
161. Edmond Dehault de Pressense, Les Origines. Paris, 1883.
162. D'Aleviella, Concept ofGod, p. 50.

## III.

1. Herder, Saemmtliche Werke, S. 342, Bd. XXXIII. Carlsruhe, 1826.
2. E. S. Hartland, Ritual and Belief. London, 1914.
2*a*. Abba Gordin, "Political Power," Clarion, Jan. 1934. "Authority," Clarion, Feb. 1934, N. Y.
3. Gerald Heard, Social Substance of Religion, pp. 155-56. London, 1931.
4. F. S. Hoffman, Sphere of Religion, p. 264. N. Y., 1908.
5. Ch. M. Tyler, Bases of Religious Belief, p. 46. N. Y., 1897.
6. W. M. Coleman, The Men and Religion, p. 2. Washington, D. C., 1912.
7. Gamaliel Bradford, Life and I, pp. 89-90.
8. J. F. Clarke, Ten Great Religions, p. 219, Part II. Boston, 1883.
9. W. Stekel, The Beloved Ego, p. 228. London, 1921.
The Depths of the Soul. London, 1921.
Disguises of Love. New York, 1928.
Was am Grund der Seele ruht? Wien, 1909.
Forschritte und Technik der Traumbedeutung. Wien, 1935.

Die Sprache des Traumes. Wiesbaden, 1911.
Die Traume der Dichter. Wiesbaden, 1912.
10. Christopher Dawson, Progress and Religion, p. 223. London, 1929.
The Age of the Gods. London, 1928.
Enquiries Into Religion and Culture. New York, 1934.
The Spirit of Oxford Movement. London, 1933.
Religion and Modern State. London, 1935.
11. Otto Pfleiderer, Philosophy and Development of Religion, Vol. I, pp. 302-06. London, 1894.
12. Ibid. p. 319.
13. Edwyn R. Bevan, Stoics and Sceptics, p. 28. Oxford, 1913.
Hellenism and Christianity. London, 1921.
Later Greek Religion. London, 1927.
Sibyls and Seers. London, 1928.
14. P. A. Sorokin, Social and Cultural Dynamics, p. 67. New York, 1937.
15. A. E. Gough, Philosophy of Upanishads, p. 243.
16. Duren J. H. Ward, The Biography of God, p. 57. Denver, 1825.
How Religion Arises. Boston, 1888.
The Origin of Mind. Denver, 1924.
17. G. F. Wates, Progress and the Past, p. 19. London, 1925.
18. Albert Reville, History of Religions, p. 229. London, 1884.
19. P. P. Proudhon, de la justice dans la revolution, Vol. III, p. 545. Paris, 1932.
20. Ibid. p. 547.
21. William Hulsteijn, A Glance at the Great Religions of the World, pp. 199-202. London, 1936.
22. E. W. Hopkins, Origin and Evolution of Religion, p. 236. Yale, 1922.
23. Emile Louis Burnouf, Introduction a l'histoire du buddhisme indien, 2nd ed., p. 464.
Essai sur le Veda. Paris, 1863.
La légende athenienne; étude de mythologie comparée. Paris, 1872.
Mémoires sur l'antiquité. Paris, 1879.
Le science des religions. Paris, 1876.
La vie et la pensée. Paris, 1886.
24. Auguste Barth, The Religions of India, p. 110. Boston, 1882.

25. Hermann Oldenberg, Buddha, His Life, His Doctrine, His Order, p. 53. London, 1882.

Aus dem alten Indien. Berlin, 1910.

Aus Indien und Iran. Berlin, 1899.

Die Lehre der Upanischaden und die Anfaenge des Buddhismus. Goettingen, 1915.

Die Religion des Veda. Berlin, 1894.

Die Literatur des alten Indien. Stuttgart, 1903.

Vorwissenschaftliche Wissenschaft; die Weltanschauung der Brahmana-Texte. Goettingen, 1919.

26. Anders Bjoern Drachman, Atheism in Pagan Antiquity, p. 126. London, 1922.

27. Frederick Harrison, The Positive Evolution of Religion, p. 93. New York, 1913.

28. David Hume, Four Dissertations, Natural History of Religion, p. 65. London, 1757.

29. Robert E. Hume, The World's Living Religions, p. 254. New York, 1924.

30. Alfred W. Martin, Seven Great Bibles, p. 156. New York, 1930.

31. Ibid. p. 157. — Tao-The Ching, Ch. 25.

32. Robert K. Douglas, Confucianism and Taouism, p. 211.

33. F. T. Miller, World's Strange Religions, p. 39, Vol. VI. 1927.

34. Arthur Waley, The Way and Its Power, a study of the Tao-te-ching and its place in Chinese Thought, pp. 109-115. Boston, 1935.

35. Tau-The-King, I, p. i., tr. by John Chalmers. London, 1869.

36. Ibid. 11.

37. C. H. Toy, Introduction to the History of Religion, p. 325. New York, 1913.

38. Max Mueller, Science of Religion, pp. 332-34. London, 1873.

39. E. G. Kelley, Philosophy of Existence, p. 30. Lon., 1878.

40. R. A. Milikan, Evolution in Science and Religion, p. 89. Yale, 1927.

41. Samuel M. Zwemer, Origin of Religion, p. 13. Nashville, 1935.

The Influence of Animism on Islam. New York, 1920.

A Moslem Seeker After God. New York, 1920.

42. W. L. Hare, Mysticism of East and West, p. 27.

# די קריטיק פון ריינעם גלויבן

טרילאָגיע:

.I

## אידישע עטיק, 1937

.II

## גרונטפרינציפּן פון אידישקייט, 1938

.III

## עגאָסאָפיע — יהוה־חכמה

ערשטער טייל: די פרוי און די ביבל, 1939

צווייטער טייל: אידישער וועלט־באַנעס, 1939